STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04027

GESHIKHTE FUN MATERYALIZM UN KRITIK FUN FUN ZAYN BADEYTUNG IN DER KEGNVART

Friedrich Albert Lange

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרידריך אַלבערט לאַנגע

געשיכטע פון מאַטעריאַליזם

און קריטיק פון זיין באַדיי־טונג אין דער קעגנוואַרט

פון דייטש: ז. בלאַט

ערשטער טייל
געשיכטע פון מאַטער־יאַליזם ביז קאַנט

פאַרלאַג י. א. צוקער
וואַרשע 1929

F. A. LANGE

Geschichte des Materialismus.

Erstes Buch bis auf Kant.

F. A. LANGE

Dzieje Materjalizmu

Przełożył Z. Blat

Wydawnictwo SZ. CUKIER
Warszawa Dzielna 18

DRUK. Z. PIMENT WARSZAWA, SIERAKOWSKA 6

מספרי
שלום און שׂרה קרישטאַלקע
ביבליאָטעק

אַלבערט לאַנגע

פרידריך אַלבערט לאַנגע איז געבוירן געוואָרן אין 28-טן סעפטעמבער 1828 אין וואַלד, לעבן סאָלינגען. זיין פאָטער איז געווען אַ פּאַסטאָר. שוין אין דעם עלטער פון 7 יאָר האָט פרידריך געשריבן לידער. ווען ער איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, איז ער אַריבערגעפאָרן קיין ציריך מיטן פאָטער, וועלכער איז איינגעלאַדן געוואָרן אַלס פּראָפעסאָר. אַלט זייענדיק 19 יאָר איז דער יונגער לאַנגע אַריינגעטרעטן אין דעם ציריכער אוניווערסיטעט, ווו ער האָט געהערט לעקציעס וועגן טעאָלאָגיע און פילאָזאָפיע. נאָך צוויי סעמעסטרען איז ער אַריבערגעפאָרן קיין באָן און דאָרט שטודירט פילאָלאָגיע און באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר פאַר זיין דיסערטאַציע „Quaestiones Metricae" און שפּעטער, נאָכדעם ווי ער האָט פּראַקטיצירט אַלס לערער אין אַ קעלנער גימנאַזיום, איז ער געוואָרן דאָצענט פון פילאָזאָפיע. דאָ האָט ער געהאַלטן לעקציעס וועגן פּעדאַגאָגיק און איר געשיכטע, פאַרגלייכנדיקער סטאַטיסטיק פון שולוועזן, געשיכטע פון גימנאַזיאַל-דערציונג, וועגן די שולן אין 16-טן י.ה. פּסיכאָלאָגיע, סטאַטיסטיק וועגן מאָראַל, און אין 1857 אויך געשיכטע פון מאַטעריאַליזם. פון יאָר 1858 ביז 1861 האָט ער געלערנט אין דער גימנאַזיע אין דואיסבורג, און נאָכדעם זיך פאַרנומען מיט פּאָליטישער עקאָנאָמיע. אַלס סעקרעטאַר פון דער האַנדלס-קאַמער אין דואיסבורג, האָט ער אין אַ פּריוואַטן קרייזל פון פריינט געהאַלטן פאָרלעזונגען פון געביט פון דער נייערער

פילאָזאָפיע און געאַרבעט איבער דער „געשיכטע פון מאַטער-
יאַליזם". דעם 5-טן יאַנואַר 1863 האָט ער מודיע געווען זיין
פאַרלעגער, אַז ס'זענען שוין גרייט צום דרוק 8 בויגן פון דאָ-
זיקן ווערק. גלייכצייטיק האָט ער איבערגענומען די רעדאַקציע
איבער דער „Rhein-und Ruhr-Zeitung" גענומען אַ טעטיקן
אָנטייל אין פּאָליטישע ענינים און אין סוף פון אויבנדערמאָנטן
יאָר אַרויסגעגעבן אַ חבור אונטערן טיטל: „קערפּערלעכע איבונ-
גען, אָפּהאַנדלונג וועגן דער אַנטשטייונג און וועזן פון דער גימ-
נאַסטיק אין איר פּעדאַגאָגישן און היסטאָריש-קולטורעלן באַ-
טייט". אין יאָר 1865 איז ער געוואָרן אַ שותף צו אַ דרוקעריי
און פאַרשפּרייט פּאָלקסטימלעכע ביכער, און צווישן אַנדערע
אַרויסגעגעבן „דער פויפּסטלעכער צירקולאַר און די פאַרבאָטענע
זאַצן".

אין יאַנואַר 1865 האָט ער אין זיין פאַרלאַג פאַרעפנט-
לעכט דאָס בוך „די אַרבעטער-פראַגע און איר וויכ-
טיקייט אין דער קעגנוואַרט און צוקונפט". אַ דאַנק דידאָ-
זיקע טענדענצן זיינע איז אים שווער געוואָרן צו בלייבן אין
דויסבורג.

אין יולי 1865 איז אַרויס זיין בוך „די באַזעס פון דער
מאַטעמאַטישער פּסיכאָלאָגיע", אַ פּרווו אויפצודעקן די הויפּט-
פעלערן פון הערבאַרט. אין אָקטאָבער פון זעלבן יאָר איז דער
שינען „די געשיכטע פון מאַטעריאַליזם", און אין אַפּריל 1866
„דזשאָן סטיוּאַרט מילס אָנשויונגען וועגן
דער געזעלשאַפטלעכער פראַגע און קאַרייס
בלומרשטער איבערקער אין דער טעאָריע וועגן דער געזעל-
שאַפט". און גלייכצייטיק האָט ער ווייטער אָנגעפירט מיט דער
דרוקעריי און דער בוכהאַנדלונג.

לאָזנדיק זיך איבעררעדן פון אַ פריינט, האָט ער זיך
איבערגעצויגן מיט דער פרוי און קינדער קיין ווינטערטור, וווּ
ער האָט פאַרנומען דעם פּאָסטן פון אַ גימנאַזיע-לערער, נאָכ-
דעם אין שטאָטראַט, באַנק און אַפילו אַלס וואַלד באַאַמטער.
פון זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן פון יענער צייט איז די

וויכטיקסטע זיין געלונגענער ענטפער פראָפעסאָר שעלינגען, אונטערן נאָמען „נייע הוספות צו דער געשיכטע פון מאַטעריאַליזם”, און די צווייטע פאַרענדערטע אויפלאַגע פון זיין בוך „די אַרבעטער-פראַגע”. לאַנגע האָט אויך געפרוווט זיינע כּוחות אַלס פעליעטאָניסט, אָבער ס'האָט אים אַלץ געצויגן צו דער פראָפעסור. צוויי יאָר האָט ער געהאַלטן לעקציעס אין ציריך, און אין יאָר 1872 איז ער איינגעלאַדן געוואָרן אין מאַרבורגער אוניווערסיטעט. אָבער ער איז שוין דעמאָלט געווען געפערלעך קראַנק און זיך געלאָזט אָפּערירן אויף אַ ראַק. אין דידאָויקע שווערע טעג האָט ער פונדעסטוועגן אָנגעשריבן זיין אַרטיקל „לודוויג וויוועס” פאַר שמידטס ענציקלאָפּעדיע.

צוויי יאָר איז אים באַשערט געווען צו ווירקן אין זיין פאָטערלאַנד. נישט געקוקט אויף זיינע אויסערגעוויינלעכע יסורים, וועלכע ער האָט געליטן מיט אַ סטאָאישער רויקייט, האָט ער צוגעגרייט און איבערגעאַרבעט דאָסדאָזיקע בוך פאַר דער צווייטער אויפלאַגע, און באַלד דערנאָך האָט ער אָנגעשריבן „לאָגישע סטודיעס”, וועלכע זענען דערשינען אין יאָר 1875. געשטאָרבן איז לאַנגע אין 21 נאָוועמבער 1875.

די „געשיכטע פון מאַטעריאַליזם” האָט שוין אויסגעהאַלטן עטלעכע אויפלאַגעס און איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַסך אייראָפּעישע שפּראַכן. די יידישע איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן פון דער 2-טער דייטשישער אויפלאַגע, וואָס איז דורכגעקוקט געוואָרן דורכן מחבר.

דער איבערזעצער

פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע פון ערשטן בוך

די פאַרענדערטער פאָרם, אין וועלכער עס דערשיינט אין דערדאָזיקער צווייטער אויפלאַגע די „געשיכטע פון מאַטעריאַליזם" איז, פון איין זייט, אַ נויטווענדיקער פועל-יוצא פון לכתחילהדיקן פלאַן פון בוך, און, פון דער צווייטער זייט, אַצוריקווירקונג פון דעם קבלת-פנים. וואָס ער האָט געהאַט ביי די לייענער.

ווי כ'האָב שוין אגב-אורחא דערקלערט אין דער ערשטער אויפלאַגע, איז מיין כוונה משפיע צו זיין אוממיטלבאַר און כ'וואָלט געוועזן צופרידן, ווען מיין בוך וואָלט פאַרגעסן געוואָרן אין אַ פינף יאָר אַרום נאָכן דערשיינען. דערווייל אָבער האָט געדאַרפט דויערן גאַנצע פינף יאָר, נישט געקוקט אויף אַ ריי גינסטיקע רעצענזיעס, אַז מיין בוך זאָל ערשט גוט באַקאַנט ווערן, און מ'האָט עס קיינמאָל נישט אַזוי צוכאַפּט, ווי בשעת עס האָט אָנגעהויבן אויסצופעלן אויפן ביכער-מאַרק, הגם כ'האָב אַליין געפילט, אַז געוויסע טיילן פון מיין ווערק זענען שוין פאַרעלטערט געוואָרן. דאָס איז באַזונדערס נוגע דעם צווייטן טייל פון בוך, וועלכער וועט אויך גרינטלעך באַאַרבעט ווערן, ווי דער ערשטער טייל, וועלכער ליגט דאָ פאַרן לייענער. ס'האָבן זיך טיילווייז געענדערט די ביכער, די פּערזאָנען און די ספּעציעלע פּראָבלעמען, אַרום וועלכע עס פירט זיך דער מיינונגסקאַמף. נעמלעך, דער גרויסער פאָרשריט פון די נאַטורוויסנשאַפטן האָט געפאָדערט אַפולשטענדיקע באַניייונג

פון שטאָף פון איינצעלנע קאַפּיטלען, הגם דער געדאַנקענגאַנג און די רעזולטאַטן זענען דאָ בעצם געבליבן אומפאַרענדערט.

די ערשטע אויפלאַגע איז באמת געווען די פרוכט פון לאַנגיאָריקע שטודיעס, אָבער לויט דער פאָרם נאָך כמעט איםפּראָוויזירט. געוויסע חסרונות פון דאָזיקן אַנטשטייונגס אופן זענען באַזייטיקט געוואָרן, דערביי האָבן אויך געמוזט פאַרשווינדן ווערן טייל פון זיינע מעלות. פון איין זייט האָב איך געוואָלט נאָכקומען ווי מעגלעך בעסער דער העכערער סקאַלע, מיט וועלכער די לייענער האָבן, קעגן מיין אורשפּרינגלעכער כוונה, אָנגעהויבן מעסטן מיין בוך, און פון דער צווייטער זייט, האָב איך נישט געקאָנט איינגאַנצן איבעראַנדערשן דעם לכתחילהדיקן כאַראַקטער פון מיין ווערק. און טאַקע דערפאַר בין איך ווייט פון צו צושרייבן דעם ערשטן טייל אין זיין נייער פאָרם דעם כאַראַקטער פון אַ נאָרמאַלער היסטאָרישער מאָנאָגראַפיע. כ׳האָב נישט געקאָנט און נישט געוואָלט באַזייטיקן פון אים די איבערוואָג פון דידאַקטישער און אויפקלערנדיקער טענדענץ, וועלכע שטרעבט און גרייט-צו מתחילת-אָן צו די ענדרעזולטאַטן פון צווייטן טייל, און צוליב דעראָזיקער שטרעבונג געברענגט אַ קרבן די רויקע גלייכמעסיקייט און ריין-אָביעקטיווע באַהאַנדלונג. אָבער דערמיט, וואָס איך פאַררוף מיך אויף די מקורים און ברענג אין די באַמערקונגען אַ סך באַווייזן, האָף איך אין אַ געוויסער מאָס צו פאַרגיטיקן דעמדאָזיקן פעלער פון אַן אייגנטלעכער מאָנאָגראַפיע, נישט אָפּזאָגנדיק זיך דערביי פון עיקרדיקן צוועק פון בוך. דעראָזיקער צוועק באַשטייט, לויט מיין מיינונג, קודם-כל אין ד ע ר א ו י פ ק ל ע ר ו נ ג ו ו ע ג ן ד י פ ר י נ צ י פ ן, און דעריבער פאַרטייזיק איך מיך נישט שטאַרק קעגן פאָרוורף, אַז דער טיטל פון דאָזיקן בוך פאַסט נישט צו צו דעם. דעראָזיקער טיטל האָט איצט זיין היסטאָריש רעכט און ער מעג שוין אַזוי בלייבן. כדי אָבער צופרידנשטעלן די יעניקע לייענער, פאַר וועלכע עס איז דער עיקר די היסטאָרישע שילדע-

רונג, מעג זיין אַפילו אָן אומגענויגנדיקע, האָב איך צום ערשטן טייל צוצוגעבן אַ באַזונדערן אינדעקס. — און איך וועל זיין צופרידן, אויב די לייענער וועלן מיט איינזען אויף דער שוועריקייט פון מיין אויפגאַבע מיך דן זיין לכף זכות.

מאַרבורג, אין יוני 1873

א. לאַנגע.

קאַפּיטל 1

דער מאַטעריאַליזם אין אַלטערטום

1. דער פּעריאָד פון דער עלטערער אַטאָמיסטיק, און באַזונדערס דעמאָקריט.

דער מאַטעריאַליזם איז אַזוי אַלט ווי די פילאָזאָפיע, אָבער ניט עלטער. די נאַטירלעכע אויפפאַסונג פון זאַכן, וואָס האָט געהערשט אין די עלטסטע פּעריאָדן פון דער קולטור־היסטאָרישער אַנטוויקלונג, האָט זיך שטענדיק געפּלאָנטערט צווישן די סתירות פון דואַליזם און די פאַנטאַסטישע געשטאַלטן פון פּערזאָניפיקאַציע. די ערשטע פּרוּוון צו באַפרייען זיך פון דידאָזיקע סתירות, איינהייטלעך אויפצופאַסן די וועלט און אויפהייבן זיך איבער דער געוויינלעכער אילוזיע פון די חושים, פירן שוין אַריין אינם געביט פון פילאָזאָפיע, און צווישן די ערשטע פּרוּוון נאָך פאַרנעמט דער מאַטעריאַליזם זיין אָרט 1)

אָבער צוזאַמען מיטן אָנהויב פונם קאָנסעקווענטן דענקען, מוז זיך אָנהייבן אַ קאַמף קעגן די טראַדיציאָנעלע הנחות פון דער רעליגיע. די רעליגיע האָט איר שורש אין די עלטסטע און רויסטע סתירותפולע גרונטאָנשויונגען, וואָס די אומגעבילדעטע מאַסע גיט אַרויס פון זיך אַלע מאָל נייע מיט אַ נישט אויסשעפּנדיקער קראַפט; אַן אימאַנענטע אַנטפּלעקונג גיט דער רע־

ליגיע צו, גיכער דורך עמפינדונג איידער דורכן קלאָרן באַוווסט־זיין, אַ טיפן אינהאַלט, בעת די רייכע באַצירונג פון דער מי־טאָלאָגיע און די בכבודיקע עלטער פון דער מסורה מאַכן זי־טייער פאַרן פאָלק. די קאָסמאָגאָניעס פון מזרח און דעם גרי־כישן אַלטערטום אַנטהאַלטן נישט קיין ספּיריטואַליסטישע און נישט קיין מאַטעריאַליסטישע אַנשויונגען; זיי האָבן נישט גע־פּרוווט צו דערקלערן די וועלט, אַרויסגייענדיק פון איין און איינציקן פּרינציפּ, נייערט זיי ווייזן אונז אַנטראָפּאָמאָרפישע געטער־געשטאַלטן, זינלעך־גייסטיקע אורוועזנס, כאַאָטיש־הערשנדיקע מאַטעריע און כוחות אין פאַרשידנאַרטיקע, זיך בייטנדיקע קאַמפן און מעשים. און לגבי דעמדאָזיקן געוועב פון דער פאַנטאַזיע, פאַרלאַנגט דער אויפוואַכנדיקער געדאַנק איינהייט און אָרדנונג. און דעריבער פירט יעדע פילאָזאָפיע אַן אומפאַרמיידלעכן קאַמף מיט דער טעאָלאָגיע פון איר צייט, וועלכער איז לויט די פאַר־העלטנישן אַן אָפענער אָדער אַ פאַרבאָרגענער.

עס איז אַ טעות, ווען מען לייקנט אָפּ דאָס פאַראַנזיין, און אַפילו דעם שטאַרקן איינפלוס פון יענעם קאַמף אין הע־לע־נישן אַלטערטום; ס'איז אָבער לייכט צו באַגרייפן ווי אַזוי עס איז אַנטשטאַנען דערדאָזיקער טעות.

אויב די דורות פון דער ווייטער צוקונפט זאָלן אורטיילן אונזער גאַנצע היינטיקע קולטור נאָר לויט די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון די ווערק פון אַ געטע און אַ שעלינג, פון אַ לע־סינג אָדער אַ הערדער, וואָלטן זיי אויך נישט געזען די טיפע אָפּגרונטן און די שאַרפע שפּאַנונגען פון קעגנזעצלעכע טענדענצן פון אונזער צייט. עס איז שוין די אייגנשאַפט פון די גרעסטע מענטשן פון אַלע צייטן, וואָס ביי זיי גלייכן זיך אויס די קעגנ־זאַצן פון זייער עפּאָכע. אַזוי איז דער פאַל מיט פּלאַטאָן און סאָפאָקלעס אין אַלטערטום, און וואָס גרעסער דער מענטש איז, אַלץ ווייניקער געפינט מען אין זיינע ווערק שפּורן פון די קאַמפן, וואָס האָבן בשעתו באַוויגן די מאַסע, און וועלכע ער האָט מסתמא אַדורכגעמאַכט אין וועלכער־נישט איז פאָרם.

די מיטאָלאָגיע, וואָס דערשיינט פאַר אונז אינם הייטערן

און לייכטן לבוש פון די העלענישע און רוימישע דיכטער, איז נישט געווען נישט קיין פאָלקס־רעליגיע, נישט די רעליגיע פון די וויסנשאַפטלעך־ געבילדעטע מענטשן, נאָר אַ נייטראַלער באָדן, אויף וועלכן דידאָזיקעביידע טיילן האָבן זיך געקאָנט באַגעגענען.

דאָס פאָלק האָט אַ סאַך וויניקער געגלויבט אין דעם גאַנצן פּאָעטיש־באַפעלקערטן אָלימפּ, איידער אין די איינצלנע גאָטהייטן פון אַ שטאָט אָדער לאַנד, וועמעס בילד אין טעמפּל איז באַזונדערס פאַרערט געוואָרן אַלס הייליק. נישט די שיינע סטאַטועס פון באַרימטע קינסטלער האָבן צוגעצויגן צו זיך די בעטנדיקע מאַסן, נאָר די אַלטע בכבודיקע, פאָרמלאָז־געשניצטע און דורך דער טראַדיציע געהייליקטע; אויך ביי די גריכן איז געווען א פאַרשטיינערטע און פאַנאַטישע אָרטאָדאָקסיע, וואָס האָט זיך געשטיצט אי אויפן אינטערעס פון אַ שטאָלצער פּריסטער־שאַפט, אי אויפן גלויבן פון אַ מאַסע, וואָס האָט געלעכצט נאָך דערלייזונג[2]

דאָס וואָלט מען אפשר גאַנץ לייכט פאַרגעסן, ווען סאָקראַטעס וואָלט נישט געווען געצוווּנגען אויסצוטרינקען דעם בעכער סם; אָבער אויך אַריסטאָטעלעס איז אַנטלאָפן פון אַטען, כדי דידאָזיקע שטאָט זאָל זיך אַ צווייט מאָל נישט פאַרזינדיקן קעגן דער פילאָזאָפיע. פּראָטאַגאָראַס האָט געמוזט אַנטלויפן, און זיין ווערק וועגן די געטער איז עפנטלעך פאַרברענט געוואָרן. אַנאַקסאַגאָראַס איז איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה און ערשט פונדאָרטן אַנטלאָפן. טעאָדאָרוס דער „אַטעיסט” און וואַרשיינלעך אויך דיאָגענעס פון אַפּאָלאָניאַ זענען פאַרפאָלגט געוואָרן אַלס כופרים בעיקר. און דאָס אַלץ האָט פּאַסירט אין דעם הומאַניטאַרן אַטען!

אַרויסגייענדיק פון שטאַנדפונקט פון דער מאַסע, האָט מען געקאָנט פאַרפאָלגן יעדן, אַפילו דעם אידעאַליסטן פילאָזאָף, אַלס לייקענער אין גאָט; ווייל קיינער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט די געטער, ווי עס האָט געהייסן פאָרשטעלן זיך די פּריסטערישע טראַדיציע.

אויב מיר וואַרפן אַ בליק אויף די ברעגן פון קליין-אַזיע
אין יענע יאָרהונדערטער, וואָס זענען פריער פאַרן גלאַנץ-פער־
יאָד פון העלענישן גייסטיקן לעבן, דאַן צייכנט זיך אויס מיט
איר רייכטום און מאַטעריעלן וווילשטאַנד, חוש פאַר קונסט און
לעבנס-ראַפינירטקייט, די קאָלאָניע פון יאָניער מיט אירע צאָל־
רייכע און באַדייטנדיקע שטעט. דער האַנדל און פאָליטישע
פאַרבינדונגען און דער אַלץ-וואַקסנדיקער דראַנג נאָך וויסן האָבן
געטריבן די איינוווינער פון מיליעט און עפעזוס צו ווייטע
נסיעות, און זיי זענען אַ דאַנק דעם געקומען אין באַרירונג
מיט פרעמדע זיטן און מיינונגען און גורם געווען צום אויפ־
הייבן זיך פון אַ פרייגעזינטער אַריסטאָקראַטיע איבער דעם
שטאַנדפונקט פון דער באַגרענעצטער מאַסע. פון אַן ענלעכן
פריען פאַנאַנדערבליהען האָבן געמאָסן די דרישע קאָלאָניעס אין
סיציליע און נידעראיטאַליע. מ׳דאַרף, בלי ספק, אָננעמען, אַז
אַ לאַנגע צייט פאַרן באַווייזן זיך פון די פילאָזאָפן האָט זיך
ביי דידאָזיקע פאַרהעלטנישן פאַרשפּרייט אַ פרייערע און מער
אויפגעקלערטע וועלטאַנשויונג צווישן די העכערע שיכטן פון
דער געזעלשאַפט.

אין דידאָזיקע קרייזן פון פאַרמעגלעכע, אָנגעזעענע, וועלט־
לעכע און פיל געררייזטע מענטשן איז אַנטשטאַנען די פילאָ־
זאָפיע. טאַלעס, אַנאַקסימאַנדער, העראַקליט און עמפּעדאָקלעס
האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע ביי זייערע מיטביר־
גער, און מ׳דאַרף זיך נישט וווּנדערן, וואָס עס איז קיינעם
גאָרנישט איינגעפאַלן צוצוציען זיי צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט
פאַר זייערע איבערצייגונגען. דאָס איז געוויס געשען ערשט
שפּעטער; ווייל אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז אין באַ־
זונדערע מאָנאָגראַפיעס פלייסיק באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע,
צי ט אַ ל ע ס איז געווען אַ כופר בעיקר[3]. ווען מיר פאַרגלייכן
אין דעם פרט די י אָ נ י ש ע פילאָזאָפן פון זעקסטן יאָר־
הונדערט מיט די אַ ט ע נ י ש ע פון 5-ן און 4-ן י. ה., דער־
מאָנען מיר זיך אָן דעם קעגנזאַץ פון דער ע נ ג ל י ש ע ר
אויפקלערונג פון 17-ן און פון דער פראַנצויזישער פון 18-ן
י. ה. דאָרטן, אין אַלטן גריכנלאַנד, האָט קיינער נישט גע־

טראַכט וועגן אַריינצײַען דאָס פֿאָלק אין דעם קאַמף פֿאַר די מײנונגען 4); דאָ אָבער, (אין אייראָפּע) איז די אויפֿקלערונג געווען אַ כּלי־זין, וואָס איז אַנטקעגנגעשטעלט געוואָרן דעם פֿאַנאַטיזם.

האַנט בײַ האַנט מיט דער אויפֿקלערונג איז בײַ די יאָ־ניער אָנגעגאַנגען דאָס שטודירן די מ אַ ט ע מ אַ ט י ק און די נ אַ ט ו ר וו י ס נ ש אַ פֿ ט ן. טאַלעס, אַנאַקסימאַנדער און אַנאַק־סימענעס האָבן זיך באַשעפֿטיקט מיט ספּעציעלע פּראָבלעמען פֿון דער אַסטראָנאָמיע, ווי אויך מיט דער נאַטירלעכער דער־קלערונג פֿון וועלטאַל. אַ דאַנק פּיטאַגאָראַסן פֿון סאַמאָס איז פֿאַרפֿלאַנצט געוואָרן דער זין פֿאַר מאַטעמאַטיש — פּיזיקאַלישע פֿאָרשונגען אין די מערבֿ־קאָלאָניעס פֿונעם דאָרישן שבֿט. דער פֿאַקט, וואָס אין מזרח פֿון דער גריכישער וועלט, ווו ס'איז פֿאָרגעקומען דער לעבהאַפֿטסטער פֿאַרקער מיט מצרים, פֿעניציע און פּערסיע, האָט זיך אָנגעהויבן די וויסנשאַפֿטלעכע באַוועגונג, רעדט קלאָרער לטובֿת דעם איינפֿלוס פֿונעם אָריענט אויף דער גריכישער קולטור, ווי די לעגענדאַרישע מסורות וועגן די נסיעות און וואַנדערונגען פֿון די גריכישע פֿילאָזאָפֿן צוליב וויסנשאַפֿטלעכע צוועקן 5). די אידיי וועגן דעם אַבסאָלוטן אור־שפּרונג פֿון דער העלענישער בילדונג איז באַרעכטיקט, אויב מען פֿאַרשטייט אונטער דעם די אָ ר י ג י נ ע ל ק ײ ט פֿון דער פֿאָרם, און אויב פֿון דער פּאַרטיקער פֿלאַנץ דרינגען מיר וועגן דעם פֿאַרבאָרגענעם כאַראַקטער פֿונעם שורש; זי ווערט אָבער אַן אילוזיע, אויב, געשטיצט אויפֿן נעגאַטיוון רעזולטאַט פֿון קריטיק פֿון אַלע ספּעציעלע מסורות, לייקנט מען די צוזאַמענהאַנגען און איינפֿלוסן, וועלכע וואַרפֿן זיך אַליין אָן בײַם באַטראַכטן די נאַטירלעכע פֿאַרהעלטנישן, בעת די געוויינלעכע געשיכטלעכע קוועלן שווײַגן וועגן דעם. פּאָליטישע באַציונגען, און קודם־כּל דער ה אַ נ ד ל, האָבן דורך פֿילפֿאַכע וועגן גע־מוזט פֿאַרשפּרייטן פֿון איין פֿאָלק צום צווייטן קענטעניש, דערפֿינדונגען און אידייען; און אויב שילערס אויסדרוק: „אייך, געטער, געהערט דער סוחר״, איז עכט מענטשלעך און ער איז,

בכן, גילטיק פאַר אַלע צייטן, דאָן האָט זיך נישט איין פאַרמיטלונג אין די שפּעטערדיקע צייטן פאַרבונדן דורך דער מיטאָלאָגיע מיט אַ באַרימטן נאָמען, און זיין אמתער טרעגער איז אויף אייביק פאַרלאָרן געגאַנגען פאַרן אָנדענקן פון די נאָכקומענדיקע דורות.

זיכער איז, אַז דער אָריענט האָט זיך געפּעדערט פאַר די גריכן אויפן געביט פון אַסטראָנאָמיע און צייטרעכענונג. די מזרח־פעלקער האָבן בכן שוין פאַרמאָגט מאַטעמאַטישע ידיעות און פעיקייטן אין דער צייט, ווען מען האָט אין גריכנלאַנד אַפילו נאָך נישט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן זיי; און טאַקע די מ אַ ט ע מ אַ ט י ק איז געווען דאָס וויסנשאַפטלעכע געביט, אויף וועלכן די גריכן האָבן געזאָלט איבעריאָגן אַלע פעלקער פון אַלטערטום.

צוזאַמען מיט דער פרייהייט און דרייסטקייט פון העלע־נישן גייסט איז געווען פאַרבונדן אַן איינגעבוירענע נטיה צו ציען ק אָ נ ס ע ק װ ע נ צ ן ; שאַרף און דייטלעך אויסצודריקן אַלגעמיינע זאַצן; שטענדיק און זיכער זיך פעסטהאַלטן ביים א ו י ס ג אַ נ ס פּ ו נ ק ט פון אַן אונטערזוכונג און קלאָר און באַלייכטנדיק איינסדרן זייערע רעזולטאַטן, מיט איין וואָרט: דער טאַלענט פון וויסנשאַפטלעכער דעדוקציע.

ס'איז היינצוטאָג געוואָרן אַ מנהג, נעמלעך ביי די ענגלענדער זינט בעקאָנס צייטן, צו פאַרקלענערן דעם ווערט פון דער דעדוקציע. הוועל, אין זיין באַרימטער געשיכטע פון די אינדוקטיווע וויסנשאַפטן, טוט אָפּט אַן עולה די גריכישע פילאָזאָפן; באַזונדערס דער אַריסטאָטעלישער שול. אין אַ ספּעציעל קאַפּיטל רעדט ער אַרום די סיבות פון איר דורכפאַל, און דערביי ווענדעט ער בנוגע איר אָן דעם מאָסשטאָב פון אונזער צייט און אונזער וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט. מ'מוז אָבער געדענקען, אַז מ'האָט געדאַרפט אויספירן אַ גרויסע אַרבעט, איידער די נישטקריטישע זאַמלונג פון באַאָבאַכטונגען און מסורות האָט געקאָנט איבערגיין אין אונזער דערפאָלגרייכן עקספּערימענטירן.

מ׳האט געדארפט שאפן א שול פון גענויעם דענקען, וועלכע זאל אין דער דערגרייכונג פון איר נאנטסטן ציל נישט דארפן אנקומען צו הנחות. אזא שול האבן געגרינדעט די העלענער און זיי האבן אונז ענדלעך געגעבן דעם וועזנטלעכן פונדאמענט פון דער דעדוקטיווער נאטור, די עלעמענטן פון דער מאטעמאטיק און די יסודות פון דער פארמעלער לאגיק[6]. די פלומרשטע פארקערטקייט פונם נאטירלעכן פארלויף, וועלכער באשטייט דערין, וואס די מענטשן האבן זיך פריער אויסגעלערנט ריכטיק ארויסצודרינגען, איידער זיי האבן געפונען די ריכטיקע התחלות דערפון, קען ערשט אנערקענט ווערן אלס נאטירלעכע, ארויסגייענדיק פון פסיכאלאגישן און קולטור־געשיכטלעכן שטאנדפונקט.

געוויס, *די ספעקולאציע וועגן וועלטאל און זיין צוזאמענהאנג* איז נישט געווען בכוח צו דערגרייכן א רעזולטאט פון בלייבנדיקן ווערט, ווי די מאטעמאטישע פארשונג; דאך האבן ערשט אומצייליקע אומזיסטע פרוון געמוזט דערשיטערן די האפנונג, מיט וועלכער מען האט זיך ארויסגעלאזט אין דעמדאזיקן אקעאן, איידער עס איז געלונגען דער פילאזאפישער קריטיק אויפצוווייזן די סיבות, פארוואס א פלומרשט איינהייטלעכער מעטאד פירט אויף איין ארט צו א זיכערן פארשריט, און אויף אן אנדער ארט טאפן מיר אין דער פינצטער.[7] האט דאך אויך אין די נייסטע יארהונדערטער קיין שום זאך אזוי שטארק נישט גורם געווען, אז די פילאזאפיע, וואס האט נארוואס ארגעפגעווארפן פון זיך דעם סכאלאסטישן יאך, זאל זיך לאזן אויף זייער מעטאפיזישע אוואנטורעס, ווי די באַרוישונג, וואס עס האבן ארויסגערופן די שטויגענדיקע פארשריטן פון דער מאטעמאטיק אין 17־ן יארהונדערט!

געוויס, אויך דא האט דער טעות א טובה געטון דעם פארשריט פון דער קולטור, ווארום די סיסטעמען פון דעקארט, שפינאזא און לייבניץ האבן נישט נאר מיטגעברענגט מיט זיך א שטארקע אנרעגונג צו דענקען און פארשן, נייערט זיי זענען

אויך געווען די, וועלכע האָבן אוועקגעלייגט אָן אַ זייט די פון דער קריטיק שוין לאַנג־פאַרמשפּטע סכאָלאַסטיק און דערמיט אויסגעטרעטן אַ וועג פאַר אַ געזונטערער וועלטאַנשויונג.

אין גריכנלאַנד אָבער איז קודם־כּל געגאַנגען דערין, אַז מען זאָל איין פאַר אַלעמאָל באַפרייען דעם בליק פונם נעפּל פון וווּנדער און איבערטראָגן די וועלטבאַטראַכטונג פון דער פאַרשידנפאַרביקער פאַבל־וועלט פון די רעליגיעזע און דיכטערישע פאָרשטעלונגען אינם געביט פון פאַרשטאַנד און ניכטערער אָנשויונג. דאָס האָט אָבער געקאָנט געשען פריער פאַר אַלעמען אויף אַ מ אַ ט ע ר י אַ ל י ס ט י ש ן אופן: ווייל די אויסערלעכע זאַכן זענען נעענטער דעם נאַטירלעכן באַוווסטזיין ווי דער „איך". און דער „איך" האָט אין דעם פאָרשטעלונגס־אופן פון די נאַטורפעלקער זיך מער געהאַלטן אָן דעם קערפּער, ווי די שאָטנהאַפטע, האַלב־אויסגעטרוימטע, האַלב־אויסגעדיכטעטע נשמה־וועזנס, וואָס זיי האָבן געלאָזן מיטלעבן מיטן קערפּער[8].

דער זאַץ, וועלכן וואָלטער, בכלל אַ היציקער קעגנער פון מאַטעריאַליזם, האָט אַרויסגעזאָגט: „איך בין אַ קערפּער און איך דענק", וואָלט אויך באַקומען די הסכּמה פון די עלטערע גריכישע פילאָזאָפן. ווען מען האָט אָנגעהויבן צו באַוווּנדערן די צוועקמעסיקייט פון וועלטאַל און זיינע טיילן, ווי אויך די אָרגאַניזמען, האָט דאָס געטון אַן עפּיגאָן פון דער יאָנישער נאַטור־פילאָזאָפיע, ד י אָ ג ע נ ע ס פ ו ן אַ פּ אָ ל אָ נ י אַ, וואָס האָט אידענטיפיצירט דעם שכל, וועלכער רעגירט מיט דער וועלט, מיט דעם אורשטאָף, דער לופט.

וואָלט דערדאָזיקער שטאָף געווען בלויז אַן ע מ פּ י נ ד נ ד י ק ע ר, וועמעס עמפּינדונגס־פונקציעס צוזאַמען מיט דער שטענדיק פילפאַכיקער גלידערונג און באַוועגונג פון שטאָף ווערן געדאַנקען, וואָלט זיך אויפן דאָזיקן וועג געלאָזט אַנטוויקלען אַ שטרענגער מאַטעריאַליזם, — וואָס וואָלט געווען אפשר אויסגעהאַלטענער ווי דער אַטאָמיסטישער; אָבער דיאָגענעס שכל־

שטאָף איז אַלוויסנדיק. אַזוי אַרום איז דאָס לעצטע רעטעניש פֿון דער דערשיינונגסוועלט ווידער געבליבן נישט געלייזט [9].

די אַטאָמיסטיקער האָבן אַדורכגעבראָכן דעם קרייז פֿון דעמדאָזיקן petiti principi (דאָס זוכן דעם אָנפֿאַנג), פֿאַרפיקסירנדיק דאָס וועזן פֿון דער מאַטעריע. פֿון צווישן אַלע אייגנשאַפֿטן פֿון די זאַכן האָבן זיי צוגעשריבן דעם שטאָף נאָר די איינפּאַכסטע, וועלכע זענען נויטווענדיק צום פֿאָרשטעלן זיך עפּעס, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין רוים און צייט, און בלויז פֿון דידאָזיקע אייגנשאַפֿטן האָבן זיי געוואָלט אַנטוויקלען אַלע דערשיינונגען. מעגלעך, אַז דאָ האָבן עס זיי אויסגעטרעטן אַ וועג פֿאַר די עלעאַטן, וואָס האָבן געמאַכט אַן אונטערשייד צווישן דעם שטענדיקן שטאָף, וואָס מ'קאָן אים דערקענען נאָר מיט דער הילף פֿונם געדאַנק, אַלס דאָס איינ־אוגאיינציקע אמת־עקזיסטירנדיקע פֿונם פֿאַרפֿירערישן בייט פֿון די חושים־דערשיינונגען; און די פּיטאָגאַרייער, וואָס האָבן אָנערקענט דאָס וועזן פֿון די זאַכן אין דער צאָל, ד. ה. אורשפּרינגלעך אין די אין ציפֿערן באַשטימבאַרע פֿאָרמפֿאַרהעלטנישן פֿון די קערפּער, און דערקלערט אַלע חושים־אייגנשאַפֿטן פֿון דער אַטאָמען־פֿאַרבינדונג; ווי ס'זאָל נישט זיין, האָבן די אַטאָמיסטיקער די ערשטע געגעבן דעם פֿולן קלאָרן באַגריף פֿון דעם, וואָס מיר פֿאַרשטייען אונטערן באַגריף שטאָף אַלס באַזע פֿון אַלע דערשיינונגען. מיטן באַשטימען דעמדאָזיקן באַגריף איז פֿאַרענדיקט געוואָרן דער מאַטעריאַליזם אַלס ערשטע פֿולע קלאָרע און קאָנסעקווענטע טעאָריע פֿון אַלע דערשיינונגען.

דערדאָזיקער שריט איז געווען אַזוי דרייסט און גרויסאַרטיק, ווי ער איז געווען מעטאָדיש ריכטיק; ווייל כּל זמן מ'איז איבערהויפּט געשטאַנען אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון די אויסערלעכע אָביעקטן פֿון דער דערשיינונגסוועלט, האָט מען אויף קיין שום אַנדערן אופֿן נישט געקאָנט קומען צו דערקלערן דאָס געהיימנישפֿולע פֿונם אַנטפּלעקטן, דאָס פֿאַרפּלאָנטערטע פֿונם פּשוטן, דאָס אומבאַקאַנטע פֿונם באַקאַנטן. אַפֿילו די אומגענוגנדיקייט פֿון וועלכער־נישט איז מעכאַנישער וועלטדערקלע־

רונג האָט מען סוף־כל־סוף געקאָנט דערזען נאָר אויפן דאָזיקן וועג, ווייל דאָס איז בכלל געווען דער איינציקער וועג פון אַ גרינטלעכער דערקלערונג.

ווייניק גרויסע מענטשן פונם אַלטערטום האָט די געשיכטע באַעוולט, ווי ד ע מ אָ ק ר י ט ן. אין דעם גרויסן שרעק־בילד פון אומוויסנשאַפטלעכער מסורה איז פון אים כמעט ווי גאָרנישט געבליבן, בלויז דער נאָמען דער „לאַכנדיקער פילאָזאָף", בעת די געשטאַלטן פון אַ סך קלענערן באַטייט זענען געמאָלן אין דער פולער גרויס. טאַקע דעריבער דאַרף מען נאָך שטאַרקער באַוווּנדערן דעם טאַקט פון ב ע ק אָ ן פ ו ן ו ע ר ו ל ע ם, וועלכער, הגם אַ נישט גרויסער קענער אויפן געביט פון געשיכטע, האָט ער גראָד אים אויסגעקליבן פון צווישן אַלע פילאָזאָפן פון אַלטערטום און אים אָנערקענט דעם פריז פון אמתער פאָרשונג, בעת אַריסטאָטעלעס, דער פילאָזאָפישער אָפגאָט פון מיטלאַלטער, איז פאַר אים בלויז גרינדער פון אַ שעדלעכער שיינבאַרער וויסנשאַפט און פוסטער וואָרט־חכמה. בעקאָן האָט נישט געקאָנט ווי געהעריק אָפשאַצן אַריסטאָטעלעסן, ווייל ס'האָט אים געפעלט יענער חוש פאַר געשיכטע, וואָס אָנערקענט אין גרויסע טעותים דעם אומפאַרמיידלעכן דורכגאַנגספונקט צו אַ טיפערער באַנעמונג פון דער וואָרהייט. אין דעמאָקריטן האָט ער געפונען אַ קרובהשן גייסט און אים באַטראַכט ווי זיינס אַ בן־דור, נישט געקוקט אויף די צווייטויזנט יאָר, וואָס האָבן אים אָפגעטיילט פון אים. און פאַקטיש איז באַלד נאָך בעקאָנען די אַטאָמיסטיק, — הגם דערווייל אין דער געשטאַלט, וועלכע ע פ י ק ו ר האָט איר געגעבן, — געוואָרן די באַזע פון דער מאָדערנער נאַטורוויסנשאַפט.

דעמאָקריט איז געווען אַ בירגער פון דער יאָנישער קאָלאָניע א ב ד ע ר א, וואָס אויפן טראַקישן ברעג. די „אַבדעריטן" האָט מען דעמאָלט נאָך נישט געהאַט גערופן מיטן חוזק־נאָמען „קרעט־בירגער", ווי מ'האָט זיי שפעטער גערופן. די בליענדיקע האַנדלס־שטאָט האָט פראָספערירט און געווען געבילדעט; דעמאָקריטס פאָטער איז געווען אַ גרויסער עושר, און ס'איז נישט קיין ספק,

אַז דער הויכבאַגאַבטער זון האָט באַקומען אַן אויסגעצייכנטע דערציִונג, הגם די לעגענדע, אַז די פּערסישע מאַגיער האָבן אים געלערנט, האָט נישט קיין היסטאָרישן יסוד 10).

זיין גאַנצע ירושה האָט דעמאָקריט געזאָלט פאַרווענדן אויף די ווייטע נסיעות, צו וועלכע עס האָט אים געשטויסן זיין דראַנג נאָך וויסן. ווען ער איז צוריקגעקומען אַלס אָרימאַן, האָבן אים זיינע ברידער אונטערגעשטיצט. ס׳האָט נישט לאַנג גענומען און ער האָט באַקומען אַ שם אַלס נביא, ווייל ס׳האָט זיך באַשטעטיקט זיינס אַ נבואה פון אַ נאַטורהיסטאָרישן כאַראַקטער. צום סוף האָט ער אָנגעשריבן זיין גרויס ווערק „דיאַסקאָמאָס“, און פאַרן פאָרלייענען עס עפנטלעך האָט אים זיין געבורטסשטאָט געזאָלט באַלוינען מיט הונדערט טאָלער, און לויט ווי אַנדערע זאָגן מיט פינף הונדערט, און מיט אויפשטעלן לויב־זאַלן לכבוד אים. ס׳איז נישט באַקאַנט אין וועלכן יאָר ער איז געשטאָרבן, אָבער אַלע האַלטן, אַז ער האָט דערלעבט אַ טיפן עלטער און איז אין אַ הייטערער און שמערצלאָזער שטימונג אַוועק פון דער וועלט.

זיין פּערזאָן איז אַרומגערינגלט מיט אַ סך לעגענדעס און אַנעקדאָטן, אָבער דער רוב פון זיי פּאַסן ווייניק פאַרן ווען פונם דאָזיקן מענטש; אַמווייניקסטן יענע מעשיות, וואָס שטעלן אים פאָר אַלס „לאַכנדיקן פילאָזאָף“, אין קעגנזאַץ צו הערַאקליט דעם „וויינענדיקן“. זיי זעען אין אים בלויז דעם הייטערן אָפּשפּעטער פון דער נאַרישקייט פון דער וועלט און דעם טרעגער פון אַ פילאָזאָפיע, וועלכע, נישט פאַרטיפנדיק זיך, נעמט אַלץ אָן פון דער גוטער זייט. דעסגלייכן פּאַסן אים ווייניק די מעשיות, וואָס שילדערן אים אַלס פשוטן למדן אָדער אַלס באַזיצער פון מיסטישע געהיימע לערעס. פון דעם גאַנצן מישמאַש פון די סתירותפולע ידיעות קאָן מען נאָר דאָס איינע פעסטשטעלן, אַז זיין גאַנץ לעבן האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט ערנסטער און ראַציאָנעלער, ברייטער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. דער זאַמלער פון די קאַרגע פראַגמענטן, וואָס זענען אונז איבערגעבליבן פון דער גרויסער צאָל פון זיינע ווערק, שטעלט אים העכער

פון אַלע פילאָזאָפן, וואָס פאַר אַריסטאָטעלעסן און זאָגט אַפילו אַרויס די השערה, אַז דער סטאַגיריט (אַריסטאָטעלעס) האָט אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען זיינע וווּנדערבאַרע ידיעות דעם שטודיום פון דעמאָקריטס ווערק 11).

עס איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז דער מענטש, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזעלכע ברייטע ידיעות, האָט געשאַפן דאָס ווערטל: „מ׳דאַרף נישט שטרעבן צו אַ סך וויסן, נאָר צו אַ סך פאַרשטאַנד" 12). און דאָרט, ווו ער רעדט מיט אַ פאַרצייל־עכער זעלבסטבאַרימעריי וועגן זיינע מעשים, שטעלט ער זיך נישט אָפּ אויף דער צאָל און פילפאַכיקייט פון זיינע ווערק, נאָר ער רימט זיך מיט זיין אויטאָפּסיע, מיט די באַציונגען מיט אַנדערע געלערנטע און מיט דעם מאַטעמאַטישן מעטאָד. „מער פון אַלע מיינע צייט־חברים", זאָגט ער, „האָב איך אַדורכגע־וואַנדערט דעם גרעסטן טייל פון דער ערד, געפאָרשט די ווייטסטע זאַכן, געזען די גרעסטע צאָל געגנטן און לענדער, געהערט דעם רוב פון די דענקער און קיינער האָט מיך נישט איבערגעשטיגן אין דער געאָמעטרישער קאָנסטרוקציע און אין אויפווייזן אירע ראיות; אַפילו נישט די עגיפּטישע געאָמעטרען, ביי וועלכע כ׳האָב מיך אַלס פרעמדער אויפגעהאַלטן גאַנצע פינף יאָר 13).

צווישן די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען, אַז דעמאָ־קריט זאָל פאַרגעסן ווערן, דאַרף מען אַריינרעכענען זיין מאַנגל אין שטאָלץ און דיאַלעקטישער קאָמפּסלוסטיקייט. ער האָט גע־זאָלט זיין אין אַטען, און נישט זיך געגעבן צו דערקענען אַפילו צו קיין איינעם פון די דאָרטיקע פילאָזאָפן. צווישן זיינע מאָראַלישע ווערטלעך געפינט זיך פאָלגנדיקער:

„דער, וואָס האָט ליב אַקעגנצורעדן און רעדט אַ סך, איז נישט פעיק זיך עפּעס אויסצולערנען".

אַזאַ געדאַנקנגאַנג האָט גאָר נישט געטויגט אין דער שטאָט פון די סאָפיסטן און געשטערט צו פאַרקערן מיט אַ סאָקראַטעסן אָדער אַ פּלאַטאָנען, וועמעס גאַנצע פילאָזאָפיע האָט

זיך אַנטוויקלט פונם דיאַלעקטישן וואָרטקאַמף.

דעמאָקריט האָט נישט געגרינדעט קיין שום שולע. ווי עס שיינט, זענען זיינע ווערק גיכער אָפּגעקאָפּירט געוואָרן, איידער איבערגעשריבן געוואָרן, און ענדלעך האָט עפּיקור אין זיך איינגעזאַפּט זיין גאַנצע פילאָזאָפיע. אַריסטאָטעלעס דערמאָנט אים אָפט מיט אַכטונג, אָבער ס'רוב ציטערט ער אים ווען ער באַקעמפט אים, דאָס געשעט אָבער קיינמאָל נישט מיט דער געהעריקער אָביעקטיוויטעט און גערעכטיקייט [14]. מיר ווייסן נישט, וויפיל ער האָט גענומען פון זיין פילאָזאָפיע, נישט אָנרופנדיק זיין נאָמען. פּלאַטאָן דערמאָנט אים נישט אינגאַנצן און פאַראַן אַ פּלוגתּא וועגן דעם, צי פּלאַטאָן פּאָלעמיזירט נישט מיט אים אין איינציקע שטעלן, נישט דערמאָנענדיק זיין נאָמען. טאַקע דעריבער איז אַנטשטאַנען די לעגענדע, אַז פּלאַטאָן האָט אין זיין פאַנאַטישער שנאה געוואָלט אָפּקויפן אַלע ווערק דעמאָקריטס און זיי פאַרברענט [15].

אין דער נייסטער צייט האָט ריטער אין זיין געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע אויסגעלאָזט דעם גאַנצן כּעס פון די אַנטימאַטעריאַליסטן צו דעמאָקריטס אָנדענק און טאַקע דערפאַר פרייט אונז זייער די רויקע אָנערקענונג פון בראַנדיס און די גלענצנדע און איבערצייגנדיקע פאַרטיידיקונג פון צעלערן; ווייל פאַקטיש דאַרף דעמאָקריט פון צווישן די גרויסע דענקער פון אַלטערטום פאַררעכנט ווערן אַלס דער גרעסטער.

אָבער טראָץ דעם אַלעם ווייסן מיר פון דעמאָקריטס לערע מער, ווי פון די אָנשויונגען פון מאַנכע אַנדערע פילאָזאָפן, וואָס האָבן אונז איבערגעלאָזט מער ווערק. דאָס דאַרפן מיר צושרייבן דער קלאָרקייט און קאָנסעקווענץ פון דעמאָקריטס וועלטאָנשויונג, וואָס דערלויבט אונז אַפילו דעם קלענסטן פראַגמענט לייכט אַריינצופּאַסן אין דעם גאַנצן. דער קערן פון זיין פילאָזאָפיע איז די אַטאָמיסטיק, וואָס איז אָבער נישט דערפינדן געוואָרן דורך אים, אָבער בלי ספק האָט זי אַ דאַנק אים באַקומען איר פולן באַטייט.

אין פאַרלויף פון אונזער געשיכטע פון מאַטעריאַליזם וועלן מיר ווייזן, אַז די מאָדערנע אַטאָם־טעאָריע שטאַמט אָפּ פון דער בהדרגהדיקער אַליין פאַרוואַנדלונג פון דעמאָקריטס אַטאָמיסטיק. אַלס די וועזנטלעכע באַזע פון דעמאָקריטס מעטאַפיזיק, דאַרפן מיר באַטראַכטן פאָלגנדיקע זאַצן:

1. פון גאָרנישט ווערט גאָרנישט. קיין שום זאַך, וואָס עקזיסטירט, קען נישט פאַרניכטעט ווערן. יעדע פאַרענדערונג איז אין דער אמתן נאָר פאַרבינדונג און אויפבינדונג פון טיילן 16).

דערדאָזיקער זאַץ, וואָס אַנטהאַלט אין זיך פּרינציפּיעל די ביידע גרויסע כּללים פון דער נייערער פיזיק, דעם כּלל פון דעם אומצעשטערבאַרקייט פונם שטאָף און פון דער דערהאַלטונג פון דער קראַפט, איז לויט זיין מהות ביי קאַנטן די ערשטע „אַנאַלאָגיע פון דערפאַרונג", „ביי יעדער ענדערונג פון די דערשיינונגען בלייבט פעסט די סובסטאַנץ, און איר ראָל אין דער נאַטור ווערט נישט פאַרמערט און נישט פאַרמינערט".

קאַנט האַלט, אַז אין אַלע צייטן האָט נישט בלויז דער פילאָזאָף, נאָר אַפילו דער פשוטער מענטש, משער געווען די באַשטענדיקייט פון דער סובסטאַנץ. דערדאָזיקער כּלל פּרעטענדירט אויף אַן אַקסיאָמאַטישער באַדייטונג אַלס אַ נויטווענדיקער פאָרבאַדינג פון רעגלמעסיקער דערפאַרונג בכלל, און דאָך האָט ער זיין געשיכטע! אין דער אמתן איז ביים נאַטור־מענטש, ביי וועמען די פאַנטאַזיע הערשט איבערן לאָגישן דענקן, נישט פאַראַן קיין מער לייכטערע פאָרשטעלונג, ווי וועגן אַנטשטיין און פאַרגיין, און די קריסטלעכע דאָגמע וועגן „יש מאין" איז זיכער נישט געווען דער ערשטער אבן־נגף פאַר דער דערוואַכנדיקער קריטיק.

צוזאַמען מיט דער אַנטשטייונג פון דער פילאָזאָפיע איז זיכער באַלד געקומען צום אויסדרוק די אַקסיאָמע וועגן דער

באַשטענדיקייט פֿון דער סובסטאַנץ, הגם מתחילת אויף אַן עט־וואָס פֿאַרבאָרגענעם אופֿן. אַקסימאַנדערס „אין סוף״, פֿון וועלכן אַלץ קומט אַרויס, הערַאקליטס געטלעכער אורפֿייער, אין וועלכן ס'ווערן פֿאַרברענט די זיך־ענדערנדיקע וועלטן, כּדי פֿון דאָרט אויפֿסניי געבוירן צו ווערן, זענען פֿאַרקערפּערונגען פֿון דער פֿעסטבלייבנדיקער סובסטאַנץ. פֿאַרמענידעס פֿון עלעא האָט דער ערשטער געלייקנט אין דעם ווערן און פֿאַרגיין. דאָס אמת־עקזיסטירנדיקע איז פֿאַר די עלעאטן דאָס איינציקע אַל, אַ פֿולקאָם קיילעכדיקע קויל, אין וועלכער ס'קומט נישט פֿאָר קיין שום פֿאַרענדערונג און באַוועגונג. יעדע ענדערונג איז בלויז אַ שיין! אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ סתירה צווישן שיין און זיין, וועלכע די פֿילאָזאָפֿן האָבן געדאַרפֿט דערקלערן. די איינזייטיקע באַהויפּטונג פֿון איין אַקסיאָם איז סותר אַן אַנדערן אַקסיאָם: „נישט פֿאַראַן קיין שום זאַך אָן אַ סיבה״. ווי אַזוי קאָן פֿון אַזאַ אומפֿאַרענדערלעכן זיין אַנטשטיין דער שיין? און דערצו נאָך דאָס אומזיניקע לייקענען אין דער באַוועגונג, אַ לייקענען, וואָס האָט גורם געווען אומצייליקע וואָרט־מחלוקתן און דערמיט צוגעהאָלפֿן דער אַנטשטייונג פֿון דער דיאַלעקטיק.

עמפּעדאָקלעס און אַנאַקסאַגאָראַס האָבן באַזייטיקט דידאָזיקע סתירה, אַרויסגייענדיק פֿון דער הנחה, אַז יעדעס אַנטשטיין און אונטערגיין שטאַמט פֿון צענויפֿמישונג און צעשיידונג. אָבער ערשט אַ דאַנק דער אַטאָמיסטיק באַקומט דערדאָזיקער געדאַנק זיין פֿולקאָמע אָנשוילעכע פֿאָרם און איז געוואָרן דער גרונטשטיין פֿון אַ שטרענג־מעכאַנישער וועלט־אָנשויונג. אָבער דערצו האָט מען זי געדאַרפֿט פֿאַרבינדן מיט דעם אַקסיאָם וועגן דער נויטווענדיקייט פֿון אַלע געשעענע זאַכן.

2. „קיין שום זאַך געשעט נישט צופֿעליק, נאָר אַלץ האָט זיין סיבה און נויטווענדיקייט״ 17).

דעמאָזיקן כּלל, וועלכן אַ צווייפֿלהאַפֿטע מסורה האָט צוגעשריבן לויקיפּאַסן, דאַרף מען אויפֿפֿאַסן אַלס אַן אַנט־

שיידנדיקע נעגאַציע פֿון יעטוועדער טעלעאָלאָגיע, ווייל די „סיבה" איז נישט עפּעס אַנדערש ווי דאָס מאַטעמאַטיש־מעכאַניש געזעץ, וועלכן עס זענען אונטערגעוואָרפֿן מיט אַן אומבאַדינגטער נויטווענדיקייט די באַוועגונגען פֿון די אַטאָמען. אַריסטאָטעלעס האָט זיך דעריבער אַ סך מאָל באַקלאָגט, אַז דעמאָקריט האָט געלאָזט אָן אַ זייט די צוועקאורזאַכן און אַלץ דערקלערט אַלס אַ נאַטורנויטווענדיקייט. טאַקע דערפֿאַר האָט אים גערימט בעקאָן פֿון ווערולעם, נאָך אין זיין ווערק וועגן דער פֿאַרברייטערונג פֿון דער וויסנשאַפֿט, אין וועלכן ער איז געווען גענוג קלוג און באַהערשט זיין אומווילן צום אַריסטאָטעלשן סיסטעם. (בוך III, קאַפּיטל 4).

דאָס דאָזיקע עכט־מאַטעריאַליסטיש לייקענען אין די צוועקאורזאַכן האָט שוין קעגן דעמאָקריטן אַרויסגערופֿן די זעלבע מיספֿאַרשטייענישן, וואָס מ׳שטעלט נאָך היינט אומעטום אַרויס קעגן די מאַטעריאַליסטן: דער פֿאָרוואורף, אַז ביי דעמאָקריטן הערשט בלויז דער בלינדער צופֿאַל. קיין שום זאַך איז נישט מער סתירותפֿול, ווי צופֿאַל און נויטווענדיקייט, און דאָך ווערט קיין שום זאַך נישט אַזוי אָפֿט פֿאַרביטן, ווי די דאָזיקע ביידע באַגריפֿן. די סיבה דערפֿון איז, וואָס דער באַגריף „נויטווענדיקייט" איז אַ פֿולקאָם קלאָרער און פֿעסטער, בעת דער באַגריף „צופֿאַל" איז אַ זייער וואַקלענדיקער און רעלאַטיווער.

ווען ס׳פֿאַלט עמעצן אַ ציגל אויפֿן קאָפּ אַרויף, בעת ער גייט גראָד אין גאַס, באַטראַכט מען דאָס אַלס צופֿאַל, און דאָך צווייפֿלט קיינער נישט, אַז דער לופֿטדרוק פֿונם ווינט, דאָס געזעץ פֿון כּוח־המושך און אַנדערע נאַטירלעכע אומשטענדן, האָבן פֿולשטענדיק באַשטימט דעם פֿאַרפֿאַל, אַזוי אַז ער קומט אַלס אַ נאַטורנויטווענדיקייט, און לויט אַ נאַטורנויטווענדיקייט האָט ער געמוזט טרעפֿן דווקא אין קאָפּ אַריין דעם מענטש, וואָס האָט זיך אין דאָזיקן מאָמענט געפֿונען אויפֿן דאָזיקן אָרט.

פֿון דאָזיקן ביישפּיל זעט מען גאַנץ לייכט, אַז די הנחה וועגן צופֿאַל איז נאָר אַ טיילווייזע נעגאַציע פֿון צוועק, בעת

מיר זאָגן, אַז דאָס אַראָפּפאַלן פון שטיין איז אַ צופעליקע זאַך, מיינען מיר דערמיט, אַז דאָס אַראָפּפאַלן האָט נישט קיין שכלדיקן צוועק.

קוים האַלטן מיר זיך אָבער ביי דער הנחה פון דער קריסטלעכער רעליגיאָנספילאָזאָפיע, אַז ס'איז פאַראַן אַן אַבסאָלוטע צוועקבאַשטימונג, שליסן מיר דערמיט פולשטענדיק אויס דעם צופאַל, פונקט ווי מיר טוען דאָס ביי דער הנחה וועגן אַבסאָלוטער קויזאַליטעט. אין דאָזיקן פונקט דעקן זיך פולשטענדיק ביידע קאָנסעקווענטסטע וועלטאַנשויונגען, און ביידע לאָזן צו דעם באַגריף צופאַל נאָר אַלס אַ ווילקירלעכן און אייגנטלעך אומפּראַקטישן געברויך. צופעליק רופן מיר אַ זאַך, וועמעס צוועק אָדער סיבה מיר קענען נישט וויסן, און מיר טוען דאָס צוליבן קיצור, ובכן, לחלוטין אומפילאָזאָפיש, אָדער מיר טוען דאָס, אַרויסגייענדיק פון אַן איינזייטיקן שטאַנדפונקט, און באַהויפּטן, קעגן די טעלעאָלאָגן, די צופעליקייט פון דער געשעענער זאַך, איז דאָס דערפאַר, כדי פטור צו ווערן פונם צוועק, און מיר זאָגן זיך אָפּ פון דערזעלבער צופעליקייט, ווען ס'קומט צו רייד וועגן דעם גענוגנדיקן גרונט.

און מיט רעכט טוען מיר דאָס, אויף וויפל ס'האַנדלט זיך איבערהויפּט וועגן נאַטורוויסנשאַפט אָדער וועגן אַ גענויער וויסנשאַפט; ווייל נאָר דורך די ווירקנדיקע סיבות איז די דערשיינונגסוועלט איבערהויפּט צוגענגלעך פאַר דער פאָרשונג און יעטוועדעס אַריינמישן פון צוועק סיבות, וועלכע מען שטעלט אַלס דערגענצונג לעבן אָדער איבער דער נויטווענדיקייט, ד. ה. מיט שטרענגער אַלגעמיינקייט פון די אָנערקענטע כללים פון די ווירקנדיקע נאַטורכוחות, האָט לחלוטין נישט קיין שום באַדייטונג, סיידן אַלס אַ טיילווייזע נעגאַציע פון דער וויסנשאַפט, אַ ווילקירלעכע באַגרענעצונג פון אַ נאָך-נישט דורכגעפאָרשט געביט.

אָבער שוין בעקאָן האָט געהאַלטן פאַר מעגלעך אַן אַבסאָלוטע טעלעאָלאָגיע, הגם ער האָט נישט גענוג

קלאָר אויפגעפאַסט דעמדאָזיקן באַגריף. דערדאָזיקער באַגריף וועגן אַ צוועקמעסיקייט אין דעם נאַטורגאַנצן, וועמעס אײנצל־הייטן ווערן דורך אונז פאַרשטאַנען בהדרגהווייז נאָר לויט די ווירקנדיקע סיבות, פירט אונז נישט צו דער פּשוטער מענטש־לעכער צוועקמעסיקייט, וואָס זאָל באַקאַנט זיין דעם מענטשן מיט אַלע אירע פּרטים. און דאָך דאַרפן די רעליגיעס אַן אַנ־טראָפּאָמאָרפישן צוועק. און דערדאָזיקער צוועק געפינט זיך אין סתירה צו דער וויסנשאַפט, פונקט ווי די דיכ־טונג איז קעגן דעם היסטאָרישן אמת. און דעריבער האָט דער־דאָזיקער צוועק, פונקט ווי די דיכטונג, זיין זכות־הקיום נאָר אַלס אידעאַלע באַטראַכטונג פון זאַכן.

פון דעם געזאָגטן דרינגט, אַז איידער די וויסנשאַפט האָט איבערהויפּט געקאָנט אַנטשטיין, האָט מען געמוזט באַזייטיקן אַלע צוועקסיבות. און אויב מ׳פרעגט, צי דערדאָזיקער מאָטיוו איז ביי דעמאָקריטן אינדעראמתן געווען די טרייבקראַפט, בעת ער האָט פעסטגעשטעלט די שטרענגע נויטווענדיקייט אַלס באַזיס פון יעדער נאַטורבאַטראַכטונג, מוזן מיר דערויף ענטפערן, אַז ס׳האָט דאָן נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן אַן איבער־בליק איבער דעם דורך אונז אָנגעטייטן צוזאַמענהאַנג. אָבער קיין ספק נישט, אַז ס׳איז פאַראַנגעווען די הויפּטזאַך: אַ קלאָ־רער איינבליק אינם עיקר פון דער נאַטורנויטווענדי־קייט אַלס תנאי פון יעדער ראַציאָנעלער נאַטורדערקענט־ניש. די התחלה פון דערדאָזיקער אָנשויונג דאַרף מען נישט זוכן ערגיצאַנדערש, נאָר אין דעם שטודיום פון דער מאַטע־מאַטיק, וועמעס איינפלוס האָט אין דעמדאָזיקן זין אַנטשיידנדיק געווירקט אויך אין דער נייעסטער צייט.

3. ס׳עקזיסטירט נישט קיין שום זאַך, חוץ די אטאָמען און דער ליידיקער רוים; די איבע־ריקע זאַכן עקזיסטירן בלויז אין דער השערה[19].

דערדאָזיקער איינציקער כלל אַנטהאַלט אין זיך די שוואַ־כע און די שטאַרקע זייט פון יעטוועדער אַטאָמיסטיק. די הנחה, אַז אַלע דערשיינונגען זענען באַוועגונגען פון קליינע טיילן, איז

געוואָרן דער יסוד פון יעדער ראַציאָנעלער נאַטורדערקלערונג, פון אַלע גרויסע אַנטדעקונגען אין דער נייער צייט, און בלי ספק וואָלט שוין דאָס קלאַסישע אַלטערטום אויפן דאָזיקן וועג געקענט דערגרייכן וויכטיקע רעזולטאַטן, ווען נישט דאָס, וואָס די פון אַטען אַרויסגעגאַנגענע רעאַקציע קעגן דער נאַטורוויסנשאַפטלעכער ריכטונג אין דער פילאָזאָפיע, האָט אין אַזאַ גרויסער מאָס געווינען די אויבערהאַנט. אַרויסגייענדיק פון דער אַטאָמיסטיק, דערקלערן מיר היינט די געזעצן וועגן קלאַנג, ליכט, וואַרעמקייט, די כעמישע און פיזיקאַלישע פאַרענדערונגען אין די זאַכן אין ווייטסטן פאַרנעם. אָבער דאָך איז די אַטאָמיסטיק היינטצוטאָג אַזוי ווייניק אומשטאַנד צו דערקלערן אַפילו נאָר די איינפאַכסטע *עמפינדונגען* פונם קלאַנג, ליכט, וואַרעמקייט, טעם און דאָסגלייכן, פונקט ווי זי האָט דאָס נישט געקענט טון אין דעמאָקריטס צייטן.

נישט געקוקט אויף אַלע פאָרשריטן פון דער וויסנשאַפט, פון אַלע גלגולים פונם אַטאָם-באַגריף, איז דערדאָזיקער בלייז געבליבן אין דערזעלבער גרויס און ער וועט נישט קלענער ווערן, אַפילו ווען עס וועט געלונגען אויפצושטעלן אַ פולשטענדיקע טעאָריע פון די פונקציעס פונם געהירן, און גענוי דערווייזן די מעכאַנישע באַוועגונגען צוזאַמען מיט זייער אָנהויב און המשך, וואָס אַנטשפּרעכן דער עמפינדונג, אָדער אַנדערש אויסגעדריקט, וואָס זענען גורם צו דער אַנטשטייונג פון דער עמפינדונג. די וויסנשאַפט דאַרף נישט צווייפלען, אַז מיט דער הילף פון דעמדאָזיקן גוואַלטיקן כלי-זין וועט איר געלונגען אַרויספירן פונם געזעץ וועגן דער דערהאַלטונג פון דער קראַפט אַפילו די פאַרפלאָנטערטסטע האַנדלונגען און די באַדייטונגספולע באַוועגונגען פון אַ לעבעדיקן מענטש — פון די פרייגעוואָרענע אין מוח שפּאַנקרעפטן אונטער דער ווירקונג פון נערוון-רייצונג. אָבער די וויסנשאַפט וועט קיינמאָל נישט געפונען קיין בריק צווישן דעם איינפאַכסטן קלאַנג *אַלס עמפינדונג פון אַ סוביעקט, אַלס מיין עמפינדונג*, און די

צעשטרייונגס-פּראָצעסן אינם מוח, וואָס די וויסנשאַפט מוז אָננעמען, כּדי צו דערקלערן דידאָזיקע קלאַנגעמפינדונגען אַלס אַ געשעעניש אין דער אָביעקטן-וועלט.

לויט דעם אופן ווי דעמאָקריט האָט אויפגעבונדן דעמדאָזיקן גאָרדישן קניפּ, קען מען נאָך אפשר געפינען שפּורן פון דער השפּעה פון דער עלעאַטישער שול. דידאָזיקע שול האָט איבערהויפּט דערקלערט באַוועגונג און פאַרענדערונג אַלס שיין, און טאַקע נישטיקער שיין. דעמאָקריט האָט באַגרעניצט דעמדאָזיקן שטרענגן אורטייל בלויז אויף די חושים-קוואַליטעטן. ער האָט געזאָגט: „נאָר אין דמיון עקזיסטירט דאָס זיסע, אין דמיון — דאָס ביטערע, אין דמיון — די וואַרעמקייט, די קעלט, די פאַרבן; אינדעראמתן עקזיסטירט נישט קיין שום זאַך, חוץ די אַטאָמען און דער ליידיקער רוים"[20].

און ווייל לויט דערדאָזיקער הנחה זיינער האָט די עמפינדונג אין זיך עפּעס פאַרפירערישס, איז לייכט צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דעמאָקריט קלאָגט זיך, אַז דער אמת ליגט טיף פאַרבאָרגן, און פאַרוואָס ער האָט געלייגט אַ גרעסער געוויכט אויפן נאָכדענקען, ווי אויף דער אוממיטלבאַרער געוואָרענונג. זיין נאָכדענקען באַוועגט זיך אין באַגריפן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אָבסערוואַציע, און טאַקע דעריבער האָבן זיי איבערהויפּט געטויגט אַלס נאַטורדערקלערונג. און דאָסדאָזיקע באַשטענדיקע צוריקפירן פון אַלע היפּאָטעזעס צו אָבסערוואַציע אין בילד פון די אַטאָמבאַוועגונגען, האָט געשיצט דעמאָקריטן קעגן די פאָלגן פון אַן איינזייטיקער דעדוקציע פון באַגריפן.

די אַטאָמען זענען אומענדלעך לויט דער צאָל און אומענדלעך פאַרשידן לויט דער פאָרם. אין דער אייביקער פאַלבאַוועגונג אין דעם אין סוף פאַלן די גרעסערע, וואָס באַוועגן זיך שנעלער, אויף די קלענערע; די דורכדעב אַנטשטייענדיקע זייטיקע באַוועגונגען און

געווירבל זענען די התחלה פון דער וועלטשאַפונג. אומצייליקע וועלטן ווערן באַשאַפן און ווערן ווידער חרוב איינע לעבן דער אַנדערער און איינע נאָך דער אַנדערער.

דאָסדאָזיקע גרויסאַרטיקע בילד האָט מען אין אַלטערטום אָפּט באַטראַכט אַלס אַ שרעקלעכע זאַך און דאָך איז דאָסדאָזיקע בילד נענטער צו אונזערע איצטיקע אָנשויונגען, ווי אַריסטאָטעלעס מיינונג, וועלכער האָט a priori באַוויזן, אַז אויסער זיין אין זיך געשלאָסענער וועלט קאָן נישט עקזיסטירן קיין צווייטע. בעת מירן רעדן וועגן עפּיקורן און לוקרעציוסן, וועגן וועלכע מיר האָבן פולשטענדיקערע ידיעות, וועלן מיר נאָך צוריקקומען צו דערדאָזיקער וועלט-אָנשויונג און איר צוזאַמענהאַנג; דאָ זאָל נאָר דערמאָנט ווערן, אַז מיר האָבן אַ גענוגנדיקן גרונט אָנצונעמען, דאָס אַלע שטריכן פון עפּיקורס אַטאָמיסטיק, וועגן וועלכער מיר ווייסן נישט אויסדריקלעך דעם היפוך, שטאַמען פון דעמאָקריטן. עפּיקור האָט געהאַלטן, אַז די אַטאָמען זענען טאַקע אומענדלעך לויט דער צאָל, אָבער נישט אומענדלעך פאַרשידן לויט די פאָרמען. וויכטיקער איז אָבער דאָס, וואָס ער האָט מחדש געווען בנוגע דער אַנטשטייונג פון דער זייטיקער באַוועגונג.

דאָ גיט אונז דעמאָקריט אַ דורכויס קאָנסעקווענט בילד, וועלכעס, וואָס אַן אמת, האַלט נישט אויס לגבי דער היינטיקער פיזיק, אָבער דאָך ווייזט עס, אַז דער גריכישער דענקער האָט אַנטוויקלט זיינע ספּעקולאַציעס, אויף וויפיל ס׳איז דעמאָלט מעגלעך געווען, לויט שטרענג פיזיקאַלישע יסודות. אַרויסגייענדיק פון דער טעותדיקער מיינונג, אַז גרעסערע מאַסן (משער זייענדיק אַלגעמיינע געדיכטקייט) פאַלן שנעלער ווי די קלענערע, האָט ער געהייסן די גרעסערע אַטאָמען דעריאָגן און אָנפאַלן אויף די קלענערע, און אַזוי ווי די אַטאָמען האָבן פאַרשידנאַרטיקע געשטאַלטן און לויטן כלל איז דער שטויס נישט קיין צענטראַלער, מוזן דעריבער אַנטשטיין, אויך לויט

אונזער הייגטיקער מעכאַניק, דאָס דרייען זיך פון די אַטאָמען אַרום זייער אקס און די זייטיקע באַוועגונגען. קוים זענען זיי אַנטשטאַנען, מוזן זיך דידאָזיקע זייטיקע באַוועגונגען וואָס אַמאָל מער פאַרפלאָנטערן, און אַזוי ווי דער אָנפאַל פון נייע אַטאָמען אויף אַ שיכט, וואָס געפינט זיך שוין אין אַ זייטיקער באַוועגונג, שאַפט שטענדיק אַ נייע לעבעדיקע קראַפט, קען מען דעריבער אָננעמען, אַז די באַוועגונג ווערט וואָס אַמאָל העפטיקער. פון די זייטיקע באַוועגונגען, אין פאַרבינדונג מיט דעם דרייען זיך פון די אַטאָמען, אַנטשטייען דעמאָלט גאָר לייכט פאַלן פון צוריקלויפנדיקער באַוועגונג. און אויב אין אַזאַ ווירבלענדיקער שיכט האַלטן זיך די שווערע (ד. ה. גרעסערע) אַטאָמען מיט אַ שטאַרקן אימפעט אונטן, וועלן זיי זיך צום סוף אָנקלויבן אין אונטערשטן טייל פון דער שיכט, און די לייכטסטע אָבער אין אויבערשטן טייל. 22)

די באַזע פון דערדאָזיקער גאַנצער טעאָריע, די לערע וועגן שנעלערן פאַלן פון די גרעסערע אַטאָמען, איז אַטאַקירט געוואָרן פון **אַריסטאָטעלעסן**, און ס'שיינט, אַז עפּיקור, אָנגערעגט דערפון, האָט, אָננעמענדיק די גאַנצע איבעריקע לערע, אויסגעטראַכט זיינע נישטמאָטיווירטע אָפּווייכונגען פון די אַטאָמען פון דער גלייכער ליניע. אַריסטאָטעלעס האָט געלערנט: **אויב** ס'וואָלט געקאָנט עקזיסטירן אַ **ליידיקער רוים**, וואָס ער האָט אָבער געהאַלטן פאַר אַן אוממעגלעכע זאַך, וואָלטן אַלע קערפּער אין אים **געמוזט** פאַלן מיט אַ גלייכער שנעלקייט, ווייל דער אונטערשיד אין דער שנעלקייט פון פאַלן ווערט באַדינגט דורך דער פאַרשידענער געדיכטקייט פון דער סביבה, ווי למשל, וואַסער און לופט. דער ליידיקער רוים האָט אָבער נישט קיין סביבה, און דעריבער איז נישט פאַראַן קיין שום פאַרהעלטניש ביים פאַלן פון די קערפּער.

דאָ טרעפט זיך אַריסטאָטעלעס צוזאַמען, ווי אויך אין זיין לערע וועגן גראַוויטאַציע צום מיטלפּונקט פון וועלטאַל, מיטן רעזולטאַט פון דער הייגטיקער נאַטורוויסנשאַפט. זיין דעדוקציע אָבער איז נאָר ערטערווייז ראַציאָנעל און איז אויסגע-

מישט מיט דיזעלבע פּלאַנעטן, מיט וועלכע ער האָט געוואָלט דערווייזן די אוממעגלעכקייט פֿון יעטווידער באַוועגונג אין ליידיקן רוים. עפּיקור האָט עס געמאַכט בקיצור און פּשוט אַרויסגעדרינגען: ווייל אין ליידיקן רוים איז נישט פֿאַראַן קיין שום ווידערשטאַנד, דעריבער מוזן אַלע קערפּער פֿאַלן מיט אַ גלייכער שנעלקייט; דאָס איז לפּנים אין פֿולן הסכּם מיט דער היינטיקער פיזיק, אָבער טאַקע נישט מער ווי לפּנים, ווייל די אַלטע פֿעלקער האָט געפֿעלט די ריכטיקע פֿאָרשטעלונג וועגן מהות פֿון דער גראַוויטאַציע און געזעץ פֿון פֿאַלן.

דאָך איז אינטערעסאַנט צו פֿאַרגלייכן, ווי אַזוי גאַליליי, וואָס איז נאָך מיפּולן זוכן געקומען צום אמתן פֿאַלגעזעץ, האָט באַלד a priori געוואָגט דעם שלוס, אַז אין ליידיקן רוים וועלן אַלע קערפּער פֿאַלן מיט אַ גלייכער שנעלקייט; אַ לאַנגע צייט איידער דאָס האָט געקאָנט דערוויזן ווערן מיט דער הילף פֿון אַ לופֿט-פּאָמפּע. מ'וואָלט נאָך געדאַרפֿט אונטערזוכן, צי ביי דערדאָזיקער מסקנא גאַליליי׳ס האָבן נישט מיטגעווירקט רעמיניסצענצן פֿון אַריסטאָטעלעס׳ס אָדער לוקרעציוס׳ס לערע! (23

5. די פֿאַרשידנקייט פֿון אַלע זאַכן שטאַמט אָפּ פֿון דער פֿאַרשידנקייט פֿון זייערע אַטאָמען לויט דער צאָל, גרויס, געשטאַלט און סדר: ס׳עקזיסטירט נישט קיין קוואַליטאַטיווע פֿאַרשידנקייט פֿון די אַטאָמען. די אַטאָמען האָבן נישט קיין „אינערלעכע צושטאַנדן״; זיי ווירקן איינער אויפֿן צווייטן נאָר דורך דרוק און שטויס (24.

אין דריטן זאַץ האָבן מיר געזען, אַז דעמאָקריט פֿאַסט אויף די חושים, - קוואַליטעטן, ווי: פֿאַרבן, קלאַנג, וואַרעמקייט א. א. וו., בלויז אַלס פֿאַרפֿירערישן שיין, וואָס דאָס הייסט פּאַקטיש, אַז ער האָט געבראַכט פֿאַר אַ קרבן די סוביעק-

טיווע זייט פון די דערשיינונגען, וואָס נאָר זי איז אוממיטלבאַר געגעבן, כּדי צו קאָנען קאָנסעקווענטער אַדורכפירן אַן אָבּיעקטיווע דערקלערונג פון די דערשיינונגען. און דעריבער האָט ער זיך שטאַרק באַשעפטיקט מיט גרינטלעכע אונטערזוכונגען וועגן דעם, וואָס איז אין אָביעקט דער יסוד פון די חושים קוואַליטעטן. לויט דער פאַרשידנקייט פון צוזאַמענשטעל פון די אַטאָמען אין אַ „סכעמע", וואָס דערמאָנט אונז אָן די סכעמען פון אונזערע כעמיקער, ריכטן זיך אונזערע סוביעקטיווע איינדרוקן 25).

אַריסטאָטעלעס האָט פאָרגעוואָרפן, אַז דעמאָקריט האָט אַלע מינים עמפינדונגען צוריקגעפירט צום חוש-המשוש, אַ פאָרוואורף, וועלכער וואָלט אין אונזערע אויגן געוואָרן אַ לויב, ווען נישט דער טונקעלער פונקט, וואָס געפינט זיך אין חוש-המישוש גופא.

מיר קאָנען זיך אויפהייבן צום שטאַנדפונקט און באַטראַכטן אַלע עמפינדונגען אַלס מאָדיפיצירטער חוש-המישוש. האָבן מיר דאָך דאָ נאָך גענוג אומגעלייזטע רעטענישן! אָבער מיר קאָנען שוין נישט אַזוי נאַיוו אויסמיידן די פראַגע: וויאַזוי פאַרהאַלט זיך די אייגּנשאַפטן און עלעמענטאַרסטע פון אַלע עמפינדונגען צו דעם דרוק און שטויס, וואָס איז צו זיי גורם? די עמפינדונג געפינט זיך נישט אין דעם איינצעלנעם אטאָם, און נאָך ווייניקער אין אַ סומע פון אַטאָמען; ווייל ווי אַזוי וואָלט זי זיך געקאָנט דורכן לײדיקן רוים באַהעפטן און ווערן איינס? אין איר באַשטימטן צושטאַנד ווערט זי געשאַפן דורך אַ פאָרם, אין וועלכער די אטאָמען ווירקן צוזאַמען. דער מאַטעריאַליזם טרעפט זיך דאָ צונויף מיטן פאָרמאַליזם, — אַ זאַך, וואָס אַריסטאָטעלעס האָט נישט פאַרגעסן צו באַטאָנען 26); בעת אָבער אַריסטאָטעלעס האָט אויף אַ טראַנסצענדענטאַלן אופן געמאַכט די פאָרמען פאַר סיבות פון דער באַוועגונג און דערמיט פאַרדאָרבן מיטן שורש יעדע נאַטורפאָרשונג, האָט זיך דעמאָקריט געהיטן ווייטער נאָכצוגיין דער פאָרמאַליסטישער זייט פון זיין אייגענער אָנשויונג, וואָס פירט אַריין אין סאַמע תוך פון דער

מעטאפיזיק. דאָ האָט מען ערשט געדאַרפט האָבן קאַנטס קרי־טיק פון שכל, כּדי צו וואַרפן אַ שוואַכן ליכטשטראַל אינם אָפּגרונט פון אַ געהיימניש, וואָס איז נאָך היינטצוטאָג אַזוי גרויס ווי אין דעמאָקריטס צייטן, נישט געקוקט אויף אַלע פאָר־שריטן אין דער נאַטורדערקענטניש.

6. די נשמה באַשטייט פון סובטעלע, גלאַ־טיקע און קיילעכדיקע אטאָמען, פונקט ווי די אטאָמען פון פייער. דידאָזיקע אטאָמען זענען די באַוועגלעכסטע, און אַ דאַנק זייער באַוועגונג, וואָס דרינגט אַדורך דעם גאַנצן קערפּער, אַנטשטייען די לעבנסדערשיינונגען27).

דאָ האָט די נשמה, בכן, אַ באַזונדערן שטאָף, פונקט ווי ביי דיאָגענעס פון אַפּאָלאָניאַ; אויך לויט דעמאָקריט איז דערדאָזיקער שטאָף פאַרטיילט איבערן גאַנצן וועלטאַל, אַרויסרופנדיק אומעטום די דערשיינונגען פון וואַרעמקייט און לעבן. דעמאָקריט אָבער האָט געקענט דעם אונטערשיד צווישן נשמה און קערפּער, וואָס וואָלט אַוודאי נישט געשמעקט די מאַטעריאַליסטן פון אונזער צייט, און ער קאָן דעמדאָזיקן אונ־טערשיד אויסנוצן פאַר דער עטיק, פונקט ווי דאָס טוען די דואַליסטן. די נשמה איז דאָס וועזנטלעכסטע פון מענטש: דער גוף איז נאָר איר כּלי, דעריבער מוזן מיר קודם־כּל זאָרגן פאַר איר. דאָס גליק געפינט זיך אין דער נשמה; קערפּערלעכע שיינקייט אָן פאַרשטאַנד איז עפּעס חיהשעס. מ'האָט דעמאָ־קריטן אַפילו צוגעשריבן די לערע וועגן אַ געטלעכער וועלט־נשמה, ער אָבער האָט דערמיט בלויז געמיינט נישט עפּעס אַנ־דערש ווי די אַלגעמיינע פאַרשפּרייטונג פון יענעם באַוועגלעכן שטאָף, וועלכן ער האָט בילדלעך גאַנץ גוט געקאָנט באַצייכע־נען אַלס דאָס געטלעכע אין דער וועלט, נישט צושרייבנדיק אים קיין אַנדערע, נאָר בלויז מאַטעריעלע אייגנשאַפטן און מעכאַניש באַדינגטע באַוועגונגען.

אַריסטאָטעלעס מאַכט חוזק פון דעמאָקריטס מיינונג בנוגע

דעם אופן, לויט וועלכן די נשמה באַוועגט דעם קערפּער, און ברענגט פאָלגנדיקן פאַרגלייך. דעדאַלוס האָט געזאָלט מאַכן אַ באַוועגלעך בילד פון אַפראָדיטאַ; דער שוישפּילער פיליפּאָס האָט דאָס דערקלערט דערמיט, וואָס דעדאַלוס האָט וואַרשיינלעך אין הילצערנעם בילד אַריינגעגאָסן קוועקזילבער. פּונקט אַזוי, מיינט אַריסטאָטעלעס, לאָזט דעמאָקריט באַוועגן דעם מענטש, אַריינזעצנדיק אין זיין אינערלעכקייט באַוועגלעכע אטאָמען. דערדאָזיקער פאַרגלייך הינקט שטאַרק אונטער28), ער קאָן אָבער דאָך נוצלעך זיין, כדי צו דערקלערן צוויי גרונט־פאַרשידענע פּרינציפּן פון נאַטורבאַטראַכטונג. אַריסטאָטעלעס מיינט, אַז נישט אַזוי אַרום, נאָר אַז דורך *בחירה* און *דענקען* באַוועגט די נשמה דעם מענטש. גלייך ווי דאָס וואָלט נישט קלאָר געווען אַפילו פאַר די ווילדע, נאָך אַ סך פריער איידער די וויסנשאַפט האָט זיך באַוויזן אין אירע לייכטסטע התחלות!

דאָס גאַנצע „באַגרייפן" אונזערט איז אַ צוריקפירן פון דער איינצלנער דערשיינונג אויף די אַלגעמיינע געזעצן פון דער דערשיינונגסוועלט. די לעצטע קאָנסעקווענץ פון דאָזיקן שטרעבן איז דאָס איינפּאַסן אין דערדאָזיקער קייט די שכלדיקע האַנדלונגען. דעמאָקריט האָט געצויגן דידאָזיקע קאָנסעקווענץ; אַריסטאָטעלעס האָט אָפּגעלייקנט איר באַטייט.

די לערע וועגן גייסט, זאָגט *צעללער* (728. I), גייט נישט אַרויס ביי דעמאָקריטן פונם אַלגעמיינעם באַדערפניש נאָך „טיפערע פּרינציפּן" פאַר דער נאַטורדערקלערונג. דעמאָקריט האָט נישט באַטראַכט דעם גייסט אַלס די „וועלטשאַפנדיקע קראַפט", נאָר ווי אַ שטאָף לעבן די אַנדערע. אַפילו *עמפּעדאָקלעס* האָט דאָך נאָך באַטראַכט די שכלדיקייט אַלס אַן אינערלעכע אייגנשאַפט פון די עלעמענטן, דעמאָקריט דערקענט נאָר אַלס „אַ דערשיינונג, וואָס דרינגט אַרויס פון דער מאַטעמאַטישער נאַטור פון געוויסע אטאָמען אין זייער פאַרהעלטניש צו אַנדערע". און טאַקע דערין באַשטייט דעמאָקריטס יתרון, ווייל יעדע פילאָזאָפיע, וואָס וויל זיך ערנסט באַשעפטיקן מיטן פאַרהעלטניש פון דער פענאָמענאַלער וועלט, מוז צו-

ריקקומען צום דאָזיקן פונקט. דער ספּעציעלער פאַל פון די באַוועגונגען, וואָס מיר רופן אָן שכלדיקע, מוז דערקלערט ווערן לויט די אַלגעמיינע געזעצן פון יעטוועדער באַוועגונג, אויב נישט — קאָן איבערהויפּט גאָרנישט דערקלערט ווערן.

דער חסרון פון יעטוועדן מאַטעריאַליזם באַשטייט דערין, וואָס ער ווערט אָפּגעשלאָסן מיט דערדאָזיקער דערקלערונג דאָרט, ווו ס'הייבן זיך ערשט אָן די העכסטע פּראָבלעמען פון דער פילאָזאָפיע. ווער אָבער עס לאָזט זיך אַריין אין דער אויסטייטשונג פון דער אויסערלעכע נאַטור, דעם שכלדיק־האַנדלדיקן מענטש איינשליסלעך, מיט השערהדיקע שכל־דערקענטנישן—דער מאַכט אַ תּל פון דעם גאַנצן יסוד פון דער וויסנשאַפט, אַלצאיינס צי ער הייסט אַריסטאָטעלעס אָדער העגעל.

דער אַלטער קאַנט וואָלט דאָ, בלי ספק, פּרינציפּיעל מכריע געווען לטובת דעמאָקריטן, און קעגן אַריסטאָטעלעסן און צעללערן. ער דערקלערט דעם עמפּיריזם אַלס דורכויס באַרעכטיקט, אויף וויפיל ער ווערט נישט דאָגמאַטיש, ער טרעט אָבער אַרויס קעגן דער „גאווה און חופּצה פון שכל, וואָס פאַרגעסט זיין אמתע באַשטימונג״, און וועלכער „שטאָלצירט מיט דער־קענטניש און וויסן, דאָרט ווו ס'הערן אייגנטלעך אויף דער קענטעניש און וויסן״, וועלכער פאַרטוישט די פּראַקטישע און טעאָרעטישע אינטערעסן, „כּדי איבערצערייסן דעם פאָדעם פון פיזישע אונטערזוכונגען דאָרט, ווו עס לוינט איס פאַר זיין צוועק״. דידאָזיקע גאוה פונם שכל לגבי דער דערפאַרונג, דאָסדאָזיקע אומבאַרעכטיקטע איבעררייסן דעם פאָדעם פון פי־זישע אונטערזוכונגען, שפּילט היינט דיזעלבע ראָל, ווי אין דעם העלענישן אַלטערטום. מיר וועלן נאָך האָבן די געלעגנהייט צו רעדן וועגן דעם. דאָס איז שטענדיק דער פונקט, ביי וועלכן אַ געזונטע פילאָזאָפיע קאָן נישט גענוג שאַרף און ענערגיש פאַרטיידיקן דעם מאַטעריאַליזם.

דעמאָקריטס עטיק איז, נישט געקוקט אויף דער דער־הויבונג פונם גייסט איבערן קערפּער, אין גרונט גענומען, די

לערע וועגן גליקזעליקייט, וואָס שטייט אין פולן הסכם מיט דער מאַטעריאַליסטישער אָנשויונג אויף דער וועלט. צווישן זיינע מאָראַלישע ווערטלעך, וואָס האָבן זיך אויפגעהיטן אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק גרעסערער צאָל, ווי די פראַגמענטן פון זיין נאַטורלערע, געפינען זיך געוויס אַ סך אוראַלטע לערעס פון חכמה. דידאָזיקע כללים, וואָס פאַסן פאַר די פאַרשידנסטע סיסטעמען, האָט דעמאָקריט, פאַרבינדנדיק זיי מיט שכל-כללים פון זיין אָביעקטיווער לעבנסדערפאַרונג, אויסגעדריקט אין פאָפולער-פראַקטישן זין, ווייל זיי זענען נישט קיין אונטערשיידנדיקע סימנים פון זיין סיסטעם; מיר קאָנען זיי אָבער איינשליסן אין אַ פעסטער געדאַנקן-ריי, וואָס שטיצט זיך אויף ווייניקע און איינפאַכע גרונטכללים.

די לערע וועגן גליק באַשטייט אין דער הייטערער רו פונם געמיט, צו וועלכן דער מענטש קאָן דערגרייכן נאָר דורכן באַהערשן זיינע תאוות. מעסיקייט און ריינקייט פון האַרץ, צוזאַמען מיט דער אויסבילדונג פון גייסט און אַנטוויקלונג פון דער אינטעליגענץ, גיבן יעדן מענטש די מיטלען צו דערגרייכן דעמדאָזיקן ציל, נישט געקוקט אויף אַלע שנויים פון לעבן. די חושימדיקע תאוה גיט נאָר אַ קורצדויערנדיקע באַפרידיקונג, און נאָר דער, וואָס טוט דאָס גוטע צוליב זיין אינערלעכן ווערט, נישט ווערנדיק באַוויגן דורך מורא און האָפנונג, איז זיכער אין דעם אינערלעכן שכר.

אַזאַ עטיק איז אוודאי אַ סך ווייט פון עפיקורס העדאָניק אָדער פון דער עטיק פון אַ פאַרפיינערטן עגאָיזם, וועלכע מיר זעען אַלס פאַרבונדעטע פון מאַטעריאַליזם אין 18-טן י. ה.; עס פעלט איר אָבער דאָח קריטעריום פון יעדער אידעאַליסטישער מאָראַל: אַ דירעקטער, פון באַוווסטזיין גענומענער און פון יעטוועדער דערפאַרונג אומאָפּהענגיקער, אויפגעשטעלטער פרינציפ פון אונזערע האַנדלונגען. וואָס איז גוט און שלעכט, וואָס ריכטיק און נישטריכטיק, שיינט דעמאָקריט אָן ווייטערדיקע אונטערזוכונגען צו האַלטן זיי פאַר באַקאַנטע זאַכן; אַז די הייטערע רו פונם געמיט איז דאָס דויערהאַפטיק-

סטע גוטס און אַז זי קאָן דערגרייכט ווערן נאָר דורך ריכטיק דענקען און האַנדלען, — זענען דערפאַרונגס-כּללים, און די סיבה, פאַרוואָס מיר שטרעבן צו יענעם האַרמאָנישן צושטאַנד פון אונזער אינערלעכן וועזן, ליגט בלויז אינם גליק פון אינדיוויד.

צווישן די גרויסע גרונט-כּללים, אויף וועלכע עס שטיצט זיך דער מאַטעריאַליזם פון אונזער צייט, פעלט דעמאָקריטן נאָר איינער: דאָס אָפּשאַפן פון יעדער טעלעאָלאָגיע דורך אַ נאַטורפּרינציפּ, כּדי צו אַנטוויקלען דאָס צוועקמעסיקע פונם אומצוועקמעסיקן. פאַקטיש דאַרף אַזאַ פּרינציפּ נישט פעלן, אויב מ'וויל באמת אַדורכפירן דעם איינאונאיינציקן מין קויזאַליטעט — דער מעכאַנישער שטויס פון די אַטאָמען. ס'איז נישט גענוג אָנצווייזן, אַז דאָס זענען די פיינסטע, באַוועגלעכסטע און גלאַטיקסטע אַטאָמען, וואָס זענען גורם צו די דערשיינונגען פון דער אָרגאַנישער וועלט; עס מוז אויך אָנגעוויזן ווערן, פאַרוואָס אַנטשטייען מיט דער הילף פון די דאָזיקע אַטאָמען דעליקאַט-געגלידערטע קערפּער פון די פלאַנצן און חיות, צוזאַמען מיט אַלע זייערע אָרגאַנען, אויף צו דערהאַלטן די אינדיווידן און די אַרטן, אַנשטאַט באַליביקע צוועקלאָזע באַשעפענישן. ערשט נאָכן באַווייזן, אַז דאָס איז אַ מעגלעכע זאַך, וועט מען קענען אין פולן זין פון וואָרט באַגרייפן די שכלדיקע באַוועגונג אַלס אַ ספּעציעלן פאַל פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג.

דעמאָקריט האָט מיט דער התפּעלות פון אַ דענקענדיקן נאַטורפאָרשער געליבט די צוועקמעסיקייט פון די אָרגאַנישע ברואים, פריער פאַר אַלעם דעם מענטשלעכן גוף. מיר געפינען נישט ביי אים קיין סימן פון יענער פאַלשער טעלעאָלאָגיע, וועלכע מ'קען באַצייכענען אַלס אייביקן שונא פון יעטוועדער נאַטורפאָרשונג, אָבער מיר געפינען אויך נישט אין ערגעץ קיין פּרוּוו צו דערקלערן די אַנטשטייונג פון צוועקמעסיקן פון דער בלינדער שליטה פון דער נאַטורנויטווענדיקייט. מיר וויסן נישט, צי דאָס איז אַ בלייז אין זיין סיסטעם, אָדער

דאָס איז אַ בלייז אין זער מסורה; מיר ווייסן אָבער, אַז אויך דערדאָזיקער לעצטער פונדאַמענטאַל-כלל פון יעטוועדן מאַטעריאַליזם, — הגם אין אַ רויער פאָרם, אָבער אין אַ פולשטענדיק פאַרשטענדלעכער שאַרפקייט, שטאַמט פונם פילאָזאָפישן דענקען פון די העלענער. דאָס, וואָס דאַרווין האָט—געשטיצט אויף אַ גרויסן סכום פון פאָזיטיווע קענטעניש, אויפגעטון פאַר דער קעגנוואַרט, דאָס האָט אויפגעטון פאַר די דענקער פון אַלטערטום עמפעדאָקלעס—דעם איינפאַכן און איבערצייגנדיקן געדאַנק: דאָס צוועקמעסיקע האָט דעריבער די איבערגעוויכט, ווייל לויט זיין וועזן איז עס פעיק זיך צו דערהאַלטן, בעת דאָס אומצוועקמעסיקע איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען.

אין סיציליע און נידעראיטאַליע האָט דאָס העלענישע גייסטיקע לעבן, נישט קיין סך שפעטער ווי ביי די ברעגן פון קליינאַזיע, דערגרייכט אַ לעבהאַפטן פאַנאַנדערבלי. אויך „גרויסגריכנלאַנד" מיט זיינע רייכע און שטאָלצע שטעט האָט איבערגעיאָגט דאָס מוטערלאַנד, ביז די שטראַלן פון דער פילאָזאָפיע האָבן זיך, גלייך ווי אין אַ ברענפונקט, ווידער קאָנצענטרירט אין אַטען. צו דער שנעלער אַנטוויקלונג פון דידאָזיקע קאָלאָניעס האָט געוויס צוגעהאָלפן דערזעלבער עלעמענט, וואָס האָט גורם געווען צו געטעס קרעכץ: „אַמעריקע, דיר איז אַ סך בעסער, ווי אונזער אַלטן קאָנטינענט, דו האָסט נישט קיין חרובע שלעסער און באַזאַלטן". די גרעסערע אומאָפהענגיקייט פון דער טראַדיציע, דאָס ווייט זיין פון די אַלטע קולטור-געגנטן און פון דער ספערע פון די אַמביציעזע פריסטערלעכע פאַמיליעס מיט זייער טיפאיינגעוואָרצלטער אויטאָריטעט, שיינט שטאַרק צו האָבן מיטגעווירקט צום איבערגאַנג פון דער ממשלה פון רעליגיעזן גלויבן צו וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג און פילאָזאָפישן דענקן.

דער פיטאַגאָרייאישער בונד איז טראָץ זיין שטרענגקייט גלייכצייטיק געווען אַ רעליגיעזער חדוש פון אַ שטאַרק ראַדיקאַלן כאַראַקטער און צווישן די גייסטיק-פראָמינענ-

טע מיטגלידער פון דאָזיקן בונד האָט זיך אַנטוויקלט דאָס דערפאָלגרייכע שטודירן פון דער מאַטעמאַטיק און די נאַטורוויסנשאַפטן, וואָס גריכנלאַנד האָט געקענט ביז די אַלעקסאַנדרינישע צייטן. קסענאָפאַנעס, וואָס האָט פון קליינאַזיע איבערגעוואַנדערט קיין נידעראיטאַליע און דאָרט געגרינדעט די עלעאַטישע שול, איז געווען אַ פאַרברענטער משכיל. ער האָט באַקעמפט די מיסטישע פאָרשטעלונגען וועגן מהות פון די געטער און אויף זייער אָרט צוועקגעשטעלט פילאָזאָפישע באַגריפן.

עמפעדאָקלעס פון אַגריגענט דאַרף נישט באַצייכנט ווערן אַלס מאַטעריאַליסט, ווייל ער האָט אין פרינציפ אָפגעטיילט קראַפט פון מאַטעריע. ער איז וואַרשיינלעך געווען דער ערשטער אין גריכנלאַנד, וואָס האָט פאַנאַנדערגעלייגט דעם שטאָף אויף פיר עלעמענטן, וואָס האָבן דורך אַריסטאָטעלעס באַקומען אַזאַ פעסטן באָדן, אַז נאָך עד היום געפינען מיר זייערע שפורן אויף טייל פונקטן פון דער וויסנשאַפט. חוץ זיי האָט עמפעדאָקלעס נאָך צוויי גרונט-כוחות: די ליבע און די שנאה, וואָס האָבן ביים באַשאַפן און חרוב מאַכן די וועלט געשפילט די ראָל פון צוציונג און אָפשטויסונג. וואָלט עמפעדאָקלעס פאָרגעשטעלט דידאָזיקע קרעפטן אַלס אייגנשאַפטן פון די עלעמענטן, וואָלטן מיר אים געקאָנט רויק צורעכענען צו די מאַטעריאַליסטן. ווייל נישט בלויז פאַר זיין בילדרייכער שפראַך פון זיינע פילאָזאָפישע שירים האָט ער גענומען באַצייכענונגען פון די געפילן פון מענטשלעכן האַרץ, נאָר ער האָט חוץ דעם געלאָזט אין באַוועגונג דעם גאַנצן אָלימפ און „יענע וועלט", כדי צוצוגעבן זיינע באַגריפן אַ לעבעדיקן חותם, און צוגלייך מיטן פאַרשטאַנד פאַראינטערעסירן די פאַנטאַזיע.

אָבער זיינע גרונט-כוחות זענען אומאָפהענגיק פון שטאָף. אין אומדערמעסטלעכע פעריאָדן האָט איבערגעוויגן אַמאָל איינע, אַמאָל די צווייטע. אויב די „ליבע" האָט באַקומען די פולשטענדיקע שליטה, האָבן אַלע שטאָפן גערוט אין גליקלעכן פרידן, פאַראייניקט אין איין גרויסער קויל. אויב די „שנאה"

האָט דערגרייכט דעם העכסטן שפּיץ פון איר מאַכט, איז אַלץ געוואָרן צעוואָרפן און צעזעצט. אין ביידע פאַלן עקזיסטירן נישט קיין איינצעלנע זאַכן.

דאָס גאַנצע ערדישע לעבן איז פאַרבונדן מיט די איבערגאַנגס-צושטאַנדן, וועלכע, פון דער איינהייטלעכער וועלטקויל דערפירן דורך דער וואָס אַמאָל פאַרשטאַרקטער מאַכט פון שנאה צו אַבסאָלוטער צעברעקלטקייט, אָדער דורך דער פאַרשטאַרקטער מאַכט פון ליבע — צום פאַרקערטן וועג. דער לעצטער איז אונזערער וועלט-פּעריאָד, וועלכער, ווי מ׳קען אַרויסדרינגען פון די גרונט-געדאַנקען פון דערדאָזיקער שיטה, האָט הינטער זיך אַן אומגעהויערן צייטדויער. דאָס ספּעציעלע פון זיין קאָסמאָגאָניע אינטערעסירט אונז דאָ נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל עס האַנדלט זיך וועגן דער אַ נ ט ש ט ײ ו נ ג פ ו ן ד י אָ ר ג אַ נ י ז מ ע ן, ווייל דאָ באַגעגענען מיר זיך מיט יענעם געדאַנק, וואָס האָט דורך עפּיקורס און לוקרעציוס׳ס פאַרמיטלונג געהאַט אַזאַ לאַנגדויערנדיקע און אָנהאַלטנדיקע השפּעה.

„שנאה“ און „ליבע“ ווירקן נישט לויט איין פּלאַן, ווייניקסטנס נישט לויט קיין אַנדערן פּלאַן, ווי דער פון אַלגעמיינער טיילונג און פאַראייניקונג. די אָרגאַניזמען אַנטשטייען פון דעם צופעליקן שפּיל פון די עלעמענטן און גרונטכּוחות. מתחילת ווערן באַשאַפן פלאַנצן, דערנאָך די בעלי-חיים. די נאַטור האָט קודם-כּל איינציקווייז באַשאַפן די אָרגאַנען פון די בעלי-חיים: אויגן אָן פּנימער, אָרעמס אָן קערפּער א. א. וו. דאַן איז צוגלייך מיטן פאָרשריט פונם באַהעפטונגס-דראַנג צושטאַנדגעקומען אַ ווירבלדיק שפּיל פון קערפּער, דא אַזוי, דאָרט אַנדערש צוזאַמענבאַהאָפטן. די נאַטור האָט ווי אויסגעפּרובירט אַלע קאָמבינאַציעס, ביז ס׳איז געקומען אויף דער וועלט אַ לעבנספעיק און ענדלעך אויך צו פּריה-ורביה פעיק באַשעפעניש. קום איז שוין פאַראַן דאָסדאָזיקע באַשעפעניש, דערהאַלט עס זיך פון זיך זעלבסט, בעת יענע פריערדיקע באַשעפעניש׳ן זענען אונטערגעגאַנגען, אַזוי ווי זיי זענען אַנטשטאַנען.

(Gesch. der Phil. 4 Auflage s. 66 I.) איבערוועג

באַמערקט, אַז דידאַזיקע טעאָריע קאָן מען פערגלייכן מיט דער נאַטורפילאָזאָפיע פון שעלינג-אָקען און מיט דער אָפּ-שטאַם-טעאָריע פון לאַמאַרק-דאַרווין, אָבער די לעצטע זעט דעם גרונט פונם פאָרשריט מער אין דער בהדרגהדיקער דיפערענצירונג פון די אייַנפאַכערע פאָרמען, דערקעגן די עמפּעדאָקלישע-דאָקטרין — אין דער פאַרבינדונג פון די פאַרשידנמיניקע (העטעראָגענע) פאָרמען. דידאָזיקע באַמערקונג איז גאַנץ ריכטיק, און מ'וואָלט געקאָנט צוגעבן, אַז די נייערע אָפּשטאַם-טעאָריע ווערט אונטערגעשטיצט פון פאַקטן, בעת די טעאָריע פון עמפּעדאָקלעסן, משפּטנדיק פון וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט פון דער היינטיקער צייט, ווייזט זיך אונז אויס אַן אַבסורדע און אַוואַנטוריסטישע.

ס'איז אָבער אויך כדאַי צו באַטאָנען דאָס, וואָס פאַרבינדט די ביידע טעאָריעס אין דער באַשטימטסטער געמיינזאַמער קעגנערשאַפט לגבי דער נאַטורפילאָזאָפיע פון שעלינג-אָקען: דאָס איז דאָס ריין מעכאַניש צושטאַנדקומען פון צוועקמעסיקן דורכן אומענדלעך איבערגעחזרטן שפּיל פון גערווירן און פאַרניכטן, און צום סוף בלייבט איבער נאָר דער, וואָס טראָגט אין זיין רעלאַטיוו-צופעליקער הויה די גאַראַנטיע פון דויערהאַפטיקייט. און אויב בנוגע עמפּעדאָקלעסן איז נאָך באַרעכטיקט דער קריטישער צווייפל, צי ער האָט די זאַך באמת אַזוי פערשטאַנען, איז עס פולשטענדיק זיכער, אַז עפּיקור האָט אַזאַ זין געגעבן דער עמפּעדאָקלישער טעאָריע און זי אַזוי אַרום צונויפגעגאָסן מיט דער אַטאָמיסטיק און מיט זיין טעאָריע וועגן דער ווירקלעכקייט פון אַלע מעגלעכקייטן.

פונקט ווי אַרום דעמאָקריטס נאָמען, אַזוי האָט זיך אויך אַרום עמפּעדאָקלעס נאָמען אָנגעזאַמלט אַ סך לעגענדעס און מעשהלעך, פון וועלכע מ'קאָן אַ גרויסן טייל אַרויספירן פון דער שליטה איבער די נאַטור-כוחות, וואָס זיינע צייט-חברים האָבן דערין געזען מעשה-נסים. אָבער בעת דעמאָקריט האָט ביי זיין ניכטערסטער פשטות און אפנהאַרציקייט פון זיין לערע און לעבן, געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין גרויסן שם אויסשליסלעך די פּאָזיטיווע טאַטן, האָט עמפּעדאָקלעס געשיינט ליב צו האָבן

די מיסטישע קרוין פון אַ בעל-מופת און דאָס אויסגענוצט פאַר זיינע רעפאָרמאַטאָרישע צוועקן. אויך ער האָט געוואָלט פאַר שפרייטן ריינערע באַגריפן וועגן די געטער, ווען אַפילו נישט מיטן ראַציאָנאַליזם פון אַ קסענאָפאַנעס, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן דעם אַנטראָפּאָמאָרפיזם.

עמפּעדאָקלעס האָט געגלויבט אין נשמה-גלגולים; ער האָט פאַרבאָטן צו ברענגען קרבנות, ווי אויך דעם גענוס פון פלייש. זיין ערנסטע האַלטונג, זיין פלאַמיקע באַרעדעוודיקייט, דער שם פון זיינע מעשים, האָבן אימפּאָנירט דעם פאָלק און ס'האָט אים פאַרגעטערט. פּאָליטיש איז ער געווען אַ פאַנאַטישער אָנהענגער פון דער דעמאָקראַטיע, וועלכער ער האָט אין זיין געבורטסשטאָט צוגעהאָלפן צום נצחון. פונדעסטוועגן האָט ער אויך פאַרזוכט דעם טעם פון פאָלקס-אומחסד. ער איז געשטאָרבן אין פעלאָפּאָנעז, ווו ער האָט וואַרשיינלעך אָפּגעריכט גלות.

ווי אַזוי זיינע רעליגיעזע לערעס האָבן געקאָנט לעבן בשלום מיט זיין נאַטורפילאָזאָפיע, דאָס ווייסן מיר נישט. צעלער באַמערקט: „וויפיל טעאָלאָגישע לערעס זענען אָנגענומען געוואָרן דורך קריסטלעכע פילאָזאָפן, וואָס זייער פילאָזאָפישע קאָנסעקווענץ איז דורכויס געשטאַנען אין סתירה צו די זעלבע לערעס".

II. דער סענסואַליזם פון די סאָפיסטן און אַריסטיפּס עטישער מאַטעריאַליזם

דיזעלבע באַדייטונג, וואָס עס האָט אין דער אויסערלעכער נאַטור דער שטאָף אָדער די מאַטעריע, האָט אין אינערלעכן לעבן פון מענטש די עמפינדונג. אויב מ׳גלייבט, אַז באַוווסטזיין קאָן עקזיסטירן אָן עמפינדונג, שטיצט מען זיך אויף אַ סובטעלער אילוזיע. מ׳קאָן האָבן אַ זייער לעבהאַפט באַוווסטזיין, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די העכסטע און וויכטיקסטע זאַכן, און דערביי באַזיצן עמפינדונגען פון אַ גאָר קליינער זינלעכער קראַפט. שטענדיק זענען אָבער פאַראַן עמפינדונגען, פון וועמעס פאַרהעלטניש און האַרמאָניע אָדער דיסהאַרמאָניע אַנטשטייט דער אינהאַלט און באַדייטונג פון באַוווסטזיין, פונקט ווי דער דאַם פון רויען שטיין, די אינהאַלטספולע צייכנונג—פון סובטעלע מאַטעריעלע ליניעס, אָדער די בלום — פון דעם אָרגאַנישן שטאָף.

פונקט ווי דער מאַטעריאַליסט, צוקוקנדיק זיך צו דער אויסערלעכער נאַטור, פירט אַרויס די פאָרמען פון די זאַכן פון זייערע שטאָפן, און מאַכט זיי אַלס יסוד פון זיין וועלטאָנשויונג, אַזוי פירט אויך אַרויס דער סענסואַליסט דאָס גאַנצע באַוווסטזיין פון די עמפינדונגען.

דער סענסואַליזם און מאַטעריאַליזם באַטאָנען בכן אַלס יסוד דעם שטאָף, אין קעגנזאַץ צו דער פאָרם. עס פרעגט זיך אָבער, וויאַזוי זיי פאַרהאַלטן זיך איינער צום צווייטן.

נאַטירלעך נישט בלויז דורך אַן אָפּמאַך, לויט וועלכן מ׳קאָן אין אינערלעכן לעבן זיין אַ סענסואַליסט, און אין אויסערלעכן — אַ מאַטעריאַליסט. באַם דאָזיקן שטאַנדפּונקט האַלט מען זיך טאַקע אין דער אומקאָנסעקווענטער פּראַקטיק אַממייסטן, אָבער דאָס איז נישט קיין פילאָזאָפישער שטאַנדפּונקט.

דער קאָנסעקווענטער מאַטעריאַליסט וועט גיכער לייקענען אין דעם, אַז עמפּינדונג עקזיסטירט אָן דעם שטאָף; ער וועט דעריבער אויך אין די פּראָצעסן פון באַוווסטזיין געפינען נאָר ווירקונגען פון געווינלעכע מאַטעריעלע פאַרענדערונגען, און די־דאָזיקע צוזאַמען מיט די איבעריקע מאַטעריעלע פּראָצעסן פון דער אויסערלעכער נאַטור באַטראַכטן, אַרויסגייענדיק פון אַ געמיינזאַמען קוקווינקל; דער סענסואַליסט דערקעגן וועט מוזן לייקענען אין דעם, אַז מיר ווייסן איבערהויפּט עפּעס וועגן די שטאָפן, ווי אויך וועגן זאַכן פון דער אויסערלעכער וועלט, ווייל מיר האָבן דאָך אונזערע פאָרשטעלונגען וועגן די זאַכן און מיר קאָנען נישט ווייסן, ווי־אַזוי זיי פאַרהאַלטן זיך צו די זאַכן אין זיך גופא. די עמפּינדונג איז פאַר אים נישט בלויז דער שטאָף פון אַלע פּראָצעסן פונם באַוווסטזיין, נאָר אויך דער אייִנציק אוממיטלבאַר־געגעבענער שטאָף, ווייל מיר האָבן און קענען אַלע זאַכן פון דער אויסערלעכער וועלט נאָר אין אונזערע עמפּינדונגען.

צוליב דער אומאָפּלייקנבאַרער ריכטיקייט פון דערדאָזיקער הנחה, וואָס איז ווייט פון געווינלעכן באַוווסטזיין און איז משער אַן אייִנהייטלעכע וועלטאָנשויונג, דערשיינט פאַר אונז דער סענסואַליזם אַלס אַ נאַטירלעכער המשך פונם מאַטעריאַליזם 30). דערדאָזיקער המשך איז געשאַפן געוואָרן ביי די גריכן דורך יענער שול, וועלכע האָט איבערהויפּט געהאַט אַ טיפע השפעה אויף דער אַנטוויקלונג און ירידה פון אַנטיקן לעבן, — דורך די סאָפיסטן.

אין שפּעטערדיקן אַלטערטום האָט מען דערציילט, אַז דער קלוגער דעמאָקריט האָט אין זיין געבורטסשטאָט אַבדעראַ געזאָלט זען אַ טרעגער, וואָס האָט אויף אַ באַזונדערס געשיקטן

אופן צוזאַמענגעלייגט די שטיקלעך האָלץ, וועלכע ער האָט גע־דאַרפט אָוועקטראָגן. דעמאָקריט האָט מיט אים פאַרפירט אַ שמועס און איז אַזוי איבעראַשט געוואָרן פון זיין שאַרפזין, אַז ער האָט אים צוגענומען פאַר אַ תּלמיד. דערדאָזיקער טרע־גער איז עס געוואָרן דער מענטש, וואָס האָט גורם געווען צו אַ גרויסן איבערקער אין דער וועלטשטעלונג פון דער פילאָזאָפיע: ער איז אויפגעטרעטן אַלס געצאָלטער לערער פון חכמה: פּראָטאַגאָראַס, דער ערשטער סאָפיסט (31.

היפּיאַס, פּראָדיקאָס, גאָרגיאַס און אַ גרויסע ריי פון ווייניקער באַרימטע מענטשן, סרוב באַקאַנט פון פּלאַטאָנס ווערק, האָבן אינגיכן אַרומגעוואַנדערט איבער די גריכישע שטעט, לערנענדיק, דיסקוטירנדיק, און אַ געווויסער טייל פון זיי האָט זיך דערוואָרבן גרויסע רייכטימער. זיי האָבן מיטגעריסן מיט זיך די טאַלענטפולסטע יוגנט, און ס'האָט געהערט צום גוטן טאָן דאָס געניסן פון זייערע לעקציעס, זייערע טעאָריעס און שמועסן זענען געוואָרן די טעמע פון טאָג ביי דער העכערער געזעלשאַפט, זייער רום האָט זיך פאַרשפּרייט מיט אַן אומגלויבלעכער שנעלקייט.

דאָס איז געווען אַ נייס אין העלאַס, און נישט נאָר די אַלטע מאַראַטאָן-קעמפער, די וועטעראַנען פון די באַפרייונג-מלחמות, האָבן מיט קאָנסערוואַטיוון צווייפל געשאָקלט מיט די קעפּ: אַפילו די אָנהענגער גופא פון די סאָפיסטן האָבן זיך אין זייער באַוווּנדערונג מיט גאָרנישט אונטערגעשיידט פון די היינטיקע פאַרערער פון אַ באַרימטן אָפּערן-זינגער; דער רוב וואָלט טראָץ דער באַוווּנדערונג זיך געשעמט צו שפּילן די זעלבע ראָל. סאָקראַטעס פלעגט ברענגען אין פאַרלעגנהייט די תּלמידים פון די סאָפיסטן, מיט זיין פּשוטער פראַגע וועגן דער פּראָפעסיע פון זייערע לערעס: פון פידיאַסן קאָן מען זיך אויסלערנען סקולפּטור, פון היפּאָקראַטעסן — מעדיצין, אָבער וואָס קאָן מען זיך אויסלערנען פון פּראָטאַגאָראַסן?

דער שטאָלץ פון די סאָפיסטן און זייער ליבע צו לוק־

סוס איז נישט אומשטאַנד געווען צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער פאָרגעמער, אָפּגעזונדערטער שטעלונג פון די אַלטע פילאָזאָפן. דער אַריסטאָקראַטישער דילעטאַנטיזם אין דער קלוגשאַפט איז העכער געשעצט געוואָרן ווי די פאַכמענישע באַהאַנדלונג.

ס'איז נישט ווייט די צייט, ווען מ'וועט קענען נאָר די שאָטנזייטן פון דער סאָפיסטיק. אַריסטאָפאַנעס שפּאָט און פלאַטאָנס זיטלעכער ערנסט האָבן זיך פאַרייניקט מיט די אומצייליקע פילאָזאָפישע אַנעקדאָטן פון די שפּעטערדיקע צייטן, כדי סוף כל סוף אַרונטערצונעמען אונטערן נאָמען סאָפיסטיק אַלץ, וואָס מ'האָט געפונען אין פוסטע פּשטלעך, פאַרקויפטער דיאַלעקטיק און סיסטעמאַטישער אומזיטלעכקייט. סאָפיזם איז געוואָרן דער סינאָנים פון יעדן חכמהנען זיך, און בעת די רעהאַביליטאַציע פון עפיקור און עפיקורייער איז שוין לאַנג געוואָרן אַ פאַקט, וואָס אַלע געבילדעטע אָנערקענען, און דער נאָמען פון די סאָפיסטן איז נאָך באַדעקט מיט חרפּה, איז אַן אומבאַגרייפלעך רעטעניש, ווי אַזוי אַזאַ מענטש ווי אַריסטאָפאַנעס האָט געקאָנט פאָרשטעלן *סאָקראַטעסן* אַלס דעם ראש פון די סאָפיסטן.

אַ דאַנק העגעלן און זיין שול, אין פאַרבינדונג מיט די פאָרורטיילפרייע אונטערזוכונגען פון דער נייסטער פילאָזאָפיע, איז אין דייטשלאַנד געמאַכט געוואָרן אַ וועג פאַר אַ גערעכטערער אויפפאַסונג. נאָך אַנטשידענער איז אַרויסגעטרעטן אין ענגלאַנד *גראָטער* אין זיין „געשיכטע פון גריכנלאַנד", און נאָך פריער פאַר אים זעען מיר *ליוסן*, וועלכער נעמט זיך אָן פאַרן כבוד פון די סאָפיסטן. דער לעצטער האַלט, אַז פלאַטאָנס *עוטידעמוס* איז פונקט אַזוי גוט איבערגעטריבן, ווי אַריסטאָפאַנעס „וואָלקן".

„אַריסטאָפאַנעס קאַריקאַטור אויף סאָקראַטעסן איז אַזוי נאָענט צום אמת, ווי פלאַטאָנס קאַריקאַטור אויף די סאָפיסטן, מיט דעם איינציקן אונטערשיד, וואָס אין ערשטן פאַל

איז עס געשען צוליב פּאָליטישן ווידערווילן, און אין צווייטן פֿאַל צוליב ספּעקולאַטיוון" (32).

גראַטע ווייזט אונז, אַז דערדאָזיקער פּאַנאַטישער האַס איז אייגנטלעך געווען אַ פּלאַטאָנשער. קסענאָפאָנס סאָקראַטעס שטייט נישט אין אַזאַ שאַרפן קעגנזאַץ צו די סאָפיסטן.

פּראָטאַגאָראַס באַצייכנט אַ גרויסן, אַנטשיידענעם ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פֿון דער גריכישער פילאָזאָפיע. ער איז דער ערשטער, וואָס איז נישט אַרויסגעגאַנגען פֿון אָ ב י ע ק ט פֿון דער אויסערלעכער נאַטור, נאָר פֿון ס ו ב י ע ק ט, פֿון גייסטיקן וועזן פֿון מענטש (33). אין דער הינזיכט איז ער, בלי ספק, סאָקראַטעס'ס אַ פֿאָרלויפֿער, יאָ, אין אַ געוויסן זין שטייט ער בראש פֿון דער גאַנצער אַנטימאַטעריאַליסטישער אַנטוויקלונגס-ריי, וועלכע מ'הייבט געוויינלעך אָן פֿון סאָקראַטעסן. פֿונדעסטוועגן שטייט נאָך פּראָטאַגאָראַס אין די ענגסטע באַציונגען מיטן מאַטעריאַליזם, טאַקע דערפֿאַר, וואָס ער גייט אַרויס פֿון דער עמפּינדונג, ווי דעמאָקריט פֿון שטאָף, ער שטייט אָבער אין אַ שאַרפֿן קעגנזאַץ צו פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס, ווייל פֿאַר אים — און אויך דערדאָזיקער שטריך איז קרובהש צום מאַטעריאַליזם – איז דאָס א י י נ צ ע ל נ ע און א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע דאָס וועזנטלעכסטע, בעת פֿאַר יענע, פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס, איז עס דאָס אַלגעמיינע.

מיט פּראָטאַגאָראַס סענסואַליזם בינדט זיך א ר ע ל א נ ט י ו י ז ם, וואָס דערמאָנט אונז אָן ב י כ נ ע ר ן און מ אָ ל ע ש אָ ט ן. די הנחה, אַז ס'איז עפּעס פֿאַראַן, דאַרף שטענדיק האָבן אַ נענטערע באַשטימונג: א י ן פ אַ ר ה ע ל ט נ י ש צ ו ד ע ם, וואָס עס איז אָדער וואָס ס'וועט זיין; אין קעגנפֿאַל איז דערמיט גאָרנישט געזאָגט געוואָרן! (34).

דאָס זעלבע זאָגט ביכנער, באַקעמפֿנדיק די „זאַך אין זיך", אַז „אַלע זאַכן עקזיסטירן נאָר פֿאַר זיך און אָן קעגנזייטיקע באַציונגען באַטייטן זיי גאָרנישט" (35). נאָך באַשטימטער דריקט דאָס אויס מ אָ ל ע ש אָ ט: „אָן פֿאַרהעלטניש צום אויג, אין

וועלכן ער שיקט אהין זיינע שטראַלן, איז דער בוים גאָר־גישט פאַראַן".

אזעלכע הנחות ווערן נאָך היינטצוטאָג פאַררעכנט אַלס מאַטעריאַליזם; לויט דעמאָקריטן אָבער איז דער אַטאָם געווען א „זאַך פאַר זיך". פּראָטאַגאָראַס האָט אָוועקגעוואָרפן די אַטאָ־מיסטיק. לויט איב איז די מאַטעריע געווען עפּעס א פולשטענ־דיק אומבאַשטימטס, וואָס ליגט אונטער אַן אייביקן לויף און ענדערונג. זי איז דאָס, וואָס עס שיינט יעדן איינעם צו זיין.

דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פון פּראָטאַגאָראַס פילאָזאָפיע זענען פאָלגנדיקע פונדאַמענטאַלע יסודות פון זיין סענסואַליזם:

1 דער מענטש איז די מאָס פון אַלע זאַכן; פון די עקזיסטירנדיקע, אַז זיי זענען דאָ; פון די נישט עקזיסטירנ־דיקע, אַז זיי זענען נישטאָ.

2. קעגנזעצלעכע באַהויפּטונגען זענען אין א גלייכער מאָס אמת.

דער צווייטער פון דידאַקטישע כללים איז דער אויפפאַלנ־דיקסטער און גלייכצייטיק אויך דער, וואָס דערמאָנט אַמשטאַרקסטן אָן יענע געוויסנסלאָזע פּלפולים, וועלכע מ'האָלט צו אָפט נאָר אַלס דעם אייגנטלעכן מהות פון דער אַלטער סאָפיסטיק ער באַקומט אָבער א טיפערן זין, אויב מ'דערקלערט אים, אַרויסגייענדיק פון ערשטן כלל, וועלכער אַנטהאַלט אין זיך דעם קערן פון פּראָטאַגאָראַס לערע.

דער מענטש איז די מאָס פון די זאַכן, ד. ה. עס איז אָפּהענגיק פון אונזערע עמפּינדונגען, ווי אַזוי די זאַכן דער־שיינען פאַר אונז און דידאַקטישע דערשיינונג איז דאָס אַליין געגעבענע. ובכן, נישט דער מענטש מיט זיינע אַלגע־מיינע און נויטווענדיקע אייגנשאַפטן, נאָר יעדער איינצעלנער אין יעדן איינצעלנעם מאָמענט איז די מאָס פון די זאַכן. וואָלט זיך געהאַנדלט נאָר וועגן די אַלגעמיינע און נויטווענדיקע איי־גענשאַפטן, וואָלט מען פּראָטאַגאָראַסן געקאָנט באַטראַכטן אַלס פאָרלויפער פון קאַנטס טעאָרעטישער פילאָזאָפיע; פּראָטאַגאָ־ראַס אָבער האָט זיך ביים איינפלוס פונם סוביעקט, ווי אויך

ביים אורטיילן פונם אָביעקט, שטרענג געהאַלטן אַן דער איינצעלנער אויפנעמונג, און ווייט פון צו באַטראַכטן דעם „מענטש אַלס אַזעלכן", קאָן ער, גענוי גערעדט, נישט מאַכן דעם *אינדיוויד* אַלס מאָס פון די זאַכן; ווייל דער אינדיוויד איז פאַרענדערלעך, און אויב די זעלבע טעמפעראַטור איז פאַרן זעלבן מענטש אַמאָל קאַלט, אַמאָל הייס, זענען די ביידע איינדרוקן אין יעדן פון ביידע מאָמענטן גלייך אמת, און חוץ דאָזיקן אמת, איז נישט פאַראַן קיין אַנדערער.

איצט קאָן מען אָן סתירה לייכט דערקלערן דעם צווייטן כלל, אויב מ'גיט צו אַ נענטערע באַשטימונג, ווי עס פאָדערט פּראָטאַגאָראַס שיטה: אין זין פון צוויי פאַרשידענע אינדיווידן.

פּראָטאַגאָראַסן איז נישט איינגעפאַלן אַריינצולייגן די זעלבע באַהויפּטונג אין מויל אַריין פון זעלבן מענטש און גלייכצייטיק אָנערקענען דאָס פאַר ריכטיק און פאַר פאַלש; ער האָט אָבער יאָ געלערנט, אַז אויף יעדן כלל, וואָס עמיצער באַהויפּטעט, קאָן מען מיטן זעלבן רעכט באַהויפּטן דעם היפּוך, אויב ס'געפינט זיך איינער, וועמען דאָס שיינט צו זיין ריכטיק.

ס'איז נישט קיין ספק, אַז אין דעמדאָזיקן דענקאויפן וועגן זאַכן שטעקט אַ גרויסער מאָמענט פון אמת; ווייל דער *אמתער פאַקט*, דאָס אוממיטלבאַר געגעבענע, איז אין דער ווירקלעכקייט *דער פענאָמען*, אָבער אונזער גייסט פאַרלאַנגט אין לויף פון די דערשיינונגען עפּעס באַשטענדיקס. *סאָקראַטעס* האָט געזוכט דעם וועג צום דאָזיקן באַשטענדיקן; *פּלאַטאָן* האָט געגלייבט, אַז אין זיין שאַרפן קעגנזאַץ לגבי די סאָפיסטן האָט ער עס געפונען אינם *אַלגעמיינעם*, לגבי וועלכן דאָס איינצעלנע פאַלט אַראָפּ צו דער מדרגה פון אַ באַטייטלאָזן שיין.

אין דערדאָזיקער פּלוגתא זענען, טעאָרעטיש גענומען, די סאָפיסטן גערעכט, און פּלאַטאָנס טעאָרעטישע פילאָזאָפיע קאָן אַרויספירן איר העכערע באַדייטונג נאָר פון דער טיף-באַגרינ-

דעטער אָנווג פון אַ פאַרבאָרגענעם אמת און פון זיינע באַציו-גען צו די אידעאַלע געביטן פונם לעבן.

די פאַטאַלע קאָנסעקווענצן, פון דעם דורך פּראָטאַגאָראַסן אָנגענומענעם שטאַנדפּונקט, האָבן זיך בולט אַרויסגעוויזן אין דער עטיק. אמת, פּראָטאַגאָראַס גופא האָט נישט אַרויסגעצויגן דידאָזיקע קאָנסעקווענצן, ער האָט דערקלערט אַז די תאוה איז די טרייבקראַפט פון האַנדלען, ער גופא האָט אָבער געמאַכט אַ שאַרפן אונטערשיד צווישן גוטע בירגער און איידעלע מענטשן, וואָס האָבן ליב צו טון גוטס און איידלס, און די שלעכטע און געמיינע, וואָס האָבן אַ נטיה צום שלעכטן 36). אַזוי אויך האָט מען, אוממיטלבאַר פון דער טעאָרעטישער אָנשויונג פון יענעם אומבאַדינגטן רעלאַטיוויזם, געמוזט אַרויסדרינגען, אַז פאַרן מענטש איז אויך דאָסיעניקע רעכט און גוט, וואָס עס שיינט אים צו זיין גוט און רעכט אין דעם געגעבענעם מאָמענט.

אַלס פּראַקטישע מענטשן, אַפילו לערער פון דער טוגנט, האָבן זיך די סאָפיסטן פשוט אַן עצה געגעבן דערמיט, וואָס זיי האָבן די מסורהדיקע העלענישע מאָראַל אַזוי ווי זי שטייט און גייט אָנגענומען ווי אַן אייגענע זאַך. ס׳האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן אַרויספירן זי פון עפּעס אַ פּרינציפּ; אַפילו די לערע, אַז מ׳דאַרף פּלעגן יענע איבערצייגונגען, וואָס נוצן לטובת דעם ווילשטאַנד פון דער מלוכה, איז נישט דערהויבן געוואָרן צו אַ מאָראַללערע, הגם זי איז געווען נאָענט דערצו.

ס׳איז לייכט צו באַגרייפן, אַז נישט בלויז די פאַנאַטישע קעגנער, ווי פּלאַטאָן, נאָר טיילמאָל אויך די דרייסטערע שילער פון די סאָפיסטן, האָבן אַרויסגעצויגן די געפערלעכסטע קאָנסעק-ווענצן פונם פּרינציפּ פון ווילקירלעכקייט. די באַרימטע קונסט, פאַרצושטעלן די ערגערע זאַך אַלס די בעסערע, ווערט גענו-מען אין שוץ דורך ליוסן 37), וואָס באַטראַכט זי אַלס דיסקוטיר-קונסט פאַר פּראַקטישע מענטשן, „צו זיין זייער אייגענער אַדוואָ-קאַט”, אָבער מ׳דערזעט באַלד די צווייטע זייט פון דער מטבע. זיין פאַרטיידיקונג איז גענוג אויף פאַרצושטעלן די סאָ-

פיסטן אַלס געוואָגטע און אומבאַפלעקטע מענטשן אויפן אַלגע־מיינעם באָדן פון דער העלענישער דורכשניטסמאָראַל; זי פאַר־פעלט אָבער איר ציל,—אָפּצולייקענען די מיינונג, אַז די סאָפּיס־טיק איז געווען אַ צעשטערנדיקער עלעמענט אין דער העלע־נישער קולטור.

באַטראַכטן מיר אָבער געגוי דעם כּלל, אַז די תּ א ו ה איז די טרייבקראַפט פון די מעשים, זעט מען לייכט, אַז דער גאַנצער יסוד פון דער קירענאַישער לערע וועגן תּאוה איז שוין געלייגט געוואָרן דורך פּראָ־טאַגאָראַס׳ס, סענסואַליזם. ערשט אַריסטיפּ דער „סאָקראַ־טיקער" האָט אַנטוויקלט דעמדאָזיקן שפּראָצל.

ביים הייסן צפון-ברעג פון אַפריקע האָט זיך געפונען די גריכישע האַנדלס־קאָלאָניע קירענע: דאָ האָט זיך פאַרייניקט דער אָריענטאַלישער לוקסוס מיט דער העלענישער השׂכּלה. אַלס זון פון אַ רייכער סוחרישער פאַמיליע פון דערדאָזיקער שטאָט, ווו ער איז אויפגעוואַקסן אין דער וועלטלעכער דער־ציונג, איז דער יונגער אַריסטיפּ אָנגעקומען קיין אַטען, פאַר־לאָקט פון סאָקראַטעס שם.

אַ שיינער, באַשאַנקן מיטן צויבער פון פיינסטער באַנע־מונג און גייסטרייכסטער אונטערהאַלטונג, האָט אַריסטיפּ געווו־נען יעדנס האַרץ. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן סאָקראַטעסן, און ער איז אָנגעגאַנגען אַלס סאָקראַטיקער, ווי פאַרשיידן ס׳זאָל נישט זיין די ווענדונג, וואָס זיין לערע האָט אָנגענומען, פון דעם מהות פון דער סאָקראַטישער. זיין פּערזענלעכע נייגונג צו לעבן אין מותרות און גלאַנץ, און דער מעכטיקער איינפלוס פון די סאָפיסטן, האָבן משפּיע געווען אויף דער אַנטשטייונג פון זיין לערע: אַז די תּאוה איז דער צוועק פונם דאָ־זיין.

אַריסטאָטעלעס האָט אים אָנגערופן סאָפיסט; און דאָך קאָן מען ביי אים דערקענען דעם איינפלוס פון דער סאָקראַטישער לערע. סאָקראַטעס האָט אָנערקענט דאָס העכסטע גליק אין דער טוגנט און געלערנט, אַז די טוגנט טרעפט זיך

צונויף מיט דער וואָרער דערקענטניש. אַריסטיפּ האָט געלערנט׳ אַז נאָר זעלבסטבאַהערשונג און ישוב־הדעת, בכן די עכטע סאָקראַטישע טוגנטן, מאַכן אונז פעיק צום געניסן; נאָר דער קלוגער קאָן באמת גליקלעך זיין. אָבער דאָס גליק גופא איז פאַר אים דער גענוס.

ער האָט געמאַכט אַן אונטערשייד צווישן צוויי פאָרמען פון דער עמפּינדונג: איינע, וואָס אַנטשטייט פון אַ זאַנפטער באַוועגונג, די אַנדערע, וואָס אַנטשטייט פון רויער, האַסטיקער באַוועגונג: די ערשטע איז תענוג; די צווייטע — שמערץ אָדער אומאָנגענעמלעכקייט.

אַזוי ווי די זינלעכע תאוה רופט באַשיינפּערלעך אַרויס אַ לעבהאַפטערע עמפּינדונג ווי די גייסטיקע, איז עס בכן געווען אַ רעזולטאַט פון דער אומבאַרחמנותדיקער קאָנסעקווענץ פון העלענישן דענקען, ווען אַריסטיפּ האָט דערפון אַרויסגעדרינגען אַז דער קערפּערלעכער פאַרגעניגן איז בעסער ווי דער גייסטיקער; דער קערפּערלעכער שמערץ — ערגער ווי דער גייסטיקער; שוין עפּיקור האָט זיך דאָ געוואָלט אַרויסהעלפן מיט אַ סאָפיזם.

ענדלעך האָט אַריסטיפּ אויסדריקלעך געלערנט, אַז דער אמתער צוועק איז נישט די גליקזעליקייט, וואָס איז אַ בלייבנ־דיקער רעזולטאַט פון אַ סך איינצעלנע פאַרגעניגנעמפּינדונגען, נאָר דער איינצעלנער זינלעך־קאָנקרעטער גענוס. יעדע גליק־זעליקייט איז אוודאי גוט, זי מוז אָבער אַרויסדרינגען פון זיך זעלבסט, און איז דעריבער נישט דער צוועק.

קיין שום סענסואַליסטישער עטיקער פון אַלטערטום אָדער פון דער נייער צייט איז נישט געווען קאָנסעקווענטער פון אַריסטיפּן, און זיין לעבן איז דער בעסטער פירוש צו זיין לערע.

אַ דאַנק סאָקראַטעסן און זיין שול, איז אַטען געוואָרן דער מיטלפּונקט פון די פילאָזאָפישע שטרעבונגען. און הגם פון דאַנען איז אַרויסגעגאַנגען די גרויסע רעאַקציע קעגן

מאַטעריאַליזם, וועלכער האָט מיט פּלאַטאָנס און אַריסטאָטעלעס'ס מיטהילף אָפּגעהאַלטן אַן אַנטשיידענעם נצחון, זענען אָבער דאָ געווען שטאַרק גענוג די גייסטיקע השפּעות פון מאַטעריאַליזם, כּדי ווידער אַרויסצורופן אַן ענלעכע רעאַקציע.

וואָס אַן אמת, ד ע מ אָ ק ר י ט האָט נישט געהאַט קיין חשק צו זיין אין אַטען. „איך בין געקומען קיין אַטען", האָט ער געזאָגט זאָגן, „און קיינער האָט מיך נישט דערקענט". אַלס אַ מענטש מיט אַ באַקאַנטן נאָמען האָט ער זיך געאיילט צום בייאויפבליענדיקן צענטער פון דער וויסנשאַפט, כּדי פון דער נאָענט צו באַטראַכטן דאָס דאָרטיקע לעבן און — ער איז אין דער שטיל אַוועקגעפאָרן, נישט געבנדיק זיך צו דערקענען צו קיינעם. ס'קאָן זיין, אַז די ערנסטע און גרויסע שטה דעמאָקריטס האָט אוממיטלבאַר ווייניקער משפּיע געווען אויף דער ברויזנדער צייט-באַוועגונג, ווי די ווייניקער קאָנסעקווענטערע, פאַרשטענדלעכע שטריכן פון יענעם מאַטעריאַליזם, אין בריי-טערן זין פון וואָרט, וואָס האָט באַהערשט דעם גאַנצן פאַר-סאָקראַטישן פעריאָד פון דער פילאָזאָפיע.

ווי ס'זאָל נישט זיין, האָט די ס אָ פ י ס ט י ק, אין גוטן און שלעכטן זין פון וואָרט, געפונען אין אַטען אַ פרוכטבאַרן באָדן. דאָ איז זינט די פערסישע מלחמות, אונטערן איינפלוס פון נייעם דענקאופן, פאָרגעקומען אַן ענדערונג, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן אַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט. אַ דאַנק פעריקלעס'ס מעכטיקער אָנפירונג איז די מלוכה געקו-מען צום באַוווסטזיין פון איר באַשטימונג. דער האַנדל און די ים-הערשאַפט האָבן באַגינסטיקט דעם וווקס פון די מאַטעריעלע אינטערעסן. דער אונטערנעמונגס-גייסט פון די אַטענער האָט זיך גרויסאַרטיק אַנטוויקלט. די צייט, ווען פּראָטאַגאָראַס האָט אַנטוויקלט זיין לערע, פאַלט צונויף מיט דער צייט, וואָס האָט געזען דעם גוואַלטיקן בנין פון אַקראָפּאָליס.

דאָס פאַרשטאַרטע און אַלטפּעטערישע איז צוגרונט-געגאַנגען, און די קונסט האָט, אין דורכגאַנגספּונקט צום שיינעם, דערגרייכט יענעם דערהויבענעם סטיל, וואָס האָט געפונען זיין

אויסדרוק אין פ י ד י א ס'ס ווערק. פון גאָלד און עלפאַנביין האָבן זיך דערהויבן די ווונדערבאַרע סטאַטועס פון דער פּאַרטענאָי־ שער פּאַללאַס און אָלימפּישן צעוס; און בעת דער גלויבן האָט שוין אָנגעהויבן זיך וואַקלען אין אַלע שיכטן, האָבן די פּיי־ ערלעכע צוגן פון די געטער דערגרייכט די העכסטע מאָס פון פּראַכט און הערלעכקייט. גשמיותדיקער און אויסגעלאַסענער ווי אַטען, איז אין יעדער הינזיכט געווען קאָרינט; אָבער קאָ־ רינט איז נישט געווען די שטאָט פון די פילאָזאָפן. דאָ האָט געהערשט די גייסטיקע אַפּאַטיע און דאָס אַריינגעטוועַנקייט אין זינלעכן, צו וועלכע די טראַדיציאָנעלע פאָרמען פון גאָטס־ דינסט האָבן זיך נישט בלויז צוגעפּאַסט, נאָר אויך געדינט.

שוין אין אַלטערטום האָט זיך בולט געוויזן דער צוזאַ־ מענהאַנג צווישן טעאָרעטישן און פּראַקטישן מאַטעריאַליזם, ווי אויך זייער קעגנזאַץ.

אויב אונטערן באַגריף פּראַקטישער מאַטעריאַליזם פאַר־ שטייט מען די הערשנדיקע נייגונג צו מ אַ ט ע ר י ע ל ע פ אַ ר־ ד י נ ס ט ן א ו ן ג ע נ ו ס, איז דער טעאָרעטישער מאַטעריאַליזם, ווי יעדע ריכטונג פונם געמיט צו דערקענטניש, זיין באַנטסטער קעגנזאַץ; יאָ, מ'קאָן זאָגן, אַז דער ניכטערער ערנסט, מיט וועלכן עס צייכנען זיך אויס די גרויסע מאַטעריאַליסטישע שטות פון אַלטערטום, איז אפשר מער צוגעפּאַסט צו דערוויי־ טערן דעם גייסט פון יעטוועדער נידעריקער און געמיינער זאַך, און אים צוצוגעבן אַ דויערהאַפטיקע ריכטונג צו חשיבותדיקע זאַכן, ווי אַ טרוימערישער, זיך לייכט אין זעלבסטאילוזיע איינ־ וויגנדיקער אידעאַליזם.

אַפילו רעליגיעזע מסורות, וואָס שטאַמען אפשר פון הוי־ כער אידעאַלער התרוממות, פאַרפלעכטן זיך לייכט אין משך פון יאָרהונדערטער מיט דער מאַטעריעלער און נידעריקער שטימונג פונם המון; אָפּגערעדט פונם „מאַטעריאַליזם פון דער דאָגמע", וועלכן מ'קאָן געפינען אין יעדער איינגעוואָרצלטער פרומקייט, קוים ווערט דער בלויזער ש ט אָ ף פון דער רעליגיעזער לערע העכער געשעצט ווי דער גייסט, וואָס האָט אים געבוירן. דאָס

בלויזע פאַרניכטן די מסורה פאַרבעסערט אָבער נישט דעמדאָזיקן פעלער; ווייל ס'איז שווער צו געפינען אַ רעליגיע, וואָס זאָל זיין אַזוי פאַרשטאַרט, אַז פון אירע דערהויבענע פאָרמען זאָל נישט אַריינדרינגען אַ פונק פון אידעאַלן לעבן אין די געמיטער, און פון דער צווייטער זייט מאַכט נאָך נישט די השכלה קיין פילאָזאָפן פון דעם המון.

ובכן, איז דער אמתער באַגריף וועגן עטישן מאַטעריאַליזם גאָר אַן אַנדערער: מ'דאַרף דאַרונטער פאַרשטיין אַ מאָראַללערע, לויט וועלכער דאָס מאָראַלישע האַנדלען פון מענטש וואַקסט אַרויס פון איינצעלנע רצוגונגען פון געמיט, און וועלכע שטעלט זיך נישט פאַר דעם ציל פון האַנדלען קיין אומבאַדינגטע באַפעלערישע אידיי, נאָר שטרעבט צום געווונשטן צושטאַנד.

אַזאַ עטיק קאָן מען אָנרופן מאַטעריאַליסטישע, ווייל זי גייט אַרויס, פונקט ווי דער טעאָרעטישער מאַטעריאַליזם, פונם שטאָף, אין קעגנזאַץ צו דער פאָרם. אָבער דאָ מיינט מען נישט דעם שטאָף פון די אויסערלעכע קערפער, אויך נישט די עמפינדונגס-קוואַליטעט אַלס שטאָף פון טעאָרעטישן באַוווסטזיין, נאָר דעם עלעמענטאַרן שטאָף פון פראַקטישן אויפפירן זיך, די אינסטינקטן און דאָס געפיל פון פאַרגעניגן און עגמת נפש. מ'קאָן זאָגן, אַז דאָס איז בלויז אַן אַנאַלאָגיע, נישט קיין באַשיינפערלעכע איינהייטלעכקייט פון דער ריכטונג, אָבער די געשיכטע ווייזט אונז כמעט אומעטום דידאָזיקע אַנאַלאָגיע, וואָס איז גענוג שטאַרק, כדי צו באַשטימען דעם צוזאַמענהאַנג פון די סיסטעמען.

אַזאַ פולשטענדיק דורכגעפירטער עטישער מאַטעריאַליזם איז נישט בלויז אַן אומאיידעלע זאַך, נאָר ער שיינט אויך ענדלעך, ווי דורך אַן אינערלעכער נויטווענדיקייט, פון זיך זעלבסט צו פירן צו דערהויבענע און איידעלע פאָרמען פון דאָזיין און צום ליב האָבן דידאָזיקע פאָרמען, וואָס הייבן זיך אויף איבער די געוויינלעכע פאַרלאַנגען נאָך גליקזעליקייט; אַזוי ווי, פאַרקערט, קאָן נישט אַן אידעאַלע עטיק נישט זאָרגן זיך

פאַרן גליק פון די אינדיווידן און פאַר דער האַרמאָניע פון זייערע נטיות.

אָבער אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון די פעל־קער האַנדלט זיך נישט סתּם וועגן דער אידעאַלער עטיק, נאָר וועגן גאַנץ באַשטימטע מסורהדיקע פאָרמען פון דער זיטלעכקייט, וואָס ווערן דורך יעדן בייעם פּרינציפּ געשטערט און דערשיטערט, ווייל ביים מענטש שטיצן זיי זיך נישט אויף אַבסטראַקטן ישוב־הדעת, נאָר זיי זענען אַ געירשנטער דערציונגס־פּראָדוקט פון כּלל־לעבן פון אַ סך דורות. דעריבער שיינט אונז די ביזאַנטיקע דערפאַרונג צו האָבן געלערנט, אַז יעדע מאַטעריאַליסטישע מאָראַל, ווי ריין זי זאָל נישט זיין, טרעט איבערהויפּט אַרויס אין פּעריאָדן פון אומוואַנדלונגען און איבערגאַנג אַלס צעשטערנדיקער פאַקטאָר, בעת אַלע גרויסע און ענדגילטיקע איבערקערענישן און נייע געשטאַלטונגען האָבן פאַר זיך דורכגעבראָכן אַ וועג מיט דער הילף פון נייע עטי־שע אידייען.

אַזעלכע נייע אידייען האָבן אין אַלטערטום אַרויסגעבראַכט פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס, אָבער זיי גופא האָבן נישט געקאָנט אַריינדרינגען אין די מאַסן, נישט געווינען פאַר זייערע צוועקן די אַלטע פאָרמען פון דער נאַציאָנאַלער רעליגיע. אָבער דערפאַר האָבן דידאַזיקע פּרוכטן פון דער העלענישער פילאָזאָפיע געהאַט אַ טיפערע השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון מיטלאַלטערלעכן קריסטנטום.

בעת פּראָטאַגאָראַס איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון אַטען, ווייל זיין בוך וועגן די געטער הייבט ער אָן מיט די ווערטער: „וועגן די געטער ווייס איך נישט, צי זיי עקזיסטירן אָדער נישט" — דאַן איז שוין געווען צו שפּעט צו ראַטעווען די קאָנסערוואַטיווע אינטערעסן, לטובת וועלכע אַריסטאָפאַנעס גופא האָט אומזיסט געלאָזן אין באַוועגונג די כּוחות פון דער בינע. און אַפילו דאָס ברענגען סאָקראַטען פאַר אַ קרבן האָט שוין נישט געקאָנט מער האַמצוען דעם צייטגייסט.

נאָך בעת דעם פּעלאָפּאָנעזישן קריג, באַלד נאָך פּעריק־

לעס'ס טויט, האָט אין גאַנצן לעבן פון די אַטענער אָפּגעהאַלטן אַ נצחון די גרויסע רעוואָלוציע, וועמעס טרעגער ס'זענען געווען די סאָפּיסטן.

דערדאָזיקער ראַשער ירידה־פּראָצעס האָט נישט זיינס גלייכן אין דער געשיכטע; קיין שום פאָלק האָט נישט געלעבט אַזוי שנעל, ווי די אַטענער. אויף וויפיל ס'איז באַלערנדיק דידאָויקע ווענדונג אין זייער געשיכטע, אויף אַזוי פיל איז פאַראַן אַ געפאַר אַרויסצוציען פון איר פאַלשע מסקנות.

כל־זמן אַ מלוכה, ווי אַטען פאַר פעריקלעסן, האַלט זיך פעסט אָן דער מעסיקער אַנטוויקלונג פון די אַלטע טראַדיציעס, פילן זיך אַלע בירגער פאַרייניקט אין זייערע אינטערעסן לגבי די בירגער פון אַנדערע מלוכות. אָבער די פילאָזאָפיע פון די סאָפּיסטן און פון די קירענאיקער האָט שוין אַ קאָס־מאָפּאָליטישע באַאַרבונג.

דער דענקער פליט במחשבה אין ווייניקע אויספירן אַריבער צו רעזולטאַטן, פאַר וועמעס רעאַליזירונג די וועלטגע־שיכטע דאַרף האָבן טויזנטער יאָרן. די קאָסמאָפּאָליטישע אידיי קאָן דעריבער אין אַלגעמיינעם זיין ריכטיק און אין באַזונדערן שעדלעך, ווייל זי שוואַכט אָפּ דעם אינטערעס פונם בירגער פאַר דער מלוכה, און דערמיט די לעבנסקראַפט פון דער מלוכה.

כל־זמן מ'האַלט זיך פעסט אָן די טראַדיציעס, שאַפט מען גרעניצן פאַר דער אַמביציע און טאַלענטן פונם יחיד. אָבער די אַלע גרעניצן זענען אָפּגעשאַפן געוואָרן דורכן הויפּט־כלל, אַז יעדער איינצעלנער מענטש האָט אין זיך די מאָס פון יעט־וועדער זאַך. קעגן דעם שיצט אים נאָר די פשוטע ווירקלעכ־קייט, אָבער זי איז דאָס אומשכלדיקס, ווייל דאָס דענקן פירט שטענדיק צו נייע אַנטוויקלונגען. דאָס האָבן באַלד פאַרשטאַנען די אַטענער, און נישט בלויז די פילאָזאָפן, נאָר אויך זייערע פאַנאַטישסטע קעגנער האָבן זיך אויסגעלערנט רעזאָנירן, קרי־טיקירן, דיסקוטירן און פּראָיעקטירן. די סאָפּיסטן האָבן אויך געשאַפן די דעמאַגאָגיע, ווייל זיי האָבן געלערנט רעטאָריק,

געבנדיק אויסדריקלעך צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מ׳קאָן פירן די מאַסע לויטן אייגענעם זין און אינטערעס.

היות ווי קעגנזעצלעכע באַהויפּטונגען זענען גלייך ריכטיק, איז עס געווען גענוג געווען פאַר טייל פון פּראָטאַגאָראַס׳ס נאָכפאָלגער צוצוגעבן אַ חשיבות זייער פּערזענלעכער מיינונג, אַזוי אַז ס׳איז איינגעפירט געוואָרן אַ מין מאָראַליש פויסט-רעכט. יעדנפאַלס האָבן די סאָפיסטן אין זייער קונסט צו ווירקן אויף די געמיטער באַוויזן אַ באַדייטנדיקע געניטקייט און אַ טיף-פּסיכאָלאָגיש פאַרשטענדניש, אין קעגנפאַל וואָלט מען זיי נישט געצאָלט קיין געהאַלט, וועלכעס, פאַרגליכן מיט די האָנאָראַרן פון דער היינטיקער צייט, שטעלט עס זיך לכל-הפּחות פּאַר, ווי דאָס פאַרהעלטעניש פונם קערן צום פּראָצענט. אַלס יסוד איז דאָ נישט געווען די אידיי וועגן באַלוינונג פאַר דער מי, נאָר די אידיי וועגן קויפן אַ קונסט, וואָס מאַכט דעם קויפער פאַר אַ מענטש.

אַ ר י ס ט י פּ, וועמעס בליצייט פאַלט אויס אין 4-ן י. ה., איז שוין געווען אַ געבוירענער קאָסמאָפּאָליט, זיינע ליבלינגס ערטער זענען געווען די הויפן פון די טיראַנען און ביי דיאָניזאָס פון סיראַקוז האָט ער נישט זעלטן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט זיין גייסטיקן אַנטיפּאָד — פּלאַטאָן. דיאָניזאָס האָט אים געשעצט מער ווי אַלע איבעריקע פילאָזאָפן, ווייל ער האָט געוווּסט אויסצונוצן יעדן אויגנבליק; און געוויס אויך דערפאַר, ווייל ער האָט זיך צוגעפּאַסט צו אַלע קאַפּריזן פונם טיראַן.

מיט זיין באַהויפּטונג: „דאָס, וואָס איז נאַטירלעך, איז נישט מיאוס, האָט זיך אַריסטיפּ צונויפגעטראָפן מיטן „הונט” דיאָגענעס; דעריבער טאָקע האָט אים דער פאָלקסוויץ געזאָלט אָנרופן „קעניגליכער הונט”. דאָס איז נישט קיין צופעליק צונויפטרעפן זיך, נאָר אַ קרובהשאַפט פון פּרינציפּן, וואָס עקזיסטירט טראָץ דער פאַרשידנקייט פון די אויספירן. אויך אַריסטיפּ האָט נישט געהאַט קיין באַדערפעניש; ווייל ער האָט שטענדיק געהאַט דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט, און אַרומבלאָנקנדיק זיך אין טראַנטעס האָט ער זיך געפילט אַזוי זיכער און גליקלעך, ווי אין קעניגליכע מלבושים.

אָבער דעם ביישפּיל פון די פילאָזאָפן, וואָס ס׳איז זיי געפאָלן די פרעמדע הויפן און געהאַלטן פאַר לעכערלעך צו פאַרטיידיקן קאָנסעקווענט די קליינבירגערלעכע אינטערעסן פון אַן איינצעלנער מדינה, האָבן באַלד נאָכגעטון די פּאָליטישע געזאַנדטע פון אַטען און אַנדערע רעפּובליקן, און קיין שום דעמאָסטענעס האָט שוין מער נישט געקאָנט ראַטעווען די פרייהייט פון גריכנלאַנד.

וואָס שייך דעם רעליגיעזן גלויבן, דאַרף מען באַמערקן, אַז גלייכצייטיק מיטן אָפּשוואַכן פונם גלויבן, וואָס האָט זיך דורך אויריפּידעס פון טעאַטער אַרויס פאַרשפּרייט צווישן פאָלק, זענען אויפגעקומען אומציילִיקע נייע מיסטעריעס.

שוין צו־אָפט האָט די געשיכטע געוויזן, אַז ווען די געבילדעטע הייבן אָן חוזק צו מאַכן פון די געטער אָדער הייבן אָן מבטל מאַכן זייער מהות מיט פילאָזאָפישע אַבסטראַקציעס, — כאַפּט זיך דער האַלב־געבילדעטער המון, וואָס איז געוואָרן אומזיכער און אומרויק, פאַר יעדער נאַרישקייט, כדי זי צו דערהייבן צו דער מדרגה פון אַ רעליגיע.

אַזיאַטישע קולטן מיט פאַנטאַסטישע, ס׳רוב אומזיטלעכע מנהגים, האָבן געפונען דעם גרעסטן אָפּקלאַנג. קיבעלע און קאָטיטאָ, אַדאָניסקולט און אָרפישע נביאות אויפן גרונט פון דרייסט־פאַבריצירטע הייליקע ביכער, האָבן זיך פאַרשפּרייט אין אַטען, ווי אויך אין איבעריקן גריכנלאַנד. אַזוי אַרום איז אויסגעטרעטן געוואָרן אַ וועג פאַר דער גרויסער רעליגיעזער אויסמישונג, וואָס האָט זינט אַלעקסאַנדער מוקדונס מלחמות פאַראייניקט דעם מזרח מיטן מערב, און וואָס האָט אַזוי וועזנטלעך צוגעגרייט די שפּעטערדיקע אויסשפּרייטונג פונם קריסטנטום.

אויף דער קונסט און וויסנשאַפט האָבן די סענסואַליסטישע דאָקטרינעס געווירקט נישט ווייניקער אומגעשטאַלטנדיק. דער מאַטעריאַל פון די עמפּירישע וויסנשאַפטן איז פּאָפּולאַריזירט געוואָרן דורך די סאָפיסטן. זיי גופא זענען ס׳רוב געווען גרויסע געלערנטע, וואָס האָבן פולקאָם באַהערשט דעם

אוצר פון זייערע סאָליד דערוואָרבענע קענטעניש און אים שטענדיק געהאַלטן גרייט פאַר פּראַקטישע צוועקן; אָבער זיי זענען נישט געווען קיין פאָרשער אין דער נאַטורוויסנשאַפט, נאָר אירע פאַרשפּרייטער.

דערקעגן האָט מען זיי צו פאַרדאַנקען דאָס לייגן די יסודות פון דער גראַמאַטיק און דאָס אויסבילדן א מוסטערהאַפטע פּראָזע, אָנשטאָט דער ענגער פּאָעטישער פאָרם, ווי דאָס האָט געפאָדערט דער גייסט פון דער פאָרגעשריטענער צייט, און ועל כלם די הויכע פאַרפולקאָמונג פון דער רעטאָריק. די פּאָעזיע האָט בהדרגה, אונטער זייער איינפלוס, אַראָפּגעגידערט פון אירע אידעאַלע הויכקייטן און זיך דערנענטערט מיטן טאָן און אינהאַלט צום כאַראַקטער פון דער מאָדערנער פּאָעזיע. פאַרפלאָנטערטקייט, שפּאַנונג, גייסטרייכער וויץ און געלערטקייט האָבן וואָס אַמאָל מער דאָמינירט.

קיין שום געשיכטע ווייזט נישט מער אָנשוילעך, ווי די העלענישע, אַז אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג הערשט אַ נאַטורגעזעץ, וואָס לאָזט נישט פאַרגליווערט ווערן דאָס גוטע און שיינע. אין די דורכגאַנגספּונקטן באַ דער רעגלמעסיקער באַוועגונג פון איין פּרינציפּ צום צווייטן, איז פאַרבאָרגן דאָס גרעסטע און דאָס שענסטע. מ'האָט דעריבער נישט קיין רעכט צו רעדן וועגן אַ ווערימדיקער פלאַנץ: דאָס געזעץ פון בליען גופא איז עס, וואָס פירט צום וועלקן, און אין דער הינזיכט איז אַריסטיפּ געשטאַנען אויף דער הויך פון זיין צייט, בעת ער האָט געלערנט, אַז נאָר דער אויגנבליק מאַכט אונז גליקלעך.

III. די רעאַקציע קעגן מאַטעריאַליזם און סענסואַליזם. סאָקראַטעס, פּלאַטאָ, אַריסטאָטעלעס

בעת מיר גייען אָפּשאַצן די יעניקע פּרוכטן פון דער העלענישער ספּעקולאַציע, וועלכע מ'איז געוווינט צו באַטראַכטן אַלס די העכסטע און די פולקאָמסטע, אַלס אַ רעאַקציע קעגן מאַטעריאַליזם און סענסואַליזם, שטייט פאַר אונז די סכנה נישט צו דערשאַצן דידאָזיקע פּרוכטן און זיי צו קריטיקירן מיט דער זעלבער שאַרפקייט, וואָס מ'ווענדט געוויינלעך אָן לגבי דעם מאַטעריאַליזם. ווייל פאַקטיש האָבן מיר פאַר זיך, פאַרמאַכנדיק די אויגן אויף אַלע אַנדערע זייטן פון גרויסן קריזיס, אַ ר ע אַ ק צ י ע אין ע ר ג ס ט ן ז י ן פ ו ן ו ו אָ ר ט: די דערהויבונג פון נידעריקן, דורך באַוווסטזיין און באַדייטנ-דיקער גייסטיקער אַרבעט באַזיגטן שטאַנדפּונקט, איבער דעם העכערן, דאָס אַרויסשטויסן די התחלות פון בעסערער דער-קענטניש, דורך אָנשויונגען, אין וועלכע די אַלטע טעותים פון אומפילאָזאָפישן דענקן קומען צוריק אין אַ נייער פאָרם, מיט נייער פּראַכט און מאַכט, אָבער נישט אָן דעם אַמאָליקן כאַראַקטער.

דער מאַטעריאַליזם האָט אַרויסגעפירט די נאַטורדער-שיינונגען פון אומפאַרענדערלעכע, בהכרח ווירקנדיקע געזעצן; די רעאַקציע האָט געהייסן דעם, לויטן מענטשלעכן געשטאַלט געשאַפענעם שכל, קאָנקורירן מיט דער נויטווענדיקייט און אַזוי אַרום אַדורכגעבראָכן די באַזע פון יעטוועדער נאַטורפאָרשונג

מיט דער הילף פון אַן עלאַסטיש כּלי-זין פון דעם קאַפּריזן ווילקיר 38).

דער מאטעריאַליזם האָט באַנומען דאָס צוועקמעסיקע אַלס דעם העכסטן פּאַנאַנדערבּלי פון דער נאַטור, נישט מקריב זייענדיק צוליב דעם די איינהייט פון זיין דערקלערונגס-פּרינציפּ, די רעאַקציע האָט פאַנאַטיש געקעמפט פאַר אַ טעלע-אָלאָגיע, וואָס אַפילו אין אירע גלענצנדיקסטע פאָרמען האַלט זי פאַרבאָרגן אין זיך אַ פלאַכן אַנטראָפּאָמפיזם, און זיין ראַ-דיקאַלע באַזייטיקונג איז אַן אומבאַדינגטער תּנאי פון יעטוועדן וויסנשאַפטלעכן פּאָרשריט 39).

דער מאַטעריאַליזם האָט פּריווילעגירט די מאַטעמאַטי-שע און פיזיקאַלישע פּאָרשונגען, ד. ה. די יענינקע געביטן, אויף וועלכע דער מענטשלעכער גייסט האָט זיך פאַקטיש צום ערשטן מאָל געקאָנט דערהויבן צו דערקענטנישן פון אַ בלייבנ-דיקן ווערט; די רעאַקציע האָט לכתחילה איינגאַנצן אָפּגעוואָרפן די נאַטורפאָרשונג צוליב דער עטיק, און נאָכדעם ווי זי האָט זיך מיט אַריסטאָטעלעסן צוריקגענומען צום פאַרלאָזענעם גע-ביט, האָט זי אים גרינטלעך פאַרדאָרבן, אַדאַנק דער אומבאַ-רעכנטער אַריינפירונג פון עטישע באַגריפן 40).

אויב אין דידאַזיקע פּונקטן האָבן מיר פאַר זיך אומ-צווייפלהאפטע טריט אויף צוריק, זענען די פאָרשריטן, לכּל הפּחות די יעניקע, אין וועלכע עס האָט זיך אויסגעדריקט דער געניער קעגנזאַץ פון דער גרויסער אַטענישער פילאָזאָ-פישער שול צום מאַטעריאַליזם און סענסואַליזם, פון אַ זייער צווייפלהאַפטער נאַטור. סאָקראַטעסן האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם פאַנטאָם פון דער דעפיניציע, וואָס איז משער אַן איינגעבילדעטע אַנטטשפּרעכנדיקייט צווישן וואָרט און זאַך; פלאַטאָנען — דעם פאַרפירערישן מעטאָד, וועלכער שטיצט איין היפּאָטעזע אויף אַ נאָך מער אַלגעמיינערער און געפינט אין די אַבסטראַקטע באַגריפן די גרעסטע זיכערהייט; אַריסטאָטעלעסן פאַרדאַנקן מיר דעם קונצשפּיל פון מעגלעכ-קייט און פאַרווירקלעכונג און די איינבילדונג פון אַ

אין זיך געשלאָסענעם סיסטעם, וואָס איז כולל אין זיך יעט וועדעס וואָרע וויסן.

ס'ליגט נישט אונטער קיין ספק, אַז דידאָזיקע אַלע דערגרייכונגען פון דער אַטענישער שול ווירקן, באַזונדערס אין דייטשלאַנד, עד היום, און דעריבער דאַרף מען נישט פאַרלירן קיין וואָרט וועגן דער היסטאָרישער באַדייטונג פון דערדאָזיקער שול; אָבער צי איז די דאָזיקע היסטאָרישע באַדייטונג געווען אַ גליקלעכע אָדער אומגליקלעכע?

כל זמן מיר ווען, ווי געזאָגט, באַטראַכטן דידאָזיקע פונקטן פאַר זיך און אין זייער ריין טעאָרעטישן קעגנזאַץ צום מאַטעריאַליזם, מוז אונזער אורטייל זיין אַן אומגינסטיקער און מיר קאָנען דאָ מאַכן נאָך איין טריט. געוויינלעך זאָגט מען, אַז מיט פּראָטאַגאָראַסן האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה פון דער עלטערער גריכישער פילאָזאָפיע און מ'האָט געדאַרפט אַדורכויס נייע באַגרינדונג, וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך סאָקראַטעסן מיט זיין צוריקקער צו דער זעלבסט-דערקענטניש. מיר וועלן באַלד זען, ווי ווייט דידאָזיקע אָנשויונג איז קולטורהיסטאָריש געווען באַרעכטיקט. זי קאָן זיך אָבער שטיצן נאָר אויף דער באַטראַכטונג פונם גאַנצן אינהאַלט פון גריכישן גייסטיקן לעבן.

די פילאָזאָפיע, באַזונדערס די טעאָרעטישע, פאַר זיך גענומען, קאָן נישט אָפּגעשאַפט ווערן דורך דערגרייכונג פון אַ ריכטיקער אָנשויונג און פונסניי אָנהייבן מיטן זעלבן טעות. מ'וואָלט געקאָנט קומען צום דאָזיקן געדאַנק, בעת מ'באַטראַכט, למשל, דעם איבערגאַנג פון קאַנט צו פיכטע; אָבער אַלע אַזעלכע דערשיינונגען דאַרף מען דערקלערן קולטורהיסטאָריש, ווייל אין גייסטיקן לעבן פון פאָלק שטייט די פילאָזאָפיע קיינמאָל נישט איזאָלירט. ריין טעאָרעטיש באַטראַכט, איז דער רעלאַטיוויזם פון די סאָפיסטן געווען אַ דורכויס געזונטער פאָרשריט אין דער דערקענטנישטעאָריע און בשום אופן נישט דער סוף פון דער פילאָזאָפיע, נאָר גיכער דער אמתער אָנהייב.

צומבולטססטן זעט מען דאָס אין דער עטיק; ווייל גראָד די סאָפיסטן, וואָס האָבן לפנים אונטערגעגראָבן יעטוועדע באַזע פון דער זיטלעכקייט, האָבן מיט פאָרליבע אויפגעטרעטן אַלס לערער פון טוגנט און פּאָליטיק, אויפן אָרט פונם גוטן פאַר זיך האָבן זיי אַוועקגעשטעלט דאָס, וואָס נוצט דער מלוכה. ווי שטאַרק נאָענט איז שוין דערדאָזיקער פּרינציפּ צו קאַנטס עטישן עיקר־כּלל: טו אַזוי, אַז דער מאַקסימום פון דיינע מעשים זאָל גלייכצייטיק קאָנען ווערן דער פּרינציפּ פון אַן אַלגעמיינער געזעצגעבונג!

באמת האָט מען דאָ געדאַרפט אַרויספירן פונם פּרט צום כּלל אויף אַ ריכטיקן אופן און, אַבסטראַקט גענומען, וואָלט מען דאָס אפשר געקאָנט טון, נישט אָפּזאָגנדיק זיך פון די דערגרייכונגען פון רעלאַטיוויזם און אינדיווידואַליזם פון די סאָפיסטן. אין דער עטיק האָט מען פּאַקטיש שוין געמאַכט דעמדאָזיקן שריט. קוים ווערט די טוגנט, נאָכן אָפּשאַפן פון אַלע אויסערלעך־געגעבענע אָביעקטיווע נאָרמען, איינפאַך נישט באַזייטיקט, נאָר מ׳טראָגט זי איבער אויפן פּרינציפּ פון דער דערהאַלטונג און אונטערשטיצונג פון אַ מענטשלעכן קיבוץ.

די סאָפיסטן זענען געגאַנגען אויפן דאָזיקן וועג, נישט האָבנדיק דאָס באַוווסטזיין פון זיין פּרינציפּיעלער באַדייטונג. אָבער צי האָט זיך דאָס באַוווסטזיין נישט געקאָנט אַנטוויקלען פון זייער לערע? געוויס, דערמיט וואָלט מען נאָך נישט דערגרייכט דאָס העכסטע, דערפאַר אָבער וואָלט מען זיך ווייטער געקאָנט באַוועגן אויף אַ דורכויס געזונטן און זיכערן באָדן.

סאָקראַטעס האָט דערקלערט די טוגנט אַלס אַ וויסן. צי שטייט דער דאָזיקער פּרינציפּ, ריין טעאָרעטיש אויסגעפאָרשט, באמת העכער איבערן שטאַנדפּונקט פון די סאָפיסטן? וואָס עס איז אייגנטלעך דער אָביעקטיווער באַגריף פון גוטן, דאָס ווערן מיר ווייניק געוווּיר פון פּלאַטאָנס אַלע דיאַלאָגן, פּונקט ווי פון די אַלכימישע ווערק, וואָס עס איז אַזוינס דער שטיין פון חכמה. אויב מ׳וויל דאָס וויסן פון דער טוגנט אויסטייטשן אַלס אַ באַוווסטזיין פון די ריכטיקע פּרינציפּן פון

די מעשים, שטייט עס גאַנץ גוט אין הסכם מיט דער באַגרינדונג וועגן ווויל פון כלל.

אויב מ׳אַרגומענטירט מיטן סאָקראַטישן ביישפּיל וועגן צעלאָזענעם, וואָס זינדיקט נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט נישט דאָס באַוווסטזיין וועגן ביטערע רעזולטאַטן פון דעם קעגנווערטיקן תענוג, וועט קיין שום סאָפיסט נישט לייקענען, אַז דער מענטש, וואָס איז אַזוי געבילדעט, דאָס עס פעלט אים קיינמאָל נישט דערדאָזיקער באַוווסטזיין, איז דער בעסער געבילדעטער; אָבער פאַר אים איז דערפאַר דאָס גוטע ריין סוביעקטיוו און אינדיווידואַליסטיש גענומען דאָס בעסערע. ער קלויבט אויס דאָס בעסערע, נישט אַדאַנק דעם וויסן פונם באַגריף גוטס, נאָר דורך אַן אַנדערן פּסיכישן צושטאַנד אינם מאָמענט פון אויסקלויב, ווי דער צושטאַנד פון דעם צעלאָזענעם. בכל אופן וואָלט אויך דער יחיד פון דער באַטראַכטונג פון אַזעלכע ביישפּילן געקאָנט צוקומען צו דער נויטווענדיקייט פון אַן אַלגעמיינעם, די פאַרשידענע צייטמאָמענטן אַרומנעמענדיקן באַגריף פון גוטן. אַזאַ באַגריף האָט דאָך שוין דעמאָקריט באַזעסן!

אַ תלמוד פון דעמאָקריט און פּראָטאַגאָראַס, וואָס וואָלט זיך, אויב מ׳קאָן עס אַזוי אויסדריקן, פון יענער פילאָזאָפיע פון זיינע לערערס ווייטער געררוקט אויף דעם באַרירונגס-פּונקט, אַנשטאָט מיטצומאַכן דעם סאָקראַטישן איבערקער, וואָלט ער געקאָנט צוקומען צום כלל: דער מענטש איז די מאָס פון די זאַכן, דער יחיד אין די מאָמענטאַנע צושטאַנדן — פאַר די איינצעלנע דערשיינונגען, דער דורכשניטסמענטש — פאַר דעם סכום פון די דערשיינונגען.

פּראָטאַגאָראַס און פּראָדיקאָס האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט די התחלות פון די גראַמאַטיקאַלישע און עטימאָלאָגישע באַטראַכטונגען, און מיר ווייסן נישט וויפיל פון דעם, וואָס מיר שרייבן איצט צו פּלאַטאָנען און אַריסטאָטעלעסן, איז אייגנטלעך זייער פאַרדינסט. דאָך איז פאַר אונז

גענוג צו וויסן, אַז נאָר די סאָפּיסטן האָבן געלייגט אַכט אויף די ווערטער און זייערע באַדייטונגען. אָבער אַלס כּלל שטעלט מיט זיך דאָס וואָרט פאַר דעם סימן פון סכום עמפּינדונגען. צי איז עס נישט לייכט געווען שוין אויפן דאָזיקן וועג צו קומען צו דער טעאָריע וועגן די אַלגעמיינע באַגריפן, אין זין פון מיטאַלטערלעכן *נאָמינאַליזם*? געוויס, דאָס אַלגעמיינע וואָלט דאַן לויט אַזאַ טעאָריע נישט געווען רעאַלער און זיכערער, ווי דאָס באַזונדערע, נאָר פאַרקערט: נאָך מער דערווייטערט פונם אָביעקט און אומזיכערער, און טאַקע, אין די רעקטן קעגנזאַץ צו פּלאַטאָנס לערע, וואָס מער אומזיכער, אַלץ אַלגעמיינער.

אויב די סאָפּיסטן מאַכן לסוף אַן אונטערשייד צווישן די מענטשלעכע האַנדלונגען, וועלכע זענען פון שטרענג אינדיווידואַליסטישן שטאַנדפּונקט אַלע גלייך גוט, אייַנטיילנדיק זיי אויף לויבווירדיקע און טאַדלווירדיקע, און טאַקע לויט אַ נאָרמע, וואָס איז גענומען פון *אַלגעמיינעם לעבן* אין דער מלוכה, — צי האָבן זיי נישט געקאָנט קומען צום געדאַנק וועגן אונטערשיידן צווישן נאָרמאַלע און אומנאָרמאַלע פּערצעפּציעס, וואָס זענען פאַר זיך גענומען גלייך אמת, אַרויסגייענדיק פון שטאַנדפּונקט פון *אַלגעמיינעם דענקן*?

עס וואָלט דאַן דורכויס ריכטיק געווען, אַז שטרענג גענומען איז אמתדיק, ד. ה. *זיכער* נאָר די איינצעלנע עמפּינדונג פון יחיד, אָבער דערביי וואָלט מען געקאָנט דערהאַלטן די *ווערטבאַשטימונג* פאַר פאַרשידענע פּערצעפּציעס לויט זייער גילטיקייט אין *מענטשלעכן פּאַרקער*.

אויב מ׳וואָלט געוואָלט אָנווענדן אַזאַ סקאַלע פון פאַרקערווערט אויף די נאָרוואָס אַנטוויקלטע אַלגעמיינע באַגריפן אין גייסט פון נאָמינאַליזם, וואָלט מיט אַן אייזערנער נויטווענדיקייט אַרויסגעדרונגען דער באַגריף פון *וואַרשיינלעכקייט*. אַזוי איז דאָ לפנים נאָענט געווען די רייפסטע פרוכט פון מאָדערנעם דענקען צום שטאַנדפּונקט פון די גריכישע סאָפּיסטן! דער וועג פון דער אַנטוויקלונג איז, דאַכט זיך, געווען

אָפּן. פֿאַרוואָס האָט געמוזט אָנקומען דער גרויסער איבערקער, וואָס האָט טויזנטער יאָרן געפֿירט די וועלט אויפֿן טעותדיקן וועג פֿונם פּלאַטאָנישן אידעאַליזם?

דער ענטפֿער איז שוין געגעבן געוואָרן. נישט פֿאַראַן קיין פֿילאָזאָפֿיע, וואָס זאָל זיך פֿון זיך זעלבסט ווייטער אַנט-וויקלען, סיי אין קעגנזאַצן, סיי אין אַ דירעקטער ליניע, נאָר ס'זענען פֿאַראַן פֿילאָזאָפֿירנדיקע מענטשן, וועלכע זענען צוזאַ-מען מיט זייערע לערעס די קינדער פֿון זייער צייט. יאָ, אַפֿילו די פֿאַרפֿירערישע אילוזיע פֿון אַן אַנטוויקלונג אין קעגנזאַצן, ווי העגעל פּאַסט עס אויף, שטיצט זיך גראָד דערויף, וואָס די געדאַנקן, וועלכע באַהערשן אַ געוויסן צייטאַלטער, אָדער טרעטן אויף אַלס פֿילאָזאָפֿישע אידייען, מאַכן אויס נאָר איין טייל פֿון גייסטיקן כּלל-לעבן פֿון די פֿעלקער, און אַז גאַנץ אַנדערע שטרעמונגען — טיילמאָל דערפֿאַר אַלץ מעכטיקערע, וואָס ווי-ניקער זיי רייסן זיך אַרויס אויף דער אויבערפֿלאַך — באַוועגן זיך לעבן זיי, ביז מיטאַמאָל ווערן די לעצטע די הערשנדיקע. און די ערשטע ציען זיך צוריק.

אידייען, וואָס איילן זיך פֿאַרויס פֿאַר זייער צייטאַלטער, האָבן נישט קיין קיום און ערשט נאָך אַ קאַמף מיט דער רע-אַקציע ווערן זיי ווידער שטאַרק און קומען ביסלעכווייז צו-ריק צו דער מאַכט. וויאַזוי אָבער קומט עס אין דערווירק-לעכקייט פֿאָר? וואָס שנעלער די טרעגער פֿון נייע פֿאָרשטע-לונגען און אָנשויונגען פֿאַרכאַפּן פֿאַר זיך די הערשאַפֿט אין דער עפֿנטלעכער מיינונג, אַלץ שטאַרקער ווערט דער ווידער-שטאַנד פֿון די מסורהדיקע פֿאָרשטעלונגען אין די קעפּ פֿון זייערע צייט-חברים.

אַ צייט לאַנג פֿאַרבלענדט און פֿאַרטויבט, רייסט זיך דער פֿאָרורטייל אַרויס נאָך מעכטיקער, כּדי צו באַזייטיקן דאָס אומ-באַקוועמע אָדער עס גובר זיין, באַנוצנדיק זיך דערביי מיט אוי-סערלעכע פֿאַרפֿאָלגונגען און אונטערדריקונג אָדער מיט נייע גייסטיקע שאַפֿונגען. אויב דידאַקטיקע נייע גייסטיקע שאַפֿונגען זענען אין זייער תּוך פּוסט און אָרעם, און באַפֿליגלט בלויז

פון האָס צום פּראָגרעס, קאָנען זיי דערגרייכן זייער ציל נאָר אין אַ בונד מיט דער צביעות גוואַלטאַטן און געמיינער אונטערדריקונגס־תאוה, ווי דער יעזואיטיזם איז זיך באַגאַנגען קעגן דער רעפאָרמאַציע; אויב זיי האָבן אָבער חוץ זייער רעאַקציאָנערער באַדייטונג אַן אייגן לעבנסשפּראָצל, אַן אינהאַלט, וואָס פירט אין אַנדערע הינזיכטן צום פּראָגרעס, דאַן קאָנען זיי אונז אָפט געבן מער גלענצנדיקע און דערפרייענדיקע רעזולטאַטן, ווי דאָס האַוועניש פון אַ פּאַרטיי, וועלכע איז שטאַרק שטאָלץ מיטן באַזיץ פון אַ נייעם אמת, און, ווי עס געשעט צו צו — אָפט, ווערט זי אינערלעך אָפּגעשוואַכט נאָכן דערגרייכן איין גלענצנדיקן דערפאָלג און זי איז שוין נישט מסוגל צו אַ ווייטערדיקן דערפאָלגרייכן אויפבוי פון אירע דערגרייכונגען.

אין אַזאַ סיטואַציע האָט זיך געפונען אַטען, ווען סאָקראַטעס איז אַרויסגעטרעטן קעגן די סאָפיסטן. מיר האָבן אויבן געוויזן איז, אַבסטראַקט גענומען, וואָלט זיך דער שטאַנדפּונקט פון די סאָפיסטן ווייטער געקאָנט אַנטוויקלען; אָבער ווען מיר זאָלן דאַרפן אָנווייזן אויף די טרייב־כוחות, וואָס וואָלטן דאָס זעלבע געטון אָן דער אַריינמישונג פון דער סאָקראַטישער רעאַקציע, דאַן וואָלטן מיר זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט.

די גרויסע סאָפיסטן האָבן זיך צופרידנגעשטעלט מיט זייערע פּראַקטישע דערפאָלגן. גראָד די גרעניצלאָזיקייט פון זייער רעלאַטיוויזם, די אומקלאָרע אָנערקענונג פון דער בירגערלעכער מאָראַל, נישט שאַפנדיק וועלכן־נישט איז פּרינציפּ, דער בויגעוודיקער אינדיווידואַליזם, וואָס נעמט זיך אומעטום דאָס רעכט צו נעגירן אָדער לאָזן ווי עס איז דאָס, וואָס עס ווינט פאַר אים אין דעם אויגנבליק — דאָס זענען באַשיינפּערלעך געווען גאַנץ אויסגעצייכנטע יסודות פאַר דער אויסבילדונג פון „פּראַקטישע מלוכה־מענער” פון באַקאַנטן טיפּ, וואָס האָט זינט די עלטסטע צייטן ביז דער קעגנוואַרט אומעטום געהאַט דעם גרעסטן אויסערלעכן דערפאָלג.

קיין חידוש נישט, וואָס די סאָפיסטן זענען וואָס אַמאָל מער איבערגעגאַנגען פון דער פילאָזאָפיע צו פּאָליטיק, פון דער

דיאַלעקטיק צו רעטאָריק! יאָ, שוין ביי גאָרגיאַס געפינען מיר, אַז די פילאָזאָפיע איז מיטן פולן באַוווסטזיין אַראָפּגעזעצט געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ בלויזער פאַרשול פון פּראַקטישן לעבן.

ביי אַזעלכע אומשטענדן דאַרף מען זיך נישט חידושן, וואָס דער יונגער נאָכוווקס פון די סאָפיסטן האָט נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע נייגונג ווייטער צו אַנטוויקלען די פילאָזאָפיע אויף דער באַזע פון דער דורך פּראָטאַגאָראַס דערגרייכטער דערקענטניש, און אויסמיידנדיק דאָס טראַנסצענדענטאַלע און מיסטישע אַלגעמיינע, וואָס פּלאַטאָן האָט געבראַנגט צום אויסדרוק, צוקומען צום שטאַנדפּונקט פון מאָדערנעם נאָמינאַליזם און עמפּיריזם.

דערפאַר האָבן זיך די יונגערע סאָפיסטן אויסגעצייכנט מיט דער דרייסטער איבערטרייבונג פון ווילקירפּרינציפּ און דעריאָגט זייערע לערער אין דער אויפשטעלונג פון אַ באַקוועמער טעאָריע פאַר די מאַכטהאָבער אין די גריכישע מלוכות. ובכן, זעט מען דאָ אַ צוריקשריט אין דעם אייגנטלעכן קערן פון דערדאָזיקער פילאָזאָפיע: אַ סימן, אַז די ערנסטערע און טיפערע נאַטורן האָבן שוין נישט געצויגן אין יענער זייט.

דאָס אַלץ איז נישט אין אַ גלייכער מאָס נוגע דעם ערנסטן און שטרענגן מאַטעריאַליזם פון דעמאָקריט; דאָך האָבן מיר געזען, אַז דעמאָקריט האָט נישט געשאַפן קיין שול. די סיבה דערפון האָט געוויס געשטעקט טיילווייז אין זיין אייגענער ריכטונג און נייגונג, טיילווייז אָבער אין כאַראַקטער פון דער צייט. דער מאַטעריאַליזם מיט זיין גלויבן אין די אייביק — עקזיסטירנדיקע אַטאָמען, איז שוין איבערגעיאָגט געוואָרן דורכן סענסואַליזם, וועלכער דערלאָזט נישט קיין שום „זאַך אין זיך", חוץ די דערשיינונגען. דערצו האָט מען אָבער געדאַרפט מאַכן אַ גרויסן שריט, אַ פול גרעסערן, ווי די אויבנדערמאָנטע השערות פון דער סענסואַליסטישער פילאָזאָפיע, כדי ווידער איינצופירן דעם אַטאָם אַלס אַ נויטווענדיקן פאַרשטעלונגס־אופן פאַר אַן אומבאַקאַנטער אָרדנונג פון

זאַכן און דערמיט דערהאַלטן די באַזע פאַר דער נאַטורפאָרשונג.

דעריבער האָט מען אין יענער צייט איבערהויפּט זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט דער אָביעקטיווער פאָרשונג. אין דאָזיקן פּרט קען מען אַריסטאָטעלעסן באַטראַכטן אַלס דעם אייגנטלעכסטן נאָכפאָלגער דעמאָקריטס; הגם אַ נאָכפאָלגער, וואָס האָט אויסגענוצט די רעזולטאַטן און פאַרדרייט די פּרינציפּן, לויט וועלכע זיי זענען דערוואָרבן געוואָרן.

אָבער אין דער בליצייט פון דער יונגער אַטענישער פילאָזאָפיע זענען די עטישע און לאָגישע פּראָבלעמען אַזוי ווייט געשטאַנען אין פאָדערגרונט, אַז צוליב זיי האָט מען פאַרגעסן אָן די איבעריקע פּראָבלעמען.

וואָס איז געווען די סיבה פון דערדאָזיקער איינזייטיקער באַשעפטיקונג מיט די עטישע און לאָגישע פּראָבלעמען? דער ענטפער דערויף מוז אונז באַלד ווייזן, וואָס ס'איז געווען דער אינערלעכער לעבנס נערוו, דורך וועלכן ס'האָט זיך דערהויבן די נייע ריכטונג, און וועמעס קראַפט האָט איר געגעבן אַהעכערע און זעלבסטשטענדיקערע באַדייטונג, ווי די בלויזע רעאַקציע קעגן מאַטעריאַליזם און סענסואַליזם. דאָ לאָזט זיך אָבער נישט אָפּטיילן דאָס פערזענלעכע פון זאַכלעכן, דאָס פילאָזאָפישע פון קולטורהיסטאָרישן, אויב מ'וויל זען פאַרוואָס געוויסע פילאָזאָפישע נייעסן האָבן געקאָנט דערגרייכן צו אַזאַ אַרומנעמענדיקן באַטייט.

סאָקראַטעס איז דאָס געווען, וואָס האָט אַרויסגערופן צום לעבן די נייע ריכטונג; פּלאַטאָן האָט אויף איר געלייגט דעם אידעאַליסטישן חותם און אַריסטאָטעלעס האָט אין פאַרבינדונג מיט די עמפּירישע עלעמענטן געשאַפן יענע געשלאָסענע שיטה, וואָס האָט אין משך פון אַ סך יאָרטויזנטער באַהערשט דעם מענטשלעכן געדאַנק. דער קעגנזאַץ צום מאַטעריאַליזם האָט געפונען זיין העכסטן פּונקט אין פּלאַטאָנען, דעם עקשנותדיקן ווידערשטאַנד קעגן די מאַטעריאַליסטישע אָנשויונגען האָט געשטעלט דאָס אַריסטאָטעלישע סיס-

טעם, אָבער דעם אָנגריף האָט אָנגעהויבן איינער פון די מער־קווירדיקסטע מענטשן, וואָס די געשיכטע געדענקט, אַ כאַראַק־טער פון זעלטענער פעסטקייט און גרויסקייט — דער אַטענער סאָקראַטעס.

אַלע באַשרייבונגען שילדערן סאָקראַטעסן אַלס אַ מענטש פון אַ גרויסער פיזישער און גייסטיקער קראַפט: אַ האַרטע, איינגעעקשנטע נאַטור, שטרענג קעגן זיך זעלבסט און אָן פאַרלאַנגען, מוטיק אין קאַמף, אויסדויערנדיק אין צרות, און, ווען מ׳האָט געדאַרפט, אויך אין חברישע סעודהלעך, הגם ער האָט איבעריקנס געפירט אַ מעסיק לעבן. זיין זעלבסטבאַ־הערשונג איז נישט געווען די נשמה־רו פון אַ נאַטור, אין וועל־כער ס׳איז גאָרנישטאָ וואָס צו באַהערשן, נאָר די איבער־וואָג פון אַ גרויסן גייסט איבער אַ קרעפטיקערער זינלעכקייט און ליידנשאַפטלעכן טעמפעראַמענט 41). זיינע געדאַנקען און שטרעבונגען האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף ווייניק, אָבער באַ־דייטונגספולע פונקטן, און די גאַנצע פאַרבאָרגענע היץ פון זיין אינערלעכן האָט זיך געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון דידאָזיקע געדאַנקען און שטרעבונגען.

דער ערנסט, וואָס האָט אַרויסגעשריגן פון אים, דאָס פייער, וואָס האָט אין אים געברענט, האָט צוגעגעבן זיינע רייד אַ ווונדערלעכע קראַפט. ער איז געווען דער איינציקער, פאַר וועמען אַלקיביאַדעס אפילו האָט זיך פאַרשעמט. די קראַפט פון זיין אומגעקינסטלטן רעדן האָט אַרויסגערופן טרערן ביי די געפילפולע געמיטער 42). ער איז געווען אַן אַפּאָסטאָ־לישע נאַטור, וואָס האָט געברענט פון פאַרלאַנג איבערצוטראָגן דאָס פייער, וואָס האָט אין אים געגליט, אויף זיינע מיטבירגער און מער פון אַלעם אויף דער יוגנט. זיין אַרבעט איז פאַר אים געווען אַן עבודת הקודש און הינטער דער שפּילעוודיקער איראָניע, וואָס איז געווען די אייגנטימלעכקייט פון זיין דיאַ־לעקטיק, האָט געלויערט די אָנגעשפּאַנטע קראַפט פון אַ גייסט, וואָס האָט קיין אַנדערע זאַך נישט געקענט און נישט געשעצט ווי די אידייען, וועלכע האָבן אים באַהויכט.

אַטען איז געווען אַ פרומע שטאָט, און סאָקראַטעס איז געווען אַ פּאָלקסמענטש. ווי געבילדעט ער איז נישט געווען, איז אָבער זיין וועלטאַנשויונג געבליבן אַ דורכויס רעליגיעזע. די טעלעאָלאָגישע אויפפאַסונג פון דער נאַטור, און וועלכער ער האָט זיך אייפריק געהאַלטן — אויב נישט צו זאָגן, פאַנאַטיזם, איז פאַר אים בלויז געווען אַ באַווייז פונם דאָזיין און דער ווירקזאַמ-קייט פון די געטער, ווייל די אמתע באַדערפניש צו זען די גע-טער, שאַפן און הערשן לויטן מענטשלעכן אופן, קאָן מען אָנרופן די הויפּטקוועלע פון יעטוועדער טעלעאָלאָגיע 43).

ס׳דאַרף אונז נישט שטאַרק חידושן, וואָס גראָד אַזאַ מענטש איז פאַרמשפט געוואָרן און אומגעקומען פאַר גאָטלאָזי-קייט. אין אַלע צייטן זענען געקרייציקט און פאַרברענט גע-וואָרן דוקא די גלויביקע רעפאָרמאַטאָרן, נישט די וועלטלעכע פרייגייסטער; און סאָקראַטעס האָט דאָך אויך געווירקט רעפאָרמאַטאָריש אויפן רעליגיעזן געביט. די גאַנצע באַוועגונג פון דער צייט האָט דעמאָלט געשטרעבט צו לייטערן די רעליגיע-פאָרשטעלונגען; נישט בלויז ביי די פילאָזאָפן, נאָר אויך ביי די איינפלוסרייכסטע פּריסטערשאַפטן פון גריכנלאַנד, שיינט צו האָבן געהערשט די נייגונג אויפצופאַסן די געטער אין אַ מער גייסטיקן זין, נישט געקוקט אויף דער דערהאַלטונג פונם מי-טאָס פאַר דער גלויביקער מאַסע; זיי האָבן אויך זיך באַמיט איינצוסדרן און פאַרייניהייטלעכן די בונטע פילפאַכיקייט פון די לאָקאַלע קולטן לויט דער אינערלעכער קרובהשאַפט פון דער טעאָלאָגישער גרונט-אידיי, און פאַרזיכערן ווי ווייט מעגלעך די אַלגעמיינע אָנערקענונג פון די נאַציאָנאַלע הויפּטגעטער, ווי דעם אָלימפּישן צעוס און קודם-כל דעם דעלפישן אַפּאָלאָ 44).

פאַר דידאָזיקע שטרעבונגען האָט דער אופן, ווי אַזוי סאָקראַטעס האָט אויפגעפאַסט די רעליגיעזע ענינים. געקאַנט ביז אַ געוויסן פּונקט זיין ווי געוווּנטשן, און ס׳איז נאָך אַ פראַגע, צי מ׳דאַרף נישט דעם זעלטזאַמען שפּרוך פונם אָראַקל אין דעלפי, וואָס האָט דערקלערט סאָקראַטעסן אַלס דעם קלוגסטן פון די העלענער, אויפפאַסן ווי אַ פאַר-

באַרגענע הסכמה אויף זיין גלויביקן ראַציאָנאַליזם. טאַקע אַזאַ מענטש האָט מען געקאָנט אַ סך לייכטער פאַרמסרן פאַרן פאָלק אַלס שונא פון דער רעליגיע, וואָס מער ער איז געווינט געווען אָפן, און מיט דער אויסגעשפּראָכענער כוונה צו ווירקן אויף זיינע מיטבירגער, אַרומצורעדן די דראַסטישסטע זאַכן.

דערדאָזיקער רעליגיעזער ערנסט פונם גרויסן מאַן האָט אויך באַשטימט זיינע מעשים ביים לעבן און ביים טויט אין אַזאַ מאָס, וואָס גיט-צו דער פערזאָן אַ העכערע באַדייטונג ווי דער לערע, און דאָס איז עלול געווען צו פאַרוואַנדלען זיינע תלמידים אין אָנהענגער, וואָס האָבן געשטרעבט ווייטער צו פאַרשפּרייטן דאָס פייער פון דערדאָזיקער הויכער באַגייסטערונג. דער אופן, ווי אַזוי סאָקראַטעס, פאָלגנדיק זיין פליכטגעפיל, האָט אַלס שופט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם ליידנשאַפטלעך-אויפגערעגטן פאָלק, בשעת עס האָט נישט געוואָלט פאָלגן די דרייסיק טיראַנען 45), און ווי אַזוי ער האָט נאָך זיין פאַרורטיילונג זיך אָפּגעזאָגט צו אַנטלויפן און, געטריי דעם געזעץ, איז ער מיט אַ פולקאָמער בשמה-רו אַקעגנגעגאַנגען דעם טויט— איז אַ בולטער סימן, אַז די לערע און דאָס לעבן זענען ביי אים געווען איינס.

אין די נייעסטע צייטן האָט מען געגלויבט, אַז כדי צו דערקלערן די פילאָזאָפישע באַדייטונג פון סאָקראַטעסן מוז מען אויפווייזן, אַז סאָקראַטעס איז געווען נישט בלויז אַמאָראַלערער, נאָר אַז ער האָט דורך באַשטימטע איינצעלנע חידושים זייער שטאַרק משפיע געווען אויף דער אַנטוויקלונג פון דער פילאָזאָפיע. נישט פאַראַן וואָס איינצווענדן קעגן דעם, מיר ווילן נאָר אויפווייזן, ווי דידאָזיקע אַלע חידושים מיט זייערע ליכט- און שאָטנזייטן האָבן זייער שורש אין דעם *טעאָלאָגישן* און *עטישן גרונטגעדאַנק*, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט סאָקראַטעס אַלע מעשים.

אויב מ'וועט פרעגן, ווי אַזוי איז סאָקראַטעס געקומען דערצו, וואָס ער האָט פאַרלאָזן די חקירות וועגן דעם מהות פון די זאַכן און אָנשטאָט דעם געמאַכט פאַרן הויפּטקעגנ-

שטאַנד פון זיין פילאָזאָפיע דעם מאָראַלישן מהות פונם מענטש; באַקומט מען דערויף אַ תשובה פון אים אַליין און פון זיינע תלמידים, אַז אין די יונגערע יאָרן האָט ער זיך פאַרנומען אויך מיט פיזיק; אויפן דאָזיקן געביט אָבער האָט אַלץ געשיינט פאַר אים צו זיין אַזוי אומזיכער, אַז ער האָט פאַרלאָזן דעמדאָזיקן מין פאָרשונג אַלס אומנוציקע זאַך. פאַר אים איז אַ סך וויכטיקער געווען זיך זעלבסט צו דערקענען, ווי דאָס האָט געזאָגט דער דעלפישער שפרוך; דער צוועק פון דאָזיקן שטרעבן נאָך זעלבסטדערקענטניש איז אָבער ווי ווייט מעגלעך צו ווערן גוט.

מירן דאָ נישט באַהאַנדלען די פראַגע, צי סאָקראַטעס האָט זיך אַמאָל ווירקלעך פלייסיק פאַרנומען מיט פיזיקאַלישע אונטערזוכונגען, וואָס וואָלט געשטימט מיט דער סאַטירישער שילדערונג אַריסטאָפאַנעס'ס, אָבער אין דעם פעריאָד פון זיין לעבן, וועלכן מיר קענען פון פלאַטאָנס און קסענאָפאָנס ווערק, איז שוין מער קיין וואָרט נישטאָ דערפון; דערקעגן ווייסן מיר אָבער פון פלאַטאָנען, אַז סאָקראַטעס האָט געלייענט אַ סך ווערק פון די עלטערע פילאָזאָפן, אָבער נישט געפונען ביי זיי קיין באַפרידיקונג.

אַזוי האָט סאָקראַטעס אויך געלייענט אַנאַקסאָגאָראַסן און ווען ער האָט דערזען, אַז יענער פילאָזאָף שרייבט צו מעשי-בראשית דעם „שכל", האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט, ווייל ער האָט געמיינט, אַז אַנאַקסאַגאָראַס וועט אַרויספירן דעם שכל-פרינציפ פאַר אַלע געביטן פון דער יצירה; און, צום ביישפיל, אויפווייזן, פאַרוואָס איז דאָס אַמבעסטן, וואָס די ערד איז קיילעכדיק ווי אַ קויל; און אויב זי געפינט זיך אין מיטן פונם וועלטאַל, פאַרוואָס מוז עס אַזוי זיין, א. אַ. וו. אָנשטאָט דעם איז ער געוואָרן גוואַלדיק אַנטוישט, ווען אַנאַקסאַגאָראַס האָט גערעדט נאָר וועגן די נאַטירלעכע סיבות. דאָס זעט אויס ווי עמיצער, וואָס וויל דערקלערן פאַרוואָס סאָקראַטעס זיצט אין תפיסה, הייבט ער גאָר אָן פון אַנאַטאָמישע און פיזיאָלאָגישע כללים פון זיצן, אָנשטאָט צו רעדן וועגן

פסק-דין, וואָס האָט אים אַהער געבּרענגט און וועגן דעם גע־דאַנק, וואָס האָט אים באַוויגן דאָ צו פאַרבּלייבּן און וואַרטן אויף זיין גורל, הגם ער קאָן אַנטלויפן פונדאַנען 46).

פון דאָזיקן ביישפּיל זעט מען, ווי אַזוי סאָקראַטעס איז מיט אַ פריער באַשלאָסענער דעה צוגעגאַנגען צום שטודיום פון אַזעלכע ווערק. פאַר אים איז עס אַ פולקאָם פעסטגעשטעלטע זאַך, אַז דער שכל, וואָס האָט געשאַפן דעם וועלט-בנין, פירט זיך אויף ווי דער מענטשלעכער שכל, נאָך וועמעס געדאַנקען מיר קאָנען שטענדיק נאָכגיין, הגם מיר שרייבּן אים צו אַן אומענדלעכע העכערקייט. די וועלט דאַרף מען דערקלערן, אַרויס־גייענדיק פון מענטש, און נישט דעם מענטש פון די אַלגע־מיינע נאַטורגעזעצן. אין די נאַטורפּראָצעסן איז ער דערינבער פון פאָרויס משער יענעם קעגנזאַץ צווישן די געדאַנקען און די האַנדלונגען, צווישן פּלאַן און מאַטעריעלער אויספירונג, וועלכן מיר געפינען אין אונזער באַוווסטזיין.

אומעטום זעען מיר מענטשנענלעכע מעשים. קודם-כל מוז זיין אַ פּלאַן, אַ צוועק, דאַן דער שטאָף און די קראַפט, וואָס ברענגט אים אין באַוועגונג. פונדאַנען זעט מען, אַז אַריס־טאָטעלעס — מיט זיין קעגנזאַץ פון פאָרם און שטאָף און מיט דער באַהערשונג פון די ווירקנדיקע אורזאַכן דורכן צוועק — איז, אין תוך גענומען, געוועזן א סאָקראַטיקער. הגם ער האָט זיך נישט פאַרנומען מיט דער פיזיק, האָט פאַר איר סאָקראַטעס פונדעסטוועגן אָנגעצייכנט דעם וועג, אויף וועלכן זי איז שפּעטער געגאַנגען מיט אַזאַ עקשנותדיקער אויסדויער!

דער אייגנטלעכער פּרינציפּ פון דערדאָזיקער וועלטאַנ־שויונג איז אָבער דער טעאָלאָגישער. דער בוימייסטער פון די וועלטן מוז זיין אַ פּערזאָן, וועלכע דער מענטש קאָן משיג זיין און זיך פאָרשטעלן, הגם ער קאָן זי נישט באַגרייפן אין אַלע אירע מעשים. אַפילו דער לפנים אומפּערזענלעכער אויס־דרוק — „דער שכל" האָט דאָס אַלץ געמאַכט, באַקומט באַלד זיין רעליגיעזן חותם דורכן אומבאַדינגטן אַנטראָפּאָמאָר־פיזם, מיט וועלכן ס'ווערט באַטראַכט די אַרבּייט פון דאָזיקן שכל.

דעריבער געפינען מיר אויך גאַנץ אָפּט ביים פּלאַטאָנישן סאָקראַטעס — און דערדאָזיקער שטריך קאָן זיין ריכטיק — די אויסדרוקן „שכל" און „גאָט" אַלס סינאָנימען.

אַז סאָקראַטעס איז אין זיין אויפפאַסונג פון דידאזיקע זאַכן געשטאַנען אויפן באָדן פון וועזנטלעך מאָנאָטע־איסטישע אָנשויונגען, דאַרף אונז נישט חידושן; דאָס איז געלעגן אין דער טבע פון דער צייט, אָבער דערדאָזיקער מאָנאָטעאיזם טרעט אינערגעץ נישט אַרויס דאָגמאַטיש; פאַרקערט; מ'האָט זיך אויסדריקלעך געהאַלטן ביי דער מערהייט געטער, אָבער די איבערוואָג פון דעם גאָט, וואָס ווערט באַטראַכט אַלס בורא פון דער וועלט און איר אָפּהיטער, האָט אַראָפּגעזעצט די אַנדערע געטער צו אַ נידעריקער מדרגה, אַזוי איז ביי געוויסע חקירות האָט מען זיי בכלל נישט גענומען אין באַטראַכט.

מיר וואָלטן אפשר געדאַרפט אָננעמען, אַז די אומזיכערקייט פון די פיזיקאַלישע ספעקולאַציעס, אויף וועלכער סאָקראַטעס קלאָגט זיך, איז מערנישט געווען ווי די באַשיינפערלעכע אוממעגלעכקייט אַדורכפירן אין דעם גאַנצן געבוי פון די וועלטן יענע שכל־סיבות, וועלכע ער האָט אומזיסט געזוכט ביי אַנאַקסאַגאָראַסן; ווייל די ווירקנדיקע אורזאַכן זענען קודם־כל פאַר סאָקראַטעסן, אומעטום ווו ער רעדט וועגן זיי, עפּעס העכטסגלייכגילטיקע און אומבאַדייטנדיקע: דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, ווען מ'זאָל זיי אויפפאַסן נישט אַלס אַלגעמיינע נאַטורגעזעצן, נאָר אַלס בלויזע ווערקצייג פון אַ פערזענלעך־דענקנדיקן און שאַפנדיקן שכל. וואָס דערהויבענער און מעכטיקער דער שכל ווערט באַטראַכט, אַלץ גלייכגילטיקער און באַדייטונגסלאָזער ווערט דאָס ווערקצייג. דעריבער האָט סאָקראַטעס געגלויבט, אַז ער פאַרמאָגט נישט גענוג ווערטער, כדי אויסצודריקן זיין פאַראַכטונג צו דער פאָרשונג פון די אויסערלעכע סיבות.

דאָ זענען מיר, ווי, אין תוך גענומען, האָט אפילו די לערע וועגן דער אידענטישקייט פון דעגען און זיין אַ טעאָלאָגישן שורש; ווייל זי איז

משער, אַז דער שכל פֿון אַ וועלט נשמה אָדער אַ גאָט, — און טאַקע אַ שכל, וואָס שיידט זיך אונטער פֿון מענטשלעכן נאָר לויט דער מדרגה, — האָט אַלץ אַזוי פֿאַרטראַכט און איינגעאָרדנט, אַז מיר קענען ווידער דענקען וועגן דעם, און ביי אַ שטרענג ריכטיקער אָנווענדונג פֿון שכל מוזן מיר ווידער דענקען וועגן דעם.

די רעליגיעזע ריכטונג, וואָס סאָקראַטעס האָט איינגעשטעלט, קאָן פֿאַרגליכן ווערן צום ראַציאָנאַליזם פֿון דער נייערער צייט. אמת, סאָקראַטעס וויל זיך ווייטער האַלטן ביי די טראַדיציאָנעלע פֿאָרמען פֿון גאָטס-דינסט, ער האָט זיי אָבער אומעטום צוגעגעבן אַ טיפֿערן אינהאַלט; אַזוי, למשל, ווען ער פֿאַרלאַנגט, אַז מ׳זאָל נישט בעטן אויף באַשטימטע גוטסקייטן, נאָר פֿאַרלאַנגען פֿון די געטער דאָס גוטע, ווייל זיי אַליין ווייסן אַמבעסטן, וואָס איז פֿאַר אונז גוט. דידאָזיקע לערע שיינט צו זיין פּונקט אַזוי אומשולדיק ווי פֿאַרשטענדיק, כּל-זמן מיר באַטראַכטן נישט ווי טיף די תּפֿלה אויף באַשטימטע גוטסקייטן האָט זיך אין העלענישן גלויבן צונויפֿגעגאָסן מיטן גאַנצן מהות פֿון באַשטימטע געטער.

די געטער פֿון פֿאָלקסגלויבן זענען ביי סאָקראַטעסן אַזוי אַרום געוואָרן שטעלפֿאַרטרעטער פֿון אַ ריינערן גלויבן. ס׳איז געזיכערט געוואָרן די איינהייט פֿון קולט צווישן פֿאָלק און די אויפֿגעקלערטע, אָבער דאָס איז געשען דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון אַזאַ אויסטייטשונג פֿון דער מסורה, וואָס מיר דאַרפֿן אָנרופֿן ראַציאָנאַליזם. דאָס, וואָס סאָקראַטעס האָט רעקאָמענדירט דעם אָראַקל, איז אין פֿולן הסכּם מיט דערדאָזיקער ריכטונג, ווייל פֿאַרוואָס זאָל נישט די גאָטהייט, וואָס זאָרגט זיך ביזן קלענסטן פּרט פֿאַרן נוצן פֿון מענטשן, פֿאַרקערן מיט אים און געבן עצות? איז דאָך אויך אין דער נייערער קולטורגעשיכטע, סיי אין ענגלאַנד, סיי אין דייטשלאַנד, אַרויסגעטרעטן אַן איינפֿלוסרייכע ריכטונג, וואָס האָט אין איר פֿלייס צוריקצושטעלן די רעליגיע און אירע השפּעות געמיינט, אַז מ׳דאַרף פֿאַרשפּרייטן ריינערע גלויבנספֿאָרשטעלונגען, און זייער

גרונט-טענדענץ איז נישט געקוקט אויפן גאַנצן ראַציאָנאַליזם געווען אַ פּאָזיטיווע!

גראָד די קנאות קעגן מאַטעריאַליזם און די זאָרג וועגן דערהאַלטן די אידעאַלע קנינים: דאָס גלויבן אין גאָט, פרייהייט און אומשטאַרבלעכקייט, איז אינערגעץ נישט געווען גרעסער ווי ביי די מענטשן פון דערדאָזיקער ריכטונג. און אַזוי וויל אויך סאָקראַטעס, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער טאָפּלטער השפעה: פון דער צעשטערערישער קולטור און פון דער ליבע צום אידעאַלן אינהאַלט פון גלויבן, קודם-כל ראַטעווען די לעצטע. דער קאָנסערוואַטיווער שטראָם, וואָס דרינגט אַדורך זיין גאַנץ וועזן, שטערט אים נישט אַפילו אויפן געביט פון דער פּאָליטיק צו כאַפּן זיך פאַר שטאַרק ראַדיקאַלע חידושים, כדי צו פאַרזיכערן דאָס אינערלעכסטע און איידלסטע אין מלוכה-לעבן: דעם לעבעדיקן געזעלשאַפטלעכן חוש קעגן דעם מבול פון דעם זיגרייכן אינדיווידואַליזם!

ליוס, וואָס גיט אין אַ געוויסער מאָס אַפּאָרטרעפלעך בילד פון סאָקראַטעסן, וואָלט פון זיין לערע, — אַז די טוגנט איז אַ וויסן,—געוואָלט קומען צום אויספיר, אַז סאָקראַטעס'ס אייגנטלעכע לעבנסאויפגאַבע איז געווען די פילאָזאָפיע, נישט די זיטלעכקייט. דידאָזיקע אונטערשיידונג ברענגט צו מיספאַרשטייענישן. סאָקראַטעס איז יעדנפאַלס נישט געווען קיין פשוטער „מאָראַליסט”, אויב מ'פאַרשטייט אונטער דעם אַ מענטש, וועמען עס גייט נאָר זיך און אַנדערע מאָראַלישער צו מאַכן, נישט נעמענדיק אין באַטראַכט די טיפערע באַגרינדונג פון זיינע לערעס. אָבער לויט איר אינערלעכן מהות איז זיין פילאָזאָפיע געווען אַ מאָראַלפילאָזאָפיע און דערצו אַ מאָראַלפילאָזאָפיע אויף אַ רעליגיעזן באָדן. דאָ ליגט די ספרוזשינע פון אַלע זיינע מעשים און אין דער אייגנטימלעכקייט פון זיין רעליגעזן שטאַנדפונקט שטעקט פון אָנהייב אָן די הנחה פון דער פאַרשטענדלעכקייט און מעגלעכקייט אויסצולערנען זיך דאָס, וואָס איז מאָראַליש. דאָס, וואָס סאָקראַטעס איז ווייטער געגאַנגען און נישט בלויז באַהויפּטעט די פאַרשטענדלעכ-

קייט פון מאָראַלישן, נאָר אויך אידענטיפיצירט די *פּראַקטישע* טוגנט מיט דער *טעאָרעטישער* פאַרשטענדניש פון מאָראַלישן, – איז אַ פּערזענלעכע אויפפאַסונג פונם פאַרהעלטניש און אויך דאָ וואָלטן זיך געלאָזט אויפווייזן רעליגיעזע השפּעות.

דער דעלפישער גאָט, וואָס איז דאָך בעיקר געווען אַ גאָט פון דער מאָראַלישער דערהויבונג, האָט גערופן דעם מענטש מיט דער אויפשריפט אויפן טעמפּל: „דערקען דיך זעלבסט". דאָסדאָזיקע וואָרט איז פאַר סאָקראַטעסן אין טאָפּלהינזיכט געוואָרן דער וועגווייזער פון זיין פילאָזאָפישער ריכטונג: קודם־כל האָט עס געפירט צום אויפשטעלן פון דער לערע וועגן גייסט, אַנשטאָט דער לפנים פּרוכטלאָזער נאַטורוויסנשאַפט, און צווייטנס – צום פּרינציפּ פון דערגרייכן די מאָראַלישע פאַראיידלונג *אויפן וועג פון דער דערקענטניש*.

דער רעלאַטיוויזם פון די סאָפיסטן האָט פאַר אַ מענטש פון אַזאַ גייסטיקער ריכטונג געמוזט זיין פאַרהאַסט פון קינדווייז אויף. דאָס רעליגיעזע געמיט פאַרלאַנגט זיינע *פעסטע פּונקטן*, הויפּטזעכלעך אין אַלעם, וואָס שייך גאָט, נשמה און לעבנסכללים. פאַר סאָקראַטעס איז עס דעריבער אַן אַקסיאָם, אַז עס מוז עקזיסטירן אַן עכטיש וויסן. דער רעלאַטיוויזם, וואָס וואַרפט עס אָפּ, שטיצט זיך אויפן רעכט פון אינדיווידועלן איינדרוק. קעגן דעם מוז מען קודם־כל פעסטשטעלן דאָס *אַלגעמיינע* און דאָס *אַלגעמיין גילטיקע*.

אויבן האָבן מיר געזען, אַז אויך פון רעלאַטיוויזם האָט מען, אָן פּרינציפּיעלן אומקער, געקאָנט איבערגיין צום אַלגעמיינעם. דאָס אַלגעמיינע איז אָבער דאָן אויפגעפאַסט געוואָרן שטרענג *נאָמינאַליסטיש*. דאָס וויסן האָט זיך אויפן דאָזיקן באָדן געקאָנט אויסשפּרייטן ביז צום אומענדלעכן, נישט דערהייבנדיק זיך איבער דער עמפּיריע און וואַרשיינלעכקייט. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, ווי דער פּלאַטאָנשער סאָקראַטעס הייבט גאַנץ אָפּט אָן, – דאָרט, ווו ער באַקעמפט פּראָטאַגאָראַס רעלאַטיוויזם – ווי ס'וואָלט געמוזט אָנהייבן אַן

עכטער תּלמיד פֿון די סאָפֿיסטן, ווען ער וואָלט געוואַגט צו באַטראַכטן דאָס אַלגעמיינע. אָבער דער וויכּוח איז קיינמאָל דערביי נישט געבליבן שטיין; שטענדיק גייט ער אַריבער דעם נאָענטסטן ציל, כּדי אויפֿצופּאַסן דאָס אַלגעמיינע אין יענעם טראַנסצענדענטאַלן זין, אין וועלכן פּלאַטאָן האָט עס אַריינגעפֿירט אין דער וויסנשאַפֿט. ס׳איז קיין ספֿק נישט, אַז סאָקראַטעס האָט דאָ שוין געלייגט דעם יסוד. ווען דער פּלאַטאָנישער סאָקראַטעס (אין קראַטילוס) באַווייזט, למשל, אַז די ווערטער ווערן געגעבן די זאַכן נישט דורך בלויזער צופֿעפּאַסטקייט, נאָר זיי אַנטשפּרעכן דער אינערלעכער נאַטור פֿון דער זאַך, אַנטהאַלט יענע נאַטור אינעם שורש יענץ „וועזן״, וואָס פּלאַטאָן האָט שפּעטער אַזוי הויך דערהויבן איבער די איינצעלנע זאַכן, אַז זיי זענען אַראָפּגעזונקען צו אַ פּשוטן דמיון.

אַריסטאָטעלעס איז מיחס סאָקראַטעסן צוויי וועזנטלעכע מעטאָדישע חידושים: די באַנוצונג פֿון די דעפֿיניציעס און דער אינדוקציע. ביידע מיטלען פֿון דער דיאַלעקטיק דרייען זיך אַרום די אַלגעמיינע באַגריפֿן, און די קונסט צו דיסקוטירן, אין וועלכער סאָקראַטעס איז געווען אַ מייסטער, איז הויפּטזעכלעך באַשטאַנען אין דער געשיקטער און זיכערער אַריבערפֿירונג פֿון דעם איינצעלנעם פֿאַל אויפֿן אַלגעמיינעם, און די באַנוצונג פֿון כּלל, כּדי אַרויסדרינגען דעם פּרט. גראָד דאָ געפֿינען זיך, וואָס אַן אמת מאַסנווייז, אין די פּלאַטאָנישע דיאַלאָגן די לאָגישע שפּרונגען, דאָס אונטערקומען פֿון הינטן און כּלערליי סאָפֿיזמען אויף דער זייט פֿון דעם שטענדיק זיגרייכן סאָקראַטעס. ער שפּילט זיך אָפּט מיט זיינע קעגנער, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז, ער נאַרט זיי אַריין מיט ווייטגייענדיקע הנחות, און באַלד דערנאָך ווייזט ער אַליין אויף, אַז די אַרגומענטאַציע איז געווען אַ פֿאַלשע. אָבער קוים האָט ער פֿאַרבעסערט דעם טעות, פֿאַנגט ער ווידער דעם קעגנער אין אַ נעץ, וואָס איז, אין תּוך גענומען, נישט שטאַרקער ווי די ערשטע.

בלי ספֿק איז דאָ דער אַלגעמיינער דרך פֿון עכט סאָקראַטישער, הגם די איינצעלנע אַרגומענטן זענען סרוב פּלאַטאָנס.

אויך דאַרף מען צוגעבן, אַז דערדאָזיקער סאָפּיסטישער אופן צו באַקעמפן די סאָפיסטן אין אַ שמועס, אין אוממיטלבאַרן וואָרטשטרייט, ווו די קעגנער ווייזן אַרויס זייער גייסטיקע קראַפט, איז אַ סך דערטרעגלעכער, ווי אין דער קאַלטער ליטעראַרישער באַהאַנדלונג, וועלכע מוז, ווייניקסטנס לויט אונזערע באַגריפן, מעסטן אירע באַווייזן מיט אַ שטרענגערן מאָסשטאַב פון אויסגעהאַלטנקייט.

שווער צו זאָגן, אַז סאָקראַטעס זאָל האָבן באַוווסטזיניק פאַרפירט זיינע קעגנער און זיי בלויז איבערגעכיטרעוועט, אָנשטאָט גרינטלעך אָפּצוּווענדן זייערע טענות.

דער פעסטער גלויבן אין זיינע אייגענע הויפּט-כללים האָט אים בלינד געמאַכט אויף די אייגענע פעלערן פון זיין אַרגומענטאַציע, בעת ער האָט בליצשנעל אַנטדעקט דעם קלענסטן פעלער פונם קעגנער און דאָס אויסגענוצט מיט דער קראַפט פון אַ געאיבטן קעמפער.

אויב מיר קאָנען סאָקראַטעסן נישט באַשולדיקן אין אומערלעכקייט בשעתן דיסקוטירן, מוז מען אָבער מודה זיין, אַז ער האָט פאַרמישט דאָס גובר זיין דעם קעגנער מיטן אָפּוועגדן זיין מיינונג, ווי דאָס האָבן שוין איבעריקנס געטון זיינע פאָרגייער און די גאַנצע גריכישע דיאַלעקטיק זינט אירע ערשטע התחלות. עס טרעט שטענדיק אַרויס דאָס בילד פונם גייסטיקן וועטקאַמף, אָדער ווי מיר געפינען עס נעמלעך ביי אַריסטאָטעלעסן, פון אַ שטרייט צווישן צוויי פאַרטייען פאַרן געריכט; דער געדאַנק באַווייזט זיך אין פאַרבינדונג מיט דער פערזאָן און די אָנשוילעכע פלאַסטיק פון דער דיסקוסיע פאַרנעמט דאָס אָרט פונם רויקן און אָלזייטיקן אַנאַליז.

דערביי איז די סאָקראַטישע „איראָניע", מיט וועלכער ער מאַכט דעם אָנשטעל פון אַן אומוויסנדיקן און פאַרלאַנגט פון קעגנער אַ דערקלערונג, אָפט אַ שוואַכע הילף פאַר אַ דאָגמאַטיזם, וואָס איז שטענדיק גרייט ביי דער לייכטסטער פאַרלעגנהייט אומשולדיק און לפנים נאָר אַלס פּרווו אונטערצורוקן אַ פאַרטיקע מיינונג און אומבאַמערקט געווינען פאַר איר אָנער-

קענונג. דערדאָזיקער דאָגמאַטיזם האָט אָבער נאָר זייער וויניציקע און איינפאַכע דאָגמעס, וואָס חזרן זיך אַלעמאָל איבער: די טוגנט איז אַ וויסן; נאָר דער גערעכטער איז באמת גליקלעך; די העכסטע אויפגאַבע פון מענטש איז זעלבסטדערקענטניש; צו פאַרבעסערן זיך זעלבסט איז וויכטיקער ווי אַלע דאגות פאַר אויסערלעכע זאַכן א. אַ. וו.

סאָקראַטעס איז געבליבן אַן אייביקער זוכער, וואָס שייך דעם אייגנטלעכן אינהאַלט פון דער זעלבסטדערקענטניש און טוגנטלערע. ער זוכט מיטן כוח פון אַ גלויביקן גייסט, ער וואָגט אָבער נישט פעסטצושטעלן באַשטימטע רעזולטאַטן. זיין אופן פון דעפיניציע פירט א סך אָפטער צום פשוטן פאָסטולאַט פון אַ דעפיניציע, צו דער פאָרשטעלונג פון דער אידיי פון דעם, וואָס מען וויל וויסן, און אין וואָס ס׳ליגט די אַנטשיידונג, אָבער נישט צו דער ווירקלעכער אויפשטעלונג פון דער דעפיניציע. אויב ס׳קומט צום פונקט, ווו ס׳דאַרף עפּעס מער געגעבן ווערן, דערשיינט אָדער אַ בלויזער פּרווו, אָדער דאָס באַקאַנטע סאָקראַטישע נישטוויסנדיקייט. ער באַנוגנט זיך לפנים מיט דער נעגאַציע פון דער נעגאַציע און דערמיט אַנטשפּרעכט ער דעם אָראַקל, וואָס האָט אים דערקלערט פאַרן קלוגסטן פון די העלענער, ווייל ער זעט איין זיין אייגן נישטוויסן, בעת די אַנדערע וויסן צומאָל נישט, אַז זיי זענען אומוויסנדיק.

דערדאָזיקער לפנים רײַן נעגאַטיווער רעזולטאַט, איז אָבער הימלווייט פאַרשידן פון סקעפּטיציזם, ווייל בעת דער סקעפּטיקער לייקנט אין דער מעגלעכקייט פון זיכערן וויסן, איז פאַר סאָקראַטעסן דער געדאַנק, אַז עס מוז עקזיסטירן אַזאַ וויסן, דער פירנדיקער שטערן פון זיין גאַנצן שטרעבן. ער באַנוגנט זיך אָבער צו מאַכן אַן אָרט פאַרן עכטן וויסן דורכן צעשטערן דאָס לפנימדיקע וויסן און דורכן אויפשטעלן און פירן אַ מ ע ט אָ ד, וואָס זאָל זיין מסוגל אונטערצושיידן דאָס עכטע וויסן פונעם לפנימדיקן. די אויפגאַבע פון דאָזיקן מעטאָד איז בכן ק ר י ט י ק, אין קעגנזאַץ צום סקעפּטיציזם, און אין דעם דער-

הויבן די קריטיק אַלס ווערקצייג פון דער וויסנשאַפט ליגט יעדנפאַלס דער בלייבנדיקער ווערט פונם רעזולטאַט פון זיין טעטיקייט.

זיין הויפטבאַדייטונג פאַר דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע באַשטייט אָבער דאָך נישט דערין, נאָר אין זיין גלויבן אין וויסן און אין זיין קעגנשטאַנד: דער אַלגעמיינער מהות פון די זאַכן, דער אומבאַוועגלעכער פאָלוס אינם מבול פון דערשיינונגען. און הגם דערדאָזיקער גלויבן איז ווייטער איבערגעשטיגן זיין ציל, איז אָבער אויפן דאָזיקן וועג געמאַכט געוואָרן אַ נויטווענדיקער שריט, וועלכן דער אָפגעשוואַכטער רעלאַטיוויזם און מאַטעריאַליזם האָבן שוין נישט געקאָנט מאַכן: נעמלעך, באַהאַנדלען דאָס אַלגעמיינע אין זיין פאַרהעלטניש צום אינדיווידועלן, די באַגריפן אין קעגנזאַץ צו בלויזער פערצעפציע. די ווילדע קרייטעכצער פון פלאַטאָנישן אידעאַליזם זענען אויפגעוואָקסן צוזאַמען מיט דער תבואה, אָבער דאָס פעלד איז ווידער באַאַרבעט געוואָרן. געפלעגט פון אַ שטאַרקער האַנט, האָט דאָס פעלד פון דער פילאָזאָפיע ווידער אַרויסגעגעבן פילפאַכיקע שניט, אין דעם מאָמענט בעת עס האָט געשיינט צו זיין פאַרוואָרלאָזט.

פון צווישן אַלע סאָקראַטיקער איז פלאַטאָן געווען דעריעניקער, וועלכער איז אַמטיפסטן געווען דורכגעדרונגען פון יענעם רעליגעזן פייער, וואָס איז אַרויס פון סאָקראַטעסן, און פלאַטאָן איז אויך געווען דער, וואָס האָט ווייטער אַנטוויקלט די געדאַנקען פון זיין רבין אַמריינסטן, הגם אויך זייער איינזייטיק. קודם־כל האָבן די טעותים, וואָס זענען באַגרינדעט אין דער סאָקראַטישער וועלטאַנשויונג, דערגרייכט ביי פלאַטאָנען אַ מעכטיקע, טויזנטיאָריקע דאָמינירנדיקע אַנטוויקלונג. די דאָזיקע טעותים פלאַטאָנס זענען אָבער שטאַרק וויכטיק פאַר אונז צוליב זייער טיפן קעגנזאַץ לגבי יעדער, פון דער דערפאַרונג אַרויסגייענדיקער וועלטאַנשויונג. זיי זענען אין דערזעלבער צייט וועלטהיסטאָרישע טעותים, ענלעכע צו די טעותים פונם מאַטעריאַליזם; און הגם זיי בינדן זיך נישט

דורך אומmיטלבאַרע באַרירונגספּונקטן מיט דער נאַטור פון אונזער מאַכט צו דענקען, ווי דער מאַטעריאַליזם, שטיצן זיי זיך דאָך אַלץ זיכערער אויף דער באַזע פון אונזער גאַנצער פּסיכישער אָרגאַניזאַציע.

בײדע װעלטאָנשױונגען זענען נױטװענדיקע איבערגאַנגספּונקטן פון מענטשלעכן דענקען, און װען אַפילו דער מאַטעריאַליזם בלײַבט שטענדיק גערעכט לגבי דעם פּלאַטאָניזם אין אַלע אײנצעלנע פראַגן, איז אָבער אפשר אַ סך נאָענטער צו דער אומבאַקאַנטער װאָרהײט דאָס גאַנצע בילד פון דער װעלט, װאָס די לעצטע װעלטאָנשױונג גיט; אַלנפאַלס האָט זי טיפערע באַציונגען צום געמיטלעבן, צו דער קונסט און צו דער מאָראַלישער אויפגאַבע פון דער מענטשהייט. אָבער ווי איידל ס׳זאָלן נישט זיין דידאָזיקע באַציונגען, ווי ווילטעטיק דער פּלאַטאָניזם האָט דורך זיי נישט משפּיע געווען אין טייל עפּאָכעס אויף דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, בלייבט פונדעסטוועגן נישט ווייניקער נויטוועַנדיק די אויפגאַבע, — פולשטענדיק און גרינטלעך אויפצודעקן די טעותים פונם פּלאַטאָניזם, נישט געקוקט אויף זיינע דערהויבענע שטריכן.

קודם-כל אַ וואָרט וועגן פּלאַטאָנס אַלגעמיינער גייסטיקער ריכטונג. מיר האָבן אים אָנגערופן „ריינסטער סאָקראַטיקער”; און אין סאָקראַטעסן האָבן מיר געזען דעם ראַציאָנאַליסט. מיט דעם שטימט נישט איין די ברייט-פאַרשפּרייטע מיינונג, וואָס האַלט פּלאַטאָנען פאַר אַ מיסטיקער און דיכטער-טרוימער. די-דאָזיקע מיינונג איז אָבער פון גרונט אויס פאַלש. ליוס, וואָס טרעט באַזונדערס שאַרף אַרויס קעגן דאָזיקן פאָרורטייל, כאַראַקטעריזירט אים מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „אַלס יונגער מענטש האָט ער געשריבן לידער, אַלס רייפער מענטש האָט ער העפטיק געשריבן קעגן דער פּאָעזיע. אין זיינע דיאַלאָגן ווייזט ער זיך אַרויס אַלס נישט ווייניקער טרוימער, נישט ווייניקער אידעאַליסט, ווי מ׳פאַרשטייט געוויינלעך דידאָזיקע אויסדרוקן. ער איז אַ געבוירענער דיאַלעקטיקער, אַ שטרענג-אַבסטראַקטער

דענקער און אַ גרויסער סאָפיסט. זיין מעטאַפיזיק איז אַזאַ אַבסטראַקטע און פּלפּולדיקע, אַז נאָר די אַנטשלאָסענע גלערנטע שרעקן זיך נישט אָפּ פאַר איר. זיינע מיינונגען וועגן מאָראַל און פּאָליטיק זענען ווייט פון צו האָבן אַ ראָמאַנטישע באַפּאַרבונג, זיי זענען, פאַרקערט, דאָס עקסטרעמסטע פון לאָגישער געניויאיקייט; האַרט, קאָמפּראָמיסלאָז, איבער דער מענטשלעכער מאָס. ער האָט אויסגעלערנט צו באַטראַכטן די מענטשלעכע ליידנשאַפט אַלס אַ קראַנקהייט, און די מענטשלעכע פאַרגעניגנס אַלס אַן אומנוצלעכע זאַך. דאָס איינציקע, וואָס איז ווערט, אַז מ'זאָל דערצו שטרעבן, איז דער אמת. די דיאַלעקטיק איז די איידלסטע איבונג פון דער מענטשהייט 47).

אָבער טראָץ דעם אַלעם לאָזט זיך נישט אָפּלייקענען, אַז דער פּלאַטאָניזם טרעט היסטאָריש אָפּט גענוג אַרויס צוזאַמען מיט טרוימעריי, און אַז אַפילו די ווייט-אָפּווייכנדיקע ניי־פּלאַטאָנישע סיסטעמען געפינען אַ שטיצפּונקט אין פּלאַטאָנס לערע. נאָכמער, אַפילו צווישן די נאָענטסטע נאָכפאָלגער פון גרויסן מייסטער האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס דאַרפן באַצייכנט ווערן אַלס מיסטיקער, און די פּיטאַגאָרייאישע עלעמענטן, וואָס זיי האָבן פאַרבונדן מיט פּלאַטאָנס מסורות, געפינען אין דידאַקטישע מסורות גופא אַנטשפּרעכנדיקע אָנהאַלטספּונקטן. וואָס אַן אמת, האָבן מיר אַחוצדעם די דורכויס ניכטערע „מיטעלע אַקאַדעמיע", וואָס שטיצט זיך אויפן זעלבן פּלאַטאָן, און די התחלות פון איר טעאָריע וועגן וואַרשיינלעכקייט לאָזן זיך פאַקטיש אויפווייזן ביי פּלאַטאָנען.

די מעשה איז, וואָס ביי פּלאַטאָנען האָט דער סאָקראַטישער ראַציאָנאַליזם פאַרלוירן זיין שטיצפּונקט, און אין זיין שטרעבונג אויפצוהייבן דאָס געביט פון שכל העכער איבער דעם זינלעכן, איז ער אַזוי ווייט געגאַנגען, אַז ס'איז געבליבן אומפאַרמיידלעך דאָס צוריקקערן צו די מיטאָס-פאָרמען. פּלאַטאָן האָט זיך איינגעשלאָסן אין אַ געביט, פאַר וועלכן דער מענטש האָט נישט קיין שפּראַך און נישט קיין פאָרשטעלונגס-פעיקייטן. ער איז דאָ געצוווּנגען צו באַנוצן זיך מיט אַ בילד-

לעכן אויסדרוק, אָבער טאַקע זיין סיסטעם איז אַ בפירושער באַווייז דערפון, אַז דער בילדלעכער אויסדרוק פאַרן באַגריף איבערזינלעכס איז אַן אומזין, און אַז דער פּרווו, דורך דער דאָזיקער לייטער אַרויפצושטייגן צו די אוממעגלעכע הויכקייטן פון דער אַבסטראַקציע, נעמט פשוט נקמה דערמיט, וואָס דאָס בילד באַהערשט דעם געדאַנק און שטויסט צו קאָנסעקווענצן, אין וועלכע יעטוועדע לאָגישע קאָנסעקווענץ גייט צוגרונט אונטערן כשוף פון דער זינלעכער אידייען־אַסאָציאַציע[48].

פּלאַטאָן האָט, איידער ער האָט זיך אָנגעשלאָסן צו סאָקראַטעסן, זיך באַקענט מיט הערואקליטס פילאָזאָפיע און ער האָט בכן געלערנט, אַז ס׳איז גאָרנישט פאַראַן קיין רויק באַשטענדיק זיין, אַז אַלע זאַכן געפינען זיך אין אַ כסדרדיק פליסן. אָבער ווען ער האָט געמיינט, אַז אין די סאָקראַטישע דעפיניציעס און אינם אַלגעמיינעם וועזן פון די זאַכן, וואָס ווערט אויסגעדרוקט דורך דידאָזיקע דעפיניציעס, האָט ער געפינען עפּעס באַשטענדיקס, האָט ער דאַן פאַרבונדן דידאָזיקע לערע מיט אַ הערואקליטישן עלעמענט אויף אַזאַ אופן, אַז בלויז דעם אַלגעמיינעם האָט ער צוגעשריבן אַן אמתדיק זיין און דערפון אַן אומאָפּטיילבאַר רויקע באַשטענדיקייט; די איינצעלנע זאַכן דערקעגן זענען אייגנטלעך גאָרנישט פאַראַן, נאָר זיי ווערן. די דערשיינונגען פליסן וועזנטלאָז, דאָס זיין איז אייביק.

הייַנטצוטאָג ווייסן מיר, אַז מ׳קאָן דעפינירן נאָר אַבסטראַקטע זעלבסטגעשאַפענע באַגריפן, ווי דער מאַטעמאַטיקער באַנוצט זיי, כדי צו קאָנען זיך דערנענטערן צו דער קוואַנטיטאַטיווער נאַטור פון די זאַכן ביז צום אומענדלעכן, אָבער נישט אויסשעפנדיק זיי מיט פאָרמולן. יעדער פּרווו צו דעפינירן זאַכן פאַרפעלט דעם ציל; מ׳קאָן ווילקירלעך פיקסירן די באַדייטונג פון אַ וואָרט, אָבער ווען דאָס וואָרט דאַרף באַצייכנען אַ געוויסן קלאַס זאַכן לויט זייער געמיינזאַמען מהות, ווייזט זיך פריער־שפּעטער אַרויס, אַז די זאַכן האָבן גאָר אַן אַנדערע שייכות און אַנדערע מאָסגעבנדיקע אייגנשאַפטן, ווי מ׳האָט

מתחילת אָנגענומען. די אַלטע דעפיניציע ווערט נוצלאָז און זי מוז פּאַרטרעטן ווערן דורך אַן אַנדערער, וועלכע קאָן, פון איר זייט, בשום אופן נישט מער פּרעטענדירן אויף אַן אייביקן קיום, ווי די ערשטע.

קיין שום דעפיניציע פון אַ פעסטן שטערן קאָן אים נישט אָפּהאַלטן אין זיין באַוועגונג, קיין שום דעפיניציע קאָן נישט אַוועקשטעלן קיין אייביקע גרענעץ צווישן די מעטעאָרן און אַנדערע הימלקערפּער. קוים מאַכט די פאָרשונג אַ גרויסן שריט, מוזן די דעפיניציעס אָפּטרעטן, און די איינצעלנע זאַכן פּאַסן זיך נישט צו אונזערע אַלגעמיינע באַגריפן, נאָר די באַגריפן מוזן זיך צופּאַסן צו די איינצעלנע זאַכן, וועלכע עס באַגעגנט אונזער אָבסערוואַציע.

פּלאַטאָן האָט ווייטער אַנטוויקלט די פון סאָקראַטעסן געירשנטע עלעמענטן פון דער לאָגיק. ביי אים געפינען מיר צום ערשטן מאָל אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן מ י נ י ם און א ר ט ן, וועגן דער איינסדרונג און היעראַרכיע פון די באַגריפן. און מיט פאָרליבע ווענדט ער אָן דידאַקטיקע נייע דערגרייכונג, כדי דורך א י נ ט י י ל ו נ ג ע ן אַריינצוברענגען ליכט און אָרדנונג אין די באַהאַנדלטע זאַכן. אוודאי איז דאָס געווען אַ גרויסער און וויכטיקער פאָרשריט, אָבער אויך ער איז באַלד אויסגענוצט געוואָרן פאַר אַ גרויסן טעות. ס'איז אַנטשטאַנען יענע היעראַרכיע פון באַגריפן, אין וועלכער דאָס אַממייסטן איגהאַלטסלאָזע איז געשטעלט געוואָרן אַמהעכסטן. די אַבסטראַקציע איז געוואָרן די הימלסלייטער, דורך וועלכער דער פילאָזאָף איז אַרויפגעשטיגן צו דער זיכערקייט. וואָס ווייטער פון די פאַקטן, אַלץ נענטער צום אמת, האָט ער געגלייבט צו זיין.

אָבער בעת פּלאַטאָן שטעלט אַקעגן די אַלגעמיינע באַגריפן אַלס דאָס באַשטענדיקע פון דער צעפּליסנדיקער דערשיינונגסוועלט, האָט ער זיך ווייטער געצוווּנגען צו מאַכן אַ פּאַטאַלן שריט — אָפּצוטיילן דאָס אַלגעמיינע פון אייגנצעלנעם און אים צושרייבן אַן אָפּגעזונדערטע עקזיסטענץ. דאָס שיינע געפינט זיך נישט נאָר אין די שיינע זאַכן, דאָס

גוטע — נישט נאָר אין גוטע מענטשן, נאָר דאָס שיינע, דאָס גוטע, גאַנץ אַבסטראַקט גענומען, איז אַ זעלבסשטענדיק וועזן פֿאַר זיך.

עס וואָלט אונז צו ווייט פֿאַרפֿירט, צו באַטראַכטן אויסשעפֿנדיק פּלאַטאָנס *אידייענלערע*; פֿאַר אונזער צוועק איז גענוג אויפֿצווייזן אירע הויפּט־יסודות און צו זען, ווי אַזוי ס'איז פֿון דידאַקטישע הויפּט־יסודות אַרויסגעוואַקסן יענע גייסטיקע ריכטונג, וואָס האָט זיך בלומרשט דערהויבן איבער דער געוויינלעכער עמפּיריע, און וועלכע האָט אָבער אין אַלע פּונקטן געמוזט אָפּטרעטן פֿאַר דער עמפּיריע, דאָרט ווו עס האַנדלט זיך וועגן דעם פּאָזיטיוון פֿאָרשריט פֿון דער וויסנשאַפֿט.

ס'איז אָבער גענוג קלאָר, אַז מיר *דאַרפֿן* האָבן דאָס אַלגעמיינע און די אַבסטראַקציע, כּדי צו דערגרייכן דאָס וויסן. אַפֿילו דער איינצעלנער פֿאַקט מוז, כּדי ווערן אַ זאַך פֿון וויסן, דערהויבן ווערן איבער פּראָטאַגאָראַס'ס אינדיווידואַליזם דורכן אָננעמען און אויפֿווייזן אַ *נאָרמאַלע* פּערצעפּציע, ד. ה. דאָס *אַלגעמיינע* לגבי דעם אינדיווידועלן, דאָס דורכשניטלעכע לגבי די וואַקלונגען. דערמיט הייבט זיך אָבער דאַן אָן אויך דאָס וויסן צו דערהייבן איבער דעם פּשוטן מיינען, נאָך פֿריער, איידער עס איז נוגע אַן אָפּגעזונדערטן און גלייכאַרטיקן קלאַס פֿון זאַכן. מיר דאַרפֿן אָבער ווייטער האָבן, און אויך דאָס *פֿריער פֿאַר* דער גענויער דערקענטניש פֿון גאַנצע קלאַסן, — *אַלגעמיינע אויסדרוקן*, כּדי צו קאָנען אונזער וויסן פֿאַרפֿיקסירן און איבערגעבן, צוליב דער פּשוטער סיבה, וואָס קיין שום שפּראַך וועט נישט קלעקן אַלץ צו באַצייכענען אינדיווידועל, און ווייל אין אַזאַ שפּראַך, וואָס וואָלט דאָס געטון, וואָלט נישט מעגלעך געווען קיין שום פֿאַרשטענדיקונג, קיין שום געמיינזאַם וויסן און אויפֿהיטונג פֿון אַזאַ אומענדלעכקייט פֿון וואָרט באַטייטן. ערשט *לאָק* האָט פֿאַרשפּרייט אַ קלאָר ליכט איבער דעמדאָזיקן ענין, אָבער מ'דאַרף קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן, אַז לאָק, הגם ער האָט געלעבט אַ סך שפּעטער נאָך פּלאַטאָנען, שטייט נאָך אינמיטן פֿון גרויסן פּראָצעס,

אַדאַנק וועלכן די נייע צייט האָט זיך עמאַנציפּירט פון דער פּלאַטאָנשער-אַריסטאָטעלשער וועלטאָנשויונג.

סאָקראַטעס, פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס האָבן זיך גע־לאָזט פאַרפירן פון ווערטער, פונקט ווי זייער גאַנצע תּקופה. מיר האָבן שוין געזען, אַז סאָקראַטעס האָט געגלייבט, דאָס יעדעס וואָרט מוז לכתּחילה אויך באַצייכענען דעם וועזן פון דער זאַך; ובכן, דאָס אַלגעמיינע וואָרט — אויך דאָס וועזן פונם באַטרעפנדיקן קלאַס פון זאַכן. ווו ס'איז פאַראַן אַ וואָרט, דאָרט איז מען בכן משער אַ וועזן. גערעכטיקייט, וואָרהייט, שיינקייט, מוז דאָך „עפּעס” באַדייטן, עס מוזן בכן עקזיסטירן וועזנס, וואָס אַנטשפּרעכן דידאָזיקע אויסדרוקן.

אַריסטאָטעלעס שטרייכט אונטער, אַז ערשט פּלאַטאָן האָט אָ פּ ג ע ט ײ ל ט דאָס אַלגעמיינע וועזן פון די זאַכן פון די אײנ־דיווידן; סאָקראַטעס האָט דאָס נישט געטון. אָבער סאָקראַטעס האָט אויך נאָך נישט געלערנט יענע אייגנטימלעכע לערע אַריס־טאָטעלעס וועגן פאַרהעלטניש פון אַלגעמיינעם צום באַזונדערן, וואָס מיר וועלן דאָ באַלד באַטראַכטן. אָבער סאָקראַטעס האָט שוין געלערנט, אַז אונזער וויסן איז נוגע דעם אַלגעמיינעם און דאָס איז לגמרי אַנדערש, ווי די אויבן אָרומגערעדטע בויטווענדיקייט פון די אַלגעמיינע באַגריפן פאַרן וויסן. דער טוגנט־פולער איז, לויט סאָקראַטעס, דעריענעקער, וועלכער ווייס, וואָס ס'איז פרום אָדער גאָטלאָז, וואָס איז איידל אָדער שענדלעך, וואָס איז גערעכט אָדער אומגערעכט; אָבער דערביי האָט ער שטענדיק אין זין די ד ע פ י נ י צ י ע, וועלכע ער זוכט אָן אויפהער.

עס ווערט געזוכט דאָס אַלגעמיינע וועזן פונם גערעכטן, פון איידלען, נישט דאָס, וואָס איז גערעכט און איידל אין איינצעלנעם פאַל. פונם אַלגעמיינעם זאָל זיך באַקומען דאָס איינ־צעלנע, נישט פאַרקערט; ווייל די אינדוקציע האָט געדינט סאָק־ראַטעסן נאָר אַלס אַ וועג צום אַלגעמיינעם, אַלס אַ מיטל צו־וועגן די אויפמערקזאַמקייט, אָבער נישט אַלס אַן אופן פון באַגרינדן די אַלגעמיינע באַגריפן אויף דער סומע פון די איינ־

צעלנע פאַלן. אַרויסגייענדיק פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט, איז געווען קאָנסעקווענט דאָס געבן דעם אַלגעמיינעם אַן אייגענע עקזיסטענץ, מחמת נאָר דורכדעם האָט עס געשיינט צו באַקומען אַ פולקאָמע זעלבסשטענדיקייט. ערשט שפּעטער האָט מען געקאָנט מאַכן דעם פּרווו צו געבן דעם אַלגעמיינעם אַן אימאַנענטע און דאָך פּרינציפּיעל־זעלבסשטענדיקע שטעלונג לגבי די איינצעלנע וועזנס. דערביי דאַרף מען אָבער נישט אַרויסלאָזן פון אויג, אַז הערײַקליטס יסוד אין פּלאַטאָנס אויסבילדונג האָט שטאַרק גורם געווען צו דערדאָזיקער אָפּשיידונג פון אַלגעמיינע וועזנס פון די איינצעלנע.

קלאָר, אַז פון דער אומזיניקער התחלה קאָנען אַנטשטיין נאָר אומזיניקע אויספירונגען. דאָס וואָרט איז דערהויבן געוואָרן צו דער באַדייטונג פון אַ זאַך, אָבער צו אַזאַ זאַך, וואָס האָט נישט קיין שום ענלעכקייט צו אַנדערע זאַכן, וועלכע קאָנען לויט דער נאַטור פון מענטשלעכן דענקען באַקומען נאָר נעגאַטיווע פּרעדיקאַטן. היות אָבער ווי מ׳דאַרף אויסדריקן עפּעס פּאָזיטיווס, דעריבער געפינען מיר זיך מתחילת אָן אויפן געביט פון מיטאָס און סימבאָל.

שוין דאָס וואָרט eidos אָדער idea, פונוואַנען עס שטאַמט אונזער אויסדרוק „אידיי״, טראָגט דעמדאָזיקן חותם פון סימבאָלישן. מיטן זעלבן באַגריף ווערן אויך באַצייכנט די אַרטן, להיפוך צום אינדיווידו. מ׳קאָן דעריבער זייער לייכט זיך פאָרשטעלן אין דער פאַנטאַזיע אַן אורבילד פון יעדער אַרט, וואָס איז פריי פון אַלע צופעליקייטן פון די אינדיווידן און טרעט בכן צוגלייך אויף אַלס טיפּ, אַלס מוסטערבילד פון אַלע אינדיווידן, און דערביי אַלס אַן אַבסאָלוט פולקאָמער אינדיוויד. מ׳קאָן זיך נישט פאָרשטעלן אַ לייב אַלס אַזעלכן, קיין רויז אַלס אַזעלכע, אָבער מ׳קאָן זיך יאָ פאָרשטעלן אין דער פאַנטאַזיע אַ באַשטימט אָנשקיצירט בילד פון אַ לייב אָדער אַ רויז, וועלכע זענען אינגאַנצן פריי פון כלערליי צופעליקייטן פון דער אינדיווידועלער געשטאַלטונג, וואָס דערשיינען אַלס דעפעקטן, אַלס אָפּווייכונגען פון דערדאָזיקער נאָרם.

דאָן איז דאָס אָבער נישט קיין פּלאַטאָנשע אידיי וועגן ליבּ אָדער רויז, נאָר אַן אידעאַל, ד. ה. טאַקע דאָך ווידער אַ שאַפונג פון דער זינלעכקייט, וואָס איז באַשטימט, כּדי ווי מעגלעך פולקאָם אויסדריקן די אַבּסטראַקטע אידיי. די אידיי גופא איז אומזעבאַר, ווייל יעטוועדעס זעבאַרע געהערט צו דער פליסיקער וועלט פון סתם דערשיינונגען; זי האָט נישט קיין רוים־פאָרמען; ווייל דאָס איבערזינלעכע קאָן אויך נישט זיין רוימלעך, אויך לאָזט זיך גאָרנישט זאָגן דאָס מינדסטע פּאָזיטיווע וועגן די אידייען, נישט באַנעמענדיק זיי ווי נישט איז זינלעך. מ'קאָן זיי נישט אָנרופן ריין, הערלעך, פולקאָם, אייביק, נישט אַריינברענגענדיק אין דידאָזיקע ווערטער גופא קיין זינלעכע פאָרשטעלונגען. דעריבער איז פּלאַטאָן אין דער אידייענלערע געצוווּנגען צו כאַפּן זיך פאַרן מיטאָס און דערמיט זענען מיר מיט איין קלאַפּ פון די העכסטער אַבּסטראַקציעס אַריין אין דעם אמתן לעבנסעלעמענט פון יעטוועדער מיסטיק — דעם זינלעך איבערזינלעכן.

דער מיטאָס דאַרף נאָר גילטן בילדלעך; דאָסיעניקע, וואָס איז אין זיך נאָר אַ זאַך פון ריינעם שכל, זאָל פאָרגעשטעלט ווערן אין דער פאָרם פון דער דערשיינונגסוועלט; אָבער וואָס איז דאָס אַזוינס אַ בילד, וועמעס אורבילד מ'קאָן בשום אופן נישט אָנווייזן?

די אידיי גופא ווערט אויפגענומען דורכן שכל — הגם זי קאָן קיינמאָל נישט פולקאָם באַגריפן ווערן דורכן מענטש אין זיין ערדישער עקזיסטענץ — וואָס פאַרהאַלט זיך לגבי דעם איבערזינלעכן וועזן, ווי די חושים צו דעם זינלעכן. דאָ האָבן מיר די התחלה פון יענער שאַרפער אָפּשיידונג פון שכל און זינלעכקייט, וואָס האָט זינט דעמאָלט באַהערשט די גאַנצע פילאָזאָפיע און אַרויסגערופן אומציילִיקע מיספאַרשטייענישן. די חושים נעמען גאָר נישט קיין אָנטייל אין וויסן, זיי קאָנען נאָר עמפּינדן אָדער אויפנעמען, און זענען נוגע נאָר דערשיינונגען, דער שכל דערקעגן זאָל מסוגל זיין צו באַנעמען דאָס איבערזינלעכע. ער ווערט אָפּגעזונדערט פון דער איבעריקער אָרגאַ־

ניזאַציע פֿון מענטש, באַזונדערס ביי אַריסטאָטעלעסן, וואָס האָט ווייטער אַנטוויקלט דידאַקטיק לערע.

עס ווערן אָנגענומען באַזונדערע אָביעקטן פֿונם ריינעם שכל־דערקענטניש, די „נאָמענאַ" וועלכע בילדן, להיפוך צו די „פֿענאָמענאַ", דעם קעגנשטאַנד פֿון העכסטן דערקענטנישאופֿן. פּאַקטיש אָבער זענען נישט בלויז די „נאָמענאַ" אַ כימערע, נאָר אויך דער ריינער שכל, וואָס דאַרף זיי אויפֿנעמען, איז מער נישט ווי אַ דמיון. דער מענטש האָט נישט קיין שום „שכל" און אויך קיין פֿאָרשטעלונג וועגן אַזעלכן, וואָס זאָל קאָנען דערקענען דאָס אַלגעמיינע, דאָס אַבסטראַקטע, דאָס איבערזינלעכע, די אידייען, אָן יעטוועדער פֿאַרמיטלונג פֿון עמפּינדונג און פּערצעפּציע. אַפֿילו דאָרט, וווּ אונזער דענקען פֿירט אונז איבער די גרעניצן פֿון אונזער זינלעכקייט, ווו מיר ווערן געפֿירט צו דער השערה, אַז אונזער רוים מיט זיינע דריי דימענסיעס, אונזער צייט מיט איר קעגנוואַרט, וואָס טויכט אויף פֿונם גאָרנישט און אינם גאָרנישט פֿאַרשווינדט זי, זענען נאָר מענטשלעכע פֿאָרמען פֿון דער אויפֿפֿאַסונג פֿון אַן אומענדלעך אינהאַלטסרייכן זיין — אַפֿילו דאָרטן מוזן מיר זיך נאָך באַנוצן מיטן פּשוטן פֿאַרשטאַנד, וועמעס קאַטעגאָריעס, אינגאַנצן און באַזונדער, זענען אומאָפּטיילבאַר פֿון דער זינלעכקייט. מיר קאָנען זיך איבערהויפּט נישט פֿאָרשטעלן נישט דאָס איינציקע, נישט דעם רבים, נישט די סובסטאַנץ לגבי אירע אייגנשאַפֿטן, נישט קיין שום פּרעדיקאַט בכלל, אָן דער אַריינמישונג פֿון זינלעכן.

דאָ האָבן מיר בכן אומעטום מיטאָס, און מיטאָס, וועמעס אינערלעכער קערן און זין איז דאָס סתם אומבאַקאַנטע, אויב נישט צו זאָגן, אַ גאָרנישט. דידאַקטיק אַלע פּלאַטאָנישע פֿאָרשטעלונגען זענען דעריבער געוועזן און זענען עד־היום שטערונגען און פֿאַרפֿירערישע ליכטער פֿאַרן דענקען און פֿאָרשן, פֿאַר דער באַהערשונג פֿון די דערשיינונגען דורכן פֿאַרשטאַנד און פֿאַר דער זיכערער מעטאָדישער וויסנשאַפֿט. אָבער פּונקט ווי דער מענטשלעכער גייסט וועט זיך קיינמאָל נישט באַרויקן,

ביי דער פאַרשטאנדסוועלט, וואָס די עקזאַקטע עמפּיריע קאָן אונז געבן, אַזוי וועט אויך שטענדיק די פּלאַטאָנישע פילאָזאָפיע בלייבן דאָס ערשטע און דערהויבנסטע פאָרבילד פון אַ דיכטערשער דערהויבונג פונם גייסט איבער דעם אומבאַפרידיקנדיקן צונויפגעשטיקעוועטן ווערק פון דער דערקענטניש, און מיר זענען אַזוי באַרעכטיקט צו דערדאָזיקער דערהויבונג אויף די פליגל פון אַ באַגייסטערטער ספּעקולאַציע, פּונקט ווי צו דער אויספירונג פון וועלכער נישט איז פונקציע פון אונזערע גייסטיקע און קערפּערלעכע כוחות. נאָכמער, מיר וועלן זיי צוגעבן אַ הויכן ווערט, אויב מיר זעען, ווי דער שווונג פונם גייסט, וואָס איז פאַרבונדן מיטן זוכן דאָס איינציקע און אייביקע אינם שנוי פון די ערדישע זאַכן, ווירקט צוריק באַלעבנדיק און דערפרישנדיק אויף גאַנצע דורות און אומדירעקט גיט ער אַפילו א נייעם אימפּולס דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, נאָר וועגן דעם מוז די וועלט איין מאָל זיך אָפּגעבן אַ קלאָרן חשבון, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן וויסן, נאָר וועגן די דיכטונג, אַפילו ווען דידאָזיקע דיכטונג שטעלט סימבאָליש אפשר פאָר אַ ווירקלעכע און אַ העכערע זייט פון מהות פון אַלע זאַכן, וועלכע אונזער פאַרשטאַנד קאָן גישט אוממיטלבאַר באַנעמען.

סאָקראַטעס האָט געוואָלט מאַכן אַ סוף מיטן גרעניצלאָזן אינדיווידואַליזם און אויסטרעטן אַ וועג צום אָביעקטיוון וויסן. דער רעזולטאַט איז געווען אַ מעטאָד, וואָס האָט פולשטענדיק פאַרביטן דאָס סוביעקטיווע און אָביעקטיווע, און אוממעגלעך געמאַכט דעם גלייכן פאָרשריט פון זיכערער דערקענטניש און לפנים געעפנט אַ פעלד פון גרעניצלאָזן ווילקיר פאַרן דיכטן און דענקען פון אינדיווידו. אָבער דערדאָזיקער ווילקיר איז פאַקטיש נישט געווען גרעניצלאָז. דער רעליגיעז-זיטלעכער פּרינציפּ, פון וועלכן פּלאַטאָן און סאָקראַטעס זענען אַרויסגעגאַנגען, האָט געלענקט די גרויסע געדאַנקענשאַפונג צו אַ באַשטימטן ציל און זי געמאַכט מסוגל צו געבן אַן איידלען שטריך פון שלמות דעם עטישן קאַמף און

שטרעבונג פון יאָרטויזנטער, אין אַ פולער צונויפגיסונג מיט פּרעמדאַרטיקע, און לגמרי נישט העלענישע פאָרשטעלונגען און מסורות. און נאָך היינטצוטאָג קאָן די אידייענלערע, וועלכע מיר מוזן פאַרטרייבן פון דער מלוכה פון דער וויסנשאַפט, דורך איר עטישן און עסטעטישן אינהאַלט ווערן אַ קוואַל פון רייכע ברכות. „די געשטאַלט״, ווי שילער האָט אַזוי שיין און קרעפטיק איבערגעגעבן דעם מטושטשן אויסדרוק „אידיי״, וואַנדערט נאָך כּסדר אַרום אַ געטלעכע צווישן די געטער, אין די שטראָמען פון ליכט, און זי האָט נאָך היינט, ווי אין אַלטן העלאַס, די קראַפט אַוועקצוטראָגן אונז אויף אירע פליגלען איבער דער ערדישער אַנגסט אין דער מלוכה פונם אידעאַל.

איבער אַריסטאָטעלעסן וועלן מיר דאָ זאָגן עטלעכע ווערטער, ווייל בעתן באַטראַכטן דעם מיטלאַלטער, וועלן מיר צוריקקומען צום איינפלוס פון זיין שיטה. דאָרט וועלן מיר ספּעציעל באַהאַנדלען די וויכטיקסטע באַגריפן, וואָס דער מיטלאַלטער און די נייע צייט האָבן אונטער פילפאַכיקע אומגעשטאַלטונגען גענומען פון זיין שיטה; דאָ האָבן מיר צו טון מער מיטן אַלגעמיינעם כאַראַקטער אירן און מיט איר שטעלונג צום אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם.

היות ווי אַריסטאָטעלעס און פּלאַטאָן שטייען אַ סך העכער, לויט זייער השפּעה און באַדייטונג, פון די גריכישע פילאָזאָפן, וועמעס ווערק ס'זענען אויפגעהיטן געוואָרן, באַקומט זיך לייכט די נטיה זיי צו ברענגען אין אַ שטאַרקן קעגנזאַץ, גלייך ווי מ'וואָלט אין זיי געהאַט די פאָרשטייער פון די צוויי הויפּט־ריכטונגען פון דער פילאָזאָפיע: די אַפּריאָריסטישע ספּעקולאַציע און די ראַציאָנעלע עמפּיריע. דער אמת איז, אַז אַריסטאָטעלעס האָט, שטאַרק אָפּהענגיק פון פּלאַטאָנען, געשאַפן אַ שיטה, וועלכע פאַרבינדט, נישט אָן אינערלעכע סתירות, די לפנימדיקייט פון דער עמפּיריע מיט אַלע יענע פעלערן, אַ דאַנק וועלכע די סאָקראַטיש־פּלאַטאָנישע וועלטאָנשויונג האָט אין שורש פאַרדאָרבן די עמפּירישע פאָרשונג 49).

ס'איז נאָך שטאַרק פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז אַריסטאָטעלעס האָט געזאָלט זיין אַ גרויסער נאַטורפאָרשער. אָבער זינט מען ווייסט, וויפיל פאָראַרבעטן ס'זענען פאַראַן געווען אויפן דאָזיקן געביט [50], ווי אַריסטאָטעלעס האָט אָן סקרופּולן זיך צוגעאייגנט פרעמדע באַאָבאַכטונגען און מיטטיילונגען פון יעטוועדן מין, נישט ציטירנדיק זייערע מחברים, און וויפיל פון זיינע מסורות רופן אַרויס די אילוזיע פון אייגענער באַאָבאַכטונג פון דעם, וואָס קאָן קיינמאָל נישט באַאָבאַכט ווערן, ווייל עס איז לחלוטין פאַלש [51], האָט זיך די קריטיק געמוזט אויסניכטערן לגבי דערדאָזיקער מיינונג, אָבער זי איז עד-היום ווינציק ראַדיקאַל צוגעגאַנגען צו איר אַרבעט. דאָס, וואָס בלייבט אָבער אַלנפאַלס פאַר אַריסטאָטעלעסן, איז דער שבח, מיט וועלכן העגעל האָט אים באַשאָנקען, אַז ער האָט דאָס עשירות און צעזייטקייט פון רעאַלן וועלטאַל אונטערגעיאָכט דעם באַגריף. וויפיל אָדער ווי ווייניק ער האָט נישט געזאָלט זעלבסשטענדיק אויפטון אויפן געביט פון די איינצעלנע וויסנשאַפטן — די הויפּטזאַך אין זיין אַלגעמיינער טעטיקייט בלייבט אַלנפאַלס די זאַמלונג פון שטאָף פון אַלע בשעתו פאַראַנענע וויסנשאַפטן אונטערן ספּעקולאַטיוון קוק-ווינקל, בכן אַ טעטיקייט וואָס פאַלט אין פּרינציפּ צונויף מיט דער אַרבעט פון די נייערע סיסטעמאַטיקער, פריער פאַר אַלעם פון העגעלן.

אויך דעמאָקריט האָט באַהערשט דעם גאַנצן פאַרנעם פון די וויסנשאַפטן פון זיין צייט, און, ווי מ'איז משער, מיט אַ גרעסער זעלבסשטענדיקייט און גרינטלעכקייט ווי אַריסטאָטעלעס; אָבער מיר האָבן נישט קיין שום שפּור דערפון, אַז ער האָט געזאָלט דידאָזיקע אַלע קענטענישן זיינע אונטעריאָכן זיין שיטה. ביי אַריסטאָטעלעסן איז די דורכפירונג פונם ספּעקולאַטיוון גרונטגעדאַנק געוואָרן אַ הויפּטזאַך. דאָס איינציקע און באַשטענדיקע, וועלכעס פּלאַטאָן זוכט מחוץ די זאַכן, וויל אַריסטאָטעלעס אויפווייזן אין דער פילפאַכיקייט פונם עקזיסטירנדיקן גופא. פּונקט אַזוי ווי ער מאַכט פון דער אויסערלע-

כער וועלט אַ געשלאָסענע קויל, אין וועמעס מיטלפונקט עס
שטייט די ערד, אַזוי דרינגט אויך אַדורך די וועלט פון די
ווייסנשאַפטן דערזעלבער מעטאָד, די זעלבע פאָרם פון אויפפאַ-
סונג און שילדערונג, און אַלץ דרייט זיך אַרום דעם דענקענ-
דיקן סוביעקט, וועמעס פאָרשטעלונגען ווערן באַטראַכט מיט אַ
נאַיווער פאַרלייקענונג פון אַלע גרענעצן פון דער דערקענטניש
אַלס די וואָרע און ענדגילטיקע באַגריפענע אָביעקטן.

בעקאָן האָט אויסגעשטעלט די באַהויפּטונג, אַז די צו-
זאַמענשטעלונג פון וויסן אין איין סיסטעם האַמעוועט דעם ווײַ-
טערדיקן פאָרשריט. אַריסטאָטעלעסן וואָלט דאָס ווייניק באַום-
רויקט, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז די אויפגאַבע פון דער
ווייסנשאַפט איז לגמרי אויסגעשעפּט און ער האָט קיין אויגנ-
בליק נישט געצווייפלט דערין, אַז ער איז אומשטאַנד גענוגנ-
דיק צו ענטפערן אויף אַלע וועזנטלעכע פראַגן. פונקט ווי ער
האָט זיך בנוגע די עטישע און פּאָליטישע באַציונגען באַגרע-
ניצט אויף דער העלענישער וועלט, אַלס די מוסטערהאַפטע,
און געהאַט אַ קנאַפּן חוש פאַר די גרויסע פאַרענדערונגען, וואָס
זענען פאָרגעקומען פאַר זיינע אויגן, אַזוי האָט אים אויך ווײַ-
ניק געאַרט דער סכום פון נייע פאַקטן און באַאָבאַכטונגען,
וואָס זענען געוואָרן צוגענגלעך דעם פאָרשער אַ דאַנק די
מאַרשן פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן. אַז ער האָט געזאָלט
באַגלייטן אַלעקסאַנדערן, כדי צו באַפרידיקן זיין וויסנגייגערי-
קייט, אָדער אַז מען האָט אים געזאָלט צושיקן חיות און
פלאַנצן פון ווייטע געגנטן אויף אונטערזוכן זיי, — דאָס אַלץ
זענען בבא-מעשיות. אין זיין שיטה האָט זיך אַריסטאָטעלעס
געהאַלטן אָן דעם, וואָס איז געווען באַוווסט אין זיין צייט,
און ער איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז די הויפּטזאַך,
און דאָס איז גענוג אויף צו לייזן אַלע פּרינציפּיעלע פּראָבלע-
מען 52). טאַקע דידאָזיקע געשלאָסנקייט פון זיין וועלט-אָנשוי-
ונג און די זיכערקייט, מיט וועלכער ער באַוועגט זיך אינם
ענגען קרייז פון זיין וועלטאַל, האָט אויסגעצייכנט צוגעפּאַסט
צו מאַכן אַריסטאָטעלעסן פאַרן פילאָזאָפישן לערער פון מיטל-

אַלטער, בעת די צום פֿאַרשריט און איבערקערענישן גענייגטע נייע צייט האָט נישט געהאַט צו טון קיין וויכטיקערס, ווי צו צערייסן די קייטן פֿון דערדאָזיקער שיטה.

זייענדיק קאָנסערוואַטיווער ווי פּלאַטאָן און סאָקראַטעס, האָט אַריסטאָטעלעס זיך באַמיט אומעטום ווי ווייט מעגלעך זיך צו האַלטן ביי דער מסורה, ביי דער פֿאָלקסמיינונג, אָנשליסן זיך אָן די פֿון דער שפּראַך אויסגעהאַמערטע באַגריפֿן, און זיינע עטישע פֿאָדערונגען שטייען נישט קיין סך ווייטער פֿון די געוויינלעכע זיטן און געזעצן פֿון די העלענישע מלוכות. ער איז דעריבער אין אַלע צייטן געווען דער ליבלינגספֿילאָזאָף פֿון די קאָנסערוואַטיווע שולן און פֿאַרטיישטרעבונגען.

אַריסטאָטעלעס האָט דערגרייכט די איינהייט פֿון זיין וועלטאָנשויונג דורך דעם העכסט ריקזיכטלאָזן אַנטראָפּאָמאָרפֿיזם. די שלעכטע, פֿון מענטשן און זיינע צוועקן אַרויסגייענדיקע ט על עאָ לאָ ג י ע, איז געווען איינער פֿון די ממשותדיקע באַשטאַנדטיילן פֿון זיין שיטה. פּונקט ווי פֿאַרן ווירקן און שאַפֿן פֿון מענטש, למשל, ווען ער וויל בויען אַ הויז אָדער אַ שיף, טרעט צו ערשט אויף די אידיי פֿון גאַנצן אַלס צוועק פֿון דער טעטיקייט, און נאָכדעם פֿאַרווירקלעכט זיך דידאָזיקע אידיי אינגם שטאָף דורך דער אויספֿירונג פֿון די טיילן, אַזוי מוז בהכרח אויך די נאַטור טון, ווייל לויט אים איז טאַקע דערדאָזיקער רעזולטאַט פֿון צוועק און זאַך, פֿאָרם און שטאָף, אַ מוסטער פֿאַר יעטוועדעס עקזיסטירנדיקס. לעבן דעם מענטש מיט זיינע צוועקן שטעלט ער די וועלט פֿון די אָ ר גאַ נ י זמ ע ן. זיי נוצן אים נישט בלויז אויף צו ווייזן אין זוימענקערן די רעאַלע מעגלעכקייט פֿונם בוים, נישט בלויז אַלס אורבילדער פֿאַר דער איינטיילונג אויף מין און ארט, אַלס מוסטערביישפּילן פֿאַרן פּרינציפּ פֿון דער טעלעאָלאָגיע א. אַ. וו. נאָר נעמלעך אויך דורך פֿאַרגלייכן די נידעריקע און די העכערע אָרגאַניזמען, באַגרינדן די אָנשויונג, אַז י ע ט וו ע ד ע ז אַ ך אין דער וועלט לאָזט זיך איינסדרן לויט ר אַ נ גמדרגות און ו ו ע ר ט ב אַ ג ר י פֿ ן: אַ פּרינציפּ, וועלכן אַריס

טאָטעלעס האָט נישט פאַרנאַכלעסיקט אָנצוווענדן אויף די אַפּס־טראַקטסטע פאַרהעלטנישן, ווי: אויבן און אונטן, רעכטס און לינקס, און טאַקע מיט דער אומצווייפלטיקער מיינונג, אַז אַלע לידאָזיקע ראַנגפאַרהעלטנישן זענען באַגרינדעט נישט בלויז אין דער מענטשלעכער אויפפאַסונג, נאָר אויך אין דער נאַטור פון די זאַכן.

אַזוי אַרום ווערט שמענדיק דערקלערט דער אַלגעמיינער פאַל פונם ספּעציעלן, דאָס לייכטע פונם שווערערן, דאָס איינ־פאַכע פונם קאָמפּליצירטן, דאָס נידעריקע פונם העכערן, און גראָד דערויף שטיצט זיך אין גרעסטן טייל די פּאָפּולאַריטעט פון דער אַריסטאָטעלישער שיטה, ווייל דער מענטש, ווען קיין זאַך איז נישט מער באַקאַנט, ווי זיינע סוביעקטיווע צו־שטאַנדן ביים דענקען און האַנדלען, איז שטענדיק נוטה צו האַלטן אויך זייערע קויזואַלבאַציונגען צו דער וועלט פון די אָביעקטן פאַר איינפאַכע און קלאָרע, בעת דעם אָפּ־ליגנדיקן צייט־סדר פון אינערלעכן און אויסערלעכן פאַרבייט ער מיט דער געהיימער באַוועגונג פון דיווירקנדיקע סיבות. אַזוי האָט, למשל, סאָקראַטעס געקאָנט האַלטן פאַר עפּעס איינפאַכס דאָס „דענקען און די בחירה”, דורך וועמעס מיטהילף די מענטשלעכע האַנדלונגען קומען צושטאַנד לויטן צוועקבאַגריף; דער רעזולטאַט פון אַן אנטשלוס האָט אויסגעזען נישט ווייניקער איינפאַך און די פּראָצעסן פון די מוסקולן און נערוון זענען דערביי געוואָרן גלייכגילטיקע זייטיקע אומשטענדן. די זאַכן אין דער נאַטור שיינען פּאָרויסצווייזן צוועקמעסיקייט, בכן, אַנט־שטייען אויך זיי דורכן אַזוי איינפאַכן נאַטירלעכן דענקען און בחירה. אַזוינאָך קומט ער צו דער אויפפאַסונג פון אַ מענטש־לעכן באַשעפער, און היות ווי ער איז אומענדלעך קלוג, איז דערמיט דעריבער באַגרינדעט דער אָפּטימיזם פון דער גאַנצער וועלטאָנשויונג.

אַריסטאָטעלעס האָט, וואָס אַן אמת, געמאַכט אַ באַדייטנ־דיקן פאָרשריט אין דעם אופן, ווי אַזוי ער שטעלט זיך פאַר דעם צוועק, וואָס ווירקט אין די זאַכן. (פאַרגלייך אָנמערקונג

40). ווי נאָר מ'האָט אָנגעהויבן נענטער נאָכצודענקען איבער־ארט און אופן פון דער פאַרווירקלעכונג פונם צוועק, האָט שוין מער נישט געקאָנט קומען אין באַטראַכט דער נאַיוועסטער אַנטראָפּאָמאָרפיזם, וואָס האָט געהייסן דעם באַשעפער אַרבעטן מיט מענטשלעכע הענט. אַ ראַציאָנאַליסטישע וועלטאָנשויונג, וואָס קוקט בכלל אויף די רעליגיאָנס־פאָרשטעלונגען פון פאָלק, ווי אויף אַ בילדלעכע פאָרשטעלונג פון די איבערזינלעכע פאַרהעלטנישן, קאָן, נאַטירלעך, נישט מאַכן קיין אויסנאַם פאַר דער טעלעאָלאָגיע; און היות ווי אַריסטאָטעלעס האָט אויך דאָ, ווי אומעטום, אויף זיין שטייגער זיך באַמיט צו דערשלאָגן זיך צו פולער קלאָרקייט, האָט ער נאַטירלעכערווייז געמוזט דורך דער טעלעאָלאָגיע גופא און דורך דער באַטראַכטונג פון דער אָרגאַנישער וועלט צוצוקומען צום פאַנטעאיזם, וואָס דערלאָזט דעם געטלעכן געדאַנק אומעטום אַריינדרינגען אין דעם שטאָף און זיך אויף אַן אימאַנענטן אופן פאַרווירקלעכן אינם וואַקסן און ווערן פון די זאַכן. לגבי דערדאָזיקער אָנשויונג, וואָס האָט אפילו מיט אַ קליינער מאָדיפיצירונג געקאָנט ווייטער געפלאַנצט ווערן אַלס אַ פולשטענדיקער נאַטוראַליזם, שטייט ביי אַריסטאָטעלעסן אַ טראַנסצענדענטאַלע גאָט אידיי, וואָס שטיצט זיך אין טעאָרעטישער הינזיכט אויף דעם עכט אַריסטאָטעלשן געדאַנק, אַז יעטוועדע באַוועגונג מוז אין דער לעצטער אינסטאַנץ אַרויסגיין פון אומבאַוועגלעכן.

די עמפּירישע מאָמענטן ביי אַריסטאָטעלעסן געפינען זיך טיילווייז אין איינצעלנע זאַצן, פון וועלכע די וויכטיקסטע זענען יעדנפאַלס די יעניקע, וואָס פאָדערן רעספּעקט פאַר די פאַקטן, טיילווייז אָבער אין זיין לערע וועגן דער סובסטאַנץ, וואָס קרענקט אויף איין אומאויסהיילבאַרער סתירה. אַריסטאָטעלעס — דערין שיידט ער זיך גרינטלעך אונטער פון פּלאַטאָנען — רופט אָן אין ערשטן און אייגנטלעכן זין די איינצעלנע וועזנס און זאַכן — סובסטאַנצן. אין זיי איז די פאָרם, דאָס וועזנטלעכסטע, פאַרבונדן מיטן שטאָף; דאָס גאַנצע איז אַ קאָנקרעטע און דורכויס רעאַלער יש; נאָכמער, אַריסטאָטעלעס

רעדט טײלמאָל אַזוי, גלײך װי נאָר די קאָנקרעטע זאַכן װאָלטן אײגנטלעך באַזעסן עקזיסטענץ. דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פון די מיטלאַלטערלעכע נאָמינאַליסטן, װאָס האָבן אָבער פּאַקטיש נישט אַריסטאָטעלעסן אויף זײער זײט; װײל אַריסטאָטעלעס מאַכט באַלד אַלץ קאַליע דערמיט, װאָס ער לאָזט צו נאָך אַ צװײטן מין פון סובסטאַנץ, צװערשט אין די אַרט-באַגריפן, נאָכדעם אָבער אין די אַלגעמײנע באַגריפן איבערהויפּט. נישט בלויז דערדאָזיקער עפּלבוים, װאָס שטײט דאָ פאַר מײן פענצטער, איז אַ װעזן, נאָר אויך דער אַרט-באַגריף באַצײכנט אַזאַ װעזן, דאָס אַלגעמײנע װעזן פונם עפּלבוים געפינט זיך דאָך נישט אין נעפּללאַנד פון די אײדעס, פון װאַנען עס דרינגט מיט זײנע שטראַלן אַרײן אין די זאַכן פון דער דערשײנונגס-װעלט, נאָר דאָס אַלגעמײנע װעזן פונם עפּלבוים עקזיסטירט אין די אײנצעלנע עפּלבײמער.

כל-זמן מ׳האַלט זיך אָן די אָרגאַניזמען און מ׳פאַרגלײכט דאָ בלויז אַרט און אינדיװידן, דערזעען מיר אין דעם אַן אמת פאַרפירערישן שײן, װאָס האָט אויך פאַרבלענדט טײל פאָרשער אין דער נײער צײט. מיר װעלן פּרוּװן שאַרף באַצײכענען דעם פּונקט, װוּ װאָרהײט און טעות שײדן זיך פאַנאַנדער.

לאָמיר זיך קודם-כל שטעלן אויפן נאָמינאַליסטישן שטאַנדפּונקט, װעלכער איז אַ פּאָלקאָם קלאָרער! פאַראַן נאָר אײנצעלנע עפּלבײמער, אײנצעלנע לײבן, אײנצעלנע זשוקעס א. א. װ. און אַ חוץ-דעם נעמען, מיט װעלכע מיר זעגנען כולל די סומע פון די עקזיסטירנדיקע זאַכן, װעלכע פאַרײניקן זיך דורך זײער ענלעכקײט אָדער גלײכאַרטיקײט. דאָס „אַלגעמײנע” איז נישט עפּעס מער װי דער נאָמען. איצט איז נישט שװער דעמדאָזיקן אויפפאַסונגסאויפן צו באַשולדיקן אין אויבערפלעכקײט, מ׳דאַרף בלויז אָנװײזן דערויף, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט װעגן צופעליקע באַליביקע ענלעכקײטן, װעלכע דער סוביעקט איז כולל, נאָר אַז די אָביעקטיװע נאַטור ברענגט אונז אַנטקעגן באַשײנפּערלעך געשלאָסענע גרופּעס, װעלכע צװינגען אונז דורך זײער רעאַלער צוזאַמענגעהעריקײט צו דערדאָזיקער

צוזאַמענפּאַסונג. די פאַרשידנסטע אינדיווידן פון לייבן אָדער זשוקעס שטייען קענען איינאַנדער גאָר אַנדערש נאָענט, ווי דער לייב צום טיגער, אָדער ווי דער זשוק צום הירש־זשוק. דידאָזיקע באַמערקונג איז, בלי ספק, ריכטיק. מיר דאַרפן אָבער נישט לאַנג אָפּשטעלן זיך אויף איר וויכטיקייט, כדי אויסצוגעפינען, אַז דער רעאַלער קשר, וועלכן מיר נעמען אָן צוליב קיצור, איז יעדנפאַלס אַ גאַנץ אַנדערע זאַך, ווי דער אַלגעמיינער טיפּ פון דעם מין, וועלכן מיר ברענגען אין אונזער פאַנטאַזיע אין פאַרבינדונג מיטן נאָמען „עפּלבוים".

מ׳וואָלט דאָ ווייטער געקאָנט שטעלן די מעטאַפיזישע פראַגע וועגן דעם פאַרהעלטניש פון פרט צום כלל, פון איינס צו אַ סך. לאָמיר אָננעמען, אַז אונז איז באַקאַנט אַ פאָרמול פון דער שטאָפמישונג אָדער פון די רעגוונגסצושטאַנדן אין אַ שפּראָצלקעמערל, דורך וועלכן עס קאָן באַשטימט ווערן, צי דאָס שפּראָצל וועט זיך אַנטוויקלען ביז צו די פאָרמען פון אַן עפּלאָדער באַרנבוים. דאַן וועט יעדעס שפּראָצל־קעמערל, חוץ די באַדינגונגען פון דערדאָזיקער פאָרמול, האָבן אויך זיינע אייגענע אָפּווייכונגען און צוגאָבן, און ממשותדיק איז אין תוך ערשט דער רעזולטאַט פון אַלגעמיינעם און אינדיווידועלן, אָדער גיכער די קאָנקרעט געגעבענע דערשיינונג, אין וועלכער ס׳געפינט זיך נישט קיין אונטערשייד צווישן אַלגעמיינעם און אינדיווידועלן. די פאָרמול געפינט זיך נאָר אין אונזער געדאַנק.

מ׳זעט דאָ, זייער לייכט, אַז קעגן דעם וואָלט מען געקאָנט אַרויסשטעלן רעאַליסטישע טענות; כדי אָבער צו פאַרשטיין אַריסטאָטעלעס׳ס טעות וואָס שייך דעם אַלגעמיינעם, דאַרפן מיר נישט ווייטער נאָכצוגיין נאָך דערדאָזיקער קייט. דערדאָזיקער טעות שטעקט שוין אויבן: אַריסטאָטעלעס האַלט זיך דירעקט אָנם וואָרט. הינטער דעם אַלגעמיינעם וועגן פון עפּלבוים זוכט ער נישט קיין שום אומבאַקאַנטס. אדרבא, דאָסדאָזיקע איז פולשטענדיק באַקאַנט. דאָס וואָרט באַצייכנט דירעקט אַ וועזנהאַפטיקייט, און דאָס אויף אַזוי וויט, אַזוי אַז אַריסטאָטעלעס, איבערטראַגנדיק דאָס, וואָס געפינט זיך ביי די אָרגאַניזמען

אויף אַנדערע זאַכן, אונטערשיידט ער אַפילו אין אַ האָק דאָס אינדיווידועלע פון דער באַצייכנטער האָק פון איר „האָק־עקזיסטענץ״. די „האָק־עקזיסטענץ״ און דער שטאָף, דאָס מעטאַל, בילדן צוזאַמענגענומען די האָק, און קיין שום שטיק אייזן קאָן נישט ווערן קיין האַק, אויב עס ווערט נישט אַדורכגענומען און אַדורכגעדרונגען פון דער פאָרם, וואָס אַנטשפּרעכט דעם אַלגעמיינעם וועזן.

דידאַקטישע טענדענץ אַרויסצופירן דאָס וועזן אוממיטלבאַר פון וואָרט, איז דער גרונטפעלער פון דער אַריסטאָטעלשער לערע וועגן די באַגריפן און אין אירע קאָנסעקווענצן — ווי ווייניק אַריסטאָטעלעס האָט ליב געהאַט צו פאַרנעמען זיך מיט זיי — פירט זי לאָגיש צו דערזעלבער איבערראַשונג פונם אַלגעמיינעם לגבי דעם באַזונדערן, ווי מיר געפינען דאָס ביי פלאַטאָנען. ווייל קוים גיבן מיר נאָך, אז דאָס וועזן פון די אינדיווידן געפינט זיך אין דעם מין, דאַן מוז אויף אַ העכערער שטופע דאָס וועזנטלעכסטע פון דעם מין, אָדער אַנדערש אויסגעדריקט, דער יסוד, פון די מינים זיך געפינען אין די אַרטן, א. א. וו.

פאַקטיש זעט זיך קלאָר די טיפע השפּעה פון פלאַטאָנס אָנשויונגען אין דעם מעטאָד פון אונטערזוכונג, וואָס אַריסטאָטעלעס פלעגט אָנווענדן. דאָ זעט מען באַלד, אַז זיין אַרויסגיין פון פאַקטן און די אינדוקציע, וואָס דערהייבט זיך פון פאַקטן צו די פּרינציפּן, איז געבליבן אַ טעאָריע, וואָס אַריסטאָטעלעס גופא האָט כּמעט אינערגיץ נישט אָנגעווענדט. העכסטנס ציטירט ער עטלעכע פאַריינצעלטע פאַקטן און באַלד שפּרינגט ער פון זיי אַריבער צו די אַלגעמיינסטע פּרינציפּן, אויף וועלכע ער שטיצט זיך נאָכדעם אויף אַ ריין אינדוקטיוון אופן 54).

אַזוי אַרום פירט אַריסטאָטעלעס אַרויס פון די אַלגעמיינע פּרינציפּן, אַז חוץ אונזער געשלאָסענער וועלטקויל קאָן נישט זיין קיין אַנדערע; אַזוי אַרום קומט ער צו זיין שעדלעכער לערע וועגן דער „נאַטירלעכער״ באַוועגונג פון יעדן קערפּער

אין קעגנזאַץ צו דער „גוואַלטזאַמער" באַוועגונג, צו דער באַהויפּטונג, אַז די לינקע זייט פון קערפּער זאָל כּלומרשט זיין קעלטער ווי די רעכטע, צו דער לערע וועגן איבערגאַנג פון איין שטאָף אין אַנדערן, צו דער אוממעגלעכקייט וועגן באַוועגונג אין פּוסטן רוים, צום אַבסאָלוטן אונטערשייד פון קאַלט און וואַרים, שווער און לייכט א. אַ. וו. אַזוי פירט ער אַרויס, וויפיל מינים חיות עס קאָנען עקזיסטירן, באַווייזט פון די אַלגעמיינע פּרינציפּן, פאַרוואָס די חיות מוזן האָבן די אָדער יענע טיילן, און נאָך צאָלרייכע אַנדערע זאַצן, וואָס ער ווענדט דאַן אָן מיט דער שטרענגסטער קאָנסעקווענץ, און וואָס מאַכן אַלס גאַנצעס דורכאויס אוממעגלעך אַ דערפאָלגרייכע פאָרשונג. די וויסנשאַפט, צו וועלכער די פּלאַטאָנישע אָדער אַריסטאָטעלישע פילאָזאָפיע האָבן זיך אַמגינסטיקסטן באַצויגן, איז, נאַטירלעך, די מאַטעמאַטיק, אין וועלכער דער דעדוקטיווער פּרינציפּ האָט דערגרייכט גלענצענדיקע רעזולטאַטן. אַריסטאָטעלעס באַטראַכט אויך די מאַטעמאַטיק אַלס דאָס מוסטער־בילד פון אַלע וויסנשאַפטן, אָבער ער פאַרמאַכט דעם וועג דער אָנווענדונג אירער ביי די נאַטורפאָרשונגען, דערפירנדיק אומעטום דאָס כּמותדיקע צום איכותדיקן, ובכן נעמט ער גראַד דעם פאַרקערטן וועג, ווי די נייערע נאַטורוויסנשאַפט.

אין פאַרבינדונג מיט דער דעדוקציע שטייט די דיאַלעקטישע באַהאַנדלונג פון די שטרייטפראַגן. אריסטאָטעלעס האָט ליב היסטאָריש־קריטיש צו אַנאַליזן די מיינונגען פון זיינע פאָרגייער. זיי זענען פאַר אים די פאָרשטייער פון אַלע איבערהויפּט מעגלעכע מיינונגען, לגבי וועלכע זיין אייגענע מיינונג טרעט אַרויס אַלס לעצטער אויספיר. די הסכמה פון אַלע איז פאַר אים אַ פולשטענדיקער באַווייז; דאָס סותר זיין אַלע דעות, חוץ איינע, באַווייזט, אַז מיר מוזן אָננעמען די דעה, וואָס איז לפנים געבליבן אַליין. שוין פּלאַטאָן האָט אונטערגעשיידט דאָס „וויסן" פון דער „ריכטיקער מיינונג" דורך דער פעיקייט פון וויסנדיקן דיאַלעקטיש סותר צו זיין אַלע קשיות און זיגרייך צו פאַרטיידיקן זיין אייגענע דעה אינם

קאַמף פון די מיינונגען. אַריסטאָטעלעס דערמאָנט אַלע זיינע קעגנער; ער לאָזט זיי פאַרלייגן זייערע סברות (אָפט אויף אַ גענוג אומפולקאָמען אופן!), דיסקוטירט מיט זיי אויפן פּאַפּיר און נאָכדעם איז ער דער ריכטער פון זיין אייגענעם ענין. אַזוי אַרום פאַרטרעט דער ניצחון אינם וויכוח דאָס אָרט פונם באַוויז, דער מיינונגסקאַמף אָנשטאָט דעם אַנאַליז, און דאָס אַלץ קומט פאָר אויף אַ פולשטענדיק סובּיעקטיוון אופן, פון וועלכן עס קאָן נישט אַנטשטיין קיין ווירקלעכע וויסנשאַפט.

אויב מיר וועלן זיך איצט פרעגן, ווי אַזוי איז עס געוועזן מעגלעך, וואָס אַזאַ סיסטעם האָט אין משך פון טויזנטער יאָרן געקאָנט פאַרשליסן דעם וועג נישט בלויז פאַרן מאַטעריאַליזם, נאָר אויך פאַר יעדער עמפּירישער ריכטונג איבערהויפּט, און ווי אַזוי איז עס מעגלעך, וואָס „די אָרגאַנישע וועלטאַנשויונג פון אַריסטאָטעלעס" ווערט נאָך היינט צוטאָג געלויבט דורך אַ מעכטיקער שול אַלס אַ זיכערע און אומדערשיטערלעכע באַזע פון יעטוועדער אמתער פילאָזאָפיע, דאַרפן מיר דערביי קודם-כל נישט פאַרגעסן, אַז די חקירה האָט זיך איבערהויפּט ליב אָנצוכאַפּן פאַר די נאַיווע אָנשויונגען פון אַ קינד און אַ פּשוטן מענטש, און אַזוי אַרום צו פאַרבינדן אויפן געביט פון מענטשלעכן דענקען דאָס נידעריקסטע מיט דעם העכסטן לגבי דעם רעלאַטיוויסטישן מיטלוועג. מיר האָבן שוין געזען, ווי דער קאָנסעקווענטער מאַטעריאַליזם איז מסוגל אַריינצוברענגען אין דער זינלעכער וועלט סדר און צוזאַמענהאַנג אויף אַן אופן, וואָס די אַנדערע סיסטעמען באַוויזן דאָס נישט צו טון, און ווי ער איז באַרעכטיקט פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט צו באַטראַכטן דעם מענטש מיט אַלע זיינע האַנדלונגען אַלס אַ ספּעציעלן פאַל פון די אַלגעמיינע נאַטורגעזעצן; און ווי אַזוי עס ווערט דערביי פאַרטיפט דער אייביקער תהום צווישן דעם מענטש אַלס קעגנשטאַנד פון עמפּירישער באַטראַכטונג און דעם מענטש, וועלכער האָט אַלס סובּיעקט דאָס אוממיטלבאַרע באַוווסטזיין וועגן זיך. טאַקע דעריבער חזרט זיך אַלעמאָל איבער

דער פּרוּװ, אַז אפשר װעט דאָס אַרויסגיין פון זעלבסטבאַ-
װוסטזיין געבן אַ מער באַפרידיקנדיקע װעלטאָנשױונג און די
געהיימע נטיה פון מענטש צו דערדאָזיקער זייט איז אַזױ
שטאַרק, אַז דערדאָזיקער פּרוּװ װערט אַ סך מאָל באַטראַכט
אַלס אַ געלונגענער, הגם אַלע פריערדיקע זענען אָנערקענט
געװאָרן אַלס אומגענוגנדיקע.

אמת, דאָס דעפיניטיװע אָפּזאָגן זיך פון אַזעלכע פּרוּװן
װעט זיין איינער פון די װיכטיקסטע פאָרשריטן פון דער פי-
לאָזאָפיע; אָבער דאָס װעט נישט געשען, כּל-זמן דער איינ-
הייטסדראַנג פון מענטשלעכן שׂכל װעט נישט געפינען קיין באַ-
פרידיקונג אויף אַן אַנדערן װעג. מיר זענען באַשאַפן געװאָרן
נישט בלויז צו דערקענען, נאָר אויך צו דיכטן און בויען;
און מיט מער אָדער װייניקער אומצוטרוי לגבי דער דעפיניטי-
װער גילטיקייט פון דעם, װאָס דער שׂכל און די חושים זענען
אומשטאַנד אונז צו געבן, װעט די מענטשהייט שטענדיק פריי-
דיק באַגריסן דעם מענטש, װאָס װעט פאַרשטיין אויף אַ גע-
ניאַלן אופן, אויסנוצנדיק אַלע בילדונגסמאָמענטן פון זיין צייט,
צושאַפן יענע איינהייט פון דער װעלט און פון גייסטיקן
לעבן, װאָס איז פאַרהוילן פון אונזער שׂכל. דידאָזיקע שאַפונג
װעט צוגלייך זיין בלויז דער אויסדרוק פון דער בענקשאַפט
פון אַ תּקופה נאָך איינהייט און שלמות, אָבער דאָס איז עפּעס
גרויסעס, און פאַר דער דערהאַלטונג און דערנערונג פון אונ-
זער גייסטיק לעבן אַזױ װיכטיק, װי די װיסנשאַפט, הגם זי
איז נישט אַזױ דויערהאַפטיק װי ער; װייל די פאָרשונג, װאָס
באַשטייט פון פראַגמענטן פון פּאָזיטיװן װיסן און שייכותן,
װאָס זיי אַליין זענען דער קעגנשטאַנד פון אונזער דערקענט-
ניש, איז *אַבסאָלוט* דורך איר *מעטאָד*, און דאָס באַנעמען
דאָס *אַבסאָלוטע* מיט דער הילף פון ספּעקולאַציע קאָן נאָר
פרעטענדירן אויף אַ *רעלאַטיװער* באַדייטונג אַלס אויסדרוק
פון די אָנשױונגען פון אַ געװיסער תּקופה.

און הגם דער אַריסטאָטעלישער סיסטעם שטייט קעגן אונז
שטענדיק אַלס אַ פיינטלעכע מאַכט אין באַציונג צו דער קלאָ-

רער אונטערשיידונג פון דידאָזיקע געביטן, איז עס שטענדיק דער מוסטער פון פאַרקער'טן, דער גרויסער ביישפּיל פון דעם, וואָס דאַרף נישט זיין – אַ ביישפּיל פון צונויפזאַמלונג און פאַרברייטונג פון ספּעקולאַציע מיט פאָרשונג, און פון דער פּרעטענזיע נישט בלויז אַרומצונעמען דאָס פּאָזיטיווע וויסן, נאָר אויך עס צו באַהערשן; מוזן מיר אָבער, פון דער אַנדערער זייט, אָנערקענען, אַז דערדאָזיקער סיסטעם איז דער פולקאָמער ביישפּיל פון אַן אמתער אויפשטעלונג פון אַן איינהייטלעכער און געשלאָסענער וועלטאָנשויונג, וואָס די געשיכטע האָט אונז ביזאַהער געגעבן. הגם מיר האָבן געמוזט פאַרקלענערן אַריסטאָטעלעס רום אַלס פאָרשער, בלייבט אָבער דער אופן, ווי אַזוי ער האָט אין זיך אויפגענומען דאָס גאַנצע וויסן פון זיין צייט און עס פאַרבונדן איינהייטלעך, אַ ריזנאַרבייט פונם גייסט, און לעבן דעם קאַפּויערדיקן, וועלכע מיר האָבן געמוזט אויפווייזן, געפינען זיך אויף אַלע געביטן רייכע שפּורן פון דורכדרינגנדיקן שאַרפזין.

חוצדעם פאַרדינט אַריסטאָטעלעס אַ הויכן ערנאָרט אין דער פילאָזאָפיע שוין דערפאַר, וואָס ער איז געווען דער גרינדער פון דער לאָגיק, און הגם איר פולע צונויפגיסונג מיט זיין מעטאַפיזיק פאַרקלענערט דעם ווערט פון דערדאָזיקער אַרבעט, דערהויבט זי דאָך ווידער די קראַפט און צויבער פון דאָזיקן סיסטעם. אין אַזאַ פעסט געבויטן בנין האָבן זיך די גייסטער געקאָנט אויסרוען און געפינען אַ שטיצפּונקט אין ברויזנדיקע און שטורמישע צייטן, בעת די חורבות פון דער אַלטער קולטור, פאַרבונדן מיט די מיטרייסנדיקע אידייען פון אַ נייער רעליגיע, רופן אַרויס אין די קעפּ פון די מערבפעלקער אַזאַ גרויסע און מוטנע באַוועגונג און אַזאַ שטורמישן דראַנג נאָך נייע פאָרמען. ווי ווייל איז געווען אונזערע אורעלטערן אינם פאַרמאַכטן רינג פונם אייביק זיך דרייענדיקן הימלגעוועלב איבער זייער רויקער ערד, און וואָס פאַראַ אויפטרייסלונגען האָט אַרויסגערופן דער שטאַרקער צוג-ווינט, וועלכער בליסט

אַרויס פונם אין סוף, בעת סאָקראַטעס האָט אויפגעריסן דאָס־דאָזיקע הייטל!

מיר האָבן דערווײַל פאַרגעסן, אַז נישט דאָ איז דאָס אָרט צו אַנאַליזירן די באַדייטונג פון דער אַריסטאָטעלשער שיטה פאַרן מיטלאַלטער. אין גריכנלאַנד האָט זי בהדרגה געוווּנען די איבערוואָג איבער אַלע שיטות, בעת נאָכן אונטערגאַנג פון דער קלאַסישער צייט, וואָס איז פריער פאַר אַריסטאָטעלסן, האָט אָנגעהויבן צו וועלקן אויך יענץ רייכע בליִעכץ פון ווייסנשאַפטלעכן לעבן, וועלכעס איז אַנטשטאַנען נאָך אים, און דאָס וואַקלענדיקע געמיט האָט זיך געכאַפּט פאַר דעם שטיצפונקט, וואָס האָט אים געשיינט צו זיין דער שטאַרקסטער. אַ געוויסע צייט האָבן די שטערן פון דער פעריפּאַטעטישער שול גענוג העל געלויכטן לעבן די אַנדערע, אָבער די השפּעה פון אַריסטאָטעלעס און פון זיין לערע איז נישט ביכולת געווען אָפּצוהאַלטן, אַז באַלד נאָך אים זאָלן זיך די מאַטעריאַליסטישע אַנשויונגען ווידער אויפהייבן זיך מיט אַ מעכטיקער קראַפט און אפילו זוכן באַרירונגס־פונקטן אין זיין אייגענער שיטה.

IV. דער מאַטעריאַליזם אין גריכנלאַנד און רוים נאָך אַריסטאָטעלעסן. עפּיקור.

אין פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר געזען, ווי יענע אַנטוויקלונג אין סתירות, וואָס האָט אַדאַנק העגעלן באַקומען אַזאַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער פילאָזאָפישער באַטראַכטונג פון דער געשיכטע, דאַרף שטענדיק דערקלערט ווערן פון די אַלגעמיינע היסטאָרישע פאַרהעלטנישן. אַ מעכטיק־זיך פאַרשפּרייטנדיקע ריכטונג, וואָס דרינגט לפּנים אַדורך איר גאַנצע תּקופה, גייט אונטער און געפינט נישט קיין אַנטשפּרעכנדיקן באָדן ביים יינגערן דור, בעת פון אַנדערע, ביזאַהער פאַרבאָרגענע פליסנדיקע געדאַנקען שטראָמען, דערהייבן זיך פרישע כּוחות, און, פאַרבינדנדיק זיך מיטן פאַרענדערטן כאַראַקטער פון די פעלקער און מלוכות, גיבן זיי אַרויס נייע לאָזונגען. דורות דערשעפּן זיך אין אַרויסגעבן אידייען, פּונקט ווי דער באָדן, וואָס גיט אַרויס די זעלבע פּראָדוקטן, — בשעת פון דעם תּבֿואה־פעלד וואַקסט אַרויס דער רייכסטער שניט.

אַן ענלעכע ענדערונג פון קראַפט און אָנמאַכט טרעט אויך אַרויס אין דער געשיכטע פון גריכישן מאַטעריאַליזם. דער מאַטעריאַליסטישער דענקאופן האָט באַהערשט די פילאָזאָפיע פון פינפטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוס, די תּקופה פון דעמאָקריט און היפּאָקראַטעס. ערשט באַם סוף פון דאָזיקן יאָרהונדערט איז דורך סאָקראַטעסן אויסגעטרעטן געוואָרן אַ וועג פאַר אַ ספּיריטואַליסטישער ריכטונג, וועלכע האָט, פילפאַכיק

מאָדיפיצירט, באַהערשט דורך די סיסטעמען פון פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס דאָס פאָלגנדיקע יאָרהונדערט.

אָבער אויך פון אַריסטאָטעלעס שול זענען אַרויסגעקומען מענטשן, ווי דיצאַערך און אַריסטאָקסענוס, וועלכע האָבן געלייקנט אין דער סובסטאַנציאַליטעט פון דער נשמה; לסוף, אויך דער באַרימטער פיזיקער סטראַטאָן פון לאַמפּזאַקוס, וועמעס לערע, אויף וויפיל עס לאָזט זיך אַרויסדרינגען פון די קאַרגע מסורות, שיידט זיך וויניק וואָס אונטער פון אַ ריין מאַטעריאַליסטישער.

דעם אַריסטאָטעלישן „גייסט" באַטראַכט סטראַטאָ אַלס באַוווסטזיין, וואָס שטיצט זיך בלויז אויף עמפּינדונג. די טעטיקייט פון דער נשמה האָט ער אויפגעפאַסט אַלס ווירקלעכע באַוועגונג. דאָס גאַנצע זיין און לעבן האָט ער אַרויסגעפירט פון די נאַטורכוחות, וואָס ליגן אין דער מאַטעריע.

היות ווי מיר געפינען אָבער, אַז דאָס גאַנצע דריטע יאָרהונדערט קאָן מען באַצייכענען אַלס אַ נייעם אויפשוואונג פונם מאַטעריאַליסטישן דענקאויפן, שטעלט זיך סטראַטאָס רעפאָרם פון דער פּעריפּאַטעטישער שול פאַר ווי אַ פאַרמיטלנדיקע ריכטונג. אַנטשיידנד איז דאָס סיסטעם פון עפּיקור און זיין שול. יאָ, אַפילו די גרויסע קעגנער זיינע, די סטאָאיקער, האָבן אויפן געביט פון דער פיזיק אַנטשיידנדיק גוטה געוועזן צום מאַטעריאַליסטישן דענקאופן.

די קולטורהיסטאָרישע ווענדונג, וועלכע האָט געמאַכט אַ וועג פאַר דער נייער שטרעמונג, איז געווען דער אונטערגאַנג פון דער גריכישער פרייהייט און דער צוזאַמענבראָך פון העלענישן לעבן, יענע קורצע אָבער אין איר אַרט איינציקע בליצייט, ביי וועמעס סוף מיר זעען דעם אויפטריט פון דער אַטענישער פילאָזאָפיע. סאָקראַטעס און פּלאַטאָן זענען געווען אַטענער און מענטשן פון יענעם עכט-העלענישן גייסט, וועלכער האָט, וואָס אַן אמת, שוין אָנגעהויבן פאַרשווינדן ווערן פון פאַר זייערע אויגן. אַריסטאָטעלעס שטייט לויט דער צייט און פערזענלעכקייט אויף דער שוועל פון איבערגאַנג; אָבער גע-

שטיצט אויף פּלאַטאָן און סאָקראַטעס, האָט ער זיך איינגאַנצן אָנגעשלאָסן אָן דעם הינטער אים ליגנדיקן פּעריאָד. ווי ענג איז נאָך ביי פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס געבונדן די עטיק מיט דער אידיי וועגן מלוכה! די ראַדיקאַלע רעפאָרמען פון דער פּלאַטאָנשער מלוכה זענען אָבער, פּונקט ווי דער קאָנסערוואַטיווער אַנאַליז פון דער אַריסטאָטעלשער פּאָליטיק, געווידמעט אַ מלוכה־אידעאַל, וואָס זאָל קאָנען שטעלן אַ קרעפטיקן ווידערשטאַנד דעם זיגרייכן אינדיווידואַליזם.

דער אינדיווידואַליזם איז אָבער געלעגן אין דער טבע פון דער צייט, און ס'האָט זיך באַוויזן אַ גאָר אַנדערער טיפּ מענטשן, און באַהערשט דעם צייטגעדאַנק. ווידער זענען עס די אויסערלעכע ווערק פון דער גריכישער וועלט, וואָס האָבן אין דער נאָענטסטער עפּאָכע אַרויסגעגעבן דעם רוב גרויסע פילאָזאָפן, אָבער דאָסמאָל זענען עס געווען נישט יענע אַלטע העלענישע קאָלאָניעס אין יאָניע און גרויסגריכנלאַנד, נאָר הויפּטזעכלעך די געגנטן, אין וועלכע דער גריכישער עלעמענט האָט זיך פאַרבונדן מיט פרעמדע, באַזונדערס אָריענטאַלישע קולטור־קרייזן 56). די ליבע צו דער פּאָזיטיווער נאַטור־פאָרשונג טרעט ווידער לעבהאַפט אויף אין דער־דאָזיקער תקופה, אָבער די געביטן הייבן זיך אָן צו דיפערענצירן. הגם די נאַטורפאָרשונג און די פילאָזאָפיע האָבן זיך אין אַלטערטום נישט געפונען אין יענעם פיינטלעכן קעגנזאַץ, וועלכן מיר באַמערקן אַזוי אָפט אין דער קעגנוואַרט, זענען דאָך די גרויסע נעמען אויף דידאָזיקע ביידע געביטן נישט די זעלבע; די פאָרשער פלעגן זיך אויף אַ פרייען אופן אָנשליסן אַ געוויסער פילאָזאָפישער שול, און די הויפּטאָנפירער פון די פילאָזאָפישע שולן זענען שוין מער נישט געווען קיין פאָרשער, נאָר קודם־כל פאַרשטייער און לערער פון זייער סיסטעם.

דער פּראַקטישער שטאַנדפּונקט, וועלכן סאָקראַטעס האָט צוגעגעבן אַ באַדייטונג אין דער פילאָזאָפיע, האָט זיך איצט פאַרבונדן מיטן אינדיווידואַליזם, און איז דעריבער דערשינען גאָך איינזייטיקער; ווייל די שטיצפּונקטן, וואָס די רעליגיע און

דאָס מלוכה־לעבן זענען אין דעם פריערדיקן פעריאָד ביכולת געווען צו געבן דעם באַוווסטזיין פון איינצעלנעם מענטש, זענען איצט לגמרי צוזאַמענגעבראָכן און דער פאַריינזאַמטער גייסט האָט געזוכט זיין איינציקן אָנהאַלטספּונקט אין דער פילאָזאָפיע. אַזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז אויך דער מ אַ ט ע ר י אַ ל י ז ם פון דערדאָזיקער עפּאָכע, ווי שטאַרק ער האָט זיך נישט געזאָלט שטיצן אויף דעמאָקריטן אויך אין דער נאַטור־באַטראַכטונג, איז ער דאָך אַרויסגעגאַנגען קודם־כל פון עטישן ציל: צו באַפרייען דאָס געמיט פון ספקות און דאגות און דערגרייכן אַ שטילע און הייטערע נשמה־רו.

אָבער איידער מיר ווען רעדן וועגן מאַטעריאַליזם אין ענגערן זין פון וואָרט (פאַרגלייך אָנמערקונג 1), לאָמיר מאַכן אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן „מ אַ ט ע ר י אַ ל י ז ם פ ו ן ד י ס ט אָ א י ק ע ר".

אין פלוג וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין קאָנסעקווענטערער מאַטעריאַליזם, ווי דער סטאָאישער, ווייל זיי האָבן דערקלערט די גאַנצעווירקלעכקייט אַלס ק ע ר פּ ע ר. גאָט און די מענטשלעכע נשמה, טוגנטן און אַפעקטן זענען קערפּער. עס קאָן שוין נישט זיין קיין שאַרפּערער קעגנזאַץ ווי צווישן פּלאַטאָן און די סטאָאיקער. ער האָט געלערנט, אַז דער מענטש איז גערעכט, ווען ער האָט אַ חלק אין דער אידיי פון גערעכטיקייט; לויט די סטאָאיקער מוז ער האָבן דעם גערעכטיקייטסשטאָף אין זיין לייב.

דאָס קלינגט גענוג מאַטעריאַליסטיש, אָבער גלייכצייטיק פעלט דעמדאָזיקן מאַטעריאַליזם דער אַנטשיידענער שטריך: די ריין מאַטעריעלע נאַטור פון דער מאַטעריע; דאָס צושטאַנדקומען פון אַלע דערשיינונגען, איינשליסלעך דאָס צוועקמעסיקע און דאָס גייסטיקע, דורך ב אַ ו ו ע ג ו נ ג ע ן פ ו ן ש ט אָ ף לויט אַ ל ג ע מ ײ נ ע ב אַ ו ו ע ג ו נ ג ס ג ע ז ע צ ן.

דער שטאָף פון די סטאָאיקער באַזיצט די פילפאַכיקסטע קרעפטן און, אין תּוך גענומען, ווערט ער דאָס, וואָס ער איז אין יעדן פאַל, ערשט דורך דער קראַפט. די קראַפט פון אַלע

קרעפטן איז אָבער די גאָטהייט, וועלכע באַוועגט און שטראַלט אַדורך מיט איר ווירקונג די גאַנצע וועלט. אַזוי אַרום שטייט די גאָטהייט און דער אומבאַשטימטער שטאָף איינער אַנטקעגן דעם צווייטן, פונקט ווו אין דער אַריסטאָטעלשער שיטה ווערן די העכסטע פאָרם, די העכסטע ענערגיע און די בלויזע מעגלעכקייט, אַלץ וואָס די פאָרם ווירקט אין איר: טאַקע גאָט און די מאַטעריע. בכל אופן האָבן די סטאָאיקער נישט אָנערקענט קיין טראַנסצענדענטאַלן גאָט און קיין נשמה, וואָס שיידט זיך אַבסאָלוט אונטער פון קערפער; אָבער זייער מאַטעריע איז דורך און דורך באַזעלט, ווערט נישט בלויז באַוועגט „זייער גאָט איז אידענטיש מיט דער וועלט, אָבער ער איז דאָך מער ווי די זיך באַוועגנדיקע מאַטעריע; ער איז דער פייערדיקער שכל פון דער וועלט", און דערדאָזיקער שכל ווירקט שכלדיק צוועקמעסיק,—פונקט ווי דער שכלשטאָף פון דיאָגענעס פון אַפּאָלאָניאַ,—לויט געזעצן, וועלכע דער מענטש נעמט פון זיין באַוווסטזיין, אָבער נישט פון דער אָבסערוואַציע פון זינלעכע אָביעקטן. אַנטראָפּאָמאָרפיזם, טעלעאָלאָגיע און אָפּטימיזם האָבן דעריבער דורך און דורך באַהערשט דעם סטאָאישן סיסטעם, און דער אמתער גרונטכאַראַקטער זיינער מוז באַצייכנט ווערן אַלס פאַנטעאיסטישער.

די סטאָאיקער האָבן באַזעסן אַן אויפפאַלנדיק-ריינע און ריכטיקע לערע וועגן פרייהייט פון ווילן. די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט שטיצט זיך אויפן פאַקט, אַז די האַנדלונג פליסט אַרויס פון ווילן און דערמיט פונם אינערלעכסטן און אייגנטלעכסטן מהות פון מענטש; דער אופן אָבער, ווי אַזוי עס בילדט זיך דער ווילן פון יעטוועדן מענטש, איז נאָר אַ רעזולטאַט פון דער גרויסער נויטווענדיקייט און געטלעכער פאָרויסבאַשטימונג, וואָס באַהערשט די גאַנצע מאַשין פונם וועלט־סיסטעם ביזן קלענסטן פרט.

אויך פאַר זיין דענקען איז דער מענטש פאַראַנטוואָרטלעך, ווייל אויך אונזערע אורטיילן קומען נישט צושטאַנד אָנם איינפלוס פון אונזער מאָראַלישן כאַראַקטער.

די נשמה, וואָס האָט אַ קערפּערלעכע נאַטור, דערהאַלט זיך אַ געוויסע צייט נאָכן טויט; שלעכטע און נישטקלוגע נשמות, וועמעס שטאָף איז נישט אַזוי ריין און דויערהאַפטיק, גייען שנעל אונטער; די גוטע נשמות הייבן זיך אויף צום אָרט פון די געבענטשטע, ווו זיי פאַרבלייבן, ביז זיי גיסן זיך נישט צוריק צונויף אין גרויסן וועלטפייער מיט דער גאַנצער הויה אין דער איינהייט פון געטלעכן וועזן.

וויאַזוי אָבער זענען גראָד די סטאָיקער געקומען פון זייער הויכגעשפּאַנטער טוגנטלערע צו אַזאַ וועלטאָנשויונג, וועלכע שטייט אין טייל פונקטן נאָענט צום מאַטעריאַליזם? צעלער מיינט, אַז צוליב זייער פּראַקטישער ריכטונג האָבן זיי משיג געווען די מעטאַפיזיק אין דער איינפאַכסטער פאָרם, וואָס באַקומט זיך פון דער אוממיטלבאַרער דערפאַרונג פונם טעטיקן מענטש57), דידאָזיקע אויפפאַסונג פון דער זאַך איז אין אַ סך פונקטן ריכטיק, אָבער אין עפּיקורס סיסטעם איז נאָך פאַראַן אַ טיפערער צוזאַמענהאַנג צווישן דער עטיק און דער פיזיק. צי האָט ער געזאָלט פעלן ביי די סטאָאיקער? צי האָט אפשר צענאָ — טאַקע אינם געדאַנק וועגן דער אומבאַדינגטער איינהייט פון וועלטאַל — געפונען אַ שטיצפונקט פאַר זיין טוגנט-לערע? אַריסטאָטעלעס לאָזט אונז איבער אינם דואַליזם פון טראַנסצענדענטאַלן גאָט און אין דער דורך אים באַוועגטער וועלט פון חיהש-באַזעלטן קערפּער און פון צעשיידבאַרן אומשטאַרבלעכן גייסט: אַ פאָרטרעפלעכע באַזע פאַר דעם געבראָכענעם, פון שטויב צו אייביקייט ארויפזיפצנדיקן באַוווסטזיין פונם קריסטלעכן מיטלאַלטער, אָבער נישט פאַר דער שטאָלצער אויטאַרקיע (צופרידנשטעלונג) פון די סטאָאיקער.

פון אַבסאָלוטן מאָניזם ביז צו דער פיזיק פון די סטאָאיקער איז נישט קיין ווייטער מהלך; ווייל אַלע קערפּער מוזן ווערן פשוטע פאָרשטעלונגען, אָדער אַלע גייסטער, צוזאַמען מיט אַלעם, וואָס באַוועגט זיך אין זיי, מוזן ווערן קערפּער; יאָ, אַפילו ווען מיר דעפינירן פשוט דעם קערפּער אַלס דאָס אויסגעשפּרייטע אין רוים, ווי די סטאָיקער, איז דער

אונטערשיד צווישן ביידע לפנים עקסטרעם קעגנאַנאַנדערשטיי־
ענדיקע אָנשויונגען נישט אַזוי גרויס; אָבער מיר רייסן דאָ אי־
בער, ווייל ווי ס'זאָל נישט געווען זיין ביי די סטאָאיקער דער
צוזאַמענהאַנג צווישן דער עטיק און פיזיק, געהערן אָבער
יעדנפאַלס די ספעקולאַציעס וועגן ר ו י ם און זיין פאַרהעלטניש
צו דער וועלט פון די פאָרשטעלונגען און קערפער צו די
בייערע יאָרהונדערטער. מיר וועלן זיך דעריבער ווענדן צו דער
אויפלעבונג פון אַ קאָנסעקווענטן מאַטעריאַליזם, וואָס שטיצט
זיך אויף אַ ריין מעכאַנישער וועלטאַנשויונג, צו ע פ י ק ו ר ן.

עפיקורס פאָטער האָט געזאָלט זיין אַן אָרעמער לערער
פון אַטען, און אויף דער לאָטעריע האָט ער געוווּנען אַ שטיקל
ערד אין דער קאָלאָניע אויפן אינזל ס אַ מ אָ ס. דאָרטן איז אין
סוף יאָר 342 אָדער אין אָנהייב 341 געבוירן געוואָרן עפיקור.
מען דערציילט, אַז אַלס 14-יאָריק ייִנגל האָט ער אין דער שול
געלייענט העזיאָדס קאָסמאָגאָניע, און היות ווי לויט איר ווערן
אַלע זאַכן אַרויסגעפירט פון כאַאָס, האָט ער זיך געפרעגט:
און פונוואַנען נעמט זיך דער כאַאָס? דערויף האָבן זיינע לע־
רער אים נישט געקאָנט געבן קיין באַפרידיקנדיקע תשובה.
פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבן פילאָזאָפירן אויף דער
אייגענער האַנט.

פאַקטיש דאַרף מען באַטראַכטן עפיקורן אַלס אויטאָדי־
דאַקט, הגם די וועזנטלעכסטע געדאַנקען, וועלכע ער האָט פאַ־
רייניקט אין זיין סיסטעם, זענען שוין אייניקוויַיז געווען אַל־
געמיין באַקאַנט. זיין ענציקלאָפּעדישע פאָרבילדונג האָט געזאָלט
זיין אַן אומפולקאָמע. ער האָט זיך נישט אָנגעשלאָסן אָן קיין
איינער פון דער בשעתו הערשנדיקע שולן, דערפאַר האָט ער
אָבער זייער פלייסיק שטודירט דעמאָקריטס ווערק, וואָס האָבן
אים געגעבן דעם יסוד פאַר זיין וועלטאַנשויונג, ד י ל ע ר ע
פ ו ן ד י אַ ט אָ מ ע ן. נאַוזיפאַנעס, דעמאָקריטס אַן אָנהענגער,
וואָס האָט נוטה געווען צום סקעפּטיציזם, האָט אים געזאָלט
באַך אין סאַמאָס אַריינפירן אין דערדאָזיקער לערע.

אָבער נאָך אַלעם קאָן מען נישט אָננעמען, אַז עפיקור

איז צוליב זיין אומקענטניש פון די אַנדערע סיסטעמען גע־גאַנגען אַלס אויטאָדיקאַט אויפן דאָזיקן וועג. אַלס אַכצניאָרי־קער איז ער געקומען קיין אַטען און וואַרשיינלעך געהערט די לעקציעס ביי קסענאָקראַטעסן, פּלאַטאָנס אַ תּלמיד, בעת אַריסטאָטעלעס, וועלכער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן אין גאָטלאָזי־קייט, האָט אין כאַלציס געוואַרט אויף זיין סוף.

ווי גאַנץ אַנדערש איז דאַמאָלט געווען די לאַגע אין גריכנלאַנד, ווי מיט הונדערט יאָר צוריק, בעת פּראָטאַגאָראָס האָט נאָך געלערנט! דאַן איז אַטען, די שטאָט פון פרייער בילדונג, געשטאַנעןביים העכסטן קולמינאַציע־פּונקט פון דער אויסערלעכער מאַכט. קונסט און ליטעראַטור האָבן זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעבליט; די פילאָזאָפיע איז געווען באַהויכט פון שטאָלצער יוגנט־קראַפט. — עפּיקורס שטודיע־צייט אין אַטען איז אויסגעפאַלן אין דער צייט פון אונטערגאַנג פון דער פריי־הייט.

טעבן איז צעשטערט געוואָרן און דעמאָסטענעס האָט געלעבט אין גלות. פון אַזיע האָבן אַריבערגעשאַלט די בשורות וועגן די נצחונות פון אַלעקסאַנדער מוקדון; ס'האָבן זיך אַנטפּלעקט די וווּנדער פונם מזרח, און דער פאַרברייטערטער גייסטיקער האָריזאָנט האָט באַטראַכט דאָס העלענישע פאָטערלאַנד מיט זיין רומרייכער פאַרגאַנגענהייט אַלס אָפּגעשלאָסענע פּאָרשטופע צו נייע אַנטוויקלונגען, וועמעס פונוואַנען און וואוהין קיי־נער קאָן נישט וויסן.

אַלעקסאַנדער מוקדון איז פּלוצלונג געשטאָרבן אין בבל; די פרייהייט, גרויזאַם אונטערגעדריקט דורך אַנטיפּאַטאָרן, האָט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם. אין מיטן פון דידאָזיקע מהומות האָט עפּיקור פאַרלאָזט אַטען און אַהיימגעפאָרן קיין יאָניע צו זיינע עלטערן. ער זאָל נאָכדעם האָבן געלערנט אין קאָלאָפאָן, מיטילענע און לאַמפּזאַקוס; אין דער לעצטער שטאָט האָט ער באַקומען זיינע ערשטע אָנהענגער. ערשט אַלס אַ ריי־פער מענטש איז ער ווידער געקומען קיין אַטען. דאָרטן האָט ער געקויפט אַ גאָרטן, וווּ ער האָט געלעבט מיט זיינע אָנהענ־

נער. ביים איינגאַנג אין גאָרטן האָט געזאָלט זיין אַן אויפ־שריפט: „פרעמדער, דאָ וועט דיר וואויל זיין; דאָ איז פאַראַן דאָס העכסטע גוטס — תענוג.

מעסיק און איינפאַך האָבן דאָ געלעבט עפיקור און זיינע תלמידים, מיט געמיינזאַמע שטרעבונגען, אין האַרציקער פריינט־שאַפט, ווי אין אַ פרידלעכער משפחה. אין זיין צוואה האָט ער אָפגעשריבן דער שול דעם גאָרטן, און אַ לאַנגע צייט האָט זיך דאָרט געפונען איר צענטער. דאָס גאַנצע אַלטערטום קען נישט קיין ביישפּיל פון אַ שענערן און ריינערן צוזאַמענלעבן, ווי עפיקורס און זיינע תלמידים.

עפיקור האָט קיינמאָל נישט פאַרנומען קיין עפנטלעכן אַמט, הגם ער האָט געזאָלט ליב האָבן זיין פאָטערלאַנד. ער איז קיינמאָל נישט געשטאַנען אין אַ קאָנפליקט מיט דער רע־ליגיע, ווייל ער האָט פלייסיק, אויפן טראַדיציאָנעלן אופן, אָפּ־געגעבן כבוד די געטער, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט גע־חנפעט קיין אָנשויונגען פון די געטער, וועלכע זענען נישט געווען זיינע.

די עקזיסטענץ פון די געטער האָט ער באַגרינדעט אויף דער קלאָרער סוביעקטיווער דערקענטניש, וואָס מיר האָבן וועגן זיי; אָבער נישט דער איז אַ גאָטלאָזער, האָט ער געלערנט, וואָס לייקנט אין די געטער פונם המון, נאָר טאַקע דער, וואָס אָנערקענט די מיינונגען פונם המון וועגן די געטער. מ׳דאַרף זיי באַטראַכטן אַלס אייביקע, אומשטערבלעכע וועזנס, וועמעס גליקזעליקייט שליסט אויס יעדן געדאַנק וועגן דאגות אָדער ער־דישע ענינים; דעריבער גייען זיך די נאַטור־געשעענישן זייער נאַנג לויט אייביקע געזעצן און די געטער מישן זיך קיינמאָל נישט אַריין. מיר באַליידיקן זייער כבוד, בעת מיר גלויבן, אַז זיי זאָרגן זיך וועגן אונז; מיר מוזן אָבער פאַרערן זיי צוליב זייער שלמות.

אויב מ׳נעמט צונויף אַלע דידאַקטיקע, טיילווייז אין פלוג סתירותדיקע מיינונגען, איז קיין ספק נישט, אַז עפיקור האָט באמת פאַרערט די פאָרשטעלונג פון די געטער אַלס

אַן עלעמענט פון איידלען מענטשלעכן וועזן, אָבער נישט די געטער גופא אַלס אויסערלעכע וועזנס. פון דאָזיקן שטאַנדפונקט פון אַ סוביעקטיווער גאָטספאַרערונג, וואָס ברענגט אַריין דעם געמיט אין אַ האַרמאָנישער שטימונג, וועלן זיך לאָזן לייזן די סתירות, אין וועלכע עפיקורס סיסטעם וואָלט אַנדערש געמוזט בלייבן פאַרפּלאָנטערט.

אויב די געטער עקזיסטירן, אָבער זיי ווירקן נישט, וואָלט דאָס פאַר די לייכטגלויביקע מאַסן גענוג געווען אין זיי צו גלויבן, אָבער נישט פאַרערן, און עפיקור האָט בעיקר געטון פאַרקערט. ער האָט פאַרערט די געטער צוליב זייער שלמות; דאָס וואָלט ער געקאָנט טון, סיי ווען דידאָזיקע שלמות וואָלט זיך באַוויזן אין אויסערלעכע ווירקונגען, סיי ווען זי וואָלט זיך אַנטפּלעקט אין אונזערע געדאַנקען אַלס אי-דעאַל. דאָס לעצטע איז, ווי עס שיינט, געווען זיין שטאַנד-פונקט.

האָבנדיק דאָס אין זין, דאַרפן מיר נישט מיינען, אַז זיין פאַרערונג פון די געטער איז פשוט געווען צביעות, כּדי צו געפינען זיך אין גוטע באַציונגען מיט דער פאָלקסמאַסע און דער געפערלעכער פריסטערשאַפט; די פאַרערונג פון די געטער איז געוויס אַרויסגעגאַנגען פון טיפן האַרצן, ווייל זיינע זאָרגלאָזע און שמערצלאָזע געטער שטעלן מיט זיך גלייכצייטיק פאַקטיש פאַר די פאַרקערפּערונג פון דעם ווירקלעכן אידעאַל פון זיין פילאָזאָפיע. דאָס אָנשליסן זיך אָן די פאַרמען,—וועלכע האָבן פון זיין שטאַנדפונקט מינדעסטנס געמוזט אויסזען אַלס ווילקירלעכע און צו וועמעס באַזונדערקייטן ער האָט זיך באַ-צויגן גלייכגילטיק,—איז העכסטנס געווען אַ קאָנצעסיע די אָנגע-נומענע מנהגים און געוויס אויך אַ זיסע יוגנט-רגילות.

אַזוי אַרום האָט עפיקור געקאָנט צוווירצן מיט קלוגער פרומקייט זיין לעבן און דאָך שטעלן אין מיטלפונקט פון זיין פילאָזאָפיע די שטרעבונג צו דערגרייכן יענע נשמה-באַרויקונג, וואָס געפינט איר אומדערשיטערלעכן יסוד אין דער באַפריי-ונג פון נאַרישן אָבערגלויבן.

אַזוי האָט עפּיקור בּפירוש געלערנט, אַז אויך די בּאַוועגונג פון די הימלקערפּער געשעט נישט לויטן ווונטש אָדער אָנרעגונג פון עפּעס אַ געטלעך וועזן; אויך זאָלן די הימלקערפּער גופא נישט זיין קיין געטלעכע וועזנס, נאָר אַלץ איז אויסרעגולירט דורך אַן אייביקער אָרדנונג, לויט וועלכער עס מוז זיך בּייטן דאָס אַנטשטיין און פאַרגיין.

צו דערפאָרשן די סיבּה פון דערדאָזיקער אייביקער אָרדנונג, דאָס איז אַן ענין פאַר די נאַטורפאָרשער, און אין דערדאָזיקער דערקענטניש געפינען די שטאַרבּלעכע וועזנס זייער גליקזעליקייט!

די בּלויזע היסטאָרישע קענטניש פון די נאַטורפּראָצעסן, נישט וויסנדיק וועגן זייערע סיבּות, האָט נישט קיין שום ווערט; ווייל זי בּאַפרייט נישט פון דער מורא און דערהייבּט נישט איבּערן אַבּערגלויבּן. וואָס מער סיבּות פון דער פאַרענדערונג מיר האָבּן אויסגעפונען, אַלץ מער בּאַקומען מיר די רו פון דער בּאַטראַכטונג, און מ׳דאַרף נישט מיינען, אַז דידאָזיקע פאָרשונג האָט נישט קיין השפּעה אויף דער גליקזעליקייט. ווייל די גרעסטע אומרו אַנטשטייט אין מענטשלעכן האַרץ דערפאַר, וואָס מען בּאַטראַכט די ערדישע זאַכן אַלס אומפאַרענדערלעכע און ישועהדיקע און דאַן מוזן מיר ציטערן פאַר יעדער פאַרענדערונג, וואָס דאַרף דאָך קומען. ווער עס בּאַטראַכט די ענדערונג פון די זאַכן אַלס נויטווענדיקייט פון זייער מהות, איז בּאַשיינפּערלעך פריי פון דערדאָזיקער צרה.

אַנדערע האָבּן מורא, לויט די אַלטע מיטן, פאַר אַן אייבּיקער אומגליקלעכער צוקונפט, אָדער אויב זיי זענען צו קלוג צו גלייבּן דערין, האָבּן זיי לכל-הפּחות מורא פאַר דער בּאַרויבּונג פון אַלע געפילן, וואָס דער טויט ברענגט מיט זיך, זיי האָבּן מורא פאַרן שלעכטס, גלייך ווי די נשמה וואָלט דאָס נאָך געקאָנט פילן.

דער טויט איז אָבּער פאַר אונז גלייכגילטיק, ווייל טאָקע ער בּאַרויבּט אונז פון דער עמפּינדונג. כּל זמן מיר עקזיסטירן, איז דער טויט נישטאָ; אָבּער ווען דער טויט איז דאָ, עקזיס-

טירן מיר נישט. מ׳קאָן אָבער נישט מורא האָבן פאַר אַ דערנענטערונג פון אַ זאַך, וואָס האָט אין זיך גופא קיין שום מוראדיקס. נאָך נאַרישער איז עס באמת, צו רימען אַ פריצייטיקן טויט, וועלכן יעדער איינער קאָן זיך נעמען. ווער עס האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס נישט לעבן איז נישט קיין שלעכטס, — פאַר דעם איז נישט פאַראַן קיין שלעכטס אין לעבן.

יעדעס פאַרגעניגן איז אַ גוטס, יעדער שמערץ איז אַ שלעכטס; אָבער דערפון דרינגט נישט, אַז מ׳דאַרף שטרעבן צו יעדן פאַרגעניגן און אויסצומיידן יעדן שמערץ. בלייבנדיקע פאַרגעניגנס זענען די נשמה — רו און די שמערצלאָזיקייט, און זיי זענען בכן דער אמתער צוועק פונם דאָזיין.

אין דאָזיקן פונקט ווייכט עפיקור שאַרף אָפּ פון אַריסטיפּן, וואָס האָט געזען דאָס פאַרגעניגן אין דער באַוועגונג, און דאָס איינציקע פאַרגעניגן דערקלערט אַלס אמתן צוועק. דאָס שטורמישע לעבן אַריסטיפּס, אין קעגנזאַץ צו עפּיקורס רויקן לעבן אינם גאָרטן, ווייזט, ווי אַזוי עס איז דורכגעפירט געוואָרן דערדאָזיקער קעגנזאַץ. אומרויקע יוגנט און צוריקגעצויגענע עלטער פון דער נאַציע, ווי אויך פון דער פילאָזאָפיע, שפּיגלען זיך, דאַכט זיך, אָפּ אין דידאָזיקע קעגנזאַצן.

אין אַ נישט קלענערן קעגנזאַץ איז עפּיקור געשטאַנען צו אַריסטיפּן, פון וועמען ער האָט אַזוי פיל געלערנט, ד׳ערמיט וואָס ער האָט דערקלערט, אַז דאָס גייסטיקע פאַרגעניגן איז העכער און בעסער, ווי דאָס פיזישע, ווייל דעם גייסט רעגט אָן נישט בלויז די קעגנוואַרט, נאָר אויך דער עבר און די צוקונפט.

דערין איז אָבער עפּיקור אויך געווען קאָנסעקווענט, וואָס ער האָט דערקלערט, אַז די טוגנט מוז מען אויסקלויבן נאָר צוליב דעם פאַרגעניגן, פּונקט ווי די קונסט פון היילן צוליבן געזונט; ער האָט אָבער צוגעגעבן, אַז די טוגנט איז אומאָפּטיילבאַר פונם פאַרגעניגן; אַלע איבעריקע זאַכן קאָנען, אַלס פאַרבייגייענדיקע, אָפּגעטיילט ווערן פון איר. אַזוי לאָגיש נאָענט

איז עפיקור געשטאַנען צו זיינע קעגנער צענאָ און כריזיפּוס, וועל־כע האָבן דערקלערט, אַז נאָר די טוגנט איז דאָס גוטס; און דאָך — צוליב דער פאַרשידנקייט פון די אויסגאַנגספּונקטן—אַזאַ גרויסע פאַרשידנקייט פון די סיסטעמען!

עפּיקור פירט אַרויס אַלע טוגנטן פון דער חכמה, וועל־כע לערנט אונז, אַז מ׳קאָן נישט זיין גליקלעך, נישט זייענדיק קלוג, איידל און גערעכט, און פאַרקערט: מ׳קאָן נישט זיין קלוג, איידל און גערעכט, נישט זייענדיק באמת גליקלעך. די פ י ז י ק האָט ביי עפיקורן געדינט דער עטיק, און דידאַקטיק אונטער־געאָרדנטע שטעלונג האָט נישט געקאָנט נישט האָבן קיין שעדלעכן איינפלוס אויף זיין נאַטורדערקלערונג. היות ווי דער גאַנצער צוועק פון דערדאַזיקער נאַטורדערקלערונג איז צו באַפרייען פון מורא און אומרו, דעריבער הערט אויף דער דראַנג פונם פאָר־שער, קוים איז דערגרייכט געוואָרן דערדאָזיקער צוועק. ער איז אָבער דערגרייכט, קוים ווייזט מען אויף, אַז די געשע־ענישן קאָנען אַנטשטיין פון אַלגעמיינע געזעצן. די מ ע ג־ל ע כ ק י י ט איז דאָ גענוגנדיק, ווייל אויב אַ דערפאָלג קאָן זיך שטיצן אויף נאַטירלעכע סיבות, דאַרף איך שוין מער נישט כאַפּן זיך פאַרן איבערנאַטירלעכן. מ׳זעט דאָ אַ פּרינציפּ, וועלכן דער דייטשער ראַציאָנאַליזם האָט אין פאָריקן יאָרהונ־דערט נישט זעלטן אָנגעווענדט באַם דערקלערן נסים.

מ׳האָט דעריבער פאַרגעסן צו פרעגן, צי און ווי אַזוי מיר קאָנען באַווייזן, וואָס איז די ווירקלעכע סיבה פון די געשעענישן. און דאָס פעלן פון אַ תשובה אויף דערדאָזיקער פראַגע נעמט נקמה, ווייל דויערהאַפטיק זענען נאָר די יעניקע דער־קלערונגען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס אַ צוזאַמענהאַנג און אַן איינהייטלעכער פּרינציפּ. אַזאַ פּרינציפּ האָט עפיקור טאַקע געהאַט, ווי מיר וועלן דאָס באַלד זען, אין דעם דרייסטן געדאַנק, אַז ביי דער אומענדלעכקייט פון די וועלטן ווערט אַלץ, וואָס איז איבערהויפּט מעגלעך, ערגיץ־ווו און ווען־עס־איז פאַר־ווירקלעכט אינם וועלטאַל; אָבער דערדאָזיקער אַלגעמיינער גע־

דאַנק האָט ווייניק צו טון מיטן עטישן צוועק פון דער פיזיק, וועלכער מוז דאָך נוגע זיין אונזער וועלט.

אַזוי האָט עפּיקור אָנגענומען, אַז די לבנה קאָן האָבן איר אייגן ליכט, זי קאָן עס אָבער אויך באַקומען פון דער זון. ווען ס'קומט אָבער פלוצלונג פאַר אַ לקוי־לבנה, איז אָדער דאָס איז אַ פאַריבערגייענדיק פאַרלעשן ווערן פונם ליכט, אָדער ס'קאָן מעגלעך זיין, אַז די ערד האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן דער זון און דער לבנה און דורך איר שאָטן אַרויסגערופן די פינצטערניש.

די לעצטע מיינונג איז, דוכט זיך, געווען די אייגנטלעכע דערקלערונג פון דער עפּיקורייאישער שול; אָבער זי איז אַזוי צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן לעבן דער ערשטער, אַז מען זעט, דאָס די אַנטשיידונג איז נישט קיין ממשותדיקע, מ'קאָן זיך אויסקלייבן וואָס פאַראַ היפּאָטעזע ס'געפעלט; נאָר מיטן מיטן באַדינג, אַז די דערקלערונג זאָל זיין אַ נאַטירלעכע.

דידאָזיקע נאַטירלעכקייט האָט זיך געמוזט שטיצן אויף אַן אַנאַלאָגיע מיט אַנדערע באַקאַנטע פאַלן, ווייל עפּיקור האָט דערקלערט, אַז די עכטע נאַטורפאָרשונג דאַרף נישט ווילקירלעך אויפשטעלן קיין נייע געזעצן, נאָר זי מוז זיין אומעטום באַ־גרענעצט אויף די ווירקלעכע באַאָבאַכטעטע פּראָצעסן. קוים פאַרלאָזט מען דעם וועג פון דער באַאָבאַכטונג, פאַרלירט מען דעם שפּור פון דער נאַטור און מען פאַלט אַריין אין די אָרעמס פון דער כימערע.

אין אַלגעמיין איז עפּיקורס נאַטורלערע כמעט די זעלבע, ווי דעמאָקריטס, נאָר פון איר האָבן זיך אויפגעהויבן מער אויספירלעכע ידיעות. די פאָלגנדיקע זאַצן אַנטהאַלטן דאָס וויכטיקסטע.

פון גאָרנישט ווערט גאָרנישט, ווייל אַזיסטן וואָלט פון אַלעם געוואָרן אַלץ. אַלץ, וואָס עס איז, איז קערפּער; אומ־קערפּערלעך איז נאָר דער פּוסטער רוים.

טייל קערפּער זענען אַנטשטאַנען פון פאַרבינדונג; טייל

זענען אַזוינע, פון וועלכע עס אַנטשטייען פאַרבינדונגען, די-דאָזיקע זענען אומטיילבאַר און אַבסאָלוט אומפאַרענדערלעך.

דער וועלטאַל איז אומבאַגרענעצט, און בכן מוז אויך די צאָל פון די קערפּער זיין אַן אומענדלעכע.

די אַטאָמען געפינען זיך אין אַ באַשטענדיקער באַוועגונג, טייל זענען ווייט אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן, טייל קומען זיך נאָענט צונויף און פאַרבינדן זיך. ס׳איז אָבער נישטאָ קיין אָנהייב. די אַטאָמען האָבן נישט קיין שום קוואַליטעטן, חוץ די גרויס, צורה און שווערקייט.

דערדאָזיקער כּלל, וואָס לייקנט פּאָרמעל אין דער מציאות פון אינערלעכע צושטאַנדן, אין קעגנזאַץ צו אויסערלעכע באַוועגונגען און פאַרבינדונגען, בילדעט מיט זיך איינעם פון די כאַראַקטעריסטישסטע פונקטן פונם מאַטעריאַליזם איבערהויפּט. אָננעמענדיק די הנחה וועגן אינערלעכע צושטאַנדן, האָט מען שוין געמאַכט דעם אַטאָם פאַר אַ מאָנאַדע און זיך איבערגערוקט צום אידעאַליזם אָדער פאַנטעאיסטישן נאַטוראַליזם.

די אַטאָמען זענען קלענער פון יעדער מעסטבאַרער גרייס. זיי האָבן אַ גרייס, אָבער נישט די אָדער יענע באַשטימטע גרייס; קיין שום בפירושע גרייס איז נישט חל אויף זיי.

אויך איז די צייט, אין וועלכער די אַטאָמען באַוועגן זיך אין ליידיקן רוים, אוממעגלעך קליין; זייער באַוועגונג טרעפט נישט אָן אויף קיין שטערונגען. די געשטאַלטן פון די אַטאָמען זענען פון אַן אומגעהויערער פילפאַכיקייט, אָבער דאָך איז די צאָל פון די פאָרגעקומענע פאָרמען נישט אומענדלעך, ווייל אַנדערש וואָלטן די אין אַלוועלטאַל מעגלעכע באַשעפעניש נישט געקאָנט זיין געשלאָסן אין באַשטימטע. הגם אויך אויסערסט ווייטע גרעניצן 58).

אין אַ באַגרעניצטן קערפּער איז אויך די צאָל פון די אַטאָמען, פונקט ווי זייער פאַרשידנקייט, אַן ענלעכע, עס קאָן בכן נישט עקזיסטירן קיין טיילונג ביזן אומענדלעכן.

אינם ליידיקן רוים איז נישט פאַראַן קיין אויבן און,

אונטן; אָבער דאָך מוז אויך דאָ זיין אַ ריכטונג פון דער באַוועגונג, קענענאיבער דער אַנדערער, פאַראַן אַזעלכע אומצייליקע ריכטונגען, ביי וועלכע מ'קאָן דענקען וועגן אויבן און אונטן.

די נשמה איז אַ סובטעלע מאַטעריע, וואָס איז פאַרשפרייט איבערן גאַנצן אַגרעגאַט פונם קערפער, אַמענלעכסטן צום לופט-הויך מיט אַ צומיש פון וואַרימקייט.

דאָ מוזן מיר ווידער איבעררייסן עפּיקורס געדאַנקען מיט אַ קורצער באַמערקונג.

אונזערע היינטיקע מאַטעריאַליסטן וואָלטן זיך אַממייסטן אַנטקעגנגעשטעלט דער הנחה פון אַזאַ נשמה, וואָס באַשטייט פון סובטעלער מאַטעריע. אָבער בעת מ'געפינט היינט נאָך אַזעלכע ענלעכע הנחות ביי פאַנטאַסטישע דואַליסטן, איז דעמאָלט, ווען מ'האָט נאָך גאָרנישט געוווּסט וועגן אופן פון דער נערוועטעטיקייט און וועגן די פונקציעס פונם מוח, די זאַך גאָר אַנדערש געשטאַנען. עפּיקורס מאַטעריעלע נשמה איז אַן עכטער באַשטאַנדטייל פון קערפערלעכן לעבן, אַן אָרגאַן, נישט אַ פרעמדאַרטיק וועזן, וואָס עקזיסטירט פאַר זיך און בלייבט ווייטער נאָכן אונטערגאַנג פון קערפער. דאָס דרינגט קלאָר אַרויס פון די פאָלגנדיקע אויספירונגען:

דאָס לייב דעקט אַרום די נשמה און ברענגט איר די עמפינדונג; דורך דער נשמה נעמט עס אַן אָנטייל אין דער עמפינדונג, הגם אומפולשטענדיק, און עס פאַרלירט דידאָזיקע עמפינדונג, ווען די נשמה ווערט צעזייט; צוזאַמען מיטן אונטערגיין פונם קערפער, מוז אויך אונטערגיין די נשמה.

די בילדער אינם פאַרשטאַנד אַנטשטייען אַ דאַנק אַ באַשטענדיקער אויסשטראַלונג פון קליינטשיקע טיילן פון דער אויבערפלאַך פונם קערפער. אויפן דאָזיקן אופן גייען אין אונז אַריין דיווירקלעכע אָפּשיינען פון די זאַכן.

אויך דאָס הערן קומט פאָר דורך אַ שטראָם, וואָס גייט אַרויס פון קלינגענדיקע קערפער. באַלד ווי עס אַנטשטייט דער

קלאַנג, וואָס דאָס קול געבילדעט פון געוויסע וויברירונגען, וועלכע גיבן אַרויס אַ לופטענלעכן שטראָם.

אינטערעסאַנטער ווי יענע היפּאָטעזעס, וואָס האָבן ביים מאַנגעל פון יעטוועדער אמתער נאַטורפאָרשונג נישט געקאָנט אַנדערש אויסזען, ווי העכסט-קינדישע, זענען די דערקלערנדיקע הנחות, וועלכע זענען נישט אַזוי אָפּהענגיק פון די גענויע פּאָזיטיווע קעטנישן. אַזוי, למשל, האָט עפּיקור געפּרוווט אַרויספירן פון נאַטורגעזעצן די אַנטשטייונג פון דער שפּראַך און וויסן.

די נעמען פון די זאַכן, האָט ער געלערנט, זענען נישט אַנטשטאַנען פּאָזיטיוו, נאָר בעת די מענטשן האָבן, לויט דער נאַטור פון די זאַכן, אַרויסגעגעבן אייגנטימלעכע קולות. דורך איינשטימונג האָט זיך באַפעסטיקט דער געברויך פון די־דאָזיקע קולות, און אַזוי אַרום האָבן זיך אַנטוויקלט די פאַרשידענע שפּראַכן. נייע קעגנשטאַנדן האָבן גורם געווען צו נייע קולות, וואָס זענען דורכן געברויך גופא געוואָרן פאַרשפּרייט און פאַרשטענדלעך.

די נאַטור האָט דעם מענטש פילפאַכיק געלערנט און אים געצוווּנגען צו טעטיקייט.

נאָענט שטייענדיקע קעגנשטאַנדן רופן פון זיך גופא אַרויס דאָס נאָכדענקען און פאָרשן, ביי טייל מענטשן שנעלער, ביי אַנדערע געלאַסענער, און אַזוי אַרום ציט זיך די אַנטוויקלונג פון באַגריפן דורך געוויסע פּעריאָדן ביזן אומענדלעכן.

צומווייניקסטן האָט עפּיקור באַאַרבעט די לאָגיק, אָבער דאָס האָט ער געטון גוט באַטראַכטנדיק זיך און צוליב טעמים, וואָס גיבן צו כבוד זיין דענקען, ווי אויך זיין כאַראַקטער. נעמענדיק אין אַכט דאָס, וואָס דער רוב פון די גריכישע פילאָזאָפן האָבן געוואָלט גלאַנצן מיט פּאַראַדאָקסאַלע באַהויפּטונגען און דיאַלעקטישע קונצשטיקלעך, און דערמיט נאָך מער צעטומלט ווי מסביר געווען, קאָן מען נאָר לויבן עפּיקורס געזונטן חוש, וואָס האָט אים געהייסן אָפּוואַרפן די דיאַלעקטיק אַלס אומנוציק און אַפילו שעדלעך. ער האָט זיך דעריבער אויך נישט באַנוצט מיט קיין

טעכנישער טערמינאָלאָגיע פֿון פֿרעמדאַרטיקע קלאַנגען, נאָר אַלץ מסביר געווען אין אַ פּשוטער שפּראַך. פֿונם רעדנער פֿאַרלאַנגט ער גאָרנישט, נאָר דײַטלעכקייט. נישט געקוקט דערויף, האָט ער זיך באַמיט אויפֿצושטעלן אַ קאַנאָן פֿון דער וואָרהייט.

דאָ שטויסן מיר זיך ווידער אָן אויף אַ פּונקט, בײַ וועלכן עפּיקור ווערט נאָך כּמעט אומעטום שלעכט פֿאַרשטאַנען און נישט דערשאַצט. אַז זײַן לאָגיק איז אַ זייער איינפֿאַכע, איז מען אין אַלגעמיין מודה, אָבער דאָס ווערט געטון מיט אַ גרינגשעצנדיקן זײַטיקן בליק, וועלכן ס׳איז שווער צו רעכטפֿערטיקן אין ליכט פֿון דער אמתער זאַכלאַגע. עפּיקורס לאָגיק איז אַ שטרענג סענסואַליסטישע און עמפּירישע; פֿון דאָזיקן שטאַנדפּונקט דאַרף מען זי באַטראַכטן, און עס וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז אירע וועזנטלעכע הויפּטשטריכן, — אויף וויפֿיל עס לאָזט זיך אַרויסנעמען פֿון די פֿאַרקריפּלטע און פּילפּאַכיקע פֿאַרדרייטע באַריכטן, וואָס זענען אויפֿגעהיטן געוואָרן, — זענען נישט בלויז קלאָר און קאָנסעקווענט, נאָר אויך אומבאַשטרײַטבאַר, ביז צום פּונקט, ווו עס געפֿינט זיך די גרעניץ פֿון דעם איינזײַטיקן עמפּיריזם.

די לעצטע באַזע פֿון יעטוועדער דערקענטניש איז די זינלעכע פּערצעפּציע. זי איז פֿאַר זיך שטענדיק אמתדיק; נאָר דורכן באַציען זי אויף דער זאַך, וואָס האָט צו איר גורם געווען, אַנטשטייט אַ טעות. אויב אַ משוגענער זעט אַ דראַקאָן, איז דידאָזיקע פּערצעפּציע אַלס אַזעלכע נישט פֿאַרפֿערעריש. ער נעמט אויף דאָס בילד פֿון דראַקאָן, דערין קאָן גאָרנישט ענדערן קיין שום שכל, קיין שום כּלל פֿון דענקען. אויב אָבער ער גלייבט, אַז דער דראַקאָן וועט אים אײַנשלינגען, האָט ער אַ טעות. דער טעות ליגט אין דער באַציִונג פֿון דער פּערצעפּציע צו דעם אָביעקט, דאָס איז גענעטיש דערזעלבער טעות, וועלכן עס מאַכט אַ געלערנטער. וואָס אין דער ניכטערסטער פֿאָרשונג דערקלערט ער פֿאַלש אַ געוויסע הימלסדערשיי-

גונג. די פערצעפּציע איז אמת, די באַציונג אויף אַ געוויסער אָנגע־
נומענער סיבה איז פאַלש.

אַריסטאָטעלעס האָט געלערנט, אַז ריכטיקייט און פאַלשקייט ווייזן זיך אַרויס נאָר אין דער סינטעזע פון סוביעקט און פּרעדיקאַט, אינם אורטייל. אַ „כימערע" איז נישט פאַלש, נישט ריכטיק; אויב עמיצער זאָגט אָבער, אַז די כימערע עקזיסטירט, אָדער זי עקזיסטירט נישט, זענען דידאָזיקע ביידע זאַצן אָדער ריכטיק, אָדער פאַלש.

איבערוועג באַהויפּטעט (Grundriss I, 4 Aufl. S. 220), אַז עפּיקור האָט געזאָלט פאַרבייטן די וואָרהייט און די פּסיכישע ווירקלעכקייט. אָבער כּדי צו קאָנען דאָס באַהויפּטן, מוז ער דערפינדן די „וואָרהייט" אַלס אידענטיש־קייט פון דער פּסיכישער פאָרשטעלונג מיט דעם אין זיך פאַראַנענעם אָביעקט. און דידאָזיקע דעפיניציע שטימט טאַקע מיט איבערוועגס לאָגיק, זי איז אָבער נישט אַלגע־מיין אָנגענומען, און נישט נויטיק.

לאָמיר באַזייטיקן דעם וואָרטשטרייט! אויב עפּיקורס משוגענער גיט אַרויס דעם אורטייל: „דידאָזיקע דערשיינונג איז דאָס געשטאַלט פון אַ דראַקאָן", קאָן שוין אַריסטאָטעלעס גאָרנישט איינווענדן קעגן דער וואָרהייט פון דאָזיקן אורטייל. אַז דער משוגענער אורטיילט אין דער ווירקלעכקייט (נישט שטענדיק!) אַנדערש, זאָס געהערט נישט צום ענין.

דידאָזיקע באַמערקונג דאַרף אויך גענוג זיין פאַר איבערוועגן, ווייל עס איז געוויס גאָרנישטאָ אַזוינס, וואָס זאָל אַזוי ווייט אין אייגנטלעכן זין פון דאָזיקן וואָרט עקזיסטירן „אין זיך", ווי אונזערע פאָרשטעלונגען, פון וועלכע עס קומען פּרשט אַרויס אַלע אַנדערע זאַכן. אָבער איבערוועג פאַר־שטייט די זאַך אַנדערש, און דעריבער מוזן מיר דאָ אויך אַנ־דערש קלאָר מאַכן די פּשוטע מיספאַרשטייעניש אין ווערטער. אין זיין שפּראַך קאָן שוין עפּיקורס פּערצעפּציע מער נישט הייסן „וואָר", אָבער גיכער „זיכער", ווייל ס'איז געגעבן איינפאַך, אומבאַשטרייטבאַר, אוממיטלבאַר.

און איצט פרעגט זיך: איז דידאָזיקע אוממיטלבאַרע זיכערקייט פון די איינצעלנע, אינדיווידועלע, קאָנקרעטע פּערצעפּציעס די באַזע פון יעטוועדער „וואָרהייט“, אַפילו ווען מען פאַרשטייט זי אין איבערוועגס זין, אָדער נישט? דער עמפּיריקער וועט זאָגן יאָ, דער אידעאַליסט — (ד. ה. דער פּלאַטאָנשער, נישט דער בערקלישער!) וועט זאָגן ניין. וועגן די טיפע אונטערשידן פון דידאָזיקע קעגנזאַצן וועלן מיר רעדן שפּעטער; דאָ איז פאַר אונדז גענוג עפּיקורס געדאַנקנגאַנג פולשטענדיק קלאָר צו מאַכן און אים באַרעכטיקן.

ביז אַהער שטייט עפּיקור אויף פּראָטאַגאָראַס'ס שטאַנדפּונקט, און ס'איז דעריבער באַלד מתחילת אַ מיספאַרשטייעניש, ווען מען מיינט, אַז מ'קאָן אים סותר זיין דערמיט, וואָס מ'ציט אַ קאָנסעקווענץ: ובכן, מוזן אויך קעגנזעצלעכע באַהויפּטונגען, סיי לויט עפּיקורן, סיי לויט פּראָטאַגאָראַסן, גלייך זיין אמת. עפּיקור ענטפערט: זיי זענען אמת, אָבער יעדע פאַר איר אָביעקט. די קעגנזעצלעכע באַהויפּטונגען וועגן איין און דערזעלבער זאַך האָבן נאָר לויטן נאָמען די זעלבע זאַך. די אָביעקטן זענען פאַרשידן; ווייל זיי זענען נישט די „זאַכן אין זיך“, נאָר זייערע זינלעכע בילדער. זיי זענען דער איינציקער אויסגאַנגספּונקט. די „זאַכן אין זיך“ זענען נישט צומאָל די .ערשטע, נאָר די דריטע שטופע אינם דערקענטניש פּראָצעס 59).

אויפן זיכערן וועג פון דער עמפּיריע שטייגט עפּיקור איבער פּראָטאַגאָראַסן דערמיט, וואָס ער אָנערקענט דאָס שאַפן זיך פון דערינערונגסבילדער, וועלכע אַנטשטייען פון דער איבערגעחזרטער פּערצעפּציע און לגבי דער איינצעלנער פּערצעפּציע האָבן זיי דעם כאַראַקטער פון אַלגעמיינעם. דידאָזיקע אַלגעמיינע, אָדער אַלס אַלגעמיין גילטיקע פאָרשטעלונג, (צ. ב. די פאָרשטעלונג פון אַ פערד, נאָכדעם ווי מ'האָט געזען אַזעלכע פאַרשידענע בהמות) איז ווייניקער זיכער ווי די אורשפּרינגלעכע און איינצעלנע פאָרשטעלונג, קאָן אָבער אין דער זעלבער צייט, צי טאַקע צו-

ליב איר אַלגעמיינעם כאַראַקטער, שפּילן אַ ג ר ע ס ע ר ע
ר אָ ל פאַ ר ן ד ע נ ק ע ן.

זי בילדעט מיט זיך די בריק ביים איבערגאַנג צו די
ס י ב ו ת, ד. ה. ביי דער פאָרשונג וועגן די ז אַ כ ן א י ן ז י ך.
דידאָזיקע פאָרשונג שטעלט ערשט מיט זיך פאָר די וויסנשאַפט,
ווייל וואָס איז דען די גאַנצע אַטאָמיסטיק, אויב נישט אַ טעאָ-
אָריע וועגן דער „זאַך אין זיך", וואָס ליגט אין יסוד פון אַלע
דערשיינונגען? דאָסזעלבע איז דאָס קריטעריום וועגן דער
וואָרהייט פון אַלע אַלגעמיינע כּללים, אָנשטאָט צו באַזייטיקן
זי דורך דער פּרעצעפּציע, די באַזע פון יעטוועדער דערקענט-
ניש. די אַלגעמיינע כּללים זענען דעריבער בשום אופן
נישט מער זיכער אָדער וואָר. זיי זענען פריער נאָר „מ יי נ ו נ-
ג ע ן", וועלכע אַנטוויקלען זיך אַליין דורכן פאַרקער פון מענטש
מיט די זאַכן.

דידאָזיקע מיינונגען זענען וואָר, אויב זיי ווערן באַשטע-
טיקט דורך פּערצעפּציעס. אונזערע היינטיקע עמפּיריקער פאָ-
דערן די באַשטעטיקונג דורך „פ אַ ק ט ן". איבערן פאַראַנזיין פון
אַ פאַקט אורטיילט אָבער ווידער די פּערצעפּציע. אויב דער
לאָגיקער ווענדט איין: נישט די פּערצעפּציע, נאָר די מעטאָ-
דישע באַשטעטיקונג אַנטשיידט וועגן פאַראַנזיין פון אַ פאַקט,
דאַרף מען דערמאָנען, אַז די מעטאָדישע באַשטעטיקונג גופא
קאָן זיך אין דער לעצטער ליניע באַציען נאָר אויף פּערצעפּ-
ציעס און זייער אויסטייטשונג. דער עלעמענטאַרער פאַקט איז
בכן שטענדיק דאָך די פּערצעפּציע, און די סתירה פון די
שטאַנדפּונקטן וועט זיך דערין אַרויסווייזן, אויב דער מעטאָד
פון באַשטעטיקונג איז אַ ריין עמפּירישער, אָדער ער שטיצט
זיך בעצם אויף כּללים, וואָס ווערן באַטראַכט אַלס נויטווענ-
דיקע פאַר יעדער דערפאָרונג. ס'איז נישט אונזער ענין דאָ צו
אַנטשיידן דעמדאָזיקן שטרייט. פאַר אונז איז גענוג אָנצווייזן,
אַז אויך אינם פּונקט פון דער לאָגיק האָט מען עפּיקורן, צו-
ליב דעם אומחסד פון אַ פיינטלעכער מסורה, פאַרגעוואָרפן
איבערפלעכלעכקייט און אומזיניקייט, דאָרט, וווּ ער טרעט פון

זיין שטאַנדפּונקט צו צו זיין ווערק — לכל־הפחות אַזוי פאַרשטענ־דיק, ווי למשל דעקאַרט, וועלכער וואַרפט אויך אָפּ די גאַנצע טראַדיציאָנעלע לאָגיק און שטעלט אַוועק אָנשטאָט איר עטלעכע איינפאַכע כללים פון דער פאָרשונג.

עפּיקור איז געווען דער פּרוכטבאַרסטער שריפטשטעלער פון אַלטערטום, מיטן אויסנאַם פונם סטאָאיקער כריזיפּוס, וואָס האָט אים דערין געוואָלט איבערשטייגן און איבערגעשטיגן; אָבער בעת די ביכער פון כריזיפּוס שווימען און גריבלען פון געבאָרגטע שטעלן און ציטאַטן, האָט עפּיקור קיינמאָל נישט ציטירט און אַלץ אויסגעשניצט פון איין שטיק.

ס׳איז קיין ספק נישט, אַז אין דערדאָזיקער פאַראַכטונג צו אַלע ציטאַטן דריקט זיך אויס יענער ראַדיקאַליזם, וועלכער פאַרבינדט זיך נישט זעלטן מיט מאַטעריאַליסטישע אָנשויונגען: דאָס גרינגשעצן דעם היסטאָרישן פּרינציפּ אין קעגנזאַץ צום נאַטורהיסטאָרישן. נעמען מיר צונויף דידאָזיקע דריי פּונקטן: אַז עפּיקור איז געווען אַן אויטאָדידאַקט און ער האָט זיך נישט אָנגעשלאָסן אָן קיין איינער פון די הערשנדיקע שולן; ווייטער, אַז ער האָט פיינט געהאַט די דיאַלעקטיק און זיך באַנוצט מיט אַן אַלגעמיין פאַרשטענדלעכער שפּראַך; ענדלעך, אַז ער האָט קיינמאָל נישט ציטירט און אַלס כלל פשוט איגנאָרירט די אַנ־דערש דענקנדיקע, זעען מיר דאָ די וועזנטלעכע סיבה פון דער שנאה, מיט וועלכער טייל פאַכמעסיקע פילאָזאָפן האָבן אים באַשאָנקען. די באַשולדיקונג אין אומגרינטלעכקייט שטאַמט פון זעלבן מקור, ווייל נאָך הייגנטוטאָג איז נישט קיין שום זאַך אַזוי פאַרשפּרייט, ווי די נייגונג צו זוכן די גרינטלעכקייט פון אַ סיסטעם אין אומפאַרשטענדלעכע פראַזן, וואָס זענען צוזאַמענ־געבונדן אין אַ סכעמע. אויב אונזערע הייגטיקע מאַטעריאַליסטן גייען צו ווייט אין דער באַקעמפונג פון דער פילאָזאָפישער טערמינאָלאָגיע און וואַרפן אָפּ גענוג אָפט אַלס אומקלאָרע אַזעלכע באַצייכנונגען, וואָס האָבן אַ גאַנץ באַשטימטן, נאָר פאַרן אָנפאַנגער נישט באַלד פאַרשטענדלעכן זין, איז דאַרף מען דאָס צושרייבן דער פאַרנאַכלעסיקונג פון דער געשיכטלע־

בער, געניטער באַדייטונג פון די אויסדרוקן. הגם מיר קאָנען אויך זיכער נישט מאַכן עפּיקורן קיין ענלעכן פאָרוואורף, מוזן מיר דאָך נעמען אין באַטראַכט דעמדאָזיקן געמיינזאַמען שטריך פון אומגעשיכטלעכקייט. אַ שאַרפן קעגנזאַץ צום מאַטעריאַליזם האָט אין דערדאָזיקער הינזיכט, ווי אין אַ סך אַנדערע, פאַרגעשטעלט מיט זיך אַריסטאָטעלעס.

ס'איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז די גריכישע פילאָזאָפיע, אויף וויפיל זי דערשיינט אין געזונטע, איינהייטלעכע, און ריין-אינטעלעקטועלע און מאָראַליש-באַגרינדעטע שיטות, שליסט זיך מיט עפּיקורן און זיינע תּלמידים, ווי זי הייבט זיך אָן מיט די יאָנישע נאַטורפילאָזאָפן. די ווייטערע אַנטוויקלונגען זענען אויסגעפאַלן אויפן גורל פון די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן, בעת די ספּעקולאַטיווע פילאָזאָפיע האָט זיך פולשטענדיק דעגענערירט אינם נייפּלאַטאָניזם.

ווען דער גרייז-גראָער עפּיקור האָט פאַרענדיקט זיין הייטער לעבן אינמיטן פון זיין תּלמידים-קרייז אין אַטען, האָט זיך שוין אין אַלעקסאַנדריע געהאַט געעפנט אַ נייע אַרענע פון גריכישן גייסטיקן לעבן.

ערשט נישט לאַנג האָט מען זיך געגרויסט אָנצורופן דעם אַלעקסאַנדרינישן גייסט אַלס זידלוואָרט פאַר געלערזאַמקייט, וואָס האָט מורא פאַר מעשים, און פעדאַנטישע וויסנקרעמעריי. אַפילו די אָנערקענונג פון די אַלעקסאַנדרינישע פאָרשונגען איז איצט אַלס כּלל פאַרבונדן מיטן געדאַנק, אַז נאָר דער פולשטענדיקער שיפּברוך פון אַ טיכטיק נאַציאָנאַל לעבן האָט געגעבן אַזאַ ברייט פעלד פאַר די ריין-טעאָרעטישע באַדערפענישן פון דער דערקענטניש.

לגבי דידאָזיקע אָנשוינגען איז עס פאַר אונזער ענין וויכטיק אָנצווייזן אויפן שעפערישן גייסט, אויפן לעבעדיקן פונק פון אַ גרויסאַרטיקער, און אין איר ציל, ווי אויך אין אירע מיטלען דרייסטער און פלייסיקער שטרעבונג, וואָס די געלערנטע וועלט פון אַלעקסאַנדריע ווייזט אונז ביי אַ נענטערער באַטראַכטונג.

ווייל אויב די גריכישע פילאָזאָפיע, וואָס האָט אַרויס

געשפּראָצט פון מאַטעריאַליסטישע התחלות, האָט נאָך אַ קורצן און גלענצנדיקן קרייזלויף דורך אַלע דענקבאַרע שטאַנדפּונקטן אין די מאַטעריאַליסטישע סיסטעמען און מאַטעריאַליסטישע וואַנדלונגען פון אַנדערע שיטות געקומען צו איר שלוס, האָט מען דאַן אַ רעכט צו פרעגן וועגן דעם ענדגילטיקן רעזולטאַט פון דידאָזיקע אַלע וואַנדלונגען.

דעמדאָזיקן ענדגילטיקן רעזולטאַט קאָן מען אין אַ פאַרשידענעם זין אויפזוכן. אין פילאָזאָפישע קרייזן האָט געפונען בייפאַל אַ קאָנצעפּציע, וועלכע פאַרגלייכט דעם גאַנג פון דער פילאָזאָפיע מיטן פאַרלויף פון טאָג און נאַכט, דורך פרימאָרגן און מיטאָג און אָוונט ווידער צו דער נאַכט. פאַר די יאָנישע נאַטור-פילאָזאָפן פון איין זייט, און דעם עפּיקורייאיזם פון דער צווייטער זייט, פאַלט לויט דעם אויס די נאַכט.

מ'דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז דער אָפּשלוס פון דער גריכישער פילאָזאָפיע האָט נישט מיט עפּיקורס צוריקקער צו די איינפאַכסטע גרונטאָנשויונגען צוריקגעפירט די נאַציע צום צושטאַנד פון דער פּאָעזיע-פולער קינדהייט, נאָר דער נאַטירלעכער איבערגאַנג האָט געשאַפן די תקופה פון די פרוכטבאַרסטע פאָרשונגען אויפן געביט פון די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן.

אמת, די היסטאָריקער האַלטן זיך אָנם פאַקט, אַז אין גריכנלאַנד האָט דער גוואַלטיק-שנעלער אַנטוויקלונגסגאַנג פון דער פילאָזאָפיע אַרויסגערופן אן אומהיילבאַרן פּירוד צווישן דעם דענקן פון דער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע און דעם דיכטן און טראַכטן פונם פאָלק; און אַז דער דאָזיקער פּירוד האָט גורם געווען צום אונטערגאַנג פון דער נאַציע. מ'קאָן מסכים זיין מיט דער לעצטער מיינונג און דאָך אָבער האַלטן, אַז דער אונטערגאַנג פון דער איינצעלנער נאַציע שטערט נישט דעם פאָרשריט פון דער מענטשהייט, נאָכמער, טאַקע דער אונטערגאַנג פון דער נאַציע איז דער רעזולטאַט פון איר שטרעבן, דער צייטיקסטער און דערפאַר טאַקע דער פולקאָמסטער, פּונקט ווי דער זוימען פון דער פאַרוועלקטער פלאַנץ.

אויב מ׳זעט, ווי אַזעלכע רעזולטאַטן זענען באמת אין שפּעטערדיקע צייטן געוואָרן צום לעבנסשפּראָצל פון נייע נישט געאַנטע פאָרשריטן, וועט מען אויך דעם גאַנג פון דער פילאָזאָפיע און דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג באַטראַכטן פון אַ העכערן קולטורהיסטאָרישן שטאַנדפּונקט. אין דער ווירקלעכקייט לאָזט זיך אָבער אויפווייזן, ווי די גלענצנדיקע נאַטור־פאָרשונג פון אונזער צייט קניפּט זיך שטענדיק אָן אין דער עפּאָכע פון איר אַנטשטיין אָן די מסורות פון די אַלעקסאַנדריער.

עס האָבן אַ וועלטרום די ביבליאָטעקן און שולן פון אַלעקסאַנדריע, די מילדקייט פון די קעניגן, דער פלייס פון די לערער און די תלמידים. אָבער נאָך נישט אין דעם אַלעם באַשטייט אַלעקסאַנדריעס היסטאָרישע באַדייטונג: פיל מער איז עס דער לעבנסנערוו פון יעטוועדער וויסנשאַפט, דער מעטאָד, וואָס איז דאָרט צום ערשטן מאָל אויפגעטרעטן אויף אַזאַ אופן, וועלכער האָט אַנטשיידן פאַר די נאָכקומענדיקע צייטן; און דערדאָזיקער מעטאָדאָלאָגישער פאָרשריט באַגרעניצט זיך נישט אויף דער אָדער יענער וויסנשאַפט, אַפילו נישט אויף אַלעקסאַנדריע אַליין. עס איז פיל מער דער געמיינזאַמער סימן פון העלענישן פאָרשן נאָכן אָפּשלוס פון דער ספּעקולאַטיווער פילאָזאָפיע. די גראַמאַטיק, באַגרינדעט אין אירע ערשטע עלעמענטן דורך די סאָפיסטן, האָט אין דערדאָזיקער תקופה געפונען אַן אַריסטאַרך פון סאַמאָטראַקע, דער פּראָטאָטיפּ פון די קריטיקער, אַ מענטש, פון וועמען די פילאָלאָגיע פון אונזער צייט האָט נאָך געהאַט וואָס צו לערנען.

אין דער געשיכטע האָט פּאָליביוס אָנגעהויבן צו ברענגען אין אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג סיבות און ווירקונגען. דער גרויסער סקאַליגער האָט אין דער נייער צייט געזוכט באַריִרונגספּונקטן אין מאַנעטאָס׳ס כראָנאָלאָגישע פאָרשונגען.

אויקליד האָט געשאַפן דעם מעטאָד פון דער געאָ-

מעטריע און געגעבן די עלעמענטן, וואָס זענען נאָך אין אונזערע צייטן דער יסוד פון דערדאָזיקער וויסנשאַפט.

אַרכימעדעס האָט אין דער טעאָריע וועגן העבעל געפונען דעם פונדאַמענט פון דער גאַנצער סטאַטיק: פון זיינע צייטן אָן ביז גאַליליייס האָבן די מעכאַנישע וויסנשאַפטן שוין מער נישט געמאַכט קיין שום פאָרשריט.

גאַנץ באַזונדער האָט צווישן די וויסנשאַפטן פון דערדאָזיקער עפּאָכע געגלענצט די אַסטראָנאָמיע, וואָס האָט זיך געהאַט אָפּגערוט זינט טאַלעס׳ס און אַנאַקסימאַנדערס צייטן. הוועוועל רעדט מיט רעכט וועגן דער „אינדוקטיווער עפּאָכע היפּפּאַרכס,״ ווייל פאַקטיש איז עס געווען דער אינדוקטיווער מעטאָד מיט זיין גאַנצער גרינטלעכקייט און געניאַליטעט, וואָס איז צום ערשטן מאָל באַנוצט געוואָרן פון היפּאַרכן. די באַווייזקראַפט פונם אינדוקטיוון מעטאָד שטיצט זיך אָבער אויף דער השערה טאַקע פון יענער געזעצמעסיקייט און נויטווענדיקייט פון וועלטגאַנג, וואָס דעמאָקריט האָט דער ערשטער אַנטשיידנדיק געברענגט צום באַוווסטזיין. דערמיט דערקלערט זיך אויך יענע טיפע השפּעה פון דער אַסטראָנאָמיע אין די צייטן פון קאָפּערניק און קעפּלער, די אמתע צוריקשטעלער פון יענעם מעטאָד, וועלכן בעקאָן האָט פאָרמולירט.

די נויטווענדיקע דערגענצונג פונם אינדוקטיוון מעטאָד, דער צווייטער גרונטשטיין פון אונזער היינטיקער וויסנשאַפט, איז, ווי באַקאַנט, דער עקספּערימענט. אויך ער איז געבוירן געוואָרן אין אַלעקסאַנדריע, און טאַקע אין די מעדיצינישע שולן.

דורך העראָפילוס און עראַזיסטראַטוס איז די אַנאַטאָמיע געוואָרן צום יסוד פון מעדיצינישן וויסן און אַפילו דאָס פאַלמעסן איז, ווייזט אויס, געווען אין געברויך. ס׳איז אַנטשטאַנען אַן איינפלוסרייכע שול, וועלכע האָט געמאַכט פאַר איר פּרינציפּ די עמפּיריע אין בעסטן זין פון וואָרט, און גרויסע פאָרשריטן האָבן באַלוינט דאָסדאָזיקע שטרעבן. נעמען

מיר צונויף אַלע דידאָזיקע גלענצענדיקע דערשיינונגען, מוז אונז די אַלעקסאַנדרינישע שטודיע אָנפילן מיט הויכער אַכטונג. נישט דער מאַנגל אין אינערלעכע לעבנספעיקייט, נאָר דער גאַנג פון דער וועלטגעשיכטע, האָט פאָרלויפיק געשטעלט אַ ציל דעמדאָזיקן שטרעבן, און מ׳קאָן זאָגן, אַז די צוריקשטעלונג פון דער וויסנשאַפט איז קודם-כל געווען די צוריקשטעלונג פון די אַלעקסאַנדרינישע פרינציפן.

מ׳דאַרף נישט גרינגשעצן די רעזולטאַטן פון דער פאָזיטיווער פאָרשונג אין אַלטערטום; אָפגערעדט פון גראַמאַטיק און לאָגיק, פון געשיכטע און פילאָלאָגיע, וועמעס גרויסע און בלייבנדיקע אויפטועכצן קיינער וועט נישט באַשטרייטן; נאָכמער ווען מיר ווילן דערווייזן, אַז גראָד פאַר יענע וויסנשאַפטן, אין וועלכע די נייערע יאָרהונדערטער האָבן דערגרייכט אַזאַ אומגעוויינלעכע אַנטוויקלונג, האָבן אַ הויכע באַדייטונג די יסודותדיקע דערגרייכונגען פון דער גריכישער פאָרשונג.

ווער עס באַטראַכט די האָמערישע וועלט מיט אירע אומאויפהערלעכע וואונדער, מיט איר ענגן קרייז פון דער ערד און מיט אירע נאַאיווע פאָרשטעלונגען וועגן הימל און די שטערן, דער וועט מוזן צוגעבן, אַז דאָס פעיקע פאָלק פון די גריכן האָט אין זיין אָנשויונג געדאַרפט אָנהויבן פון סאַמע בראשית. פון דער קלוגשאַפט פון די אינדיער און עגיפטער האָבן זיי באַקומען נאָר פראַגמענטן, וועלכע וואָלטן אָן אייגענער מי קיינמאָל נישט געקאָנט דערגרייכן צו אַזאַ באַדייטנדיקער אַנטוויקלונג. די אומפאָלקאָמע צייכנונג פון די עטלעכע לענדער אַרום דעם מיטללענדישן ים, לויט וועלכער שוין פלאַטאָן האָט אָנערקענט, אַז זיי שטעלן מסתם מיט זיך פאָר נאָר אַ זייער קליינעם טייל פונם ערדגאַנצן, די לעגענדעס וועגן די היפערבאָרעער און די פעלקער, וועלכע וווינען אין ווייטסטן מערב אויף יענער-זייט פונם זונאונטערגאַנג, די מעשיות פון סציללא אין כאריבדיס, דאָס אַלץ זענען שטריכן, וואָס לאָזן אונז אָנערקענען, אַז דאָ

שיידן זיך קוים אונטער די באַגריפן דערקענטניש און ריכטונג. דער אָרענע אַנטשפּרעכן די געשעענישן.

יעדע נאַטורגעשעעניש דערשיינט איינגעהילט אין געטער-פּראַכט, דידאַקטיק וועזנס, פון וועלכע דער שיינהייטסחוש פון פאָלק האָט געשאַפן אַזעלכע הערלעכע טיפּן פון מענטשלעכער קראַפט און חן; זיי זענען אומעטום און אינערגעץ נישט, און זיי שליסן אויס יעדן געדאַנק וועגן אַ פעסטן צוזאַמענהאַנג פון סיבה און ווירקונג. די געטער זענען נישט פּרינציפּיעל אַל-מעכטיק, נישט עס איז פאַראַן אַ פעסטע גרעניץ פאַר זייער מאַכט. אַלץ איז מעגלעך און מ'קאָן גאָרנישט אויסרעכענען אויף זיכער. דער אַפּאַגאָגישער אַרגומענט פון די גריכישע מאַטער-יאַליסטן, „דאַן וואָלט פון אַלץ געקאָנט ווערן אַלץ", האָט נישט קיין מאַכט אין דערדאָזיקער וועלט, עס ווערט באמת אַלץ פון אַלץ, און היות ווי קיין בלאָט קאָן נישט ציטערן, קיין נעבל זיך נישט אויפהייבן, קיין ליכט-שטראַל נישט פינקלען — אָפּגערעדט פון בליץ און דונער — ווי באַלד עס זאָל הינטער דעם נישט שטיין אַ גאָטהייט, איז באַשיינפּערלעך אפילו נישטאָ קיין התחלה פאַר אַ וויסנשאַפט.

ביי די רוימער — אָפּגעזען דערפון, וואָס זיי האָבן באַ-קומען זייערע וויסנשאַפטלעכע אָנרעגונגען ערשט פון די גריכן — איז געווען נאָך ערגער. נאָר דאָס, וואָס זיי האָבן זיך צוגעקוקט צום פליען פון פויגל און באַזונדערס דאָס באַאָב-אַכטן דאָס וועטער, געפּלעגט מיט אַ באַזונדערער זאָרגעוודיקייט פון די עטרוסקער, האָבן זיי באַקענט מיט אַ ריי פּאָזיטיווע פאַקטן פונם געביט פון די נאַטור פּראָצעסן. אַזוי אַרום האָט די אַנ-פאַנגערישע גריכיש-רוימישע קולטור קוים געפונען די אומגע-בויגנדיקע התחלות פון אַסטראָנאָמיע און מעטעאָראָלאָגיע, קיין שפּור פון פיזיק און פיזיאָלאָגיע, קיין אָנוונג פון כעמיע. דאָס, וואָס ס'איז געשעען, איז געווען אַלטעגלעך, צופעליק אָדער וווּנ-דערבאַר, אָבער נישט קיין קעגנשטאַנד פון וויסנשאַפטלעכן דער-קענען. מיט איין וואָרט, ס'האָט געפעלט די ערשטע התחלה פון דער נאַטורוויסנשאַפט: די היפּאָטעזע.

ביים ענדפונקט פונם קורצן און גלענצנדיקן וועג, וועלכן עס האָט אַדורכגעמאַכט די אַלטע קולטור, געפינען מיר אַלץ איבערגעאַנדערשט. דער גרונטכלל פון דער צוועקמעסיקייט און דערקענבאַרקייט פון די נאַטורפּראָצעסן שטייט אויסער יעדן ספק; דאָס שטרעבן צו דער־דאָזיקער דערקענטניש האָט געפונען זיינע איינגעאָרדנטע וועגן. די פּאָזיטיווע נאַטורוויסנשאַפט, געקערעוועט אויף דער גענויער דערפאָרשונג פונם איינצעלנעם און קלאָרער צוזאַמענשטעלונג פון די רעזולטאַטן פון דערדאָזיקער פאָרשונג, האָט זיך שוין געהאַט פולשטענדיק אָפּגעטיילט פון דער ספּעקולאַטיווער נאַטורפילאָזאָפיע, וועלכע האָט געזוכט אַרויפצושטייגן איבער די גרעניצן פון דערפאַרונג צו די לעצטע סיבות פון די זאַכן. די נאַטורפאָרשונג האָט געוואונען אַ באַשטימטן מעטאָד. אויפן אָרט פון דער צופעליקער באַאָבאַכטונג איז אויפגעטרעטן די ווילקירלעכע; אינסטרומענטן האָבן געדינט צו פאַרשאַרפן די באַאָבאַכטונג און אויפצוהיטן די רעזולטאַטן: מ׳האָט עקספּערימענטירט.

די עקזאַקטע וויסנשאַפטן האָבן אין דער גלענצנדיקער באַרייכערונג און פאַרפולקאָמונג פון דער מאַטעמאַטיק געוואונען יענץ ווערקצייג, וואָס האָט בהדרגה צוגעפירט די גריכן, אַראַבער און די גערמאַניש־ראָמאַנישע פעלקער פון דער נייער צייט צו די גרויסאַרטיקסטע פּראַקטישע און טעאָרעטישע דערגרייכונגען. פּלאַטאָן און פּיטאַגאָראַס האָבן איינגעפלאַנצט אין זייערע תלמידים דעם חוש פאַר מאַטעמאַטיק. אויקלידס ביכער זענען מער ווי צוויי טויזנט יאָר אין ניוטאָנס פאָטערלאַנד געווען דער ערשטער יסוד פון מאַטעמאַטישן אונטערריכט, און דער אוראַלטער סינטעטישער מעטאָד האָט אין די „מאַטעמאַטישע פּרינציפּן פון דער נאַטורפילאָזאָפיע" געפייערט זיין לעצטן און גרעסטן טריומף.

די אַסטראָנאָמיע האָט מיט אירע סובטעלע און פאַרפלאָנטערטע היפּאָטעזעס וועגן דער באַוועגונג פון די הימלקערפּער פיל מער אויפגעטון, ווי יענע אוראַלטע באַאָבאַכטער פון די שטערן, די פעלקער פון אינדיע, בבל און עגיפּטן זע־

נען אימשטאַנד געווען צו דערגרייכן: אַ זייער גענױע צוזאַמ־
לעבע אױסרעכנונג פון די פּלאַנעטן, פון די שטערן, פון דער
זון און דער לבנה, גענױע פּאַרצייכנונג און גרופּירונג פון די
פעסטע שטערן, איז נאָך נישט די גרענעץ פונם אױפגעטוענעם.
אַפילו דער גרונטגעדאַנק פון קאָפּערניקאַנישן סיסטעם, דאָס
אַריינשטעלן די זון אינם צענטער פונם וועלטאַל, געפינט זיך
ביי אַ ר י ס ט אַ ר כ ן פ ו ן ס אַ מ אָ ס, וועמעס מיינונג קאָפּערניק
האָט זייער וואַרשיינלעך געקענט.

באַטראַכט מען פּטאָלאָמייס טאָוול פון דער ערד,
געפינט מען, וואָס אַן אמת, דאָס לעגענדאַרישע דרום־לאַנד,
וואָס פאַרבינדט אַפריקע מיט מזרח־אינדיע און וואָס מאַכט פון
אינדישן אָקעאַן אַ צווייטן און גרעסערן מיטללענדישן ים;
אָבער פּטאָלאָמיי האָט דאָסדאָזיקע לאַנד פאַרצייכנט נאָר אַלס
היפּאָטעזע; און ווי קלאָר זעט עס אויס בנוגע אייראָפּע און די
נענטערע טיילן פון אַזיע און אַפריקע! שוין אַ לאַנגע צייט איז
געווען אַלגעמיין אָנגענומען די קוילאַרטיקע געשטאַלט פון דער
ערד. אַ מעטאָדישע באַשטימונג פון די ערטער דורכן גראַד פון
לענג און ברייט האָט געבילדעט אַ פעסטער שטיץ־פונקט פאַר
דער דערהאַלטונג פון דעם דערגרייכטן און איינאָרדנונג פון
אַלע נייע אַנטדעקונגען. אַפילו דער פאַרנעם פון דער גאַנצער
ערד ווערט שוין אָפּגעשאַצט לויט אַ גייסטרייכער שטערנבאַאָב־
אַכטונג. אויב ס'איז דערביי אַריינגעפאַלן אַ טעות, איז עס
טאַקע געווען דערזעלבער טעות, וועלכער האָט געפירט צו דער
אַנטדעקונג פון אַמעריקע, בעת קאָלומבוס, שטיצנדיק זיך אויף
פּטאָלאָמייען, האָט געזוכט דעם מערבדיקן ים־וועג צו מזרח־
אינדיע.

שוין לאַנג פאַר פּטאָלאָמיי האָבן די פאָרשונגען פון אַריס־
טאָטעלעס און זיינע פאַרגייער צוגעגרייט אַ גרויסן סכום פון קענט־
נישן איבער די ח י ו ת־ און פּ ל אַ נ צ ן ־ וו ע ל ט פון נענטערע
און ווייטערע לענדער. גענויע באַשרייבונג, אַנאַטאָמישע אויס־
פאָרשונג פון אינערלעכן בוי פון די אָרגאַנישע קערפּער איז
געווען די פאָרשטופע צו אַן אַרומנעמענדיקער באַטראַכטונג פון

די פאַרמען, וועלכע זענען פון די נידעריקסטע ביז די העכסטע אויפגעפאַסט געוואָרן אַלס אַן אומאויפהערלעכע טעטיקייט פון געשטאַלטנדיקע כוחות, וואָס ביים מענטשן שטעלן זיי זיך לסוף פאַר אַלס די פולקאָמסטע שאַפונג פון דער ערד. הגם דאָ זע־נען אַריינגעפאַלן אַ סך טעותים, האָט אָבער די באַזע, כל־זמן דער גייסט האָט ווייטער געפאָרשט, געהאַט אַן אומענדלעכן ווערט. אַלעקסאַנדערס דעראָבערונגסמאַרשן אין מזרח האָבן אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער באַרייכערונג פון די וויסנשאַפטן און באַפרייט און פאַרברייטערט דעם האָריזאָנט דורך פאַרגלייכונ־גען. אַלעקסאַנדריאַס פלייס האָט פאַרמערט און איבערגעקליבן דעם מאַטעריאַל. און בעת דער עלטערער פליניוס האָט שפּעטער אין זיין אַלצאַרומנעמענדיקן ווערק זיך באַמיט פאַר־צושטעלן דאָס אַלגעמיינע בילד פון דער נאַטור און קולטור, האָט ער שוין געקאָנט טיפער אַריינטראַכטן זיך אינם צוזאַ־מענהאַנג פונם מענטשלעכן לעבן מיט דעם וועלטגאַנצן. פאַר דעמ־דאָזיקן אומרויקן גייסט, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין גרויס ווערק מיט אַ ווידמונג דער אַלמוטער־נאַטור און פאַרענדיקט זיין לעבן בעתן באַאָבאַכטן אַ ווולקאַן, איז דער איינפלוס פון דער נאַטור אויפן גייסטיקן לעבן געווען אַ פרוכטבאַרער שטאַנדפונקט פון באַטראַכטונג און אַ באַגייסטערטער סטימול פון דער פאָרשונג.

אין דער פיזיק האָט די וויסנשאַפט פון די אַלטע פעלקער אַרומגענומען אַן אויף עקספּערימענטן באַגרינדעטע קענטשאַפט פון די יסודות פון דער אַקוסטיק, דער אָפּטיק, דער סטאַטיק, דער לערע פון די גאַזן און דאַמפן. פון די אונ־טערזוכונגען פון די פיטאַגאָרייער וועגן דער הויך און טיף פון די קלאַנגען, באַדינגט דורך די מאַסנפאַרהעלטנישן פון די קלינגענ־דיקע קערפּער, ביז צו די עקספּערימענטן פון פּטאָלאָמיי איבער דעם ברעכן זיך פון ליכט, האָט דער גייסט פון העלענישער פאָרשונג אַדורכגעמאַכט אַ ווייטן וועג פון דערפאָלגרייכן שאַפן. די גוואַל־טיקע בנינים, קריגסמאַשינעס און ערד אַרבעטן פון די רוי־מער האָבן זיך געשטיצט אויף אַ וויסנשאַפטלעכער טעאָריע

און זענען דורך איר געניטער אָנווענדונג אויסגעפּירט געוואָרן ווי מעגלעך שנעל און לייכט, בעת די פּילפּאַך נאָך קאָלאָסאַלערע אויפטואונגען פון די מזרח-פעלקער זענען צושטאַנדגעקומען מער דורך פאַרשווענדערישער פאַרווענדונג פון צייט און מענטשלעכע כוחות אונטערן דרוק פון די דעספּאָטישע דינאַסטיעס.

די *וויסנשאַפטלעכע מעדיצין*, וואָס האָט געפונען איר העכסטן קולמינאַציע-פונקט ביי *גאַלענוס* פון פּערגאַמוס, האָט שוין אויפגעקלערט דאָס קערפּערלעכע לעבן אין זיין שווערסטן עלעמענט, אין דער נערוונטעטיקייט. דער מוח, וואָס איז פריער באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ טויטע מאַסע, און וועמעס נוצן מ'האָט נאָך ווייניקער איינגעזען, איידער די מאָדערנע געלערנטע דעם נוצן פון דער מילץ, איז דערהויבן געוואָרן אַלס זיצאָרט פון דער נשמה און פון די פונקציעס פון דער עמפּינדונג. אין פאַריקן יאָרהונדערט האָט *זעמערינג* געפונען די לערע וועגן מוח אויפן זעלבן פונקט, ווי גאַלענוס האָט זי איבערגעלאָזט. מ'האָט שוין אין אַלטערטום אויך געוווסט די באַדייטונג פון רוקן-מאַרך, טויזנטער יאָרן פאַר *טש. בעלל* האָט מען געקענט אונטערשיידן צווישן עמפּינדונגס- און באַוועגונגס-נערוון, און גאַלענוס האָט צו דער שטוינונג פון זיינע צייט-חברים געהיילט געליימטע פינגער דורך ווירקן אויף די יעניקע טיילן פון רוקן-מאַרך, פון וועלכן די באַטרעפנדע נערוון שטאַמען אָפּ. ס'איז קיין חידוש נישט, וואָס גאַלענוס האָט באַטראַכט די *פאָרשטעלונגען* אַלס רעזולטאַטן פון די צושטאַנדן פונם קערפּער.

אויב מיר זעען ווי פון אַלע זייטן זאַמלען זיך דערקענטנישן, וואָס האָבן טיף אַריינגעדרונגען אינם מהות פון דער נאַטור און משער געווען דאָס אָננעמען אין פּרינציפּ די געזעצמעסיקייט פון יעטווידן געשעענעס, מוזן מיר זיך באַלד פרעגן: *וואָס פאַראַ אָנטייל האָט דער מאַטעריאַליזם פון אַלטערטום אין דער דערגרייכונג פון די דאָזיקע קענטענישן און אָנשויונגען?*

אָבער דאָ באַקומט זיך, וואָס אַן אמת, אויפן ערשטן בליק אַ העכסט כאַראַקטעריסטישער רעזולטאַט. נעמלעך, נישט נאָר געהערט נישט קיינער פון די גרויסע דערפינדער און אַנטדע־קער, מיטן איינציקן אויסנאַם פון דעמאָקריט, צו דער מאַטער־יאַליסטישער שול, נאָר גראָד צווישן די בכבודיקע נעמען גע־פינען מיר אַ גרויסע ריי געלערנטע, וואָס געהערן צו איינער פון די מעגלעכסט קעגנזעצלעכע ריכטונגען: אידעאַליסטישער, פאָרמאַליסטישער אָדער גאָר ענטוזיאַסטישער.

קודם־כל דאַרפן מיר דאָ אַ קוק טון אויף דער מאַטע־מאַטיק. פלאַטאָן, דער פאָטער פון טרוימעריי, וועלכע איז אין פאַרלויף פון דער געשיכטע דאָ אַרויסגעטרעטן שיין און טיפזיניק, דאָ פאַנאַטיש און צעטומלענדיק, איז אָבער צוגלייך דער גייסטיקער פאָטער פון אַ ריי פאָרשער, וועלכע האָבן דער־פירט די קלאָרסטע און קאָנסעקווענטסטע פון אַלע וויסנשאַפטן, די מאַטעמאַטיק, צום העכסטן קולמינאַציע־פונקט, צו וועלכן זי האָט דערגרייכט אין אַלטערטום. די אַלעקסאַנדרינישע מאַטע־מאַטיקער האָבן זיך כמעט אַלע געהאַלטן אָן פלאַטאָנס שול, און אַפילו בעת ס'האָט זיך אָנגעהויבן די דעגענעראַציע פון דעם ניי־פלאַטאָניזם און אין דער פילאָזאָפיע האָבן זיך אַריינ־געריסן די מוטנע ברויזונגען פון דעם גרויסן רעליגיעזן ווענד־פונקט, האָט דידאַזיקע שול נאָך אַרויסגעגעבן גרויסע מאַטע־מאַטיקער. טעאָן און זיין איידלע טאָכטער היפּאַטיע, וועלכע איז פון קריסטלעכן המון פאַרפייניקט געוואָרן צום טויט, כאַ־ראַקטעריזירן דידאָזיקע שטופע. אַן ענלעכע ריכטונג איז אַרויס־געגאַנגען פון פּיטאַגאָראַסן, וועמעס שול אין אַרכיטאַס האָט אַרויסגעגעבן אַן ערשטראַנגיקן מאַטעמאַטיקער. לעבן אים דאַרף מען שוין נישט דערמאָנען דעם עפּיקורייער פּאָליענוס. אויך אַריסטאַרך פון סאַמאָס, קאָפּערניקס פאָרלויפער, האָט זיך געשטיצט אויף די אַלטפּיטאַגאָרייאישע מסורות; דער גרויסער היפּפּאַרך, דער אַנטדעקער פון דער טאָג־ און נאַכט־גלייכונג, האָט געגלויבט אינם געטלעכן אורשפּרונג פון דער מענטשלע־כער נשמה; ערעטאָסטענעס האָט זיך געהאַלטן אָן דער מיטע־

לער אָקאַדעמיע, וועלכע האָט אויסגעמישט דעם פּלאַטאָניזם מיט סקעפּטישע עלעמענטן. פּליניוס, פּטאָלאָמיי, גאַלענוס האָבן, נישט האַלטנדיק זיך אָן אַ שטרענגן סיסטעם, נוטה געווען צו פּאַנטעאיסטישע גרונט כּללים און מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק וואָלט מען זיי אפשר צוזאַמענגעטריבן אונטערן בשותּפותדיקן נאָמען פון אַטעאיסטן און נאַטוראַליסטן מיט די אייגנטלעכע אָנהענגער פונעם מאַטעריאַליזם. אָבער פּליניוס באַקענט זיך נישט צו קיין שום פילאָזאָפישן סיסטעם, הגם ער שטייט אין אָפענער אָפּאָזיציע צום פאָלקס־גלויבן און אין זיינע אָנשויונגען איז ער געניגט צום סטאָאיציזם. פּטאָלאָמיי איז פאַרטון אין דער אַסטראָלאָגיע און אין דעם אַלגעמיינעם גרונטיסוד פון זיין וועלטאַנשויונג גייט ער יעדנפאַלס מער נאָך אַריסטאָטעלעסן, איידער נאָך עפּיקורן. גאַלענוס, וועלכער איז פון די אַלע געוועזן מער פילאָזאָף, איז אַן עקלעקטיקער, וואָס קען די פאַרשידנסטע שיטות; אָבער ער איז אַמווייניקסטן געניגט צו דער עפּיקורייאישער. נאָר אין דער דערקענטנישלערע האָט ער אָנגענומען די אוממיטלבאַרע זיכערקייט פון די חושים־פּערצעפּציעס, אָבער ער האָט זיי דערגענצט דורך דער הנחה פון אוממיטלבאַרע פאַרשטאַנדס־אמתן, וואָס זענען מקדים יעדער דערפאַרונג 60).

ס'איז אָבער לייכט צו זען, אַז דערדאָזיקער שוואַכער אָנטייל פונעם מאַטעריאַליזם אין די דערגרייכונגען פון דער פּאָזיטיווער פאָרשונג איז נישט צופעליק, אַז מ'דאַרף דאָס נישט צושרייבן דעם רויקן און פאַרטראַכטן כאַראַקטער פונעם עפּיקורייאיזם, נאָר פאַקטיש שטייט גראָד דער *אידייאישער מאָמענט* ביי די דעראָבערער פון דער וויסנשאַפט אין ענגסטן צוזאַמענהאַנג מיט זייערע אַנטדעקונגען און דערפינדונגען.

דאָ דאַרפן מיר נישט אויסמיידן צו פאַרטיפן זיך אין דער גרויסער וואָרהייט, אַז דאָס אָביעקטיוו ריכטיקע און פאַרשטאַנדסמעסיקע איז נישט שטענדיק דאָס, וואָס שטויסט דעם מענטש אַממייסטן פאָרויס; נאָכמער, אַפילו נישט דאָס, וואָס פירט אים צום גרעסטן סכום פון אָביעקטיוו ריכטיקער דער־

קענטניש. פונקט ווי דער זיך גליטשינדיקער קערפּער אויף אַ קרומער ליניע קומט שנעלער צום ציל, ווי אויף דער גליי־כער פלאַך, אַזוי ברענגט אויך די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון מענטש מיט זיך, — וואָס אין טייל פאַלן פירט דער אומוועג דורכן שווונג פון דער פאַנטאַזיע שנעלער צום באַנעמען די נאַקעטע וואָרהייט, איידער די ניכטערע באַמיונג צו צערייסן די נאָענטסטע און פאַרשידנפאַרביקסטע הילעס.

ס׳ליגט נישט אונטער קיין שום ספק, אַז די אַטאָמיסטיק פון די אַלטע פעלקער, ווייט פון צו באַזיצן אַבסאָלוטע וואָר־הייט, איז דאָך נענטער צום מהות פון די זאַכן, אויף וויפיל מיר קאָנען דאָס באַנעמען וויסנשאַפטלעך, ווי די צאָלן-טעאָריע פון די פיטאַגאָרייער און פּלאַטאָנס איידייענלערע; לכל הפחות איז זי אַ פּיל דירעקטערער און גלייכערער שריט צו דער דער־קענטניש פון די געגעבענע נאַטורדערשיינונגען, איידער יענע טיפזיניקע, וואַקלענדיקע, אַרויסגעשפּינטע פילאָזאָפירונגען פונם ספּעקולאַטיוון דיכטן פון דער אינדיווידועלער נשמה. אָבער פּלאַטאָנס אידייענלערע לאָזט זיך נישט אָפּטיילן פון דער גרעניצ־לאָזער ליבע פון דאָזיקן מענטש צו די ריינע פאָרמען, אין וועלכע, — נאָכן אָװעקוואַרפן אַלץ, וואָס איז דויערלעך און אומ־פולקאָם, — עס ווייזט זיך פאַר אונז די מאַטעמאַטישע אידיי פון כלערליי געשטאַלטן. נישט אַנדערש זעט עס אויס מיט דער לערע וועגן די צאָלן פון די פּיטאַגאָרייער. די אינערלעכע ליבע צו יעטוועדער האַרמאָנישקייט, די נטיה פונם גייסט צו פאַרטיפן זיך אין די ריינע צאָלנפאַרהעלטנישן פון דער מוזיק און מאַטעמאַטיק, האָט אין דער אינדיווידועלער נשמה געבוירן דעם דערפינדערישן געדאַנק. אַזוי האָט זיך געצויגן פון דער ערשטער אויפשריפט אָן „זאָל דאָ נישט אַריינטרעטן דער, וואָס איז נישט קיין געאָמעטער”60) ביז צום אָפּשלוס פון דער אַלטער קולטור, דער בשותּפותדיקער גרונט-געדאַנק דורך דער געשיכטע פון דערפינדונגען און אַנטדעקונגען, אַז גראָד די ריכטונג פונם גייסט צום איבערזינלעכן האָט צוגעהאָלפן

אויפצודעקן די געזעצן פון דער זינלעכער דערשיינונגסוועלט אויפן וועג פון דער אַבסטראַקציע.

וואָס בלייבט בכן מיט די פאַרדינסטן פונם מאַטעריאַליזם? אָדער צי דאַרף מען גראָד דער פאַנטאַסטישער ספּעקולאַציע אָנערקענען, — לעבן אַנדערע פאַרדינסטן פאַר דער קונסט, פּאָעזיע, גייסטיקן לעבן — אַ פּריווילעגיע בנוגע די עקזאַקטע וויסנשאַפטן? נאַטירלעך, אַז נישט. די זאַך האָט איר צווייטע זייט, וועלכע מ׳געפינט, אויב מ׳באַטראַכט די א ו מ ד י ר ע ק ט ע ווירקונג פונם מאַטעריאַליזם און זיין פאַרהעלטניש צום וויסנשאַפטלעכן מ ע ט אָ ד.

אויב מיר שרייבן־צו פאַרן סוביעקטיוון דראַנג, פאַר דער אינדיווידועל געשטאַלטיקער אַנוגג פון געוויסע ענדסיבות אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער ריכטונג און קראַפט פון דער באַוועגונג צו וואָרה־יט, דאַרפן מיר נישט אַפילו אויף אַ רגע אַרויסלאָזן פון אויג, אַז גראָד יענער פאַנטאַסטישער ווילקיר פון מיטאָלאָגישן שטאַנדפּונקט האָט אַזוי לאַנג און מעכטיק געשטערט דעם פאָרשריט פון דער דערקענטניש און שטערט נאָך עד־היום אין די ברייטסטע קרייזן. קוים הייבט דער מענטש אָן אויף אַ ניכטערן אופן קלאָר און באַשטימט צו באַטראַכטן די איינצעלנע פּראָצעסן, קוים פאַרבינדט ער די רעזולטאַטן פון דערדאָזיקער באַטראַכטונג מיט אַ באַשטימטער הגם טעותדיקער, אָבער דאָך פעסטער און איינפאַכער טעאָריע, דאַן איז געזיכערט דער ווייטערער פאָרשריט. דעמדאָזיקן פּראָצעס קאָן מען לייכט אָפּטיילן פונם פּראָצעס פון אויסטראַכטן און אויסדיכטן געוויסע ענדסיבות. וויבאַלד דאָס לעצטע, ווי מיר האָבן נאָר וואָס אויפגעוויזן, האָט אין גינסטיקע אומשטענדן אַ הויכן ס ו ב י ע ק ט י וו באַגרינדעטן ווערט פאַר דעם בשותּפותדיקן קשר פון די גייסטיקע כּוחות, דאַן איז די התחלה פון יענער קלאָר־מעטאָדישער באַטראַכטונג פון די זאַכן אין אַ געוויסער מאָס ערשט דער אמתער אָנהייב פונם פאַרקער מיט די זאַכן גופא. דער ווערט פון דערדאָזיקער ריכטונג איז פון אָ ב י ע ק ט י וו ע ר נאַטור. די

זאַכן פאָדערן אַ פנים אַזאַ פאַרקער מיט זיי, און ערשט אויף אַ רעגלמעסיקער פראַגע גיט די נאַטור אַן ענטפער.

דאָ דאַרפן מיר אָבער אָנווייזן אויף יענעם אויסגאַנג־פונקט פון דער גריכישער וויסנשאַפטלעכקייט, וועלכן מ׳דאַרף זוכן אין דעמאָקריטן און אין דער אויפקלערנדיקער ווירקונג פון זיין סיסטעם. די דאָזיקע אויפקלערנדיקע ווירקונג איז צו־נוץ געקומען דער גאַנצער נאַציע; זי האָט זיך אויסגעדריקט אין דער איינפאַכסטער און ניכטערסטער באַטראַכטונג פון די זאַכן, וואָס וואַרפן זיך אָן אונזער דענקען: אינם צעלייגן דעם בונטן און פאַרענדערלעכן וועלטאַל אויף אומפאַרענדערלעכע אָבער באַוועגלעכע טיילן. אויב דער דאָזיקער פרינציפ האָט, איבעריקנס אין ענגסטער שייכות מיטן עפיקורייאישן מאַטעריאַליזם, ערשט אין די לעצטע יאָרהונדערטער געוווּנען זיין פולן באַטייט, האָט ער אָבער אַלס דער ערשטער ביישפיל פון אַ פולקאָם אָנשוילעכן פאָרשטעלונגסאופן פון כּלערליי פאַרענדערונגען שטאַרק משפיע געווען אויפן אַלטערטום. האָט דאָך אַפילו פלאַטאָן גופא צעלייגט זיין „נישט זייענדיקס״, אָבער צוגלייך פאַר דער קאָנסטרוקציע פון דער וועלטשאַפונג נייטיקע מאַטעריע, אויף באַוועגלעכע עלעמענטאַרע קערפערלעך, און אַריסטאָטעלעס, — וועלכער האָט זיך מיט אַלע כּוחות אַנטקעגנגעשטעלט דער הנחה פון אַ ליידיקן רוים, און וועלכער האָט זיך געהאַלטן אָן די קאָנטינואיטעט פון דער מאַטעריע אַלס דאָגמע, — באַמיט זיך, אויף וויפיל ס׳איז מעגלעך פון דאָזיקן שווערן שטאַנדפונקט, צו קאָנקורירן מיט דעמאָקריטן אין דער אָנשוילעכקייט פון דער לערע וועגן דער פאַרענדערונג און באַוועגונג.

ווי ס׳זאָל נישט זיין, שטייט אונזער היינטיקע אַטאָמיסטיק, זינט דער אויסבילדונג פון דער כעמיע, וויבראַציע־טעאָריע און דער מאַטעמאַטישער באַהאַנדלונג פון די אין קלענסטן טיילעכל ווירקנדיקע סיבות, אין אַ דירעקטן צוזאַמענהאַנג מיט

די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן; אָבער די שייכות פון כּלערליי אַזוי־רעטענישפולע נאַטורפּראָצעסן, דאָס ווערן און פאַרגיין, דאָס לפנימדיקע פאַרשווונדן און דאָס אומדערקלערלעכע אויפטויכן פון שטאָפן אויף איין און איינציקן פּרינציפּ און איין, מ'וואָלט געקאָנט זאָגן, אָנטאַפּבאַרער גרונטאָנשויונג, איז פאַר דער נאַטור און וויסנשאַפט אין אַלטערטום געווען דאָס איי פון קאָלומבוסן. די געטער אין דעמאָנגעשפּענסטער זענען באַזייטיקט געוואָרן מיט איין און איינציקן גרויסאַרטיקן קלאַפּ, און וואָס ס'זאָלן נישט האָבן געקלערט די טיפזיניקע נאַטורן וועגן זאַכן, וועלכע ליגן הינטער דער דערשיינונגסוועלט, איז אָבער די דערשיינונגסוועלט גופא אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר די אויגן אַ באַפרייטע פון נעפּל, און אויך די ערשטע תּלמידים פון פּלאַטאָן און פּיטאַגאָראַס האָבן עקספּעו'ימענטירט אָדער זיך פאַרטראַכט איבער די נאַטורפּראָצעסן, נישט פאַרבייטנדיק די אידייענוועלט און די מיסטישע ספירות מיטן אוממיטלבאַר געגעבענעם.

דערדאָזיקער פאַרבייט, אין וועלכן עטלעכע נייערע דייטשע נאַטורפילאָזאָפן האָבן אַרויסגעוויזן אַזויפיל קראַפט, איז אין קלאַסישן אַלטערטום אויפגעטרעטן ערשט מיט דער ירידה פון דער גאַנצער קולטור אין דער צייט פון די טרוימערישע נייפּלאַטאָניקער און נייפּיטאַגאָרייער. די געזונטע זיטלעכקייט פון דענקען, וואָס האָט זיך דערהאַלטן דורכן קעגנגעוויכט פון ניכטערן מאַטעריאַליזם, האָט אַ לאַנגע צייט דערוויטערט די גריכישע אידעאַליסטן פון אַזאַ פאַרפירערישן וועג. אין אַ געוויסער הינזיכט האָט דאָס גאַנצע גריכישע דענקען פון גריכישן אַלטערטום, פון אָנהויב אָן ביז צו דער פולשטענדיקער ירידה, אויפגעהיטן אין זיך אַ מאַטעריאַליסטישן עלעמענט. מ'האָט דערקלערט די דערשיינונגען פון דער זינלעכער וועלט קודם־כּל דערמיט, וואָס מ'האָט זיי אויפגענומען דורך די חושים, אָדער מ'האָט זיי לכל־הפּחות פאָרגעשטעלט אַלס אויפגענומענע.

ווי מ׳זאָל בכלל אורטיילן וועגן עפּיקורס סיסטעם אַלס גאַנצעס, איז יעדנפאַלס זיכער, אַז די אַנטיקע נאַטורפאָרשונג האָט געצויגן אַ נוצן ניט אַזויפיל פון דאָזיקן סיסטעם, נאָר פיל מער פון דער אַלגעמיינער מאַטעריאַליסטישער באַזע. די שולע פון די עפּיקורייער איז פון צווישן אַלע פילאָזאָפישע שולן פון אַלטערטום געבליבן די געשלאָסנסטע און אומפאַר־שטענדלעכסטע. אַזוי ווי ס׳איז זעלטן צו געפינען אַ ביישפּיל, אַז עפּיקורייער זאָלן שפּעטער האָבן איבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדערן סיסטעם — אַזוי געפינט מען אויך ביי די שפּעטסטע אָפּצווייגונגען פון דער דאָזיקער שול קוים אַ פּרווו ווייטער צו אַנטוויקלען אָדער אומגעשטאַלטן די שוין איין מאָל אָנגענומענע לערעס. דידאָזיקע סעקטאַנטישע געשלאָסנקייט זאָגט עדות אויף דער שטאַרקער איבערוואָג פון דער עטישער זייט פונם סיסטעם איבער דער פיזיקאַלישער.

בעת גאסענדי האָט אין 17־טן יאָרהונדערט אַרויסגע־ברענגט אויף דער ליכטיקער שיין עפּיקורס סיסטעם, און אנטקעגנ־געשטעלט דעם אַריסטאָטעלישן, האָט ער, וואָס אַן אמת, אויך געזוכט צו געבן אַ באַדייטונג עפּיקורס עטיק, אויף וויפל ס׳איז מעגלעך געווען אויפן קריסטלעכן באָדן; און ס׳איז שווער צו לייקענען, אַז זי האָט אַריינגעטראָגן אַ שטאַרקן פערמענט אין דער אַנטוויקלונג פון מאָדערנעם געדאַנק. דער וויכטיקסטער פאַקט אָבער איז באַשטאַנען אין דעם שנעלן באַפרייען זיך פון אַלטן דעמאָקריטישן גרונטגעדאַנק פון די קייטן פון סיסטעם. פילפאַכיק אומגעשטאַלטיקט דורך אַזעלכע מענטשן, ווי דעקאַרט, גיוטאָן און בויל, איז די לערע וועגן די עלעמענטאַרע קערפּער־לעך און דער אַנטשטייונג פון אַלע דערשיינונגען דורך זייער באַוועגונג געוואָרן די באַזע פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט. דאָס ווערק אָבער, דורך וועמעס פאַרמיטלונג עפּיקורס סיסטעם האָט געווינען אַ מעכטיקע השפּעה אויפן געדאַנק פון די מאָדערנע פעלקער שוין זינט דעם אָנהייב פונם רענעסאַנס פון די וויסנ־

שאַפט איז די דידאַקטישע פּאָעמע פונם רוימער לוקרעציוס קאַרוס, וועמען מיר וועלן צוליב זיין היסטאָרישער באַדייטונג ווידמען אַ באַזונדער קאַפּיטל, וואָס וועט אונז גלייכצייטיק דער־לויבן טיפער אַריינצוקוקן אין די וויכטיקסטע געביטן פון דער עפּיקורייאישער לערע.

V. די דידאַקטישע פּאָעמע פון טיטוס לוקרעציוס קארוס וועגן דער נאַטור

פון צווישן אַלע פעלקער פון אַלטערטום איז אפשר קיין שום פאָלק נישט געשטאַנען לויט זיין גייסט אַזוי ווייט פון די מאַטעריאַליסטישע אָנשויונגען, ווי די רוימער. זייער רעליגיע איז געווען טיף פאַרוואָרצלט אין אַבערגלויבנס, זייער גאַנץ מלוכה-לעבן איז געווען באַגרענעצט דורך אבערגלויבישע פאָרמולן. די טראַדיציאָנעלע זייטן האָט מען אויפגעהיטן מיט אַן עקשנותדיקער פאַרגליווערטקייט, קונסט און וויסנשאַפט האָבן געהאַט אַ קליינעם רייץ פאַר די רוימער, נאָך ווייניקער דאָס פאַרטיפן זיך אינם מהות פון דער נאַטור. אין זייער לעבן האָט אַלץ באַהערשט די פּראַקטישע ריכטונג. אָבער אויך זי איז נישט געווען קיין מאַטעריאַליסטישע, נאָר דורכויס אַ ספּירטואַליסטישע. הערשאַפט איז ביי זיי געשטאַנען העכער איבער רייכטום, רום — איבער ווילשטאַנד, ניצחון — איבער אַלעם. זייערע טוגנטן זענען נישט געווען די ליבע צו שלום, אונטערנעמונגסגייסט, גערעכטיקייט, נאָר מוט, אויסדויער, מעסיקייט. די פאַרברעכנס פון די רוימער זענען אורשפּרינגלעך געווען נישט לוקסוס און חשק צו געניסן, נאָר האַרטהערציקייט, גרויזאַמקייט און טריילאָזיקייט. דער אָרגאַניזירטאַלענט, אין פאַרבינדונג מיט יענעם קאַטעגאָרישן כאַראַקטער, האָט גרויס געמאַכט די נאַציע און זי האָט שטאַלצירט דערמיט.

זינט זייער ערשטע באַגעגעניש מיט די גריכן האָט אויך

הונדערטער יאָרן געדוירט דער ווידערווילן, וואָס שטאַמט פון דער פאַרשידנקייט פון דיביידע נאַציעס. גריכישע קונסט און ליטעראַטור זענען אַריינגעדרונגען קיין רוים בהדרגה ערשט נאָכן באַזיגן האַניבאַלן, אָבער גלייכצייטיק דערמיט אויך לוקסוס, אויסגעלאַסנקייט און די טרוימעריי און אומזיטלעכקייט פון די אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע פעלקער. די באַזיגטע פעלקער האָבן זיך געריסן צו דער נייער הויפּטשטאָט און דאָ צונעגרייט אַ מישמאַש פון אַלע עלעמענטן פון אַלטן לעבן, בעת די זיגער האָבן וואָס אַמאָל מער געפונען געשמאַק אין בילדונג און פיינערן לעבנסגענוס. גענערעלער און שטאַטהאַלטער האָבן צוזאַמען צערויבט די ווערק פון דער גריכישער קונסט, ס׳זענען אויפגעפּענט און ווידער פאַרמאַכט געוואָרן שולן פון גריכישע פילאָזאָפן; מ׳האָט מורא געהאַט פאַרן צעשטערערישן עלעמענט פון דער גריכישער בילדונג, אָבער מ׳האָט שוין לענגער נישט געקאָנט ביישטיין פאַר אירע רייצן. אַפילו דער אַלטער קאַטאָ האָט געלערנט גריכיש, און ערשט ווען מ׳איז באַקאַנט געוואָרן מיט דער שפּראַך און איר ליטעראַטור, האָט דאָס בהכרח מיטגעבראַכט די השפּעה פון דער פילאָזאָפיע.

אין די לעצטע צייטן פון דער רעפּובליק איז דערדאָזיקער פּראָצעס געווען אויף אַזוי ווייט פאַרפולקאָמט, אַז יעדער געבילדעטער רוימער האָט פאַרשטאַנען גריכיש, די יונגע פּריצים האָבן שטודירט אין גריכנלאַנד, און די בעסטע קעפּ האָבן געשטרעבט צו געשטאַלטיקן די היימישע ליטעראַטור לויטן גריכישן מוסטער.

דעמאָלט זענען צווישן אַלע שולן פון די גריכישע פילאָזאָפן געווען צוויי, וועלכע האָבן צו זיך באַזונדערס צוגעשמידט די רוימער: די שול פון די ס ט אָ א י ק ע ר און פון די ע פּ י ק ו ר ײ ע ר; די ערשטע מיט איר רויען טוגנטשטאָלץ, וואָס איז שוין פונלאַנג קרוביש צום רוימישן כאַראַקטער, די לעצטע מער מיטן גייסט פון דער צייט און אירע פאַרשריטן, ביידע אָבער, — און דאָס באַצייכנט דעם כאַראַקטער פון די

רוימער — האָבן געהאַט אַ פּראַקטישע טענדענץ און דאָג־מאַטישע פאָרם.

דידאַקטיזיקע שולן, וואָס האָבן טראָץ זייערע שאַרפע קעגנזאַצן געהאַט טייל געמיינזאַמע שטריכן, האָבן זיך אין רוים באַגעגנט פריינטלעכער ווי אין זייער היימלאַנד. אמת, עס האָבן זיך אין רוים פאַרפלאַנצט די אָנשיצורדיקע רכילות'ן קעגן די עפּיקורייער, און זינט כריזיפּוס צייטן האָבן זיי די סטאָאיקער זייער פלייסיק פאַרשפּרייט. אויך אין רוים האָט די מאַסע גע־האַלטן דעם עפּיקורייער פאַר אַ קנעכט פון זיינע תאוות, און מיט אַ טאָפּלטער איבערפלעכלעכקייט האָט מען געאורטיילט וועגן זיין נאַטורפילאָזאָפיע, ווייל עס האָט זי נישט באַשירעמט קיין שום פלאַנטער פון אומפאַרשטענדלעכע אויסדרוקן. לײדער האָט אויך צ י צ ע ר אָ פּאָפּולאַריזירט די עפּיקורייאישע לערע אין ערגסטן זין פון וואָרט און דערמיט איר צוגעגעבן אַ שיין פון לעכערלעכקייט, וואָס פאַרשווינדט ביי אַ שטרענגערער באַ־טראַכטונג. אָבער ביי דעם אַלעם זענען די רוימער מייסטנס געווען אויסגעצייכנטע דילעטאַנטן, וואָס האָבן זיך נישט אַזוי שטאַרק אינטערעסירט מיט זייערע שולן, כדי זיי זאָלן נישט קאָנען שעצן קיין קעגנזעצלעכע זאַכן. די זיכערקייט אין זייער וועלטשטעלונג, די אוניווערסאַלישקייט פון זייערע לעבנסבאַציונ־גען האָט זיי געמאַכט פאַר פאָרורטיילסלאָזע מענטשן. דעריבער געפינען מיר נאָך אַפילו ביי ס ע נ ע ק אַ מיינונגס־אויסדרוקן, וואָס האָבן געגעבן גאַסענדין אַ גרונט צו מאַכן פון אים אַן עפּיקורייער. ב ר ו ט ו ס, דער סטאָאיקער, און ק אַ ס י ו ס, דער עפּיקורייער, האָבן בשותפות איינגעטונקען זייערע הענט אין צעזאַרס בלוט.

אָבער דיזעלבע פּאָפּולערע און פלאַכע אויפפאַסונג פון דער עפּיקורייאישער לערע, וואָס מיר באַגעגענען צו איר שאָדן ביי צ י צ ע ר אָ, האָט נישט בלויז דערמעגלעכט, אַז צווישן דעם עפּיקורייאיזם און די פאַרשידענע אַנדערע שולן זאָל הערשן פריינטשאַפט, נאָר זי האָט אויך פאַרווישט דעם כאַראַקטער פון דעם רוב רוימישע עפּיקורייער גופא און אַזוינאָך געגעבן אין

דער ווירקלעכקייט אַן אָנהאַלטספונקט פאַר די אַלגעמיינע פאָרווורפן. שוין אין דער צייט, ווען די גריכישע בילדונג איז פאַר זיי געווען היימיש פון דער אויסערלעכער זייט, האָבן די רוימער אָנגעהויבן צו פאַרבייטן די רויקע שטרענגקייט פון די אַלטע מנהגים מיט דער נטיה צו לוקסוס און אויסגעלאַסנקייט, וועלכע זענען געוואָרן — ווי מ'באַמערקט עס אָפט ביי יחידים — אַלץ פאַרשייטער, וואָס פרעמדער און אומגעוווינטער עס איז פאַר זיי דאָס פרייע לעבן. שוין אין די צייטן פון מאַריוס און סוללא איז פאַרפולקאָמט געוואָרן דידאָזיקע פאַרענדערונג. די רוימער זענען געוואָרן פראַקטישע מאַטעריאַליסטן, און טאַקע אָפט אין ערגסטן זין פון וואָרט, איידער נאָך זיי האָבן געקענט דידאָזיקע טעאָריע. די טעאָריע פון עפיקור איז אָבער דורכויס געווען ריינער און איידלער ווי די פראַקטיק פון די רוימער, און דעריבער האָט מען געקאָנט גיין נאָר אויף צוויי וועגן: אָדער זיך לאָזן פאַראיידלען און טון אַלץ ריין און מיט אַ מאָס, אָדער פאַרדאַרבן די טעאָריע, אויסמישנדיק די מיינונגען פון פריינט און פיינט צוזאַמען, כדי דאַן צו האָבן אַזאַ עפיקורייאיזם, ווי זיי דאַרפן. אַפילו איידלע נאַטורן און גרינטלעכע קענער פון דער פילאָזאָפיע האָבן מיט פאָרליבע זיך געהאַלטן אָן דער דאָזיקער באַקוועמערער אויפפאַסונג. אַזוי האָט, למשל, געטון האָראַץ, באַצייכנענדיק זיך אַלס „חזיר פון עפיקורס סטאַדע“; דאָס איז, נאַטירלעך, אַ שאַלקהאַפטיקע איראָניע, אָבער ס'איז שוין נישטאָ דער ערנסטער און ניכטערער גייסט פון אַלטן עפיקורייאיזם. דערזעלבער האָראַץ באַצייכנט נישט זעלטן דעם קירענאיקער אַריסטיפ אַלס זיין פראָטאָטיפ.

באַשיידענער האָט זיך געהאַלטן ווירגיל, וועלכער האָט אויך געהאַט אַן עפיקורייאישן לערער, הגם ער, ווירגיל, האָט זיך פאַראייגנט פילפאַכיקע עלעמענטן פון אַנדערע שיטות. צווישן אַלע דידאָזיקע האַלב-פילאָזאָפן שטייט אַלס גאַנצער און עכטער עפיקורייער טיטוס לוקרעציוס, וועמעס דידאַקטיש ליד „de rerum natura“ — „וועגן דער נאַטור

פון די זאַכן" – האָט מער פון אַלעם צוגעהאָלפן ביים אויפלעבן פון די וויסנשאַפטן אַרויסצוברענגען אויף דער ליכטיקער שיין עפיקורס לערע און פאָרשטעלן זי אין אַ בעסער ליכט. נאָך די מאַטעריאַליסטן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָבן שטודירט און ליב געהאַט לוקרעציוסן, און ערשט אין אונזערע צייטן האָט, דאַכט זיך, דער מאַטעריאַליזם פולשטענדיק איבערגעריסן מיט די אַלטע טראַדיציעס.

טיטוס לוקרעציוס קאַרוס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 99 און געשטאָרבן אין יאָר 55 פאַר קריסטוס. וועגן זיין לעבן איז כמעט ווי גאָרנישט באַקאַנט. ס'שיינט, אַז אין דעם כאַאָס פון די בירגערקריגן האָט ער געזוכט אַ שטיצפונקט פאַר זיין אינערלעך לעבן און אים געפונען אין עפיקורס פילאָזאָפיע. דעריבער האָט ער אָנגעשריבן זיין גרויס געדיכט, כדי צו געווינען פאַר דערדאָזיקער שול זיין פריינט, דעם דיכטער מעמיוס. די באַגייסטערונג, מיט וועלכער ער שילדערט די דערלייזונגס-קראַפט פון זיין פילאָזאָפיע לגבי דעם טרויעריקן און בישטיקן מצב פון דער קעגנוואַרט, גיט-צו זיין ווערק עפעס דערהויבנס, אַ שווונג פון גלויבן און פון פאַנטאַזיע, וואָס הויבט זיך אומעטום אויף איבער דער אומשולדיקער הייטערקייט פון עפיקורייאישן לעבן און נעמט אָפּט אָן אַ סטאָאישן שווונג. בערנהאַרדי איז נישט גערעכט מיט זיין באַהויפטונג אין זיין רוימישער ליטעראַטור-געשיכטע, אַז „פון עפיקור און זיין אָנהענגער האָט ער נישט גענומען מער ווי דעם סקעלעט פון אַ נאַטורפילאָזאָפיע". עס שטעקט דערין אַ גרינגשעצונג פון עפיקורן, וואָס ווערט נאָך בולטער אין דער פאָלגנדיקער מיינונג פון דעם גרויסן פילאָלאָג:

„לוקרעציוס האָט טאַקע געבויט אויפן דאָזיקן יסוד פון דער מעכאַנישער נאַטור, בעת ער האָט זיך באַמיט צו ראַטעווען דאָס רעכט פון דער פערזענלעכער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון אַלע רעליגיעזע טראַדיציעס, האָט ער געוואָלט דאָס וויסן אַריינפירן אין דער פּראַקטיק צו באַפרייען דעם

מענטש און שטעלן אים אויף זיינע אייגענע פיס דורכן אריינ־בליקן אין דער אורסיבה און מהות פון אלע זאכן".

מיר האבן שוין געזען, ווי דאסדאזיקע שטרעבן צו באפרייונג איז גראד דער נערוו פונם עפיקורייאישן סיסטעם; וואס אן אמת, איז פון דעם נישטא קיין זכר ביי ציצעראן; אבער נישט אומזיסט האט אונז דיאגענעס פון לאערטע אין זיין בעסטער ביאגראפיע אויפגעהיטן עפיקורס אייגענע ווערטער, וואס זענען דער יסוד פון אונזער פריערדיקער שילדערונג 61).

אבער אויב ס'איז געווען עפעס, וואס האט צוגעצויגן לוקרעציוסן צו עפיקורן, וואס האט אין אים אריינגעגעבן די לעבהאפטסטע באגייסטערונג, איז דאס גראד געווען יענע דרייסטקייט און זיטלעכע שטארקייט, מיט וועמעס הילף עפיקור האט צוגערויבט ביי די געטער זייער גיפט, כדי צו באזירן די זיטלעכקייט אויף אן אומשטערבלעכן יסוד. דערויף איז לוקרעציוס געגוג אפן מרמז, ווייל באלד נאך דעם הערלעכן פאעטישן אריינפיר לכבוד מעממיוסן דערקלערט ער פאלגנדיקס:

„אזוי ווי אויף דער ערד איז דאס מענטשלעכע לעבן מיט פאראכטונג געלעגן אונטער דער לאסט פון דער רעליגיע, וואס קוקט אראפ מיט איר קאפ פון הימל און דראט מיט שרעקלעכע בליקן די שטערבלעכע; דעריבער האט צום ערשט געוואגט א גריך, א שטערבלעכער, ארויפצוקוקן מיט זיינע אויגן און זיך אנטקעגנשטעלן; ער, וועמען עס האבן נישט געבונדן נישט די טעמפלען פון די געטער, נישט די בליצן, נישט די דראענדיקע דונערן פונם הימל; און דעריבער שטייגט דער דרייסטער מוט פון זיין גייסט, וואס האט צוערשט באגערט אויפצוברעכן די פעסטע ריגלען פון די טויערן פון דער נאטור".

אז לוקרעץ האט זיך באנוצט מיט כלערליי מקורים, פלייסיק שטודירט עמפעדאקלעסן און אין נאטורהיסטארישן טייל צוגעגעבן עפעס פון זיין אייגענער באאבאכטונג, דאס ווילן

מיר גישט לייקענען; מ'דאַרף אָבער אויך דאָ נישט פאַרגעסן, אַז מיר ווייסן נישט וואָס פאַראַ אוצרות ס'האָבן אַנטהאַלטן עפּיקורס פאַרלוירענע ביכער. כמעט אַלע קריטיקער שטעלן לוקרעציוס'ס דידאַקטיש ליד לויט דער געניאַליטעט און שילדערונגס-קראַפט אויבנאָן צווישן די ווערק פון דער פּאַראויגוסטישער תּקופה; דערקענען איז אָבער דער דידאַקטישער טייל אָפּט טרוקן און דורך שאַרפע איבערגענג לויז פאַרבונדן מיט די פּאָעטישע שילדערונגען.

אין זיין שפּראַך איז לוקרעציוס אין אַ הויכן גראַד אַלטערטימלעך, רוי און איינפאַך. די דיכטער פון דער אויגוסטישער תּקופה, וואָס האָבן זיך געפילט העכער איבער דער רויער קונסט פון זייערע פאָרגייער, האָבן זייער פאַרערט לוקרעציוסן. ווירגיל האָט אים געווידמעט דידאָזיקע פערזן:

Felix, qui potuit rerum cognoscere causas
Atque metus omnes et inexorabile fatum
Subjecit pedibus strepitum que Acherontis avari 1).

אַזויאַרום האָט אויך לוקרעציוס, בלי ספק, שטאַרק משפּיע געווען אויף דער פאַרשפּרייטונג פון דער עפּיקורייאישער פילאָזאָפיע צווישן די רוימער. דעם העכסטן פּונקט האָט דידאָזיקע פילאָזאָפיע דערגרייכט אונטער אויגוסטס רעגירונג, ווייל הגם ס'זענען דעמאָלט נישט געווען אַזעלכע פאַרשטייער ווי לוקרעציוס, זענען אָבער יענע אַלע הייטערע גייסטער פון די דיכטער-קרייזן, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום אויגוסטן און מעצענאַסן, געווען באַאיינפלוסט און געפירט פון דערדאָזיקער פילאָזאָפיע.

בעת עס האָבן זיך אָבער אין די צייטן פון טיבעריוס און נעראָ אָפּגעטון כלערליי גרוילטאַטן און כמעט יעדער תּענוג איז פאַרגיפטעט געוואָרן דורך געפאַר אָדער שאַנד, האָבן זיך

*) גליקלעך, וואָס האָט זוכה געווען צו דערקענען די סיבות פון די זאַכן
און אַלע שרעקן און אומבארחמנותדיקן גורל
און דעם גערויש פון גישט דערזעטיקטן אַכעראָנטיס — האָט ער צעטרעטן"

די עפיקורייער צוריקגעצויגן, און אין דערדאָזיקער לעצטער צייט פון דער געצנדינערישער (היידנשער) פילאָזאָפיע זענען עס געווען די סטאָאיקער, וואָס האָבן אויפגענומען דעם קאַמף קעגן אויסגעלאַסנהייט און פחדנות, און מיט אַ נישט פאַרדאַגהטן מוט, ווי סענעקאַ, פעטוס, טראַסעאַ, געפאַלן אַ קרבן פון די טיראַנען.

בלי ספק,איז אויך די עפיקורייאישע פילאָזאָפיע געווען צוגעפאַסט אין איר ריינקייט, און נעמלעך אין דער אויסביל־דונג, וואָס עס האָט געגעבן דער כאַראַקטערשטאַרקער לוקרעץ, צו שאַפן אַזאַ דערהויבנקייט פון שטימונג; אָבער גראָד אין דערדאָזיקער ריינקייט, שטאַרקייט און קראַפט פון דער אויפפאַסונג, מיט וועלכער לוקרעציוס האָט זיך אויסגעצייכנט, האָט נישט געהאַט קיין חלק דידאָזיקע שול און אפשר האָט זי נישט זינט לוקרעציוס צייטן ביזן היינטיקן טאָג. עס לוינט זיך דעריבער צו געבן די מי, נענטער צו באַטראַכטן דאָס ווערק פון דאָזיקן מערקווירדיקן מענטש.

דאָסדאָזיקע ווערק האָט אַלס יסוד אַבילדערקרייכע מי־טאָלאָגיע און אין אַ קלאָרן, מיט טיפע געדאַנקען אַדורכגע־דרונגענעם הימן צו דער געטין ווענוס, די שענקערין פון לעבן, הצלחה און שלום.

דאָ האָבן מיר צוגלייך די אייגנטימלעכע שטעלונג עפי־קורס צו דער רעליגיע. נישט בלויז אירע אידייען, נאָר אויך אירע פּאָעטישע געשטאַלטן זענען מיט אַן אומאָפּלייקנבאַרער פרומקייט און האַרציקייט באַנוצט געוואָרן פון זעלבן מענטש, וועלכער האָט באַלד — אין דער אויבנדערמאָנטער שטעלע — געהאַלטן פאַר אַ וויכטיקסטן פונקט פון זיין שיטה דאָס באַזייטיקן די שענדלעכע מורא פאַר גאָט. דער אַלטרואימישער באַגריף religio, וועלכער שטרייכט אונטער, נישט געקוקט אויף דער אומגעוויסהייט פון דער עטימאָלאָגיע, טאָקע דעם עלעמענט פון אָפּהענגיקייט און אנמאַכט פון מענטשן לגבי די געטלעכע וועזנס, מוז, נאַטירלעך, פאַר לוקרעציוסן אַרומנעמען דאָס, וואָס עס איז פאַר אים דאָס שעדלעכסטע. לוקרעציוס

רופט בכן צו די געטער, און באַקעמפט די רעליגיע, און אין דער הינזיכט קאָן מען נישט אַנטדעקן קיין סימן פון ספק אָדער סתירה פון זיין סיסטעם.

נאָכדעם ווי ער האָט אויפגעוויזן, ווי דורך די פרייע און דרייסטע פאָרשונגען פון די גריכן (דערמיט איז געמיינט עפיקורן, אויך דעמאָקריטן האָט אונזער דיכטער פאַרערט, אָ-בער ער שטייט ווייט פון אים) איז די רעליגיע, וואָס האָט אַמאָל אונטערגעדרוקט דעם מענטש, געשליידערט געוואָרן אויף דער ערד און ווערט געטרעטן מיט די פיס, שטעלט ער די פראַגע, צי פירט נישט דידאַקטיק פילאָזאָפיע אויפן וועג פון דער אומזיטלעכקייט און פאַרברעכן.

ער ווייזט אויף, ווי די רעליגיע איז, פאַרקערט, דער מקור פון אַלע גרעסטע גרוילטאַטן, און ווי גראָד די אומפאַר-שטענדלעכע מורא פאַר אייביקע שטראָפן באַוועגט דעם מענטש צו ברענגען פאַר אַ קרבן דאָס לעבנסגליק און נשמה-צופרידנקייט פאַר די שרעקן פון די כשוף-מאַכער 62).

דאַן ווערט אַנטוויקלט דער ערשטער גרונטכלל, אַז פון גאָרנישט אַנטשטייט קיינמאָל גאָרנישט. דער דאָזיקער כלל, וועלכן מ'וואָלט היינטצוטאָג גיכער אָנגענומען אַלס אַ ווייטערדיקן דער-פאַרונגסכלל, זאָל, אַנטשפּרעכנדיק דעם דעמאָלטיקן צושטאַנד פון די וויסנשאַפטן, זיין דער יסוד, אַלס העוריסטישער פּרינציפּ פון יעטוועדער וויסנשאַפטלעכער דערפאַרונג. ווער עס זאָגט, אַז פון גאָרנישט קאָן אַנטשטיין עפּעס, דער קאָן אין יעדן אויגנבליק איינזען זיין פאָרורטייל. ערשט דער יעניקער, וואָס איז איבער-צייגט אין קעגנזעצלעכן, דער באַזיצט דעם ריכטיקן גייסט פון פאָרשן און וועט דאַן אויך אַנטדעקן די אמתע סיבות פון די דערשיינונגען. דער כלל ווערט אָבער באַוויזן דורך דער באַ-טראַכטונג, אַז אויב זאַכן וואָלטן געקאָנט אַנטשטיין פון גאָרנישט, וואָלט דערדאָזיקער אַנטשטייונגסאופן לויט דער נאַטור זיינער נישט געהאַט קיין שום גרעניץ, און אַלץ וואָלט געקאָנט אַנט-שטיין פון אַלץ. דאַן וואָלטן פון ים אַרויס געקאָנט אויפטויכן מענטשן, און פיש — פון דער ערד אַרויס; קיין שום חיה, קיין

שום פּלאַנץ, וואָלט זיך נישט געקאָנט ווייטער האַלטן ביי אַ באַשטימטן מין.

אַלס יסוד פון דערדאָזיקער באַטראַכטונג ליגט דער ריכטיקער געדאַנק, אַז ביים אַנטשטיין פון גאָרנישט קאָן מען שוין נישט דענקען וועגן אַ באַשטימטער סיבה, פאַרוואָס עס זאָל עפּעס נישט אַנטשטיין און אַז דעריבער וואָלט אַזאַ וועלטאָרדנונג געמוזט ווערן אַ באַשטענדיק בונטער און זינלאָזער שפּיל פון ווערן און פאַרגיין פון שוויבלענדיקע משונהדיקע בריות, פאַרקערט קומט מען דאַן טאַקע צום אויספיר צוליב רעגלמעסיקייט פון דער נאַטור, וואָס גיט אונז רויזן אין פרילינג, תבואה — אין זומער, ווייַנטרויבן — אין האַרבסט, — אַז דורך אַ צו באַשטימטער צייט אָנקומענדיקן צוזאַמענשטראָם פון די זוימען פון די זאַכן ווערט פאַרווירקלעכט די יצירה. מ׳דאַרף דעריבער אָננעמען, אַז ס׳זענען פאַראַן געוויסע, געמיינזאַמע קערפּער פון אַ סך זאַכן, פּונקט ווי די אותיות פון די ווערטער זענען געמיינזאַמע.

אויף אַן ענלעכן אופן ווערט אויפגעוויזן, אַז קיין שום זאַך גייט ווירקלעך נישט אונטער, נאָר אַז טיילן פון די פאַרגייענדיקע זאַכן ווערן צעזייט, פּונקט ווי עס זאַמלען זיך צונויף די טיילן דאָרט, ווו עס אַנטשטייט עפּעס.

אויף דעם לייכט־באַגרייפלעכן איינוואַנד, אַז מ׳קאָן נישט זען די טיילן, וועלכע זאַמלען זיך צונויף אָדער וועלכע ווערן צעזייט, ענטפערט לוקרעציוס מיט דער שילדערונג פון אַ גוואַלטיקן שטורם־ווינט. צוליב דער גרעסערער קלאָרקייט ווערט לעבן דעם געשטעלט און געוויזן דאָס בילד פון אַ רייסנדיקן וואַלד טייכל, ווו עס דריקן זיך אויס די אומזעבאַרע טיילן פון ווינט, פּונקט ווי די זעבאַרע טיילן פונם וואַסער. וואַרימקייט, קעלט, קלאַנג, ווערן אויף אַ גלייכן אופן אָנגעגעבן אַלס עדות פון דאָזיין פון אַן אומזעבאַרער מאַטעריע. אַ נאָך סובטעלערע באַטראַכטונג קומט צום אויסדרוק אין די פאָלגנדיקע ביישפּילן: מלבושים, וועלכע מ׳שפּרייט אויס אויף אַ צעבושעוועטן ים־ברעג, ווערן פייכט; לייגט מען זיי אַוועק אויף

דער זון, ווערן זיי טרוקן, און מ׳זעט נישט ווו עס קומען אַהין די וואַסערטײַלעכלעך. זיי זענען מסתם אַזוי קליין, אַז מ׳קאָן זיי נישט זען. אַ רינג, וועלכן מ׳טראָגט יאָרנלאַנג אויף אַ פינגער, ווערט דינער; דאָס פאַלן פונם טראָפן הוילט אויס דעם שטיין; דער אַקעראײַזן נוצט זיך אָפּ; דער טראָטואַר ווערט אויסגעטרעטן דורך די פיס; אָבער וועלכע טײַלן עס ווערן פאַרשווונדן אין יעדן אויגנבליק, דאָס האָט אונז די נאַטור נישט פאַרגינען צו זען. אַזוי אויך קאָן נישט קיין שום זעקראַפט פון די אויגן אַנטדעקן די טײַלן, וועלכע קומען אַוועק און ווערן פאַרשווינדן ביים ווערן און פאַרגיין. ובכן ווירקט די נאַטור דורך אומזעבאַרע קערפּערלעך (די אַטאָמען).

דאַן קומט די ראיה, אַז נישט אַלץ איז אָנגעפּילט מיט מאַטעריע, אַז עס איז פאַראַן אַ פוסטער רוים, אין וועלכן ס׳באַוועגן זיך די אַטאָמען. אַלס וויכטיקסטע סיבה ווערט דאָ ווידער פאָרויסגעשטעלט די אַפּריאָריסטישע, אַז, נעמלעך, ביים אַבסאָלוט פולן רוים, וואָלט אוממעגלעך געווען די באַוועגונג, וועלכע מיר נעמען דאָך שטענדיק אויף אין די זאַכן, דאַן ערשט קומען די באַאָבאַכטונגס סיבות. אויך אין די דיקסטע שטיינער דרינגען אַרײַן וואַסערטראָפּן. די נאַרונגסשטאָפן פון די לעבעדיקע וועזנס דרינגען אַרײַן אין גאַנצן קערפּער. די קעלט, דער קלאַנג דרינגען אַרײַן דורך די ווענט. לסוף קאָן אַרויסגעדרינגען ווערן דער אונטערשיד פון ספּעציפישער וואָג נאָר אויף דער גרעסערער אָדער קלענערער אויסשפּרייטונג פון פוסטן רוים. אויף דער טענה, אַז אויך פאַר די פיש עפנט זיך פריער דאָס וואַסער, ווײַל הינטער זיי געפינט זיך ווידער רוים, ענטפערט לוקרעציוס מיט דער באַהויפּטונג, אַז ס׳איז אומדענקבאַר די ערשטע התחלה פון דערדאָזיקער באַוועגונג; ווײַל ווי אַזוי זאָל דאָס וואַסער זײַן פאַרן פיש, ווען דער רוים, אין וועלכן עס דאַרף שטראָמען, איז נאָך נישטאָ? אַזוי אויך מוז ביים אַרויסשפּרינגען פון קערפּער איין אויגנבליק אַנטשטיין אַ פוסטער רוים. דאָס געדיכט- און פאַרדאַמפּט-ווערן פון דער לופט, קאָנען נישט דערקלערן דידאָזיקע פּראָצעסן. ווײַל אויב

זיי קומען פאַר, מוזן דאָך זיי גופא ווידער שטיצן זיך אויף דעם, וואָס די טיילעכלעך קאָנען דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם פוסטן רוים, וואָס טיילט זיי אָפּ, דריקן זיך ענג צו־נויף איינער צום צווייטן.

אויסער די קערפּער אין דעם פוסטן רוים איז קיינזאַך נישט בנמצא, אַלץ, וואָס עס איז, איז אָדער פאַרבונדן פון דידאָזיקע צוויי, אָדער אַ פּראָצעס פון זיי. אויך די צייט איז נישט פאַר זיך, נאָר אַן עמפּינדונג דערפון, וואָס עס געשעט אין אַ צייטרוים און וואָס קומט פאַר פריער אָדער שפּעטער; זי האָט בכן נישט פאַר זיך אַפילו אַזאַווירקלעכקייט, ווי דער פוסטער רוים; און אויך די געשעענישן פון דער גע־שיכטע דאַרף מען באַטראַכטן נאָר אַלס פּראָצעסן פון קערפּער און אין זייער רוים.

אַלע קערפּער זענען אָדער איינפאַך (די אַטאָמען, לוקרעצי־יוס רופט זיי געוויינלעך „התחלות", principia אָדער Pri-mordia rerum) אָדער קאָמפּליצירט; די לעצטע זענען נישט צעשטערבאַר דורך קיין שום כוח. די טיילבאַרקייט ביזן אוי־מענדליכן איז אוממעגלעך, ווייל דאַן וואָלט יעדע זאַך לייכ־טער און שנעלער צעפאַלן געוואָרן, ווי געבילדעט געוואָרן, און אַזוי אַרום וואָלט אין לויף פון אַן אומענדלעכער צייט פאַרגעקומען די צעשטערונג, אַז ס'וואָלט נישט געקאָנט פאַר־קומען די צוריקשטעלונג פון די זאַכן. נאָר דערפאַר וואָס די טיילבאַרקייט האָט אַ גרענעץ, דעריבער דערהאַלטן זיך די זאַכן. אויך וואָלט די טיילבאַרקייט ביזן אומענדלעכן אָפּגעשאַפט די געזעצמעסיקייט ביים געבוירן ווערן פון די וועזנס, ווייל אויב עס ליגט דאָ נישט אַלס יסוד די אומפאַרענדערלעכע קלענסטע טיילן, וואָלט אַלץ געקאָנט אַנטשטיין אָן פעסטע כּללים און סדר.

דאָס אויסשליסן די אומענדלעכע טיילבאַרקייט איז דער גרונטשטיין פון דער לערע וועגן די אַטאָמען און דעם פוסטן רוים; נאָכן דערקלערן זי, מאַכט דעריבער דער דיכטער אַן הפקה, וועלכע איז געווידמעט דער פּאָלעמיק קעגן אַנדערע

נאַטורפֿאָרשער, באַזונדערס קעגן העראַקליטן, עמפּעדאָקלעסן און אַנאַקסאַגאָראַסן. דערביי איז באַמערקנסווערט דאָס ליבן עמפּעדאָקלעסן, וועמעס נאָענטע קרובהשאַפֿט מיטן מאַטעריאַליזם מיר האָבן שוין פֿריער אונטערגעשטראָכן. נאָך אַלויב געשילדערט אין דערהויבענע בילדער דעם אינזל סיציליע, גייט דער דיכטער ווייטער: „אָבער הגם דידאָזיקע געגנט ווערט באַטראַכט אַלס הערלעכע צוליב איר פּילפּאַכיקן רייץ, הגם זי רופֿט אַרויס אַנטציקונג ביי מענטשן און פֿאַרדינט מ'זאָל זי באַזוכן צוליב דער גרויסער צאָל פֿון אירע איינוווינער, האָט זי, דאַכט זיך, נישט באַזעסן קיין מער באַדימטעס, וווּנדערבאַרס און ווערטפֿולס, ווי יענעם מענטש. פֿון זיין געטלעכער ברוסט זינגען אַרויס לידער, וואָס זאָגן אָן גרויסע אַנטדעקונגען, אַזוי אַז מיר צווייפֿלען צי ער שטאַמט פֿון מענטשלעכן מין״63).

די פּאָלעמיק ווענדט מיר איבערהיפּערן. דער סוף פֿון ערשטן בוך שטעלט די פֿראַגע וועגן דער געשטאַלטונג פֿון די וועלטן. זייענדיק שטענדיק געטריי צו עפּיקורס לערע, וואַרפֿט לוקרעציוס קודם-כּל אָפּ די הנחה פֿון באַשטימטע גרענעצן פֿון דער וועלט. לאָמיר אָננעמען די ווייטסטע גרעניץ און זיך פֿאָרשטעלן, אַז מיר שליידערן מיט אַ קרעפֿטיקער האַנט אַ שפּיז. צי וועט איר עפּעס פֿאַרהאַלטן אָדער זי וועט ווייטער פֿליען אין אין-סוף? אין ביידע פֿאַלן ווייזט זיך אַרויס, אַז מ'קאָן נישט דענקען וועגן אַווירקלעכן סוף פֿון דער וועלט.

כאַראַקטעריסטיש איז דאָ דער טעם, פֿאַרוואָס די וועלט האָט נישט קיין סוף, ווייל ביי אַ באַשטימטער באַגרענצונג פֿון דער וועלט, וואָלט שוין פֿון לאַנג יעטוועדע מאַטעריע זיך געמוזט אָנזאַמלען אויפֿן באָדן פֿון אומבאַגרענעצטן רוים. דאָ באַגעגענען מיר זיך מיט אַ שוואַכער זייט פֿון דער גאַנצער נאַטוראָנשויונג עפּיקורס. די גראַוויטאַציע צום מיטן, וואָס איז שוין אָנגענומען געוואָרן דורך אַנדערע דענקער פֿון אַלטערטום, ווערט דאָ בפֿירוש באַקעמפֿט. ליידער איז דידאָזיקע שטעלע אין לוקרעציוס דידאַקטיש ליד שטאַרק פֿאַרקריפּלט, דאָך לאָזט זיך נאָך גאַנץ גוט דערקענען דער נערוו פֿון דער באַווייזבאַר-

קייט, ווי אויך דער אייגנטלעכער טעות. עפּיקור האָט, נעמלעך, אָנגענומען די וואָג, די שווערקייט, לעבן דער ווידערשטאַנדקראַפט, אַלס אַ וועזנטלעכע אייגנשאַפט פון די אַטאָמען. דאָ זענען די טיפּזיניקע דענקער, וועלכע האָבן געשאַפן דעם מאַטעריאַליזם פון אַלטערטום, נישט געווען ביכולת זיך פולשטענדיק צו באַפרייען פון שיין פון די חושים; ווייל הגם עפּיקור האָט בפירוש געלערנט, אַז אין פוסטן רוים איז, גענוי גענומען, נישטאָ קיין אויבן און קיין אונטן, האַלט ער זיך אָבער פעסט אָן דער מיינונג וועגן אַ באַשטימטער ריכטונג פאַרן פאַלן פון אַלע אַטאָמען פונם וועלטאַל. פאַקטיש איז די אַבסטראַקציע פון דער געוויינלעכער חושים-אָבסערוואַציע פון דער שווערקייט געווען נישט קיין לייכטע גייסטיקע אַרבעט פון דער מענטשהייט. די לערע וועגן די אַנטיפּאָדן, וועלכע האָט זיך שוין געהאַט פרי אַנטוויקלט פון דער דערשיטערונג פונם גלויבן אין דעם טאַרטאַרוס אין פאַרבינדונג מיט אַסטראָנאָמישע שטודיען, האָט אין אַלטערטום אומזיסט געקעמפט קעגן דער נאַטירלעכער אָנשויונג פון אַ איין פאַר אַלע מאָל געגעבענעם אויבן און אונטן. ווי עקשנותדיק עס וייכן אָפּ פון דער וויסנשאַפטלעכער אַבסטראַקציע אַזעלכע אָנשויונגען, וואָס די חושים רוקן אונזער ווידער אַמאָל און נאָכאַמאָל אונטער, האָט די נייע צייט געזען אין אַן אַנדערן גרויסן ביישפּיל: אין דער לערע וועגן דער באַוועגונג פון דער ערד. הונדערט יאָר נאָך קאָפּערניק האָבן זיך געפונען וויסנשאַפטלעך-געבילדעטע און פריידענקענדיקע אַסטראָנאָמען, וועלכע האָבן אַלס ראיה קעגן דער ריכטיקייט פון קאָפּערניקס סיסטעם אָנגעוויזן אויפן נאַטירלעכן געפיל פון דער פעסטקייט און רו פון דער ערד.

אַרויסגייענדיק פון דער גרונטאָנשויונג וועגן דער שווערקייט פון די אַטאָמען, איז דער עפּיקורייאישער סיסטעם אויך נישט אימשטאַנד געווען אָנצונעמען אַ טאָפּלטע און איינם מיטן זיך אויפהייבנדיקע ריכטונג פון די אַטאָמען- ווייל, ווי אומעטום, אויב עס בלייבט בכן אויך אין דאָזיקן מיטן אַ פוסטער רוים צווישן די קערפּערלעך, קאָנען זיי נישט שטיצן איינער דעם

צווייטן. ווײַל מען אָבער אָננעמען, אַז זיי וואָלטן זיך שוין אין דעם מיטלפּונקט צוזאַמענגעקוועטשט צו אַן אַבסאָלוטער געדיכטקייט דורך אוממיטלבאַרער באַרירונג, וואָלטן לויט עפּיקורס לערע אין דעם אומענדלעכן רוים פֿון די צייטן זיך געדאַרפֿט אָנזאַמלען אַלע אַטאָמען, אַזוי אַז אויף דער וועלט וואָלט שוין גאָרנישט געשען.

מיר דאַרפֿן דאָ נישט קריטיש אויפֿווייזן די שוואַכע פּונקטן פֿון דעמדאָזיקן גאַנצן אָנשויונגסאופֿן 64). אַ סך אינטערעסאַנטער איז פֿאַר דער דענקנדיקער נאָכפֿאָלגונג פֿון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג צו זען, ווי שווער עס איז געווען אין דער באַטראַכטונג פֿון די נאַטירלעכע זאַכן צו קומען צו אַ געלייטערטער אָנשויונג. מיר באַוווּנדערן ניוטאָנס אַנטדעקונג פֿונם גראַוויטאַציע-געזעץ און מיר טראַכטן ווייניק, וויפֿיל שריט מ׳האָט געמוזט מאַכן ביז דערצו, אַז דידאָזיקע לערע זאָל ווערן אַזוי רייף, אַז ס׳זאָל זי קאָנען אויסגעפֿינען אַ באַדייטנדיקער דענקער. בעת קאָלומבוס׳ס אַנטדעקונג האָט מיט איין קלאַפּ געשטעלט אין אַ פֿולשטענדיק נײַ ליכט די אַלטע לערע וועגן די אַנטיפּאָדן און אין דער הינזיכט ענדגילטיק באַזײַטיקט די עפּיקורייאישע אָנשויונגען, איז שוין קלאָר געווען די נויטווענדיקייט פֿון אַ רעפֿאָרם פֿון גאַנצן באַגריף וועגן דער שווערקייט. איז געקומען קאָפּערניק, נאָכדעם קעפּלער, שפּעטער די דערפֿאָרשונג פֿונם פֿאַלגעזעץ דורך גאַלילײ, און לסוף איז שוין אַלץ גרייט געווען כּדי אויפֿצושטעלן אַ פֿולשטענדיק נײַעם אָנשויונגסאופֿן.

ביים סוף פֿון ערשטן בוך פֿירט לוקרעציוס בקיצור אונטער אַ סך-הכּל פֿון דער גרויסאַרטיקער, צו ערשט פֿון עמפּעדאָקלעסן אויפֿגעשטעלטע מיינונג, לויט וועלכער די גאַנצע צוועקמעסיקייט פֿונם אַל, און באַזונדערס אויך דער אָרגאַניזם, איז בלויז אַ זיך באַקומענער ספּעציעלער פֿאַל פֿון דער אומענדלעכקייט פֿון מעכאַנישן פּראָצעס 65).

אויב מיר באַטראַכטן אויך די אַריסטאָטעלישע טעלעאָלאָגיע אַלס גרויסאַרטיקע, דאַרפֿן מיר דאָך אָבער נישט אין

דעם אָפּזאָגן דער טעאָריע, וועלכע האָט לחלוטין אָפּגעשאַפט דעם צוועקבאַגריף. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אייגנטלעכן לעצטן שטיין פון דעם גאַנצן בנין פון דער מאַטעריאַליסטישער וועלט-באַנעמונג, וועגן איין טייל פון דער שיטה, וועלכע איז דורך די נייערע מאַטעריאַליסטן בשום אופן נישט גענוגנדיק באַאָבאַכטעט געוואָרן. מיט דער לערע וועגן צוועק האָבן מיר זיך מער צונויפגעלעבט, דערפאַר ווייל זי אַנטהאַלט אין זיך אַ מער איינזייטיקע מענטשלעכע אויפפאַסונג. פאַרקערט: דאָס דערווייטערן וואָס נישט איז פון די באַגרעניצטע מענטשלעכע פאַרהעלטנישן, וואָס דער מענטש האָט אַריבערגעטראָגן אויף די זאַכן, האָט פאַר אונז עפּעס אומהיימלעכס, אָבער טאַקע דאָס געפיל איז נישט קיין אַרגומענט. דאָס געפיל קאָן העכסטנס זיין אַ העוריסטישער פרינציפּ און לגבי שאַרפע לאָגישע מסקנות איז עס אפשר מרמז אויף ווייטע תשובות, וועלכע מ׳דאַרף זוכן פאַר דידאָזיקע מסקנות, אָבער בשום אופן נישט הינטער זיי.

„ווייל אין דער אמתן", זאָגט לוקרעציוס „נישט די אַטאָמען האָבן זיך נאָך אַ שאַרפזיניקן ישוב־הדעת געשטעלט אויף זייערע ערטער, און נישט אויף זיכער פעסטגעשטעלט, וואָס פאַראַ באַוועגונג יעדער פון זיי זאָל מאַכן; אָבער היות ווי אַ סך פון זיי זענען בעת זייערע פילפאַכיקע וואַנדערונגען איבערן וועלטאַל אונטערגעוואָרפן שטויסונגען אין אייביקן לויף, דעריבער האָבן זיי אַדורכגעמאַכט כּלערליי מינים באַוועגונגען און צונויפבאַהעפטונגען, ביז זיי זענען ענדלעך געקומען צו די צושטאַנדן, אין וועלכע עס געפינט זיך די גאַנצע יצירה. און דידאָזיקע יצירה, וואָס האָט זיך אין דידאָזיקע צושטאַנדן געפונען אַן אומגעהויערע צייט, האָט גורם געווען — זינט זי איז אַריין אין איר פּאַסנדיקער באַוועגונג, אַז די טייכן זאָלן אָנטרינקען דעם ים מיט זייערע שפּעדיקע כוואַליעס, און די ערד, געוואָרעמט פון די זונשטראַלן, האָט אַרויסגעגעבן נייע פּרות, און דער מין פון די לעבעדיקע האָט געשפּראָצט און געבליט, און די פליענדיקע פונקטן פון עטער בלייבן לעבן".

די אויפפאַסונג, אַז דאָס צוועקמעסיקע איז נאָר אַ ספּעצ-

יעלער פאַל פון אַלץ, וואָס מ׳קאָן זיך פאָרשטעלן, — איז אויך אַ גרויסער געדאַנק, פונקט ווי עס איז שאַרפזיניק אַרויס־צופירן דאָס צוועקמעסיקע. אַ וועלט, וואָס דערהאַלט זיך פון זיך זעלבסט, איז לויט דעם נאָר דער איינציקער פאַל, וואָס מוז פון זיך זעלבסט פאָרקומען אין לויף פון דער אייביקייט ביי די אומצייליקע קאָמבינאַציעס פון די אַטאָמען, און טאַקע דער אומשטאַנד, וואָס די נאַטור פון דערדאָזיקער באַוועגונג דערפירט דערצו, אַז זי זאָל זיך אין גאַנצן גרויסן דערהאַלטן און שטענדיק אַרויסגעבן נייע וועלטן, גיט צו די פאַרהעלט־נישן פון דערדאָזיקער וועלט די דויערהאַפטיקייט, פון וועל־כער מיר געניסן.

אין צווייטן בוך דיסקוסירט לוקרעציוס אויספירלעכער וועגן דער באַוועגונג פון די אַטאָמען און זייערע אייגנשאַפטן. די אַטאָמען געפינען זיך, אַזוי לערנט ער, אין אייביקער באַ־וועגונג, און דידאָזיקע באַוועגונג איז לויטן נאַטורגעזעץ אורשפּרינגלעך אַ באַשטענדיקער, גלייכמעסיקער אייביקע פאַל דורך דעם אומבאַגרעניצטן אין־סוף פון פוסטן רוים.

דאָ אַנטשטייט אָבער אַ גרויסע שוועריקייט פאַר עפּיקורס סיסטעם: ווי אַזוי זאָל פונם דאָזיקן אייביקן גלייכמעסיקן פאַל פון די אַטאָמען אַרויסקומען די וועלטשאַפונג? ביי דעמאָקריטן (פאַרגלייך אויבן) פאַלן די אַטאָמען מיט אַ פאַרשידענער שנעלקייט; די שווערע שטויסן זיך אָן אויף די לייכטע, און דערמיט איז געגעבן די התחלה פונם ווערן. עפּיקור פירט גאַנץ ריכטיק אַרויס די פאַרשידענע שנעלקייט פונם פאַלן פון די קערפּער אין דער לופט אָדער אין וואַסער פון ווידערשטאַנד פון דער סביבה. דערמיט גייט ער אויף אַריסטאָטעלעס וועג, אָבער באַלד טיילט ער זיך נאָך שאַרפער אָפּ פון אים. אַריס־טאָטעלעס לייקנט נישט בלויז אין פוסטן רוים, נאָר ער לייקנט אויך אין דער מעגלעכקייט, אַז אין אַ פוסטן רוים זאָל זיך עפּעס קאָנען באַוועגן. עפּיקור, נאָך אַ בעסערער אָבסער־וואַציע פון דער באַוועגונג, האַלט פאַרקערט, אַז די באַוועגונג אין פוסטן רוים מוז טאַקע פאָרקומען וואָס שנעלער, ווייל

עס פעלט יעטוועדער ווידערשטאַנד. אָבער ווי שנעל? דאָ ליגט ווידער אַן אבן-נגף פון דער שיטה.

מאַכנדיק אַ פאַרגלייך, זאָגט מען, אַז די אַטאָמען אין פוסטן רוים באַוועגן זיך מיט אַ סך גרעסערער שנעלקייט, ווי די זונשטראַלן, וועלכע פליען אַדורך כהרף עין דעם שטח פון דער זון ביז צו דער ערד 66) אָבער צי איז דאָס אַ מאָס? צי איז איבערהויפּט פאַראַן אַ מאָס פון דער שנעלקייט? נאַטירלעך, אַז נישט. ווייל אין תוך גענומען, מוז מען אַדורכפליען יעדן געגעבענעם רוים אין אַן אומענדלעך קלענער צייט, און היות ווי דער רוים איז אַבסאָלוט אומענדלעך, ווערט די דאָזיקע באַוועגונג, — כל-זמן ס'זענען נישטאָ קיין זאַכן, לויט וועלכע מ'קאָן זי מעסטן — אַן אומבאַשטימטע גרויס. די אַטאָמען אָבער, וואָס באַוועגן זיך אַלע פּאַראַלעל און מיט אַ גלייכער שנעלקייט, זענען רעלאַטיוו אין פולקאָמער רו. ווו ס'שיינט, איז פאַר עפּיקורן קיינמאָל נישט קלאָר געווען דידאָזיקע אָפּווייכונג זיינע פון דעמאָקריטן; העכסט-משונהדיק איז זיין המצאה, דורך וועלכער ער איז צוגעקומען צו דער התחלה פון דער וועלטשאַפונג.

ווי אַזוי קומען די אַטאָמען, — וועלכע באַוועגן זיך לויט זייער אומגעשטערטער נאַטור איינפאַך און פאַראַלעל, ווי דער רעגנטראָפּן — צו זייטיקע באַוועגונגען, צו שנעלן ווירבלען און אומציילבאַרע, דאָ אומצערייסבאַר-פעסטע, דאָ אין אייביקער געזעצמעסיקייט זיך צעטיילנדיקע און נייגעשטאַלטנדיקע פאַרבינדונגען? זיי האָבן מסתּם אין אַן אומבאַשטימבאַרער צייט געמוזט אָפּווייכן פון זייער גלייכער ריכטונג 67). דער לייכטסטער אָפּנויג פון דער פאַראַלעלער ליניע האָט אין לויף פון די צייטן געמוזט גורם זיין צו אַ באַוועגונג, צו אַ צוזאַמענשטויס פון די אַטאָמען. און קוים איז דאָס שוין אַזוי פאָרגעקומען, מוזן דאַן ביי דער פילפאַכיקער פאָרם פון די אַטאָמען אַנטשטיין די קאָמפּליצירטסטע ווירבלבאַוועגונגען, פאַרבינדונגען און צעשיידונגען. אָבער פונוואַנען קומט די התחלה? דאָ זעען מיר אין עפּיקורס סיסטעם אַ פאַטאַלן בלייז. לוקרעציוס לייזט

דאָס רעטעניש, אָדער בינדט-אויף דעם קניפּ, אָנווייזנדיק אויף די חילקירלעכע באַוועגונגען פֿון די מענטשן און חיות[68].

בעת איינע פֿון די וויכטיקסטע שטרעבונגען פֿון מאָדערנעם מאַטעריאַליזם באַשטייט אין אַרויספֿירן דעם גאַנצן סכום פֿון די ווילקירלעכע באַוועגונגען פֿון מעכאַנישע סיבות, נעמט עפּיקור אַריין אין זיין שיטה אַ גאַנץ-אומבאַרעכנבאַרן עלעמענט. אמת, לויט אים אַנטשטייען די אַממייסטע מענטשלעכע האַנדלונגען דורך דער געגעבענער באַוועגונג פֿון די שטאָפּלעכע טיילן דערפֿון, וואָס איין באַוועגונג איז גורם צו אַ צווייטער. אָבער דאָ האָבן מיר נישט בלויז אַ באַשייבפּערלעכן און גראָבן דורכברוך פֿון דער קויזואַליטעט ריי, גאָר עס שטעקט דערין, ווי ס'שיינט; אַ ווייטערדיקע אומקלאָרקייט וועגן מהות פֿון דער באַוועגונג. ביים לעבעדיקן וועזן, נעמלעך, ברענגט דער פֿרייער ווילן, ווי עס דרינגט אויך פֿון לוקרעציוס געבליבענע ביישפּילן (II. 263–71), אין אַ קורצער צייט זייער באַדייטנדיקע פּעולות; אַזוי ווי דאָס פֿערד, וואָס לאָזט זיך לויפֿן אויפֿן געיעג-פּלאַץ נאָכן אָפּרוימען אַלע שטערונגען. און דאָך זאָל די התחלה פֿון דער באַוועגונג זיין אַן אומענדלעך-לייכטער שטויס פֿון איינצעלנע נשמה-אַטאָמען. ס'ווייזט אויס, אַז אין יסוד פֿון דעם אויבנגעזאָגטן ליגט אַן ענלעכער פֿאָרשטעלונגס-אופֿן, ווי אין דער לערע וועגן דער רו פֿון דער ערד אינמיטן דער וועלט, וועגן וועלכער מיר וועלן דאָ באַלד רעדן.

וואַרשיינלעך איז דעמאָקריט נישט געשטרויכלט געוואָרן אין די אַלע פֿעלערן, דאָך וועלן מיר מילד אורטיילן וועגן זיי, בעת מירן אַ טראַכט טון, אַז נאָך ביזן היינטיקן טאָג איז דער אייגנטלעכער קערן אין דער לערע וועגן ווילנספֿרייהייט אין די מייסטן פֿאַלן, ווי זיי זאָלן נישט זיין איינגעהילט אין מעטאַפֿיזישע שפּינוועבס, די איינפֿאַכע אומוויסנהייט און חושים אילוזיע.

כדי צו דערקלערן די לפנימדיקע רו פֿון די זאַכן, ווען עס טיילן געפֿינען זיך דאָך באַשטענדיק אין אַ העפֿטיקער באַוועגונג

גונג, באַנוצט דער דיכטער דאָס בילד פון אַ זיך-פּאַשנדיקער סטאַדע מיט פרייליך-שפּרינגענדיקע שעפּסעלעך, פון וועלכע מיר קאָנען פונדערווייטנס נישט מער אויפנעמען, ווי אַ ווייסן פלעק אויפן גרינעם בערגל.

די אַטאָמען שילדערט לוקרעציוס אַלס אַזעלכע, וואָס האָבן די אויסערסט-פילפאַכיקע פאָרמען. דאָ גלאַטיקע און קיילעכדיקע, דאָ רייביקע און שפּיציקע, דאָ האָקנאַרטיקע אָדער צווייגאַרטיקע, זענען זיי לויט זייער נאַטור אין אַ באַשטימטן זין משפּיע אויף אונזערע חושים אָדער אויף די אייגנשאַפטן פון די קערפּער, אין וועמעס באַשטאַנד זיי גייען אַריין. די צאָל פון די פאַרשידענע פאָרמען איז באַגרעניצט, אָבער פון יעדער פאָרם איז פאַראַן אַן אומענדלעכע צאָל אַטאָמען. אין יעדן קערפּער פאַרבינדן זיך די פאַרשידנסטע אַטאָמען איינער מיטן אַנדערן אין באַזונדערע פאַרהעלטנישן, און דורך דערדאָזיקער קאָמבינאַציע איז מעגלעך, פּונקט ווי ביי די קאָמבינאַציע פון די אותיות אין די ווערטער, אַ נישט-גלייך-גרעסערע פילפאַכיקייט פון די קערפּער, ווי זיי וואָלטן געקאָנט אַרויסקומען פון די פאַרשידענע פאָרמען פון די אַטאָמען.

דאָ קאָנען מיר נישט אַריבערגיין איבער דער פּאָעטישער שטעלע, וואָס איז אין הסכם מיטן גייסט פון אונזער דיכטער, און וועלכע איז איינגעפלאָכטן אין דער קריטיק פון דער מי-טאָלאָגישער נאַטוראויפפאַסונג:

„אויב עמיצער רופט אָן דעם ים-נעפּטון און די תבואה — צערעס, און וויל ליבערשט מיסברויכן מיטן נאָמען באַקכוס, איידער אָנצורופן די פליסיקייט ביים ריכטיקן נאָמען, קאָנען מיר דערלויבן, אַז ער זאָל אָנרופן די ערד-קויל — מוטער פון די געטער, אויב ער היט זיך אין דער ווירקלעכקייט צו באַפלעקן זיין געדאַנק מיט דער געמיינער רעליגיע" 69).

נאָכדעם ווי לוקרעציוס לערנט אונז ווייטער, אַז די פאַרבן און די איבעריקע זינלעכע קוואַליטעטן זענען נישט נוגע די אַטאָמען, נאָר זיי זענען פּועל-יוצאס פון זייער ווירקונגסקרייז אין באַשטימטע פאַרהעלטנישן און צירופים, גייט ער איבער

צו דער וויכטיקער פראַגע וועגן פאַרהעלטניש פון דער עמ־פינדונג צו דער מאַטעריע.

די גרונטאָנשויונג איז דאָ, אַז דאָס עמפינדנדיקע אַנט־וויקלט זיך פונם אומעמפינדלעכן. דער דיבטער פרעציזירט די־דאָזיקע אָנשויונג, אַז נישט פון יעטוועדער זאַך קאָן אונטער אַלע אומשטענדן באַלד אַנטשטיין עמפינדונג, נאָר עס ווענדט זיך שטאַרק אָן דער סובסטעלקייט, פאָרם, באַוועגונג און אָרדנונג פון דער מאַטעריע, צי זי זאָל געבוירן אַן עמפינדנדיק מיט חושים באַשאַנקען ווען, אָדער נישט. עמפינדונג געפינט זיך נאָר אין אָרגאַנישן קערפּער פון די חיות70), אָבער נישט אין באַזונדערע טיילן, נאָר אינם גאַנצן.

דאָ זענען מיר צוגעקומען צו איינעם פון יענע פונקטן, ווו דער מאַטעריאַליזם. ווי קאָנסעקווענט ער זאָל נישט זיין, פאַרלירט יעדעסמאָל — צפן אָדער פאַרבאָרגן — זיין אייגענעם באָדן. מיטן פאַרייניקן די טיילן אַלס גאַנצעס ווערט באַשיינ־פערלעך איינגעפירט אַ נייער מעטאַפיזישער פרינציפּ, וואָס האָט נישט קיין אָרט לעבן די אַטאָמען און דעם פוסטן רוים.

די ראיה, — אַז עס זאָל אַזוי זיין, אַז די עמפינדונג געפינט זיך נישט אין די איינצעלנע אטאָמען, נאָר אין גאַנצן, ברענגט לוקרעציוס נישט אָן הומאָר. עס וואָלט נישט אויס־געמאַכט, מיינט ער, ווען די מענטשלעכע אַטאָמען וואָלטן אַמאָל געקאָנט וויינען, אַמאָל לאַכן, און מיט חכמה רעדן וועגן דער אויסמישונג פון די זאַכן און ווייטער פרעגן, וואָס פאַרא אור־באַשטאַנדטיילן זיי גופא באַזיצן. יעדנפאַלס מוזן זיי האָבן אַזעלכע אַטאָמען, כדי צו קאָנען עמפינדן און דאַן וואָלטן זיי שוין אויפגעהערט צו זיין אַטאָמען. דאָ האָט ער, וואָס אַן אמת, פאַרזען, אַז די אַנטוויקלטע מענטשלעכע עמפינדונג קאָן זיין אַ גאַנצעס, וואָס אַנטשטייט דורך אייגנטימלעכע צוזאַמענ־ווירקן פון פילפאַכיקע נידעריקערע עמפינדונגען, אָבער די וועזנט־לעכע שוואַכקייט בלייבט דאָ דיזעלבע. דידאָזיקע עמפינדונג פון גאַנצן קאָן אין קיין שום פאַל נישט זיין קיין פשוטער פועל־יוצא פון וועלכע נישט איז פונקציעס פון איינצעלנעם,

אָן דעם, אַז דאָס גאַנצע זאָל נישט האָבן אין זיך אַ געוויסע וועזנהאַפטיקייט; ווייל עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז פון אַן אומאויספירבאַרער סומירונג פון אומעמפינדלעכקייט פון אַטאָמען, זאָל אַרויסקומען די עמפינדונג פון דערדאָזיקער סומע.

דאָס אָרגאַנישע גאַנצע איז בכן אַ גאַנץ נייער פרינציפ לעבן די אַטאָמען און דעם פוסטן רוים, הגם דערדאָזיקער פרינציפ ווערט נישט אָנערקענט אַלס אַזעלכער.

דער סוף פון צווייטן בוך איז אין זיך כולל אַ גרויס־אַרטיקן און דרייסטן אויספיר פון די ביזאַהער אַרויסגעזאָגטע מיינונגען. די לערע פון די מאַטעריאַליסטן פון אַלטערטום וועגן דער אומענדלעכער צאָל וועלטן, וועלכע אַנטשטייען אין אומגעהייערע צייטרוימען און ווייטע שטחים, לעבן־איבער־און צווישן־אייגאַנדער, דויערן לאַנגע עפּאָכן און ווערן ווידער חרוב.

ווייט מחוץ די גרעניצן פון אונזער זעבאַרער וועלט געפינען זיך אין אַלע צייטן אומצייליקע אַטאָמען, וועלכע זענען נאָך נישט פאַרבונדן אַלס קערפער, אָדער אַטאָמען, וואָס זענען אין דער ענדלאָזער צייט ווידער צעזייט געוואָרן; און זייער שטיל פאַלן קומט פאָר דורך די רוימען און צייטרוימען, וועלכע קיינער קאָן נישט אויסמעסטן. און היות ווי אין גאַנצן אַל זענען פאַראַן דיזעלבע באַדינגונגען, דעריבער מוזן זיך אויך די דערשיינונגען איבערחזרן. איבער אונז, אונטער אונז, לעבן אונז, זענען דעריבער פאַראַן וועלטן, אַ נישט דערמעסטבאַרע צאָל, און ביים באַטראַכטן דאָס מוז פאַרשווינדן ווערן יעדער געדאַנק וועגן דער אָנפירונג פון דאָזיקן גאַנצן דורך די געטער. זיי אַלע זענען אונטערגעוואָרפן דעם ווערן און פאַרגיין, און אָדער זיי ציען צו נייע אַטאָמען פון ענדלאָזן רוים, אָדער זיי ליידן דורכן צעזייט ווערן פון די טיילן גרויסע היזקות. אונזער ערד עלטערט זיך שוין. דער באַיאָרטער ערד־אַרבעטער שאָקלט זיפצנדיק מיטן קאָפ, און דער פרומקייט פון זיינע עלטערן שרייבט ער צו יענעם בעסערן דערפאָלג פון די פריערדיקע צייטן פון אונזער וועלט, אָבער אין אונזער צר־

בעט שטעקט קיין ברכה נישט, ווייל די ערד עלטערט זיך און דערנענטערט זיך וואָס אַמאָל מער צו איר סוף.

אין דריטן בוך פון זיין דידאַקטיש ליד זאַמלט לוקרעציוס צונויף די גאַנצע קראַפט פון זיין פילאָזאָפיע און דיכטונג, כדי צו שילדערן דעם מהות פון דער נשמה און צו באַקעמפן די לערע וועגן השארת-הנפש. דאָ איז דער אויסגאַנגספּונקט די באַזייטיקונג פון דער מורא פאַרן טויט. דערדאָזיקער מורא, וועלכע פאַרסמט יעדן תענוג, שרייבט דער דיכטער צו אַ גרויסן טייל פון יענע תאוות, וואָס טרייבן דעם מענטשן צו פאַרברעכן. די אָרעמקייט שיינט פאַר זיי, ווען עס ברוסט איז נאָך נישט געלייטערט געוואָרן דורך דער ריכטיקער דערקענטניש, צו זיין דאָס טויער פונם טויט. כדי וואָס ווייטער צו אַנטרינען פונם טויט, זאַמלט דער מענטש צונויף רייכטימער דורך די שענדלעכסטע פאַרברעכנס; נאָכמער, די מורא פאַרן טויט קאָן אַזוי ווייט פאַרבלענדן, אַז מען זוכט דאָס, פאַר וועלכן מ'אַנטלויפט: זי קאָן טרייבן צום זעלבסטמאָרד, מחמת זי מאַכט דאָס לעבן אומדערטרעגלעך.

לוקרעציוס אונטערשיידט נשמה (anima) און גייסט (animus). ביידע, דערקלערט ער, זענען שטאַרק מיט אייגאַנדער פאַרבונדענע באַשטאַנדטיילן פונם מענטשן. פּונקט ווי די האַנט, דער פוס, דאָס אויג, זענען אָרגאַנען פון לעבעדיקן וועזן, אַזוי איז אויך דער גייסט. ער וואַרפט אָפּ די אָנשויונג, לויט וועלכער די נשמה — דאָס איז די האַרמאָניע אין גאַנצן קערפּערלעכן לעבן. די וואַרימקייט און לעבנסלוסטיקייט, וועלכע פאַרלאָזט דעם קערפּער נאָכן טויט, בילדעט די נשמה, און זייער סובטעלסטער, אינעלערכסטער באַשטאַנדטייל, וואָס האָט זיין זיצאָרט אין דער ברוסט און נאָר ער אַליין עמפּינדט, איז דער גייסט; ביידע האָבן אַ קערפּערלעכע נאַטור און באַשטייען פון די קלענסטע, קיילעכדיקסטע און באַוועגלעכסטע אַטאָמען.

ווען דער טעם פון וויין ווערט אויסגעוועפּט, אָדער דער ריח פון אַ זאַלב ווערט צעשוווּמען אין דער לופט, באַמערקט מען אָבער נישט קיין פאַרמינערונג פון דער וואָג. אַזוי איז

עס אויך מיט די קערפּער, ווען די נשמה איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

די שווערקייט, וואָס מוז דאָ אַנטשטיין: געגויער צו באַשטימען דאָס זיצאָרט פון דער עמפּינדונג, ווערט דורך עפּיקורס שיטה פולשטענדיק אויסגעמיטן אויפן באַדייטונגספולן פונקט, און נישט געקוקט אויפן אומגעהויערן פאָרשריט פון דער פיזיאָלאָגיע געפינט זיך נאָך דאָ דער מאַטעריאַליזם פון פאַריקן יאָרהונדערט אויפן זעלבן אָרט. די איינצעלנע אַטאָמען עמפּינדן נישט, זייער עמפּינדונג וואָלט זיך אויך נישט געקאָנט צונויפגיסן, מחמת דער פוסטער חלל, וואָס האָט נישט פאַר דעם קיין סובסטראַט, קאָן זיי נישט פירן און נאָך ווייניקער נישט מיטפילן. דעריבער שטויסט מען זיך ווידער אָן אויף דעם אורטייל: די באַוועגונג פון די אַטאָמען איז עמפּינדונג.

עפּיקור, און מיט אים לוקרעציוס, באַמיט זיך אומזיסט צו פאַרבאָרגן דעמדאָזיקן פונקט דערמיט, וואָס צו די סובטעלע לופט־, פאַרע־ און וואַרעמקייט־אַטאָמען ווערט צוגעשטעלט נאָך אַ פערטער גאַנץ נאָמענלאָזער און סובטעלסטער, אינערלעכסטער, באַוועגלעכסטער באַשטאַנדטייל, וואָס בילדעט די נשמה פון די נשמות 71) אָבער דידאָזיקע פיינסטע נשמה־אַטאָמען ענדערן נישט די פראַגע, פונקט ווי עס ענדערן זי נישט דעַ־לאַ־מעטריס ציטעריקע מוח־סטרונעס, געמלעך:

ווי אַזוי קאָן די באַוועגונג פון אַ קערפּער, וואָס איז נישט עמפּינדנדיק, זיין עמפּינדונג? ווער זשע עמפּינדט? ווי אַזוי יוערט עמפּינדן? ווו? — אויף דידאָזיקע פראַגן גיט נישט לוקרעציוס קיין שום תשובה. מיר וועלן זיך שפּעטער ווידער באַגעגענען מיט אים.

אַ באַדייטנדיקער טייל פונם בוך איז געווידמעט דער אויספירלעכער אָפּלייקענונג פון דער לערע אין השארת־הנפש אין יעדער מעגלעכער פאָרם. מ׳זעט וואָס פאַראַ וויכטיקייט דערדאָזיקער פונקט האָט פאַרן דיכטער, מחמת דער פועל־יוצא באַקומט זיך שוין בעיקר פון דעם בריער געזאָגטן. דער סוף פון דער מסקנא איז: דער טויט איז פאַר אונז אַ גלייכגילטיקע

זאַך, ווייל גלייך מיט זיין אָנקומען איז שוין מער נישטאָ קיין סוביעקט, וואָס זאָל קאָנען עמפינדן וועלכעס-נישט איז שלעכטס.

אין דער מורא פונם מענטש פאַרן טויט, — זאָגט דער דיכטער, — וועלכער זעט פאַרויס ווי דער גוף ווערט פאַרפוילט אין דער ערד, אָדער פאַרברענט פון די פלאַמען, אָדער צעריסן פון ווילדע חיות, שטעקט תמיד אַ פאַרבאָרגן איבערבלייבעכץ פון דער פאָרשטעלונג, אַז ער גופא וועט דאָס אַלץ מוזן ליידן. אפילו בעת ער לייקנט אין דערדאָזיקער פאָרשטעלונג, פילט ער זיך נאָך און קאָן זיך — דעם סוביעקט — פולשטענדיק אויסשליסן פון לעבן. ער פאַרזעט, אַז ביי זיין אמתן טויט קאָן ער נישט זיין אַ טאָפּלטער און אַליין באַוויינען זיין אייגענעם גורל. „עס וועט זיך שוין מער נישט מקבל-פנים זיין די פרייליכע היים, נישט דאָס ליבע ווייב און נישט די זיסע קינדערלעך וועלן נישט אַנטקעגנלויפן דיינע קושן און אָנפילן דיין האַרץ מיט שטילן נחת. איצט קאָנסטו שוין מער נישט געניסן דאָס גליק אַלס שומר פון דער משפחה" אַזוי קלאָגן זיי — „אַלע דאָזיקע גיטער פון לעבן האָט דיר צוגערויבט אַ שרעקלעכער טאָג". אָבער איינס פאַרגעסן זיי צוצוגעבן: „און דו בענקסט שוין מער נישט נאָך יענע זאַכן". אויב זיי וואָלטן זיך וועגן דעם פאַרטראַכט, וואָלטן זיי זיך באַפרייט פון גרויסער אַנגסט און שרעק.

„דו, וואָס ביסט מיט אַמאָל איינגעשלאָפן אין טויט, וועסט אויף שטענדיק זיין באַפרייט פון אַלע שמערצן; מיר אָבער הערן נישט אויף צו וויינען ביים שרעקלעכן קבר איבער דיין אַש, און קיין שום טאָג וועט פון אונז נישט אַוועקנעמען די אייביקע זאָרג. אויב איינער רעדט אַזוי, דאַרף מען אים פרעגן: וואָס איז פאַראַן אַ שלעכטס אין דעם, וואָס עמיצער איז געקומען צו רו און שלאָף, אַז מ'זאָל דאַרפן אייביק טרויערן?"

דער סוף פון דריטן בוך, פון דער שטעלע אָן, וואָס מיר האָבן דאָ כמעט ווערטלעך איבערגעגעבן, אַנטהאַלט אַ סך טרעפלעכע און אינטערעסאַנטע געדאַנקען. די נאַטור גופא רעדט

דאָ און ווייזט אויף דעם מענטש די אייטלקייט פון דער מורא פאַרן טויט. זייער שיין באַנוצט ווייטער דער דיכטער די אָפּשרעקנדיקע מיטאָסן וועגן שאול תחתיה, מיט וועלכער ער טייטשט אויס דאָס מענטשלעכע לעבן מיט זיינע שרעקן אוןליידנשאַפטן. ווען מיר וואָלטן נישט געדענקט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן קלאַסישע אָנשויוּנגען, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז מיר הערן דאָ אַ ראַציאָנאַליסט פון פאָריקן יאָרהונדערט.

נישט טאַנטאַלוס אין שאול תחתיה שרעקט זיך אומזיסט פאַר דעם פעלז, וואָס דראָט זיין קאָפּ, נאָר די שטערבלעכע מענטשן פייניקן זיך ביים לעבן צוליב דער מורא פאַר געטער און פאַרן טויט. אונזער טיטיאָס איז נישט דער ריז פון דער אונטערוועלט, וואָס ליגט אויסגעצויגן אויף ניין מאָרגעס און ווערט אייביק צעפרעסן פון די גייערס, נאָר יעדער איינער, וואָס ווערט פאַרצערט פון די יסורים פון ליבע אָדער פון וועלכער נישט איז תאווה. דער כבוד-זוכער, וואָס טראַכט וועגן הויכע פאָסטנס אין דער מלוכה, קוילערט, פונקט ווי סיזיפוס, אויפן באַרגאַרויף אַן אומגעהויערן שטיין, וועלכער קייקלט זיך תיכּף פון דער הויך צוריק אונטן אַראָפּ. דער צאָרניקער צערבער און אַלע די שרעקן פון טאַרטאַרוס באַדייטן די שטראָף, פאַר וועלכע די פאַרברעכער דאַרפן מורא האָבן, און אַפילו ווען ער אַנטלויפט פון תפיסה און פון דער שענדלעכער עקזעקוציע, פייניקט אים דאָך שטענדיק זיין געוויסן מיט אַלע דראָונגען פון דער גערעכטיקייט.

העלדן און קיניגן, גרויסע דיכטער און חכמים זענען געשטאָרבן, און מענטשן, וועמעס לעבן האָט אַ קלענערן ווערט, שטאַרבן זיך אַנטקעגן דעם טויט. און דאָך פאַרברענגען זיי זייער לעבן אין פייניקנדיקע חלומות און אייטלע דאגות, זוכן דאָס אומגליק אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט, און ווייסן אַליין נישט, וואָס עס פעלט זיי. וואָלטן זיי דאָס געוווּסט, וואָלטן זיי אַוועקגעוואָרפן אַלע זייערע אַנדערע געשעפטן, און זיך בלויז אָפּגעגעבן מיט דער דערקענטניש פון דער נאַטור פון די זאַכן, ווייל עס

האַנדלט זיך דאָ וועגן אַזאַ לאַגע, אין וועלכער דער מענטש וועט נאָכן אויסלאָז לעבן בלייבן אויף אייביקע צייטן.

דאָס פערטע בוך אַנטהאַלט די ספּעציעלע אַנטראָפּאָלאָגיע. עס וואָלט אונז דאָ צו-ווייט פאַרפירט צו ציטירן די צאָלרייכע און איבעררא̇שנדיקע נאַטורבאַאָבאַכטונגען, אויף וועלכע דער דיכטער שטיצט זיך אין זיין לערע. די לערעס גופא זענען די זעלבע, ווי עפּיקורס, און היות עס גייט אונז דאָ נישט אין די אור-התחלות פון פיזיאָלאָגישע היפּאָטעזעס, נאָר אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון גרויסע גרונטאָנשויונגען, וועלן מיר זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס מיר האָבן שוין אויבן איבערגעגעבן פון עפּיקורס לערע וועגן די חושים-עמפינדונגען.

דער סוף פון בוך פאַרנעמט זיך מיט אַן אויספירלעכער אָפּהאַנדלונג וועגן דער ליבע און דעם געשלעכטספּאַרקער. נישט לויט די געוויינלעכע באַגריפן, וואָס מיר האָבן וועגן עפּיקורס סיסטעם, נישט לויט דעם גלענצנדיקן פּאָעטישן רוף צו דער ווענוס אין אָנהייב פון בוך, האָט מען זיך געקאָנט ריכטן אויף דער ערנסטקייט און גענויאיקייט, מיט וועלכער דער דיכטער טרעט דאָ צו צו דעם ענין. ער באַהאַנדלט זיין טעמע שטרענג נאַטורהיסטאָריש, און בעת ער באַמיט זיך צו דערקלערן די אַנטשטייונג פון די געשלעכטלעכע תאוות, וואַרפט ער זיי צוגלייך אָפּ אַלס אַ שלעכטס.

דאָס פינפטע בוך איז געווידמעט דער ספּעציעלער דערציילונג וועגן דער אַנטשטייונגס-געשיכטע פון דער הויה, ערד און ים, שטערן און לעבעדיקע וועזנס. כאַראַקטעריסטיש איז דאָ די שטעלע וועגן דער רו פון דער ערד אינמיטן פון דער וועלט.

אַלס טעם ווערט אָנגעגעבן די נישטצעררייסבאַרע פאַרבינדונג פון דער ערד מיט די לופטפאָרמיקע אַטאָמען, וואָס ליגן אונטער איר, און זיי ווערן נישט געדריקט דורך איר, מחמת זיי זענען מתחילת אָן פעסט פאַרבונדן מיט איר. מיר מוזן צוגעבן, אַז דידאָזיקע אויפפאַסונג איז אַביסל נישטקלאָר,

אויך העלפט דאָ נישט בעסער צו פאַרשטיין די זאַך דער פאַר-גלייך מיטן מענטשלעכן קערפּער, וועלכן עס באַשווערן נישט זיינע אייגענע אברים און ער ווערט געטראָגן דורך די סוב-טעלע לופטפאַרמיקע טיילעכלעך פון דער נשמה. מיר מוזן דאָך באַמערקן, אַז דער געדאַנק וועגן אַן אַבסאָלוטער רו פון דער ערד איז אַזוי ווייט פון דיכטער, מחמת דאָס וואָלט געשטאַנען אין סתירה צו זיין גאַנצער שיטה. דער וועלטאַל מוז, פונקט ווי אַלע אַטאָמען, באַטראַכט ווערן אַלס אַ פאַלנדיקער, און ס׳איז נאָר מאָדנע, הלמאי לוקרעציוס דערקלערט נישט, אַז די לופטאַטאָמען, וואָס געפינען זיך אונטער דער ערד, ווערן נישט געדריקט דורך איר, מחמת זיי טרעטן פריי אָפּ אונטן 72).

אינדעראמתן, וואָלט עפּיקור און זיין שול פולשטענדיק קלאָר באַצייכנט דאָס פאַרהעלטניש פון דער רעלאַטיווער רו און באַוועגונג, וואָלטן זיי מקדים געווען זייער צייט מיט אַ סך יאָרהונדערטער.

שוין ביי עפּיקורן האָבן מיר געזען די מי צו דערקלערן די נאַטור מיט דער הילף פון מעגלעכן, נישט ווירקלעכן. לו-קרעציוס דריקט דאָס אויס מיט אַזאַ שטאַרקייט, אַז אין פאַר-בינדונג מיט די מסורות פון דיאָגענעס פון לאַערטעס מוזן מיר קומען צו דער מסקנא, אַז אין דאָזיקן פונקט האָבן מיר פאַר זיך נישט גלייכגילטיקייט אָדער אויבערפלעכלעכקייט, ווי אַנ-דערע מיינען, נאָר אַ באַשטימטן, לויטן גרונטגעדאַנק אַפילו מעגלעכסט-עקזאַקטן מעטאָד פון דער עפּיקורייאישער שול 73).

רעדנדיק וועגן די סיבות פון דער באַוועגונג פון די שטערן, זאָגט דער דיכטער: „עס איז שווער צו זאָגן, וואָס מ׳דאַרף האַלטן פאַר זיכער אויף דערדאָזיקער וועלט; אָבער וואָס איז מעגלעך, אָבער וואָס עס געשעט אין אַל און אין פאַרשידענע, אויף אַ פאַרשידענעם אופן געשאַפענע וועלטן, וועגן דעם לערן איך און באַמי זיך אויסצוגעפינען די פילפאַ-כיקע סיבות אין אַל פאַר דער באַוועגונג פון די שטערן; איינע פון די סיבות איז פאַרט גורם צו זייער באַוועגונג; אָבער

וועלכע סיבה דאָס איז, דאָס קאָן מען ביי אַ פּאָרזיכטיקן (pedetentum) פאָרשריט בשום אופן נישט וויסן"74).

דער געדאַנק, אַז ביי דער אומענדלעכקייט פון דער וועלט איז אויך ערגעץ-ווו פאַרטרעטן דער סך-הכּל פון די מעגלעכקייטן, אַנטשפּרעכט דורכויס דעם סיסטעם; אינם פאַרגלייכן דעם סכום פון דעם, וואָס איז מעגלעך אין מחשבה, מיט דער סומע, וואָס איז מעגלעך אין דער ווירקלעכקייט, און בכן אויך מיט דעם, וואָס עס געפינט זיך אין וועלכער נישט איז פון די אומענדלעך פיל וועלטן, ליגט אַ געדאַנק, וואָס קאָן נאָך היינטצוטאָג וואַרפן אַ נוצלעכן פאַס-ליכט אויף דער באַליבטער לערע וועגן דער אידענטישקייט פון זיין און פון דענקען. בעת די עפּיקורייִשע נאַטורפאָרשונג ווענדט זיך צו דעם סכום פון דענקבאַרן — נישט צו באַליביקע פאַראיינצעלטע מעגלעכקייטן, — נעמט זי אויך אַרום דעם סכום פונם זייענדיקן; נאָר ביי דער אַנטשיידונג וועגן עפּעס אַ באַשטימטן פאַל, מישט זיך אַריין דאָס סקעפּטישע „האַלט דיך איין", און פאַרהיט פון אַן אורטייל, וואָס גייט איבער די גרענעץ פון ווירקלעכער דערקענטניש. דעמדאָזיקן טיפזיניקן, ווי אויך פאָרזיכטיקן מעטאָד אַנטשפּרעכט גאַנץ גוט די הנחה וועגן דעם, אַז אַ באַשטימטע דערקלערונג איז וואַרשיינלעכער ווי די איבעריקע דערקלערונגען; און פאַקטיש האָבן מיר שפּורן, אַז די דערקלערונג, וואָס לייגט זיך אויפן שכל, באַקומט דעם יתרון איבער די אַנדערע.

צו די באַדייטנדיקסטע טיילן פון גאַנצן ווערק קאָן מען צורעכענען די יעניקע קאַפּיטלען פון פינפטן בוך, וועלכע באַהאַנדלען די בהדרגהדיקע אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן מין. מיט רעכט זאָגט צעלער, וועלכער גיט נישט בכלל גערעכט עפּיקורן, אַז בנוגע דידאָזיקע פּראָבלעמען האָט עפּיקורס פילאָזאָפיע פאַרשפּרייט זייער געזונטע אָנשויונגען.

לויט לוקרעציוס איז אין דער אורצייט דער מענטשלעכער מין געווען באַדייטנד שטאַרקער וו ידער איצטיקער און באַזעסן גוואַלטיק שטאַרקע ביינער און פעסטע אָדערן. פאַרהאַר-

געוועט קעגן פראָסט און היץ, האָט ער געלעבט, ווי די חיות, נישט געוווּסט פון דער קונסט פון ערדאַרבעט. די פרוכטבאַרע ערד האָט אַליין אַרויסגעגעבן שפּייז און די טייכן און קוואַלן האָבן געשטילט זיין דורשט. ער האָט געוווינט אין וועלדער און הייֵלן, נישט געוווּסט פון קיין זיטן און געזעצן. ס'איז אים פרעמד געווען דער געברויך פון פייער און פון דער פעל אויף באַקליידונג, אין קאַמף מיט חיות האָט ער דעם גרעסטן טייל באַזיגט און איז פאַרפאָלגט געוואָרן נאָר פון אַ קליינעם טייל. בהדרגה האָבן זיי זיך אויסגעלערנט בויען ביידלעך, באַאַרבעטן פעלדער און באַנוצן זיך מיט פייער; עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פאַמיליענלעבן, און דער מענטשלעכער מין איז געוואָרן מילדער. די שכנים האָבן איינגעשטעלט צווישן זיך פריינטשאַפטלעכע באַציונגען, מ'האָט אָנגעהויבן צו שוינען פרויען און קינדער, און הגם ס'האָט נאָך נישט געהערשט קיין פולשטענדיקע אחדות, האָבן זיי ס'רוב געלעבט אין שלום.

די נאַטור האָט אויסגעלערנט דעם מענטש אַרויסצוגעבן די פאַרשידנסטע שפּראַך-קלאַנגען און די אָנווענדונג זייערע האָט געשאַפן די נעמען פון די זאַכן אויפן זעלבן אופן, ווי די ערשטע אַנטוויקלונג פון קינד רעגט עס אָן צו באַנוצן זיך מיט דער שפּראַך, אָנווייזנדיק מיט די האַנט דאָס, וואָס עס וויל זען. פונקט ווי דאָס ציגעלע פילט זיינע הערנער און וויל מיט זיי אָנגרייפן, איידער זיי זענען נאָך אויסגעוואָקסן, פונקט ווי די יונגע לעמפּערטן און לייבן ווערן זיך מיט די לאַפּעס און פּיסק, נאָך איידער זיי באַזיצן נעגל און ציין, פונקט אַזוי ווי מיר זעען די פייגל פּרוּוון גאָר פרי פליען, אַזוי טוט אויך דער מענטש מיט זיין שפּראַך. עס איז בכן אַן אומזין צו מיינען, אַז עמיצער האָט דעמאָלט געגעבן די זאַכן נעמען, און דערפון האָבן זיך די מענטשן געזאָלט אויסלערנען די ערשטע ווערטער; ווייל פאַרוואָס זאָל מען אָננעמען, אַז דער עמיצער האָט אַלץ געקאָנט באַצייכענען מיט קלאַנגען און אַרויסרופן פאַרשידנאַרטיקע טענער פון דער שפּראַך, און די אַנדערע האָבן אין דערזעלבער צייט דאָס נישט געקאָנט טון; און ווי אַזוי האָט יענער

קענער געקאָנט באַוועגן די אַנדערע מענטשן, אַז זיי זאָלן זיך באַנוצן מיט קלאַנגען, וועמעס צוועק און באַדייטונג איז פאַר זיי געווען אומבאַקאַנט?

אַפילו די חיות גיבן אַרויס אין מינוטן פון מורא, שמערץ און פרייד גאָר פאַרשידענע קלאַנגען. דער מאָלאָס הונט, וואָס בורטשעט און שטשירעט מיט די ציין, בילט אָדער שפּילט זיך מיט זיינע הינטעלעך, און וואָיעט, ווען מ'לאָזט אים איבער אין דער היים, און קוויטשעט, בעת ער אַנטלויפט פאַר קלעפּ, גיט אַרויס פון זיך די פאַרשידנסטע טענער. דאָסזעלבע איז אויפגעוויזן געוואָרן בנוגע אַנדערע חיות. און — מכל שכן — פאַרענדיקט דער דיכטער — דאַרף מען אָננעמען, אַז די מענטשן האָבן שוין אין דער אורצייט געקאָנט באַצייכענען די פאַרשיידענע זאַכן מיט וואָס אַמאָל אַנדערע נעמען.

אויפן זעלבן אופן ווערט באַהאַנדלט די בהדרגהדיקע אַנטוויקלונג פון דער קונסט. ער אַנערקענט, וואָס אַן אמת, דערפינדונגען און אַנטדעקונגען, אָבער קאָנסעקווענט געטריי זיין וועלטאָנשויונג, שרייבט ער צו די וויכטיקסטע ראָל מער־ווייניק דעם בלינדן צופאַל. ערשט נאָך דעם, וואָס ער האָט גענוג געבלאָנדזשעט, קומט דער מענטש צו צום ריכטיקן וועג, וועלכער דערהאַלט זיך צוליב זיין באַשיינפּערלעכן ווערט און מ'הייבט אָן צו באַנוצן זיך מיט אים. מיט אַ באַזונדערער סובּ־טעלקייט צייכנט זיך דערצו אויס דער געדאַנק, אַז שפּינערײ און וועבעריי איז מסתּם מתחילת געווען די באַשעפטיקונג פון דערפינדערישן מענלעכן געשלעכט און ערשט שפּעטער זענען זיי איבערגעגאַנגען צום ווייבלעכן, בעת די מענער האָבן זיך ווידער גענומען צו די שווערערע אַרבעטן.

היינטצוטאָג, ווען די פּרויענאַרבעט דרינגט אַריין שריט נאָך שריט (און טיילמאָל אין שפּרונגען) אין די אַרבעטסגעביטן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך די מענער און אויסשליסלעך דאָרט געווען באַשעפטיקט, איז דערדאָזיקער געדאַנק פאַר אונז בעטער, ווי אין די צייטן פון עפּיקור און לוקרעציוס, ווען עס זענען נישט פאָרגעקומען, לויט ווי מיר ווייסן, אַזעלכע איבער־

טראָגונגען פון גאַנצע אַרבעטסגעביטן. אין שייכות מיט דידאָ-
זיקע היסטאָריש-פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען פלעכט דער דיכטער
אַריין זיינע געדאַנקען וועגן די פּאָליטישע און רעליגיעזע
אינסטיטוציעס. לוקרעציוס מיינט, אַז די מענטשן, וואָס האָבן
זיך אויסגעצייכנט מיט טאַלענט און מוט, האָבן אָנגעהויבן צו
בויען שטעט און פעסטונגען, און אַלס מלכים פאַרטיילט לויט זייער
איינזען דאָס לאַנד און באַזיץ צווישן די שענסטע, שטאַרקסטע
און באַגאַבטסטע פון זייערע אָנהענגער. ערשט שפּעטער האָבן
זיך צוזאַמען מיט דער אַנטדעקונג פון גאָלד געשאַפן די פאַר-
מעגנספאַרהעלטנישן, וועלכע האָבן באַלד דערלויבט די רייכע צו
דערהייבן זיך איבער קראַפט און שיינקייט. דאָס רייכטום
שאַפט זיך זיינע אָנהענגער און פאַרבינדט זיך מיט דער תאווה
צו כבוד. בהדרגה שטרעבן אַלע צו מאַכט און איינפלוס. די
קנאה גראָבט אונטער די מאַכט, די מלכים ווערן אַראָפּגעשליי-
דערט, און וואָס שטאַרקער מ'האָט פריער מורא געהאַט פאַר
זייערע טראָנען, אַלץ פאַרביטערטער צעשמעטערט מען זיי.
אַ געוויסע צייט הערשט דער פינצטערער המון, און ערשט פון
דאָזיקן אַנאַרכיסטישן איבערגאַנגסצושטאַנד שיילן זיך אויס גע-
זעצלעך-איינגעאָרדנטע פאַרהעלטנישן.

די איינגעפלאָכטענע באַמערקונגען דריקן אויס יענע רע-
זיגנאַציע און ווידערווילן צו יעטוועדער פּאָליטישער טעטיקייט,
מיט וועלכער עס האָט זיך איבערהויפּט אויסגעצייכנט אין אַל-
טערטום די מאַטעריאַליסטישע ריכטונג. פונקט ווי לוקרעציוס
שטעלט אַנטקעגן די יאָגעניש נאָך רייכטום — שפּאָרזאַמקייט
און זעלבסט-אויסקום, אַזוי איז אויך זיין מיינונג, אַז עס איז
אַ סאַך בעסער רויק (quietus) צו האָרכן, איידער צו וועלן
הערשן איבער די פאַרהעלטנישן און צו טראָגן די קיניגלעכע
קרוין. מ'זעט דאָ, אַז ס'איז אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן דער
אַלטער באַגריף פון דער בירגערלעכער טוגנט און עכט רע-
פּובליקאַנישער געמיינזאַמקייט פון זעלבסטפאַרוואַלטונג. דאָס
לויבן די פּאַסיווע געהאָרכזאַמקייט איז אידענטיש מיט דער
אָפּלייקענונג, אַז די מלוכה איז אַ מאָראַלישע געמיינשאַפט.

מיט אומרעכט האָט מען דידאָזיקע אויסשליסלעכע באַריקזיכטיקונג פונם שטאַנדפונקט פון יחיד ענג פאַרבונדן מיטן אַטאָמיזם פון די נאַטורלערע. אויך די סטאָאיקער, וועמעס ריכטונג צו אַ מאָראַלישע מעשים איז דאָך אויך נוגע געווען דער פּאָליטיק, האָבן זיך אין שפּעטערדיקע צייטן אַנטשיידנדיק אָפּגעקערט פון די מלוכה-ענינים; פון דער צווייטער זייט איז די געמיינשאַפט פון די חכמים, וואָס די סטאָאיקער האָבן אַזוי הויך געשטעלט, אַרויסגעטרעטן ביי די עפּיקורייער אין אַן ענגערער און האַרציקער פאָרם פון פריינטשאַפט. אָבער אַ סך מער איז דער אונטערגאַנג פון דער יוגנטלעכער קראַפט פון דער מלוכה-אָרגאַניזירונג ביי די אַלטע פעלקער, די ירידה פון דער פרייהייט, די צעפּוילטקייט און האָפנונגסלאָזיקייט פון די פּאָליטישע צושטאַנדן, — שולדיק דערין, וואָס די פילאָזאָפן פון יענער צייט זענען געטריבן געוואָרן צום „קוויעטיזם”.

די רעליגיע פירט לוקרעציוס אַרויס פון אורשפּרינגלעך ריינע מקורים. אויף דער וואָר און אין חלום האָבן די מענטשן געזען במחשבה די הערלעכע און מעכטיקע געשטאַלטן פון די געטער און די דידאָזיקע באַשעפענישן פון דער פאַנטאַזיע האָבן זיי צוגעשריבן לעבן, עמפּינדונג און איבערמענטשלעכע קראַפט. אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי געזען די רעגלמעסיקע שנויים אין די צייטן פון יאָר און דאָס אויפגיין און אונטערגיין פון די שטערן; היות ווי זיי האָבן נישט געוווסט די סיבה פון דידאָזיקע פראָצעסן, האָבן זיי איבערגעטראָגן די געטער אין הימל אַריין, די זיצערטער פון דער ליכטער, און זיי צוגעשריבן אַלע הימלסדערשיינונגען, ווי אויך דעם שטורעם און האָגל, בליץ און דעם שרעקליכן, דראָענדיקן דונער.

„אָ, דו אומגליקלעכער מענטשלעכער דור, וויאָס האָסט אַזעלכע זאַכן צוגעשריבן די געטער און אויף זיי אויסגעטראַכט אַזאַ שרעקלעכן צאָרן! וואָס פאַראַ צרות האָסטו געברענגט אויף זיך, וואָס פאַראַ ווונדן — פאַר אונז, וואָס פאַראַ טרערן — פאַר אונזערע יורשים”! (75). ווייטער שילדערט דער דיכטער, ווי דער מענטש האָט ביים אָנבליק פון די אָפּשרעקנ-

דיקע הימלס-דערשיינונגען געמוזט קומען דערצו, אַז אָנשטאָט דער רויִקער באַטראַכטונג פון זאַכן, וואָס זי אַליין איז דאָך די אמתע פרומקייט, האָט ער געפּרוּווט צו שטילן דעם פלומרשטן צאָרן פון די געטער דורכן ברענגען קרבנות און נדרים, וואָס העלפן דאָך גאָרנישט.

דאָס לעצטע בוך פון דער פּאָעמע אַנטהאַלט, אויב מ'קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, די פּאַטאָלאָגיע. דאָ ווערן אַרומגערעדט די סיבות פון די מעטעאָרישע דערשיינונגען. ער דערקלערט בליץ און דונער, האָגל און וואָלקן, דאָס שטייגן פון נילוס און די פייער-אויסברוכן פון דער עטנאַ. און פּונקט ווי אין פריערדיקן בוך בילדט די אורגעשיכטע פון דער מענטשהייט נאָר איין טייל פון דער קאָסמאָגאָניע, אַזוי ווערן אויך דאָ פאַרפלאָכטן די קראַנקהייטן פון די מענטשן און די מערקווירדיקע דערשיינונגען פונם וועלטאַל, און דער סוף פון גאַנצן ווערק איז די מיט רעכט באַרימט געוואָרענע שילדערונג וועגן דער פּעסט. אפשר האָט דער דיכטער בכיוון פאַרענדיקט זיין ווערק מיט אַ מיטרייסנדיקער שילדערונג פון דער מאַכט פון טויט, אַזוי ווי ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ הימן לכבוד דער געטין פון שפּראָצנדיקן לעבן.

פונם אינהאַלט פון זעקסטן בוך ווילן מיר דערמאָנען נאָר די אויספירלעכע שילדערונג פון די „אווערנישע ערטער" און די דערשיינונגען פון מאַגנעטיזם. דידאָזיקע דערשיינונגען האָבן מסתם באַזונדערס אַרויסגערופן די משכּילישע טענדענץ פונם דיכטער, זיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ באַזונדערע שוועריקייט פאַר זיין נאַטור-דערקלערונג, און ער האָט זיך באַמיט זיי צו באַזייטיקן מיט דער הילף פון אַ פאַרוויקלטער היפּאָטעזע.

„אווערנישע ערטער" האָבן די אַלטע פעלקער אָנגערופן אַזעלכע מקומות אויף דער ערד, אין וועלכע דער באָדן גיט אַרויס דאַמפן — ווי דאָס קומט גראָד נישט זעלטן פאָר אין איטאַליע, גריכנלאַנד און מערב-אַזיע — די ציוויליזאַציע-געגנטן פון יענער צייט — וועלכע טויטן מענטשן און חיות. דער

פֿאָלקסגלויבן האָט, נאַטירלעך, אָנגענומען דידאָזיקע ערטער אַלס פֿאַרבינדונג מיט דער אונטערוועלט, מיט דער מלוכה פֿון גאָט פֿון טויט, און דערקלערט די טויטברענגענדיקע ווירקונג מיטן אַרויס־קומען פֿון די גייסטער און דעמאָנישע וועזנס פֿון דער מלוכה פֿון שאָטן, וואָס באַמיען זיך אַראָפּצושלעפּן מיט זיך די נשמות פֿון די לעבעדיקע. דער דיכטער באַמיט זיך אויפֿצווייזן לויט דער פֿאַרשידענער נאַטור פֿון די אָטאָמען, ווי טייל פֿון זיי ברענגען שאָדן געוויסע באַשעפֿענישן, און טייל ברענגען נוצן פֿאַר די אַנדערע. דאַן גייט ער איבער צו די אומזעבאַרע זיך פֿאַרשפּרייטנדיקע גיפֿטשטאָפֿן און דערמאָנט לעבן געוויסע אַבער־גלויבישע מסורות אויך די פֿאַרגיפֿטונג דורך מעטאַל בשעת דער אַרבעט אין די בערג, און — וואָס עס איז שטאַרק נוגע חילוקי־דעותדיקע פֿאַלן — צו דער טויטנדיקער ווירקונג פֿון די קוילנאַויסדאַמפּונגען. באַטירלעך, שרייבט ער זיי צו — ווייל דער קוילנזויערשטאָף איז געווען אומבאַקאַנט אין אַלטערטום — צו די שלעכטע ריחות פֿון שוועבל. די ריכטיקע מסקנא וועגן אַ פֿאַרגיפֿטונג פֿון דער לופֿט דורך אויסדאַמפּונגען פֿון ערד־באָדן אויף יענע ערטער, קאָן דינען אַלס באַווייז, אַז אַ רעגל־מעסיקע, אויף אַנאַלאָגיעס זיך שטיצנדיקע באַטורדערקלערונג, האָט שוין געמוזט גורם זיין צו גרויסע פֿאָרשריטן אין דער דער־קענטניש, אַפֿילו אָן דער אָנווענדונג פֿון גענויע מעטאָדן.

די דערקלערונג וועגן דער ווירקונג פֿון מאַגנעט — ווי אומגענוגנדיק זי זאָל נישט זיין, ווייזט אונז אָן די סובטעלע און קאָנסעקווענטע אויסבילדונג פֿון דער היפּאָטעזע, וואָס דינט אַלס יסוד פֿון דער גאַנצער נאַטוראויפֿפֿאַסונג פֿון דער עפּיקו־רייאישער פֿיזיק. לוקרעציוס דערמאָנט קודם־כל אָן די באַשטענ־דיקע, אויסערסט־שנעלע און שטורמישע באַוועגונגען פֿון די סובטעלע אַטאָמען, וואָס צירקולירן אין די פּאָרעס פֿון אַלע קער־פּער און וואָס שטראַלן אַרויס פֿון זייער אויבערפֿלאַך. לויט זיין מיינונג שיקט יעדער קערפּער אין אַלע זייטן שטראָמען פֿון אַזעלכע אַטאָמען, וועלכע דערהאַלטן אַן אומאויפֿהערלעכע קעגנזייטיקע ווירקונג צווישן צלע זאַכן אין רוים. דאָס איז

די טעאָריע פון אַלגעמיינער עמאַנאַציע, וועלכע אַנטשפּרעכט דער וויבראַציע-טעאָריע פון די נייע נאַטורוויסנשאַפטן; די עקספּערימענטן פון אונזער צייט האָבן נישט בלויז באַשטעטיקט דידאַזיקע קעגנזייטיקע ווירקונגען — אָפּגעזען פון זייער פאָרם — נאָר אויך בנוגע זייער אַרט, מענגע און שנעלקייט אָנערקענט אַ גרעסערע באַדייטונג, ווי עס האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן די דרייסטסטע פאַנטאַזיע פון אַן עפּיקורייער.

לוקרעציוס לערנט אונז, אַז פון מאַגנעט קומט אַרויס אַזאַ העפטיקע אויסשטראָמונג, אַז דורך אַרויסשטויסן די לופט שאַפט זיך צווישן מאַגנעט און אייזן אַ חלל, אין וועלכן דער אייזן פאַלט אַריין. אַז דאָ קאָן נישט זיין קיין רייד פון אַ מיסטיש ווירקנדיקן horror vacui — שרעק פון ליידיקן — איז זעלבסטפאַרשטענדלעך פאַר דער פיזיק פון דערדאָזיקער שול. די ווירקונג ווערט אַרויסגערופן דורכדעם, וואָס יעדער קערפּער איז שטענדיק אונטערגעוואָרפן פון אַלע זייטן די שטויסונגען פון די לופטאַטאָמען, און בכן מוז ער אָפּטרעטן אין יענער ריכטונג, אין וועלכער ס'איז פאַראַן אַ חלל, אויב זיין וואָג איז נישט צו-גרויס, אָדער פאַרקערט: זיין געדיכטקייט איז אַזוי קליין, אַז די לופטשטראָמען קאָנען אומגעשטערט נעמען זייער וועג דורך די פאָרעס פונם קערפּער. דאָס דערקלערט אונז אויך, פאַרוואָס ווערט גראָד דאָס אייזן אַזוי שטאַרק צוגעצויגן דורכן מאַגנעט. דאָס דידאַקטישע ליד פירט דאָס פּשוט אַרויס פון דער סטרוקטור פון אייזן און פון זיין ספּעציפישער וואָג. פון די איבעריקע זעגען טייל, ווי למשל, גאָלד, צו שווער, אַז זיי זאָלן באַוועגט ווערן דורך יענע שטראָמען און געשטויסן ווערן דורכן ליידיקן רוים צום מאַגנעט-שטיין, און טייל ווידער, ווי למשל, דאָס האָלץ, זענען אַזוי הויל, אַז די שטראָמען קאָנען פריי פאַרבייפליסן אָן מעכאַנישן שטויס.

אויך דידאָזיקע דערקלערונג לאָזט נאָך איבער אַ סאַך פראַגן, אָבער דער אופן ווי אַזוי די זאַך ווערט אויפגעפאַסט, טיילט זיך אויס מיט זיין אָנשוילעכקייט פון די היפּאָטעזעס און טעאָריעס פון דער אַריסטאָטעלשער שול. קודם-כל אַנט-

שטייט די פראַגע, ווי אַזוי איז מעגלעך, אַז די אויספּליסונגען פון מאַגנעט זאָלן פאַרטרייבן די לופט, נישט אָפּטרייבנדיק מיטן זעלבן שטויס דאָס אייזן 76). מ׳וואָלט אויך מיט דער הילף פון אַ לייכטן פאַרגלייכנדיקן עקספּערימענט געקאָנט קאָנסטאַטירן, אַז אין רוים פון דער ווירקלעך געדיכטער לופט ווערן אַריינגעטריבן נישט בלויז אייזן, נאָר אויך אַנדערע קערפּער; אָבער גראָד דער אומשטאַנד, וואָס מ׳קאָן אַרויסשטעלן אַזעלכע איינוועגדונגען, ווייזט, אַז דער דערקלערונגס-פּרווו איז אַרויף אויף אַ פּרוכטבאַרן באָדן, בעת מיט דער הנחה וועגן פאַרבאָרגענע כוחות, ספּעציעלע סימפּאַטיעס און ענלעכע המצאות ווערט באַלד אונטערגעדרוקט יעטוועדעס ווייטערדיקע נאָכדענקען.

דערדאָזיקער בײַשפּיל ווייזט אונז אויך, וואָס אַן אמת, פאַרוואָס דערדאָזיקער מין נאַטורפאָרשונג האָט נישט געמאַכט קיין טריט ווייטער אין אַלטערטום. כמעט אַלע דערגרייכונגען פון דער אַנטיקער נאַטורפאָרשונג געהערן די געביטן פון מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, סטאַטיק, מעכאַניק און צו די התחלות פון דער אָפּטיק און אַקוסטיק. חוצדעם האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ באַדייטנדיק מאַטעריאַל אין די באַשרייבנדיקע נאַטורוויסנשאַפטן; אָבער אומעטום, ווו עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַנטדעקן געזעצן דורך וואַריאַציעס און קאָמבינאַציעס פון די באָאָבאַכטונגען, זענען די אַלטע פעלקער געבליבן הינטערשטעליק. די אידעאַליסטן האָט געפעלט אַ חוש און אינטערעס פאַר דער קאָנקרעטער דערשיינונג; די מאַטעריאַליסטן ווידער האָבן צו-שטאַרק נוטה געווען אָפּצושטעלן זיך אויף איינצעלנע באַטראַכטונגען און זיך באַגנוגנט מיט דער ערשטער בעסטער דערקלערונג, אָנשטאָט טיפער אַריינצודרינגען אין תּוך פון דער זאַך.

קאַפּיטל צוויי

די איבערגאַנגס-צייט

I. די מאַנאַטעאיסטישע רעליגיעס און זייער פאַרהעלטניש צום מאַטעריאַליזם

דער אונטערגאַנג פון דער אַלטער קולטור אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער קריסטלעכער צייטרעכנונג איז אַ פּראָצעס, וועמעס ערנסט רעטעניש איז גרעסטנטיילס נאָך נישט געלייזט געוואָרן.

ווי שווער עס זאָל נישט זיין אַרומצונעמען מיטן בליק די פאַרפלאָנטערטע געשעענישן פון דער רוימישער קייזערצייט אין זייער גרויסן מאַסשטאַב און זיך אָריענטירן אין די וויכטיקסטע פאַקטן, איז מען דאָך נאָך ווייניקער אימשטאַנד אָפּצושאַצן אין זייער פולער גרויס די ווירקונג פון די קליינע, אָבער אומענדלעך פילפאַכיקע פאַרענדערונגען פונם טעגלעכן פאַרקער פון די נאַציעס, אינם שויס פון נידעריקן פאָלק, ביים פייער-פּלאַץ פון אומבאַקאַנטע פאַמיליעס אויפן דאָרף, ווי אויך אין שטאָט 1).

און דאָך איז אַזויפיל זיכער, אַז טאַקע אין די אונטערשטע און מיטלסטע שיכטן פון דער וועלטבאַפעלקערונג דאַרף מען זוכן די סיבות פון יענעם גרויסן איבערקער.

מ'האָט זיך, ליידער, צוגעוווינט צו באַטראַכטן דאָס אַזוי־גערופענע אַנטוויקלונגסגעזעץ פון דער פילאָזאָפיע אַלס אַ באַזונדערע, כמעט מיסטיש־ווירקנדיקע קראַפט, וועלכע פירט בהכרח פון העכסטן פונקט פון דערקענטניש צוריק צו דער נאַכט פון אבערגלויבן, כדי אונטער נייע און העכערע פאָרמען ווידער אָנהויבן זייערע לויף. דידאָזיקע טרייבקראַפט פון דער פעלקעראַנטוויקלונג איז ענלעך צו דער לעבנסקראַפט פון די אָרגאַניזמען. זי איז פאַראַן, אָבער טאַקע נאָר אַלס אַ רעזולטאַט פון אַלע איינצעלנע נאַטירלעכע כוחות; אָננעמענדיק זי, פאַרלייכטערן מיר אָפט די באַטראַכטונג, מיר פאַרהוילן אָבער די אומוויסנהייט און פאַלן אַריין אין טעותן, אויב אין דער ראָל פון דער דערקלערונגססיבה שטעלן מיר זי אַלס דערגענצונג לעבן יענע עלעמענטן, וועמעס סומע זי איז.

פאַר אונזער אויפגאַבע איז גענוג פעסטצושטעלן איין פאַר אַלע מאָל, אַז אומוויסנהייט קאָן נישט זיין קיין באַזונדערע קאָנסעקווענץ פון וויסן, און פאַנטאַסטישע ווילקיר — די קאָנסעקווענץ פונם מעטאָד, אַז די השכלה פירט נישט אין זיך, נישט דורך זיך צום אַבערגלויבן.

מיר האָבן שוין געזען, ווי אין אַלטערטום האָט זיך די גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע אונטער דער השפעה פון פאָרשריט פון דער השכלה, וויסן, מעטאָד, אָפּגעטיילט פון פאָלק. דער מאַנגל אין אַ טיף־אַריינגעדרונגענער פאָלקסבילדונג האָט נאָך מער געמוזט פאַרשנעלערן דעמדאָזיקן פירוד און אים מאַכן נאָך שעדלעכער. די שקלאַווערײ—אין אַ געוויסן זין די באַזע פון דער גאַנצער אַלטער קולטור, האָט געענדערט איר כאַראַקטער אין דער צייט פון די קיסרים, און אַלץ שווערער איז געוואָרן זי צו דערהאַלטן ביים לעבן, וואָס מער מ'האָט געזוכט מיטלען צו פאַרבעסערן דידאָזיקע געפערלעכע אינסטיטוציע 2).

דער אַלץ־שטייגנדיקער פעלקערפאַרקער האָט אָנגעהויבן אויסצומישן די רעליגיעס ביי די צבערגלויבישע מאַסן. די אָר-

יענטאַלישע מיסטיק האָט אָנגענומען העלענישע פאָרמען. אין רוים, וווהין ס'האָבן געשטראָמט די באַזיגטע פעלקער, איז שוין באַלד נישט געווען קיין קולט, וואָס זאָל נישט האָבן זיינע גלויביקע, פונקט ווי עס איז שוין מער נישט געווען אַזעלכער, פון וועלכן די מערהייט האָט נישט חוזק געמאַכט. קעגנאיבער דעם פאַנאַטיזם פון די פאַרבלענדטע איז געשטאַנען אַ לייכטזיניקער חוזק, אָדער צוגעווינטע גלייכגילטיקייט. ביי אַזאַ אַלגעמיינער צעשפליטערונג פון די אינטערעסן איז אין דער העכערער געזעלשאַפט געווען אוממעגלעך צו גרינדן שטאַרקע, גוט-דיסציפּלינירטע פּאַרטייען.

אין דערדאָזיקער מאַסע זענען דורך דער אומגלויבלעךאויפגעשוואָלענער ליטעראַטור, דורך ברעקלהאַפטיקע שטודיעס פון אומבאַרופענע, דורכן טעגלעכן פאַרקער, אַריינגעדרונגען אָפּגעריסענע עלעמענטן פון וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען און געשאַפן יענעם צושטאַנד פון ה א ל ב ב י ל ד ו נ ג, וועלכן מ'באַטראַכט, יעדנפאַלס מיט ווייניקער רעכט, אַלס כאַראַקטעריסטישן צייכן פון אונזער היינטיקער צייט. מ'דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז טאַקע דידאָזיקע האַלבבילדונג איז קודם-כל געווען פאַרשפּרייט ביי די ר י י כ ע און מ ע כ ט י ק ע, איינפלוסרייכע מענטשן, ביז צום קייזערלעכן טראָן. די גרויסע וועלטלעכע בילדונג, פיינע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, און אַ גרויסאַרטיקער איבערבליק פון די פאַרהעלטנישן זענען אין פילאָזאָפישן זין נאָר צו אָפט פאַרייניקט מיט דער נעבעכדיקסטער האַלבקייט; און די סכנות, וועלכע מ'שרייבט צו די פילאָזאָפישע לערעס, ווערן אמתע סכנות אין אַזעלכע קרייזן, אין וועלכע די בוי-געוודיקע, פּרינציפּנלאָזע האַלבבילדונג דינט די נאַטירלעכע נייגונגען אָדער די הפקרדיקע ליידנשאַפטן.

אויב עפּיקור האָט אין אַ גרויסאַרטיקער התרוממות געוואָרפן צו די פיס די קייטן פון דער רעליגיע, כדי צו זיין גערעכט און איידל צום אייגענעם געניוס, זענען אָבער איצט אויפּגעקומען יענע געמיינע ליבלינגער פון דער צייט, — ווי עס שילדערט זיי ה אָ ר אַ ץ און אין אַ רייכער גאַלעריע י ו ו ע נ אַ ל

און פ ע ט ר אָ נ י ו ס, — וועלכע זענען מיט קופּערנע שטערנס אָקעגנגעגאַנגען אַלע אומנאַטירלעכסטע תאוות. און ווער האָט זיך אָנגענומען פאַר דער אָרימער פילאָזאָפיע, אויב אַזעלכע הול־טאַיעס האָבן זיך פאַראייגנט עפּיקורס נאָמען, און אַפילו סטאָאָס ?

די פאַראַכטונג פון פאָלקסגלויבן איז געווען די מאַסקע פון אינערלעכער פּוסטקייט, אַ פולשטענדיקער מאַנגל אין יעט־וועדן גלויבן און אין וואָרן וויסן; דאָס אָפּלאַכן פון דער אי־דיי פון אומשטערבלעכקייט איז געוואָרן דער דעוויז פון זינד, אָבער די זינד האָבן זיך געשטיצט אויף די צייטפאַרהעלטנישן און זיי זענען אַנטשטאַנען להכעיס דער פילאָזאָפיע, נישט דורך איר.

און טאַקע אין די זעלבע שיכטן האָבן די כּוהנים פון א י ז י ס, די בעלי־מופתים און נביאים מיט זייערע סוויטעס געפונען זייער פּרנסה בשפע; און ביי אַ געלעגנהייט האָבן אויך די יידן געפונען אין זיי גרים 3).

דער פולשטענדיק־אומגעבילדעטער נידעריקער המון אין די שטעט האָט געהאַט דעמזעלבן כאַראַקטער, ווי די האַלב־געביל־דעטע גרויסע לייט: כאַראַקטערלאָזיקייט. דעריבער איז אין יענע צייטן געשטיגן און דערגרייכט זיין העכסטן בלי־פונקט יענער אַזויגערופענער פּראַקטישער מאַטעריאַליזם, ד ע ר מ אַ ט ע ר י אַ־ל י ז ם פ ו ן ל ע ב ן.

אויך בנוגע דעמדאָזיקן פּונקט באַדאַרף מען אויפקלערן די הערשנדיקע באַגריפן. עס איז פאַראַן אויך אַ מאַטעריאַליזם פון לעבן, אַ מאַטעריאַליזם, וואָס טייל טאַדלען אים, און טייל לויבן אים, אָבער מ׳קאָן אים אַוועקשטעלן אין איין שורה מיט יעדער אַנדערער פּראַקטישער ריכטונג.

אויב דאָס שטרעבן האָט אין זיך נישט אַ צייטווייליקן גענוס, נאָר אַ ווירקלעכע פאַרפולקאָמונג פון די לעבנסצושטאַנדן; אויב די ענערגיע פון מאַטעריעלן אונטערנעמונגסגייסט ווערט געפירט פון אַ קלאָרער אויסרעכענונג, וואָס געדענקט שטענדיק דעם יסוד און קומט דעריבער צום ציל — דאַן אַנטשטייט

יענער ריזיקער פאַרשריט. וועלכער האָט אין אונזערע צייטן גרויס געמאַכט ענגלאַנד אין משך פון צוויי הונדערט יאָר, און וועלכער איז אין אַטען אין פעריקלעס צייטן געגאַנגען האַנט בײַ האַנט מיטן העכסטן פאַנאַנדערבלי פון גייסטיקן לעבן, וואָס אַ מלוכה האָט ווען-עס-איז דערגרייכט.

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען דער מאַטעריאַליזם אין רוים אין דער צייט פון די קיסרים, וועלכער האָט זיך אי-בערגעחזרט אין ביצאַנץ און אַלעקסאַנדריע, און אין אַלע הויפּט-שטעט פון דער מלוכה. אויך דאָ האָט די תאווה צו געלט באַ-הערשט די צעשפּליטערטע מאַסן, ווי יוּווענאַל און נאָך פּריער האָראַץ שילדערן אין שאַרפע שטריכן; אָבער עס האָבן דאָ געפעלט די גרויטע פּרינציפּן, וואָס שטאַרקן די נאַ-ציאָנאַלע קראַפט, ווי אויך די אַלגעמיין-נוצלעכע עקספּלאָאַטאַציע פון די נאַטירלעכע הילפסקוועלן, וועלכע פאַראייידלען די מאַ-טעריאַליסטישע צייטריכטונג, ווייל הגם זיי גייען אַרויס פון דער מאַטעריע, אַנטוויקלען זיי זיך דאָך אין דער קראַפט. דאָס וואָלט געווען אַ מאַטעריאַליזם פון ווילדשטאַנד; רוים אָבער האָט געקענט אַ מאַטעריאַליזם פון פוילעניש; מיטן ערשטן מאַטעריאַליזם פאַרהאַלט זיך די פילאָזאָפיע ווי מיט אַלעם, וואָס האָט פּרינציפּן; זי פאַרשווינדט, אָדער נאָך בעסער, זי איז שוין פאַרשוונדן, ווען עס רייסן זיך אַריין יענע געמיינ-הייטן, וועמעס שילדערונג מיר פאַרשפּאָרן דאָ צו ברענגען.

מיר מוזן אָבער דאָך אָנווייזן אויף אַן אומאָפּלייקנבאַרן פאַקט, אַז אין יענע יאָרהונדערטער, ווען די שענדלעכקייטן פון אַ נעראָ און קאַליגולאַ, אָדער גאָר אַ העליאָגאַ-באַלוּס האָבן באַפלעקט די ערד, איז קיין שום פילאָזאָפיע נישט געלעגן פאַרוואָרפן, נישט געווען אַזוי פרעמד דעם צייט-גייסט, ווי גראָד יענע, וועלכע פאָדערט מער פון אַלעם העכסטע קאַלטבלוטיקייט, רויקן ישוב-הדעת, ניכטערסטע, ריינסטע, פּראָ-זאַישע אונטערזוכונג: די פילאָזאָפיע פון דעמאָקריט און עפּיקור 4)

די תקופה פון פעריקלעס איז געווען די גלאַנצצייט פון

דער מאַטעריאַליסטישער און סענסואַליסטישער פילאָזאָפיע אין אַלטערטום; אירע פרוכטן זענען רייף געוואָרן אין דער צייט פון דער אַלעקסאַנדרינישער שטודיע, אין די ביידע לעצטע יאָרהונדערטער פאַר קריסטוסן.

אָבער אין דער תקופה פון די קיסרים, בשעת די מאַסן זענען געווען פאַרשכּורט פון דער טאָפּלטער באַרוישונג פון זינד און מיסטעריעס, האָט זיך שוין נישט מער געפונען קיין ניכטערער דענקער און די פילאָזאָפיע איז פון זיך זעלבסט אָפּגעשטאָרבן. ווי באַקאַנט, האָבן אין יענער צייט געהערשט די נייפּלאַטאָנישע און נייפּיטאַגאָרייאישע שיטות, אין וועלכע עס זענען, צוזאַמען מיט טייל איידלערע עלעמענטן פון דער פאַרגאַנגענער צייט, אַריינגעדרונגען טרוימעריי און אָר-יענטאַלישע מיסטיק. פּלאָטינוס האָט זיך געשעמט דערמיט, וואָס ער באַזיצט אַ קערפּער, און ער האָט קיינמאָל נישט גע-וואָלט זאָגן, ווער עס זענען געווען זיינע עלטערן. דאָ האָבן מיר שוין דעם קולמינאַציעפּונקט פון דער אַנטימאַטעריאַליסטי-שער ריכטונג אין דער פילאָזאָפיע; אַן עלעמענט, וואָס איז געווען מעכטיקער אויפן באָדן פון דער רעליגיע, אויפן באָדן צו וועלכען ער געהערט אייגנטלעך. קיינמאָל נישט האָבן זיך די רעליגיעס, — אָנהייבנדיק פון בונטסטן געמיש פון די ריינסטע ביז צו די העכסטע פאָרמען, — אַזוי בשפע גע-פרוכפּערט ווי אין די ערשטע דריי יאָרהונדערטער נאָך קריס-טוס. ס'איז קיין חידוש נישט, וואָס אויך די פילאָזאָפן פון דערדאָזיקער צייט זענען אָפט אַרויסגעטרעטן אַלס נביאים און אַפּאָסטאָלן. די סטאָאיקער, וועמעס לערע האָט שוין פון מתחילת-אָן באַזעסן טעאָלאָגישע שטריכן, האָבן די ערשטע אָנגעהויבן צו גיין אין דערדאָזיקער ריכטונג און טאַקע דע-ריבער האָבן זיי דערהאַלטן זייער אָנזען לענגער ווי אַלע שולן פון אַלטערטום, ביז זיי זענען נישט אַלס באַזיגטע אַרויסגע-שטופּט געוואָרן דורך די אַסקעטישע מיסטיקער פון נייפּלאַטאָ-ניזם 5).

'האָט אָפט געזאָגט, אַז אומגלויבן און אָבער-

גלויבן שטיצן און רופן ארויס איינער דעם אנדערן, אבער מ'דארף זיך דא נישט לאזן פארבלענדן דורכן שימער פון דער אנטיטעזע. ערשט די באטראכטונג פון די ספעציפישע סיבות, ווי אויך די שטרענגע אפשיידונג פון די צייטן און צושטאנדן, ווייזט אונז דעם מהות פון דער זאך.

אויב א שטרענג-וויסנשאפטלעכער סיסטעם, וואס שטיצט זיך אויף פעסטע פרינציפן, שליסט אויס צוליב גוטבאגרינדעטע טעמים די אמונה פון דער וויסנשאפט, שליסט זי מכל-שכן אויס נאך פולקאמער יעדע אומבאשטימטע פארם פון אבער-גלויבן. אבער אין אזעלכע צייטן און קרייזן, ווו די וויסנשאפטלעכע שטודיע איז אזוי צעטומלט און צעשפליטערט, ווי די נאציאנאלע אוראלטע פארמען פונם גלויבן, איז גערעכט יענער כלל, און אזוי איז עס טאקע געווען אין דער תקופה פון די קיסרים.

און פאקטיש איז נישט געווען קיין ריכטונג, קיין לעבנס-באדערפניש, אויף וועלכער די רעליגיע האט אין וואסער ס'איז פארם אירער נישט געלייגט איר חותם; אבער לעבן די אויס-געלאסענע ימים-טובים פון באקכוס, לעבן די געהיימנישפולע רייצנדיקע מיסטעריעס פון איזיס, האט זיך אין דער שטיל וואס אמאל מער פארשפרייט די נייגונג צו א שטרענגן אסקע-טיזם, וועלכער זאגט זיך אפ פון דער וועלט.

פונקט ווי דעם יחיד, וואס איז דענערווירט נאכן דער-שעפן זיך פון אלע תאוות, איז לסוף פארבליבן נאך איין רייץ פון נייקייט, דער רייץ פון א שטרענגן, אסקעטישן לעבן, אזוי האט עס אין אלגעמיין אויסגעזען ביי דער אלטער וועלט, און ס'איז גאנץ נאטירלעך, וואס דידאזיקע נייע ריכטונג האט, אלס א שארפער קאנטראסט קעגן דעם פריילעכן זינלעכן לעבן פון דער אלטער וועלט, געפירט צו דער עקסטרעמער זעלבסט-פארלייקענונג און פרישות פון דער וועלט 6).

דאס קריסטנטום מיט זיין וואונדערבאר באצויבערנדי-קער לערע וועגן מלכות, וואס איז נישט פון דערדאזיקער וועלט, האט געשיינט צו געבן אן אויסגעצייכנטן אנהאלטס-פונקט דער-

דאָזיקער שטרעבונג. די רעליגיע פון די אונטערדריקטע און שקלאַפן, פון די אומגליקלעכע און ליידנדיקע, האָט אויך צוגעצויגן די רייכע בעלי־תאוה, וועמען געגוס און עשירות האָבן שוין נישט באַפרידיקט. מיט דער פרישות האָט זיך פאַרבונדן די אידיי וועגן אַלגעמיינער ברידערלעכקייט, וואָס האָט די פאַר־דאַרטע פון עגאָיזם הערצער געגעבן נייע גייסטיקע פאַרגעניגנס. עס איז געשטילט געוואָרן די בענקשאַפט פונם בלאָנדזענדיקן און פאַראיינזאַמטן געמיט נאָך אַ שטאַרקער געמיינשאַפט און אַ פּאָזיטיוון גלויבן, און דאָס פעסטע צוזאַמענהאַלטן זיך פון די גלויביקע, די אימפּאָזאַנטע אחדות פון די פאַרצווייגטע איבער דער ווייטער אימפּעריע קבוצים האָט מער צוגעהאָלפן דער פאַרשפּרייטונג פון דער נייער רעליגיע, ווי די פיל וואונדערלעכע מעשיות, וואָס מ׳האָט דערציילט און אין וועלכע מ׳האָט גערן געגלייבט. דער נס איז נישט אויף אַזוי פיל געווען אַ ווערק־צייג פון דער פאַרשפּרייטונג פון דער רעליגיע, אויף וויפיל ער איז געווען אַנויטווענדיקע הוספה פונם גלויבן — אין א תקופה, וואָס האָט אָן אַ שיעור געלעכצט נאָך נסים און געגלייבט אין זיי. אין דער דאָזיקער היגזיכט האָבן מיטן קריסטנטום קאָנקורירט נישט בלויז די כּוהנים פון איזיס און די מאַגיער, נאָר אַפילו פילאָזאָפן גופא זענען אויפגעטרעטן אַלס בעלי־מופתים און דורך גאָט געשיקטע נביאים. דאָס, וואָס די מאָדערנע צייט האָט גע־זען ביי קאַליאָסטראָ און גאַסנער, איז נאָר אַ שוואַכער אָפּשיין פון די אויפטועכצן פון אַפּאָלאָניוס פון טיאַ־נאַ, דער גרעסטער נביא פון זיין צייט, וועמעס נסים און נביאות זענען טיילווייז אָנערקענט געוואָרן פון לוציאַנען און אָריגענעסן. אָבער אויך דאָ ווייזט זיך ווידער אַרויס, אַז נאָר דער איינפאַכסטער און קאָנסעקווענטסטער פּרינציפּ קאָן אויפטון דויערהאַפטיקע וואונדער: לכל הפחות וואונדער, וואָס האָבן בהדרגה פאַרייניקט אַלע צעריסענע פעלקער און אמונות אַרום די אַלטאַרן פון קריסטנטום 7).

דערמיט, וואָס עס האָט מבשר געווען די אָרעמע די עוואַנגעליע, האָט דאָס קריסטנטום דערשיטערט די יסודות פון

דער אַלטער וועלט [8]. דאָס, וואָס עס וועט דערשיינען בחוש אין סוף פון דער צייטן, דאָס האָט דאָס גלויביקע געמיט געזען אין גייסט: דאָס מלכות פון ליבע, אין וועלכען די לעצטע וועלן זיין די ערשטע. קעגנאיבער דעם פאַרגליווערטן רעכטסבאַגריף פון די רוימער, וואָס האָבן געבויט זייער אָרדנונג אויף מאַכט און דאָס אייגנטום געמאַכט פאַר אַן אומדערשיטערלעכן יסוד פון די מענטשלעכע פאַרהעלטנישן, איז מיט אַן אומבאַגרייפלעכער איבערמאַכט אַרויסגעטרעטן די פאָדערונג אָפּצוזאָגן זיך פון יעטוועדן באַזיץ, ליב צו האָבן דעם שונא, ברענגען פאַר אַ קרבן אַלע אוצרות און צו שעצן דעם פאַרברעכער אויפן עשאַפאָט, ווי זיך זעלבסט.

די אַלטע וועלט האָט אָנגעכאַפּט אַן אומהיימלעכע שרעק פאַר דידאָזיקע לערעס [9] און אומזיסט האָבן די מאַכטהאָבער געפּרוווט מיט גרויזאַמע פאַרפאָלגונגען אונטערצודריקן די רעוואָלוציע, וואָס וואַרפט אום דאָס עקזיסטירנדיקע און מאַכט חוזק נישט בלויז פון די תפיסות און די שטייערהויפן, נאָר אויך פון דער רעליגיע און געזעצן. מיט אַ שטאַרקן בטחון אין אַ דערלייזונג, וואָס אַ יידישער מלוכה-פאַררעטער, — וועלכער איז באַשטראָפט געוואָרן מיט אַ שקלאַוון-טויט, — האָט אַראָפּגעברענגט פון הימל אַלס חסד פון אייביקן פאָטער, האָט דידאָזיקע סעקטע דעראָבערט איין לאַנד נאָכן אַנדערן; געטריי זייערע עיקרים, האָבן זיי געוווסט בהדרגה צוציען צו דער דינסט פון דער נייער רעליגיע אַפילו די אַבערגלויבישע פאָרשטעלונגען, די זינלעכע נטיות, די ליידנשאַפטן און די רעכטסבאַגריפן פון היידנטום, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט פאַרניכטן. אויפן אָרט פונם מיט מיטאָסן רייכן אָלימפּ זענען אויפגעטרעטן די הייליקע און מאַרטירער.

דער *גנאָסטיציזם* האָט אַריינגעברענגט די עלעמענטן פון אַ פילאָזאָפיע פון קריסטנטום. ס'האָבן זיך געעפנט קריסטלעכע שולן פאַר רעטאָריק פאַר אַלע, וואָס האָבן געוואָלט פאַראייניקן די אַלטע בילדונג מיטן נייעם גלויבן. פון דער איינפאַכער און שטרענגער דיסציפּלין פון דער אַלטער קירך האָבן

זיך אַנטוויקלט די עלעמענטן פון דער היערארכיע, די ביסקופּן האָבן זיך געריסן צו עשירות און געפירט אַ שטאָלץ, וועלטלעך לעבן; דער המון פון די גרויסע שטעט איז געווען פאַרשכורט פון האָס און פאַנאַטיזם. ס׳איז פאַרשוואונדן די וויל־טעטיקייט און דער רייכער וווכערניק האָט פאַרטיידיקט זיין רויב מיט דער הילף פון פּאָליציי און געריכט. די ימים־טובים האָבן זיך איינגיכן אויסגעגלייכט לויט זייער אויסגעלאַסנקייט און לוקסוס מיטן היידנטום, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ ירידה־צושטאַנד; ס׳האָט אויסגעזען, אַז דאָס צביעות פון די פרומע וויל אין דעם כאַאָס פון צעטומלטע געפילן דערשטיקן דעם לעבנסזוימען פון דער נייער רעליגיע. אָבער ער איז נישט דערשטיקט געוואָרן. ער האָט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער אַדורכ־געבראָכן דורך די פרעמדע מאַסן. אַפילו די פילאָזאָפיע פון אַלטערטום, וואָס האָט זיך פון די מוטנע נייפּלאַטאָנישע קוואַלן אַריינגעגאָסן אין דער קריסטלעכער וועלט, איז געווען גע־צווונגען צוצופּאַסן זיך צו איר כאַראַקטער. און בעת כיטרע־קייט, פּאראַט און גרויל האָבן געהאָלפן צו באַגרינדן די קריסטלעכע מלוכה — אַ סתירה אין זיך גופא — איז דאָך דער געדאַנק וועגן אַ גלייכמעסיקן באַרוף פון אַלע מענטשן צו אַ העכערן דאַזיין געבליבן אַלס באַזע פון דער נייער פעלקערגעשיכטע. „אַזוי־נאָך״ — זאָגט שלאָסער — איז אַפילו דער וואַנזין און אָפּגאַרעריי פון די מענטשן געוואָרן איינער פון די מיטלען, דורך וועלכע די גאָטהייט האָט פון די פאַרוויסטע חורבות פון דער אַלטער וועלט אַנטוויקלט אַ ניי לעבן״ 10).

און איצט שטייט פאַר אונז די אויפגאַבע אונטערצוזוכן וואָס פאַרא איינפלוס דער רייפער קריסטלעכער פּרינציפּ האָט געמוזט האָבן אויף דער געשיכטע פונם מאַטעריאַליזם; און דערביי וועלן מיר נעמען אין אַכט די השפעה פונם יידנטום און די זייער וויכטיקע השפעה פונם מאַכמעדאַניזם.

דער בשותפותדיקער שטריך פון דידאָזיקע דריי רעליג־יעס — דאָס איז דער מאָנאָטעאיזם.

אויב דער געצנדינער זעט אומעטום געטער, און יעדע נאַטורדערשיינונג איז ער געווינט צו באַטראַכטן אַלס אַ באַזונדערע ווירקונג פון דער דעמאָנישער טעטיקייט, זענען די דורכדעם געשאַפענע שוועריקייטן, וועלכע פאַרשטעלן דעם וועג דער מאַטעריאַליסטישער דערקלערונג, טויזנט מאָל גרעסער, ווי דאָס פאַרייניקן די געטער-מלוכה. אויב אַ געוויסן פאָרשער איז איינגעפאַלן דער גרויסער געדאַנק, אַז אַלץ וואָס איז, געשעט בהכרח, אַז ס׳עקזיסטירן באַשטימטע געזעצן און אַן אייביקע מאַטעריע, וואָס איז זיי אונטערגעוואָרפן, — קאָן שוין נישט זיין קיין רייד וועגן אַ שלום-מאַכן מיט די געטער. עפּיקורס קינסטלעכע פּשרה האָט שטאַרק אונטערגעהינקען. קאָנסעקווענטער זענען שוין געווען יענע פילאָזאָפן, וועלכע האָבן געלייקנט אין דער עקזיסטענץ פון די געטער. דער מאָנאָטעאיסט פאַרנעמט דאָ אַן אַנדערע שטעלונג צו דער וויסנשאַפט. מיר זענען מודה, אַז אויך דער מאָנאָטעאיזם לאָזט אויך צו אַ נידעריקע און זינלעכע אויפפאַסונג, וועלכער שרייבט צו יעדער נאַטורדערשיינונג אַ באַזונדערע לאָקאַלע טעטיקייט פון אַ מענטשנענלעכן גאָט. דאָס איז נאָך לייכטער דערפאַר, וואָס יעדער מענטש דענקט געוויינלעך וועגן זיך און זיין קרייז. די אידיי וועגן דער אַלקעגנוואַרט בלייבט פאַרן דאָזיקן דענקען אַן אינהאַלטסלאָזע פאָרמול, און, אין תּוך גענומען, עקזיסטירן אומצייליקע געטער, מיט דער שטילער באַוואָרעניש, אַז זיי אַלע דאַרף מען באַטראַכטן אַלס איין גאָט.

ביים דאָזיקן שטאַנדפּונקט, וואָס איז אייגנטלעך דער המונישער שטאַנדפּונקט, איז אוממעגלעך וועלכע נישט איז וויסנשאַפט, אַזוי ווי זי איז אוממעגלעך געווען ביים געצנדינערישן גלויבן.

אָבער אויב מ׳שרייבט צו איין גאָט אַן איינהייטלעכע ווירקונג אינם וועלטאַל אויף אַ פרייען און גרויסאַרטיקן אופן, איז דער צוזאַמענהאַנג פון די זאַכן לויט סיבה און ווירקונג געוואָרן נישט בלויז פאַרשטענדלעך, נאָר אַפילו אַ נויטווענדיקער פועל — יוצא פון דערדאָזיקער הנחה. ווייל

אויב כ'זע ערגעץ-ווו טויזנטער זיך-באַוועגנדיקע רעדלעך, און כ'בין משער, אַז עמיצער באַוועגט זיי, מוז איך קומען צום שלוס, אַז כ'האָב פֿאַר זיך אַ מעכאַניזם, אין וועלכן די באַוועגונג פֿון יעדן קלענסטן טיילעכל איז אומפֿאַרענדערלעך באַשטימט דורכן פּלאַן פֿון גאַנצן. משער זייענדיק דאָס, מוז איך אָבער זיך באַקענען מיט דער סטרוקטור פֿון יענער מאַשין, לכל הפּחות טיילווייז באַגרייפֿן איר גאַנג — און אַזוינאָך ווערט פֿריי אַן אָרט פֿאַר דער וויסנשאַפֿט.

טאַקע דערי'בער האָט זיך אין משך פֿון גאַנצע יאָרהונדערטער געקאָנט אַנטוויקלען דער געדאַנק, און די וויסנשאַפֿט האָט זיך באַרייכערט מיט פּאָזיטיוון מאַטעריאַל, איידער מ'האָט נאָך אָנערקענט די נויטווענדיקייט צו קומען צו אַ מסקנא, אַז יענע מאַשין איז אַ perpetuum mobile 10a). קוים איז מען שוין געקומען צו דערדאָזיקער מסקנא, האָט זי געמוזט אויפֿטרעטן מיט דער וואָגיקייט פֿון פֿאַקטן, לגבי וועלכע די כּלי-זין פֿון די אַלטע סאָפֿיסטן ווייזן זיך אונדז אויס אַלס גאָר שוואַכע און אומגענוגנדיקע.

דאָ קאָנען מיר בכן פֿאַרגלייכן די ווירקונג פֿונם מאָנאָטעאיזם מיט אַן אומגעהויערער אָזיערע, וועלכע זאַמלט-צונויף די קוואַליעס פֿון וויסן, ביז זיי הייבן פּלוצלונג אָן אַדורכצוברעכן די דאַמבעס 11).

ווייטער אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז אַ נייע מעלה פֿונם מאָנאָטעאיזם. זיין גרונט-באַגריף באַזיצט אַ דאָגמאַטישע עלאַסטישקייט און ספּעקולאַטיווע פֿילבאַדייטיקייט, וואָס מאַכט אים פֿעיִק צו דינען אַלס טרעגער פֿון רעליגיעזן לעבן אין די פֿאַרשידנאַרטיקסטע שינוים פֿון דער ציוויליזאַציע און ביי די גרעסטע פֿאָרשריטן פֿון דער מענטשלעכער בילדונג. אָנשטאָט דעם, אַז די השערה וועגן דער אָרדנונג פֿון וועלטאַל, וואָס שטיצט זיך אויף געשלאָסענע און אייביקע געזעצן, זאָל אַרויסרופֿן אַ פֿאַרניכטנדיקן קאַמף צווישן רעליגיע און וויסנשאַפֿט, איז אַנטשטאַנען דער פּרווו פֿאַרצושטעלן דאָס פֿאַרהעלטעניש פֿון גאָט צו דער וועלט, ווי דאָס פֿאַרהעלטעניש פֿונם גוף צו

דער נשמה. דעריבער האָבן די דריי גרויסע מאָנאָטעאיס־טישע רעליגיעס, אין דער תקופה פון דער העכסטער גייסטיקער בילדונג פון זייערע פאָרשטייער, נוטה געווען צום פּאַנטעאיזם. דערביי איז אויך פאָרגעקומען אַ קאַמף מיט דער מסורה, אָבער בשום אופן נישט אַ קאַמף אויף טויט און לעבן.

פריער פון אַלע רעליגיעס האָט תורת-משה די ערשטע אויפגעפאַסט די אידיי וועגן דער יצירה, אַלס אַ שאַפונג פון יש מאין.

לאָמיר זיך דערמאָנען, ווי אַזוי דער יינגער עפּיקור האָט, ווי די לעגענדע דערציילט, נאָך אַלס שול-יינגל זיך אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן מיט דער פילאָזאָפיע, בעת דער לערער האָט אים געזאָגט, אַז אַלע זאַכן שטאַמען פון כאַאָס, און ווי קיינער פון זיינע לערער האָט אים נישט געקאָנט דערקלערן: פונוואַנען עס שטאַמט דער כאַאָס.

פאַראַן פעלקער, וועלכע גלויבן, אַז די ערד רוט אויף אַ שילדקרעט; אויף וואָס עס רוט דער שילדקרעט — דאָס דאַרף מען שוין נישט פרעגן. אַזוי לייכט באַגנוגנט זיך דער מענטש אין משך פון דורות מיט אַ תשובה, וועלכע קיינער נעמט נישט ערנסט אָן אַלס אַ גענוגנדיקע.

לגבי אַזעלכע אויסגעטראַכטע מעשיות איז די שאַפונג פון דער וועלט פון גאַרנישט לכל-הפחות קלאָר און ערלעך. זי אַנטהאַלט אַזאַ אומפאַרהוילענע און דירעקטע סתירה צו יעדן אַרט דענקען, אַז אַלע שוואַכערע און פאַרבאַהאַלטענע ווידער־שפּרוכן מעגן זיך שעמען פאַר אים 12).

אָבער, נאָך בעסער: אויך דידאַזיקע אידיי איז פעיק צו אַן אומגעשטאַלטונג; אויך זי באַזיצט אַ טייל פון יענער עלאַס־ציטעט, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם מאָנאָטעאיזם; אויב מ'וואָלט געקאָנט וואַגן דעם פרווו אומצוּוואַנדלען די פריאָריטעט פון אַ וועלטלאָזן גאָט אין אַ בלויז באַגריפלעכן, וואָלטן דאָן די טעג פון דער שאַפונג געוואָרן עפּאָכן פון דער אַנטוויקלונג.

לעבן דידאָזיקע שטריכן, וואָס דאָס יידנטום האָט אין זיך, איז אָבער וויכטיק דאָס, וואָס דאָס קריסטנטום האָט צום

ערשטן אויסגעטון גאָט פון יעדער זינלעכער געשטאַלט און אים אויפגעפאַסט אַלס אומזעבאַרן גייסט. דער אַנטראָפּאָמאָרפיזם איז דערמיט פּרינציפּיעל באַזייטיקט געוואָרן, ער איז אָבער פילפאַך צוריקגעקומען אין דער פאָלקסטימלעך־מוטנער אויפפאַסונג און אין דער ברייטער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון דער דאָגמע.

מ'וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ביי דידאַזיקע מעלות פון קריסטנטום וואָלט באַלד, צוזאַמען מיט זיין ניצחון, געדאַרפט נאָך הערלעכער אויפבליען די וויסנשאַפט; עס איז אָבער לייכט צו זען, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי נישט געווען. פון איין זייט דאַרף מען באַמערקן, אַז דאָס קריסטנטום איז געווען אַ פאָלקס־רעליגיע, וועלכע האָט זיך — ביז זי איז געוואָרן די מלוכהשע רעליגיע — אַנטוויקלט און פאַרשפרייט פון אונטן אַרויף. צום ווייטסטן זענען פון איר געשטאַנען די פילאָזאָפן, און טאַקע אַלץ ווייטער, וואָס ווייניקער זיי האָבן נוטה געווען צו טרוימעריי און פאַנטאַסטישער באַהאַנדלונג פון דער פילאָזאָפיע 13)
שפּעטער האָט זיך דאָס איינגעוואָרצלט ביי די נייע נאַציעס, וואָס זענען ביזאַהער נישט געווען צוגענגלעך פאַר דער קולטור, און ס'איז קיין חידוש נישט, וואָס אַן אָנפאַנגערישע שול האָט געמוזט אַדורכמאַכן יענע פאַרברייטנדיקע שטופעס, וואָס דאָס אַלטע גריכנלאַנד און איטאַליע האָבן זינט די צייטן פון די ערשטע קאָלאָניסטן געמוזט אַדורכלויפן.

קודם־כל דאַרף מען אָבער באַמערקן, אַז דער שווערפּונקט פון דער קריסטלעכער לערע האָט מתחילת זיך בשום־אופן נישט געשטיצט אויף יענע גרויסע טעאָלאָגישע גרונטכּללים, נאָר גיכער אויפן געביט פון דער זיטלעכער לייטערונג דורך דער נזירות פון דער וועלטלעכער תאווה, אויף דער טעאָריע פון דער דערלייזונג און אויף דער האָפנונג פון קריסטוס אָנקום.

חוצדעם איז עס געווען אַ פּסיכאָלאָגישע נויטווענדיקייט, אַז וויבאַלד דאָס אַלגעמיינע וועזן פון דער רעליגיע האָט צוליבן דאָזיקן אומגעהויערן דערפאָלג צוריק באַקומען זיינע אַלטע רעכט, זענען די געצנדינערישע עלעמענטן מאַסנהאַפט אַריינגע־

דרונגען אין קריסטנטום אַזוי, אַז דאָס לעצטע האָט גאָר אינ־גיכן געוווּנען אַן אייגענע רייכע מיטאָלאָגיע. אַזוינאָך איז אין משך פון יאָרהונדערטער אוממעגלעך געוואָרן נישט בלויז דער מאַטעריאַליזם, נאָר יעדע קאָנסעקווענטע מאָניסטישע פילאָ־זאָפיע.

גאַנץ באַזונדער איז פאַרשאָטנט געוואָרן דער מ אַ ט ע ר י אַ־ל י ז ם. יענע דואַליסטישע ריכטונג פון דער זענדאַוועסטא־רע־ליגיע, לויט וועלכער וועלט און מאַטעריע ווערן פאַרגעשטעלט אַלס דאָס שלעכטע, גאָט און ליכט אַלס דאָס גוטע, איז לויט דער גרונטאידיי, און נאָכמער אין דער געשיכטלעכער אַנטוויק־לונג, קריביש דעם קריסטנטום. קיין שום זאַך האָט דעריבער נישט אויסגעזען שרעקלעכער, ווי גראָד יענע ריכטונג פון דער אַלטער פילאָזאָפיע, וואָס האָט נישט בלויז משער געווען אַן אייביקע מאַטעריע, נאָר אַפילו דערקלערט דידאָזיקע מאַטעריע פאַר דער איינציק־וואָרהאַפטיקער עקזיסטירנדיקער סובסטאַנץ. אויב מ'גיט נאָך צו עפיקורס זיטלעכקייטספרינציפּ, — ווי רייך מ'זאָל אים נישט אויפפאַסן — באַקומען מיר דאָס אמתע קעגנ־בילד פון דער קריסטלעכער אָנשויונג, און מ'באַגרייפט פאַר־וואָס ס'האָט אין מיטלאַלטער געהערשט אַ פאַרקערטע מיינונג וועגן דאָזיקן סיסטעם 14).

אין דאָזיקן לעצטן פונקט איז די דריטע פון די גרויסע מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס, דער מ אַ כ מ ע ד אַ נ י ז ם, גינסטיקער דעם מאַטעריאַליזם. אויך האָט זיך אין דערדאָזיקער יינגסטער רעליגיע, אין צוזאַמענהאַנג מיטן גלענצנדיקן אויפשוווּנג פון דער אַראַבישער קולטור, אַמפריסטן אנטוויקלט אַ פרייער פילאָזאָפישער גייסט, וואָס האָט קודם־כל שטאַרק משפיע געווען אויף די יידן אין מיטלאַלטער און דערנאָך אויף די מערב־אייראָפּעאישע קריסטן.

נאָך פריער איידער די אַראַבער האָבן זיך באַקענט מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע, האָט דער איסלאַם אַרויסגערופן צאָלרייכע סעקטעס און טעאָלאָגישע שולן, פון וועלכע טייל האָבן אַזוי אַבסטראַקט אויפגעפאַסט דעם באַגריף גאָט, אַז קיין שום

פילאָזאָפישע ספעקולאַציע האָט אין דערדאָזיקער ריכטונג ווייטער שוין נישט געקאָנט גיין, בעת אַנדערע האָבן געגלייבט נאָר אין דעם, וואָס מ׳קאָן אָנרירן און דערווייזן; אַנדערע ווידער האָבן געקענט פאַרבינדן דעם פאַנאַטיזם מיטן אומגלויבן אין פאַנטאַסטישע סיסטעמען. אין דער הויכשול אין באַסרא האָט זיך שוין אַפילו אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון די אַבבאַסידן אַנטוויקלט אַ שול, וועלכע האָט אויפן ראַציאָנאַליסטישן אופן געפּרוּווט פאַרייניקן דעם שכל מיטן גלויבן.

לעבן דעמדאָזיקן רייכן שטראָם פון ריין איסלאַמיטישער טעאָלאָגיע און פילאָזאָפיע, וועלכן מ׳האָט מיט רעכט פאַרג׳לייכט מיט דער סכאָלאַסטיק פון קריסטלעכן מיטלאַלטער, בילדט מיט זיך די פּעריפּאַטעטישע שול — וועלכע מ׳האָט אין זינען, בעת מ׳רעדט וועגן דער אַראַבישער פילאָזאָפיע פון מיטלאַלטער — אַ פאַרהעלטנישמעסיק אומבאַדייטנדיקן צווייג מיט אַ ווייניק-אינערלעכער פילפאַכיקייט. אַוועראָעס, וועמעס נאָמען סווערט אין מערב-אייראָפּע אַממייסטן אָנגערופן לעבן אַריסטאָטעלעס, גלענצט בשום-אופן נישט אַלס אַן ערשטראַנגיקער שטערן אויפן הימל פון דער מאַכמעדאַנישער פילאָזאָפיע. זיין באַטייט שטיצט זיך בעיקר דערויף, וואָס ער האָט אַלס לעצטער גרויסער פאַרשטייער פון דער אַראַביש-אַריסטאָטעלשער פילאָזאָפיע צונויפגענומען אַלע אירע רעזולטאַטן און זיי אויפגעהיטן פאַר מערב-אייראָפּע אין אַ ברייט-פאַרצווייגטער ליטעראַרישער טעטיקייט, נעמלעך, דורך זיינע פירושים אויף אַריסטאָטעלעסן.

דידאָזיקע פילאָזאָפיע איז, פונקט ווי די קריסטלעכע סכאָלאַסטיק, אַרויסגעגאַנגען פון אַ נייפּלאַטאָנשער באַפאַרבונג פון אַריסטאָטעלעס; אָבער בעת די סכאָלאַסטיקער פון דער ערשטער תקופה האָבן באַזעסן נאָר אַ קאַרגן מאַטעריאַל פון דער פּעריפּאַטעטישער מסורה, וואָס איז אינגאַנצן געווען אַדורכגעוועבט און באַהערשט דורך דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע, האָבן די אַראַבער — דורך דער פאַרמיטלונג פון די סירישע שולן — געשעפּט פון רייכערע קוואַלן, און דער געדאַנק האָט זיך ביי זיי אַנטוויקלט אומאָפּהענגיק פונם איינפלוס פון דער טעאָ-

אַלאָגיע, וועלכע איז זיך געגאַנגען אויף איר באַזונדערן ספּע־קולאַטיוון וועג. אַזוינאַך האָט זיך ביי די אַראַבער געקאָנט אַנט־וויקלען די נאַטוראַליסטישע זייט פון אַריסטאָטעלשן סיס־טעם (פאַרגלייך אויבן, III,) אויף אַן אופן, וואָס איז גאַנץ פרעמד געבליבן דער עלטערער סכאָלאַסטיק און וועלכער האָט שפּעטער דעם „אַווערראָאיזם" אין דער קריסטלעכער קירך גע־לאָזט דערשיינען אַלס אַ מקור פון דער ערגסטער אַפּיקורסות. דאָ קומען אין באַטראַכט הויפּטזעכלעך דריי פונקטן: די איי־ביקייט פון דער וועלט און דער מאַטעריע, אין איר קעגנזאַץ צו דער קריסטלעכער לערע וועגן מעשי־בראשית; גאָטס שטעלונג צו דער וועלט, לויט וועלכער ער ווירקט בלויז אויף די אויסערסטע פעסטע שטערן און אומדירעקט נאָר אויף אַלע ערדישע ענינים, דורך דער קראַפט פון די שטערן, אָדער אַז גאָט און וועלט פליסן צוזאַמען, ווי דער פּאַנטעאיזם זאָגט... 16) לסוף די לערע וועגן דער איינהייט פון מהות פון שכל, וואָס נאָר ער אַליין איז דאָס אומשטערבלעכע ביים מענטש, אַ לערע, דורך וועלכע עס ווערט בטל די אינדי־ווידועלע אומשטערבלעכקייט, ווייל דער שכל איז טאַקע נאָר דאָס איינציקע, געטלעכע ליכט, וועלכעס באַלייכט די מענטשלעכע נשמה, שאַפנדיק די דערקענטניש 17).

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אַזעלכע לערעס האָבן אין דער פון קריסטלעכע דאָגמעס באַהערשטער וועלט געמוזט האָבן אַ צעשטערערישע השפּעה, און אַז דער אַווערראָאיזם האָט אויף דעם וועג, ווי אויך דורך זיינע נאַטוראַליסטישע עלעמענטן, צו־געגרייט אַ באָדן פאַרן מאַטעריאַליזם פון דער נייער צייט. אָבער נאָך אַלעם זענען דידאַקטיקע ביידע ריכטונגען גרונט־פאַרשידן. דער אַווערראָאיזם איז גלייכצייטיק געוואָרן דער זייל פון יענער סכאָלאַסטיק, וועלכע האָט דורך איר אומבאַדינגטער פאַרערונג פון אַריסטאָטעלעסן און דורך דער באַפעסטיקונג פון יענע גרונטבאַגריפן — וועלכע מיר וועלן באַטראַכטן אין צווייטן קאַ־פּיטל — אַזוי לאַנג אוממעגלעך געמאַכט די מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג פון די זאַכן.

חוץ דער פילאָזאָפיע אָבער פאַרדאַנקען מיר דער אַראַ־ בישער קולטור פון מיטלאַלטער נאָך אַ אַנדערן עלעמענט, וועלכער שטייט אפשר אין נאָך ענגערע באַציונגען מיט דער געשיכטע פון מאַטעריאַליזם. דאָס זענען אירע דערגרייכונגען אויפן געביט פון דער פּאָזיטיווער פאָרשונג, דער מאַ־ טעמאַטיק און די נאַטורוויסנשאַפטן אין ברייטסטן זין פון וואָרט. די גלענצנדיקע אויפטואונגען פון די אַראַבער אויפן געביט פון דער אַסטראָנאָמיע און דער מאַטעמאַטיק זענען גענוג באַ־ קאַנט 18). דידאַקטישע שטודיעס זענען געווען הויפּטזעכלעך די, וועלכע האָבן – שטיצנדיק זיך אויף די גריכישע מסורות – ווי־ דער אַריינגעפירט די אידיי וועגן דער געזעצמעסיקייט און רעגלמעסיקייט פונם וועלטגאַנג. דאָס איז געשען אין אַ צייט, ווען דער דעגענערירטער גלויבן אין דער קריסטלעכער וועלט האָט נאָך ערגער פאַרפלאָנטערט די זיטלעכע און לאָגישע אָרד־ נונג פון די זאַכן, איידער וועלכע נישט איז תקופה פון גרי־ כיש־רוימישן היידנטום; אין אַ צייט, ווען אַלץ איז באַטראַכט געוואָרן אַלס מעגלעך, נישט אַלס נויטווענדיק, און ס'איז גע־ עפנט געוואָרן אַן אומבאַגרענעצט פעלד פאַרן ווילקיר פון די וועזנס, וועלכע מ'האָט וואָס אַמאָל מער באַשאָנקען מיט נייע אייגנשאַפטן.

די פאַרבינדונג פון דער אַסטראָנאָמיע מיט די פאַנטאַזיעס פון שטערנזעערײַ איז בשום אופן נישט געווען אַזאַ שעדלעכע, ווי ס'קאָן זיך אויסדוכטן. די אַסטראָלאָגיע, ווי אויך די מיט איר קרובישע אַלכעמיע, האָבן דורכויס באַזעסן די רעגלמע־ סיקע פאָרמען פון די וויסנשאַפטן, 19) און אין זייער ריינער געשטאַלט, – אין וועלכער די אַראַבער און די קריסטלעכע גע־ לערנטע פונם מיטלאַלטער האָבן זיך פאַרנומען מיט דידאַקטיקע קונסטן, – זענען זיי געווען אַ סך ווייטער פון יענעם אָן אַ שיעורדיקן שווינדל, וואָס האָט זיך אײַנגעבירגערט אין זעכצנטן און באַזונדערס אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, נאָכדעם ווי די שטרענגערע וויסנשאַפט האָט פון זיך אויסגעשפּיגן דידאַקטיקע אָבערגלויבישע עלעמענטן, אָפּגעזען דערפון, וואָס דער דראַנג

נאָך דער דערפאָרשונג פון וויכטיקע און אומדורכדרינגבאַרע סודות איז דורך יענער פריערדיקער פאַרבינדונג געקומען צו־הילף די וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען אין דער אַסטראָנאָמיע און דער כעמיע, — איז אַלס נויטווענדיקע באַזע פון יענע טיפע און געהיימנישפולע שטודיעס געווען דער גלויבן אין אַ רעגלמעסיקן און לויט אייביקע געזעצן אונטערליגנדיקן גאַנג פון אַלע געשעענישן. דערדאָזיקער גלויבן טאַקע האָט געהערט צו די מעכטיקסטע ספרוזשינעס אין דער גאַנצער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער קולטור פונם מיטלאַלטער ביז דער נייער צייט.

קודם־כל מוזן מיר דאָ געדענקען אָן דער מעדיצין, וואָס איז היינטצוטאָג אין אַ געוויסער מאָס געוואָרן די טעאָלאָגיע פון די מאַטעריאַליסטן. די אַראַבער האָבן זיך מיט אַ באַזונ־דערער התמדה פאַרנומען מיט דערדאָזיקער וויסנשאַפט 20). אויך דאָ, שטיצנדיק זיך הויפּטזעכלעך אויף די גריכישע מסורות, האָבן זיי מיט אַ זעלבסשטענדיקן חוש זיך גענומען צו דער עק־זאַקטער באַאָבאַכטונג און באַזונדערס באַאַרבעט די לערע וועגן לעבן, וואָס שטייט אין אַזאַ ענגער שייכות מיט די פּראָבלע־מען פון מאַטעריאַליזם. ביים מענטשן, ווי אויך אין דער חיות־ און פלאַנצן־ קיניגרייך — אומעטום האָט דער סובטעלער חוש פון די אַראַבער געפאָרשט נישט בלויז די איינצעלהייטן פון די געגעבענע באַשעפענישן, נאָר אויך די אַנטוויקלונג, דאָס ווערן און פאַרגיין, בכן גראָד יענע געביטן, אין וועלכע עס האָט געהערשט די מיסטישע אויפפאַסונג פון לעבן.

ס'איז באַקאַנט די פריע אַנטשטייונג פון די מעדיצינישע שולן אויף יענעם באָדן פון דרום־איטאַליע, ווו עס זענען געקו־מען אין אַזאַ נאָענטן קאָנטאַקט די סאַראַצענען און די געביל־דעטערע קריסטלעכע פעלקער. נאָך אין עלפטן יאָרהונדערט האָט אין קלויסטער מאָנטע קאַסינאָ געלערנט דער מאָנאַך קאָנסטאַנטין, דער מענטש, וועמען די צייט־חברים האָבן אָנגע־רופן „צווייטער היפּאָקראַטעס", און וועלכער — נאָכדעם ווי ער האָט ארומגעוואַנדערט איבערן גאַנצן מזרח — האָט זיין

גאַנצע פרייע צייט געווידמעט פאַר איבערזעצונגען פון מעדי־צינישע ווערק פון אַראַביש. אין מאָנטע קאַסינאָ, און שפּעטער אין סאַלערנאָ און נעאַפּאָל זענען אַנטשטאַנען יענע באַרימטע מעדיצינישע שולן, וווהין עס האָבן געשטראָמט פון גאַנץ מערב־אייראָפּע אַלע וויסנסדורשטיקע מענטשן 21).

מ׳דאַרף נעמען אין אַכט, אַז דאָס איז דערזעלבער באָדן, אויף וועלכן עס איז אין אייראָפּע אַמפּריסטן אַנטשטאַנען די פריי־דענקעריי, וועלכע מ׳דאַרף נישט פאַרבייטן מיט דעם אַנטוויקלטן מאַטעריאַליזם, אָבער וועלכער איז מיט איר גאַנץ נאָענט פאַרקרובישט. יענע מקומות אין דרום־איטאַליע און באַזונדערס אין סיציליע, אין וועלכע עס בליען היינטצוטאָג אַמשטאַרקסטן דער בלינדער אָבערגלויבן און ווילדער פאַנאַטיזם, זענען דע־מאָלט געווען די היימען פון אויפגעקלערטע גייסטער און דאָס וויגעלע פונם געדאַנק פון טאָלעראַנץ.

מיר ווייסן נישט צי ס׳איז אמת, אַז קייזער פרידריך דער צווייטער, דער הויכגעבילדעטער פּרינץ פון די סאראַ־צענען, דער בקי אין דער נאַטור און שטיצער פון די פּאָזי־טיווע וויסנשאַפטן, האָט געזאָלט אָנרופן משה, מאַכמעד און קריסטוס, די דריי שווינדלער 22); דאָך האָט דידאַזיקע צייט און דידאָזיקע געגנט גורם געווען צו אַזעלכע אָנשויונגען. נישט אומזיסט האָט דאַנטע געצײלט אין די טויזנטער די דרייסטע צווייפלער, וועלכע פאַראַכטן דעם גיהינום, ליגנדיק אין די פייערדיקע קברים. ביי יענעם נאָענטן קאָנטאַקט פון די פאַרשידענע מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס — ווייל אויך די יידן זענען דאָרטן געווען צאָלרייך פאַרטרעטן און אין דער בילדונג כמעט נישט געשטאַנען הינטערשטעליק לגבי די אַראַ־בער — איז בהכרה אָפּגעטעמפּט געוואָרן די אַכטונג פאַרן ספּעציפישן, ווי באַלד עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ גייסטיקער פאַרקער; אין ספּעציפישן ליגט די קראַפט פון דער רעליגיע, פונקט ווי אינם אינדיוויד — די קראַפט פון דער דיכטונג.

מ׳האָט באַשולדיקט פרידריך דעם צווייטן, אַז ער האָט

זיך אַפילו אַריינגעלאָזן מיט די אַסאַסינען, — יענער מערדע־רישער יעזואַיטישער אָרדן פון מאַכדאַניזם, וועלכער האָט גע־זאָלט באַזיצן אַ געהיימע לערע, וואָס האָט אין דער העכסטער מאָס, אָפן און אָן סקרופּולן, געפּרעדיקט דעם עקסטן אַטעאיזם מיט אַלע קאָנסעקווענצן פון אָן אַמביציעזן און אויסגעלאַסענעם עגאָאיזם. וואָלט אמת געווען דאָס, וואָס די טראַדיציע זאָגט וועגן דער לערע פון די אַסאַסינען, וואָלטן מיר דעדאָזיקער סעקטע געמוזט געבן אַ גרעסערן כּבוד, און נישט דערמאָנען זי אגבֿ־אורחא. די אַסאַסינען וואָלטן זיך דאַן פאָרגעשטעלט אין דער העכסטער מאָס אַלס אורבילד פון אַ מאַטעריאַליסט, ווי עס שטעלן זיך אין אונזערע צייטן פאָר די אומוויסנדע און פאַנאַטישע פאָלעמיקער, כּדי צו קאָנען אים זיגרייך באַקעמפן. דאָס אַסאַסינטום וואָלט געווען דער איינציקער ביישפּיל אין דער געשיכטע פון אַ פאַרבינדונג פון דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע מיט גרויזאַמקייט, תּאווה צו מאַכט און סיסטעמאַ־טישע פאַרברעכנס.

לאָמיר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז אַלע ידיעות וועגן דער־דאָזיקער סעקטע שטאַמען פון אירע פאַרביטערטע שונאים. עס איז אַ העכסט־אינערלעכע אומוואָרשיינלעכקייט, אַז גראָד פון דער אומשולדיקסטער פון אַלע וועלטאָנשויונגען זאָל האָבן אַרויסגעגאַנגען יענע שרעקלעכע ענערגיע, וואָס פאָדערט די אויסערסטע אָנשפּאַנונג פון אַלע גייסטיקע קרעפטן, מיט וועלכע מיר באַגעגענען זיך געוויינלעך נאָר אין פאַרבינדונג מיט די רעליגיעזע אידייען. זיי, מיט זייער שרעקלעכער דערהויבנקייט און מיטרייסנדיקער פאַרכשופונג, זענען דער איינציקער עלע־מענט אין דער וועלט־געשיכטע, וועלכן מיר קאָנען פון העכסטן שטאַנדפּונקט פון באַטראַכטונג מוחל זיין פאַר די אויסערסטע מעשׂי־תּעתּועים פונם פאַנאַטיזם; און דאָס איז טיף באַגרינדעט אין דער מענטשלעכער נאַטור. מיר וואָלטן נישט געוואַגט אונ־זער השערה: אויך אין די העכסטע מדרגות פון די אַסאַסינען האָבן נאָך מיטגעווירקט רעליגיעזע אידייען — שטיצנדיק זיך,

להיפוך צו דער מסורה, אויף אינערלעכע טעמים — ווען די קוועלן פון אונזערע ידיעות וועגן די אַסאַסינען וואָלטן נישט דערוועקט אַזעלכע ספקות23). אַז אַ הויכער גראַד פון פריידענ־קערײַ קאָן זיך פאַרבינדן מיט אַ פאַנאַטישער אויפפאַסונג פון אַ רעליגיעזער אידיי, — אויף דעם קאָנען עדות זאָגן די י ע־ז ו א י ט ן, מיט וועמעס גאַנצן מהות די אַסאַסינען זענען אויפ־פאַלנדיק ענלעך.

לאָמיר אָבער צוריקגיין צו די נאַטורוויסנשאַפטן פון די אַראַבער. מיר קאָנען נישט לסוף נישט ציטירן ה ו מ ב אָ ל ד ט ס דרייסטע ווערטער, אַז מ׳דאַרף די אַראַבער באַטראַכטן אַלס די אייגנטלעכע גרינדער פון די פיזיקאַלישע וויסנשאַפטן, „אין דער באַדייטונג פון וואָרט, וואָס מיר גיבן אים געוויינלעך היינט״. דער ע ק ס פּ ע ר י מ ע נ ט און דאָס מ ע ס ט ן זענען די גרויסע ווערקצייג, מיט וועמעס הילף זיי האָבן אויסגעטרעטן אַ וועג פאַר זייערע פאָרשריטן און זיך דערהויבן צו אַ שטופּע, וואָס מ׳דאַרף שטעלן אינמיטן פון די אויפטוואונגען פון דער קורצער אינדוקטיווער עפּאָכע אין גריכנלאַנד און דער עפּאָכע פון די נייערע נאַטורוויסנשאַפטן.

אין גראַד דער פאַקט, וואָס אינם מאַכמעדאַניזם ווייזט זיך צום שאַרפסטן יענע ליבע צו נאַטורפאָרשונג, וועלכע מיר האָבן צוגעשריבן דעם מאָנאָטעאיסטישן פּרינציפּ — שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַגאַבטקייט פון די אַראַבער, מיט זייערע געשיכטלעכע און געאָגראַפישע באַציונגען מיט די העלע־נישע מסורות, אָבער, בלי ספק, אויך מיטן אומשטאַנד, וואָס מאַכמעדס מאָנאָטעאיזם איז געווען דער שאַרפסטער און פאַר־העלטנישמעסיק פריי פון די מיסטישע צומישונגען. שטרייכן מיר לכּוף אונטער — לעבן די נייע בילדונגס-עלעמענטן, וואָס אין זייער מאַרש האָבן זיי געקאָנט משפיע זיין אויף אַ מאַטעריאַ־ליסטישער אָנשויונג פון דער נאַטור, — נאָך איינעם, וועלכן הומ־באָלדט באַהאַנדלט אויספירלעך אין צווייטן באַנד פון זיין קאָס־מאָס: דאָס איז די אַנטוויקלונג פון דער ע ס ט ע ט י ש ע ר נ אַ־

טורבאַטראַכטונג אונטער דער השפעה פונם מאַנאָטעאיזם און פון דער סעמיטישער קולטור.

דאָס אַלטערטום האָט אויפן שטרענגסטן אופן אַדורכגעפירט די פערזאָניפיקאַציע און דעריבער איז עס זייער זעלטן בעקומען דערצו, אַז זי זאָל אויפפאַסן און פאָרשטעלן די נאַטור אַלס נאַטור. דער אָקעאַן איז געווען אַ מענטש מיט אַ ראָר־קרוין אויפן קאָפּ, די נימפע — אַ קוואַל, די לאָנקע און דער וואַלד — פאַון אָדער פאַן. צוזאַמען מיט דער אַנטגעטערונג פונם פעלד האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע נאַטורבאַטראַכטונג און די פרייד אין דער ריינער גרויסקייט און שיינקייט פון די נאַטורדערשיינונגען.

„עס איז אַ כאַראַקטעריסטישער סימן פון דער נאַטורפּאָעזיע פון די העברעער", זאָגט הומבאָלדט, „וואָס אַלס רעפלעקס פונם מאָנאָטעאיזם נעמט זי שטענדיק אַרום דעם וועלטאַל אין זיין איינהייט, ווי אויך דאָס ערדישע לעבן און די לייכטנדיקע הימלסרוימען. זי שטעלט זיך זעלטן אָפּ אויף די איינצלהייטן פון אַ דערשיינונג, נאָר זי האָט ליב די באַטראַכטונגען פון גרויסע מאַסן. מ'וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז אין איינציקן קאַפּיטל 104 פון תהילים ווערט געשילדערט דער גאַנצער קאָסמאָס: דער האַר, איינגעהילט אין ליכט, האָט אויסגעשפּרייט דעם הימל ווי אַ טעפּיך. די ערדקויל האָט ער אָנגעלעגט אויף זיך, כדי זי זאָל זיך נישט וואַקלען אין דער אייביקייט. די וואַסערן שטראָמען אַראָפּ פון די בערג אין די טאָלן, צו זייערע באַשטימטע ערטער: אַז זיי זאָלן קיינמאָל נישט איבערטרעטן די פּאַר זיי אָנגעצייכנטע גרעניצן, נאָר זיי זאָלן אָנטרינקען אַלע פעלד־חיות. די פייגל אין דער לופט זינגען שירה פון צווישן די צווייגן. פול מיט זאַפט שטייען די אייביקע ביימער, די צעדערן פון לבנון, וועלכע גאָט בכבודו ובעצמו פאַרפלאַנצט, אַז די פייגל זאָלן זיך דאָרט נעסטן און אויף די טענענביימער זאָל די שוואַלב בויען איר נעסט".

פון די צייטן פון די קריסטלעכע נזירים שטאַמט אַ בריוו פון באַזיל דעם גרויסן, וואָס אַנטהאַלט אין הומבאָלדטס

איבערזעצונג אַ פּרעכטיקע און געפּילפּולע באַשרייבונג פון דער איינזאַמער וואַלד-געגנט, אין וועלכער עס שטייט דאָס הייזל פון נזיר.

אַזוינאָך האָבן פון אַלע זייטן געשטראָמט די קוואַלן צום מעכטיקן טייך פון מאָדערנעם גייסטיקן לעבן, אין וועלכן מיר וועלן אונטער פאַרשידנערליי מאָדיפיקאַציעס זוכן דעם קעגנשטאַנד פון אונזער פאָרשונג — דעם מאַטעריאַליזם.

II. די סכאָלאַסטיק און די ירושה פון די אַריסטאָטעלישע באַגריפן וועגן שטאָף און פאָרם

בעת די אַראַבער האָבן, ווי מיר ווייסן עס שוין פון פריערדיקן קאַפּיטל, געשעפּט זייער קענטניש וועגן אַריסטאָטעלעס פון רייכע, הגם אויך שטאַרק-מוטנע מקורים, האָט די סכאָלאַסטישע פילאָזאָפיע פון מערב-אייראָפּע אָנגעהויבן פון באַאַרבעטן די זייער-מאָגערע, און אויך מוטנע מסורות [24].

דער הויפּט-מקור איז געווען אַריסטאָטעלעס שריפט וועגן די קאַטעגאָריעס און אַ פון פּאָרפיריוס פאַרפאַסטער אַריינפיר צו זיי, אין וועלכן עס ווערן באַהאַנדלט די „פינף ווערטער". דידאָזיקע פינף ווערטער, וועלכע בילדן דעם אַריינגאַנג אין דער גאַנצער סכאָלאַסטישער פילאָזאָפיע, זענען: מין, אַרט, אונטערשייד, אייגנטימלעכקייט און צופעליקייט. די צען קאַטעגאָריעס זענען: סובסטאַנץ, קוואַנטום, קוואַליטעט, פאַרהעלטניש צו עפּעס, אָרט, צייט-לאַגע, צושטאַנד, אַקטיוויטעט און פּאַסיוויטעט.

ווי באַקאַנט, איז פאַראַן אַ גאַנצע, נאָך אַלץ-וואַקסנדיקע ליטעראַטור איבער דער פראַגע, וואָס האָט אייגנטלעך אַריסטאָטעלעס געמיינט מיט זיינע קאַטעגאָריעס, ד. ה. מיט די אַרויסזאָגונגען אָדער מיט די מינים פון אַרויסזאָגונגען. מ'וואָלט אַ סך שנעלער געקומען צום הויפּט-ציל, אויב מ'וואָלט זיך באַצייטנס אַנטשלאָגן דאָס אומרייפע, אומקלאָרע ביי אַריסטאָטעלעסן אויפצופּאַסן אַלס אַזעלכעס, אַנשטאָט צו זוכן אונ-

טער יעדן אומפאַרשטענדלעכן אויסדרוק אַ סוד פון דער טיפסטער חכמה. איצט קאָן מען אויף זיכער אָנערקענען, אַז מיט דער אויפשטעלונג פון זיינע קאַטעגאָריעס האָט אַריסטאָטעלעס געמאַכט אַ פּרווו פעסטצושטעלן אין וויפיל הויפּטאַרטן קאָן מען זאָגן וועגן עפּעס וואָס עס איז, און לאָזנדיק זיך פאַרפירן דורך דער אויטאָריטעט פון דער שפּראַך, האָט ער אידענטיפיצירט די אַרטן פון די אַרויסזאָגונגען מיט די אַרטן פון דער הויה[25].

נישט לייזנדיק דאָ די פּראַגע, אויף וויפיל מ׳קאָן רעכטפערטיקן (צ. ב. ווי איבערוועג טוט דאָס אין זיין לאָגיק, אָדער אין שליירמאַכערס און טרענדלענבורגס זין) דאָס שטעלן פּאַראַלעל די פאַרמען פון זיין און די פאָרמען פון דענקען און אָננעמען אַ מער-ווייניק גענויע אַנטשפּרעכנדיקייט צווישן ביידע, מוזן מיר אונטערשטרייכן — וואָס וועט אונטן נאָך בולטער דערוויזן ווערן — אַז דער פאַרבייט פון די סוביעקטיווע און אָביעקטיווע עלעמענטן אין אונזער אויפפאַסונג וועגן די זאַכן איז איינער פון די עיקרדיקסטע שטריכן פון אַריסטאָטעלשן דענקען, און אַז גראָד דערדאָזיקער פאַרבייט, און סרוב טאַקע אין זיינע אומגעלומפּערטסטע פאָרמען, איז געוואָרן די באַזע פון דער סכאָלאַסטיק.

אַריסטאָטעלעס האָט דעמדאָזיקן פאַרבייט אין דער פילאָזאָפיע נישט איינגעפירט, נאָר, פאַרקערט, ער האָט געמאַכט די ערשטע התחלה אונטערצושיידן דאָס, וואָס דאָס אומוויסנשאַפטלעכע באַוווסטזיין איז שטענדיק גענייגט צו אידענטיפיצירן, אָבער אַריסטאָטעלעס האָט זיך נישט גערוקט ווייטער פון די העכסט-אומפולקאָמע התחלות פון דערדאָזיקער אונטערשיידונג; אָבער גראָד דאָס יעניקע, וואָס איז אין זיין לאָגיק און מעטאַפיזיק פאַרדרייט און אומרייף, איז ביי די אומגעבילדעטע מערב-אייראָפּעאישע נאַציעס געוואָרן דער גרונטשטיין פון זייער חכמה, מחמת עס האָט אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו זייער אומאַנטוויקלטן שכל. אַן אינטערעסאַנטן ביישפּיל דערפון געפינען מיר ביי פּרעדעגיוס, אַלקואינס אַ תלמיד,

וועלכער האָט באַערט קאַרל דעם גרויסן מיט אַ טעאָלאָגישן בריוו „de nihilo et tenebris“ („פֿון גאָרנישט און פֿון דער פֿינצטערניש”), אין וועלכן דאָס גאָרנישט, פֿון וועלכן גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט, ווערט דערקלערט פֿאַר אַן עקזיסטירנדיקע זאַך, און טאַקע מחמת דעם העכסט פּשוטן טעם, וואָס יעדעס וואָרט באַציט זיך אויף אַ זאַך26).

אַ סך העכער איז שוין געשטאַנען סקאָטוס עריגענאַ, וועלכער האָט „פֿינצטערניש”, „שווייגן” און ענלעכע אויסדרוקן דערקלערט פֿאַר באַגריפֿן פֿונם דענקנדיקן סוביעקט, אָבער געוויס מיינט ער דערמיט, אַז די „אָפּוועזנהייט” פֿון אַ זאַך און די זאַך גופֿא ,ענען פֿון זעלבן מין, ובכן ליכט און פֿינצטערניש, קלאַנג און שווייגן. כ׳האָב, בכן, אויפֿן זעלבן אופֿן איין מאָל אַ באַגריף פֿון דער זאַך, און דאָס אַנדערע מאָל אַ באַגריף פֿון דער אָפּוועזנהייט פֿון דער זאַך. די אָפּוועזנהייט שטעקט בכן אויך אינם אָביעקט, זי איז עפּעס אַ רעאַלס.

דעמדאָזיקן טעות געפֿינען מיר שוין אויך ביי אַריסטאָטעלעסן. די נעגאַציע אין אַן אַרויסזאָג האָט אַריסטאָטעלעס ריכטיק אָנערקענט אַלס אַן אַקט פֿון דענקנדיקן סוביעקט, די „באַרויבונג” צ. ב. דאָס בלינד זיין פֿון אַ וועזן, וואָס פֿון נאַטור זעט עס, איז אָבער פֿאַר אים אַן אייגנשאַפֿט פֿונם אָביעקט. און דאָך געפֿינען מיר אין דער ווירקלעכקייט אויפֿן אָרט פֿון די אויגן ביי אַזאַ וועזן אפֿשר עפּעס אַ דעגענערירט אבר, וואָס באַזיצט אָבער דורכויס נאָר פּאָזיטיווע אייגנשאַפֿטן. מיר געפֿינען אפֿשר, אַז דאָס באַשעפֿעניש באַוועגט זיך טאַפּנדיק און מיט שוועריקייט, אָבער אין דידאָזיקע באַוועגונגען איז אַלץ אויף זייער אופֿן באַשטימט און פּאָזיטיוו. ערשט פֿון אונזער פֿאַרגלייכן דאָסדאָזיקע באַשעפֿעניש מיט אַנדערע, וועלכע מיר באַצייכענען אויפֿן סמך פֿון אונזער דערפֿאַרונג אַלס נאָרמאַלע, באַקומט זיך דער באַגריף „בלינדקייט”, דאָס זעען „פֿעלט” נאָר אין אונזער פֿאָרשטעלונג. די זאַך פֿאַר זיך גענומען איז, ווי עס איז, אָן יעדער באַציונג אויף „זעען” אָדער „נישטזעען”.

עס איז לייכט איינצוזען, אַז טעותים פון אַ נאָך שווערערן מין געפינען זיך אויך אין דער אַריסטאָטעלישער ריי פון די קאַטעגאָריעס, אַמבולטסטן ביי דער קאַטעגאָריע פונם „פאַרהעלטניש צו עפּעס", ווי צ. ב. „טאָפּלט", „האַלב", „גרעסער", וו קיינער וועט נישט ערנסט באַהויפּטן, אַז זיי זענען אייגנשאַפטן פון די זאַכן, סיידן ווען זיי ווערן פאַרגליכן דורך אַ דענקנדיקן סוביעקט.

ווייט וויכטיקער איז אָבער געוואָרן די אומקלאָרקייט פון פאַרהעלטניש פון וואָרט, און זאַך — אין שייכות מיט די סובסטאַנץ-באַגריפן און די מינים.

מיר האָבן געזען, ווי אויף דער שוועל פון יעטוועדער פילאָזאָפיע באַווייזן זיך פאָרפיריוס „פינף ווערטער": אַ קיצור פון אַריסטאָטעלעס לאָגישע שריפטן, וואָס זאָל געבן דעם תלמיד די הויפּטגויטווענדיקסטע ידיעות. צווישן דידאַקטיש ווערטער-דערקלערונגען שטייען אויבנאָן די דערקלערונגען וועגן מין און אַרט; באַלד אינם אַריינפיר צום דאָזיקן אַריינפיר געפינען זיך די פּאַטאַלע ווערטער, פון וועלכע ס'האָט זיך וואָרשיינלעך אָנגעהויבן אין מיטלאַלטער די פּלוגתא וועגן די „אוניווערסאַליעס". פאָרפיריוס דערמאָנט אָן דער גרויסער פראַגע, צי די גענערא און ספּעציעס (מינים און אַרטן) זענען עפּעס אין זיך, אָדער זיי באַשטייען בלויז אין גייסט; צי זיי זענען קערפּערליכע אָדער אומקערפּערליכע סובסטאַנצן; צי זיי זענען אָפּגעטיילט פון די זינגלעכע זאַכן, אָדער זיי עקזיסטירן נאָר אין זיך און דורך זיך? דאָס לייזן דידאַקטיש, אַזוי פייערלעך-געשטעלטע פראַגן ווערט נדחה, ווייל דאָס איז איינער פון די העכסטע ענינים. מיר זעען אָבער געגוג, כדי צו באַמערקן, אַז די שטעלונג פון די „פינף ווערטער" באַם איינגאַנג צו דער פילאָזאָפיע איז פאַרבונדן מיט דער ספּעקולאַטיווער וויכטיקייט פון די באַגריפן וועגן מין און אַרט, און הגם פאָרפירוס לייגט אָפּ זיין אורטייל, פאַראַט אָבער דער אויסדרוק געגוג בולט די פּלאַטאָנישע סימפּאַטיעס פונם מחבר.

די פּלאַטאָנישע אויפפאַסונג פון די מין- און אַרט-

באַגריפֿן (פֿאַרגלײַך אויבן III) איז אויך אין פֿריִען מיטלאַלטער, טראָץ אַריסטאָטעלעס אָנזען, געוואָרן די הערשנדיקע. די פּעריפּאַטעטישע שול האָט ווי באַקומען אַ פּלאַטאָנישן ערנטויער, און דער ייִנגער תּלמיד איז באַלד באַם אַרײַנטרעטן אין דעם היכל פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע אויפֿגענומען געוואָרן מיט אַ פּלאַטאָנישער באַגריסונג, — און אפֿשר אויך מיט אַ בפֿיוונדיקער קעגנוויכט לגבי דעם פֿאַרדעכטיקן שטריך פֿון די אַריסטאָטעלשע קאַטעגאָריעס. בעתן אַרומרעדן די סובסטאַנץ דערקלערט אַריסטאָטעלעס, אַז די קאָנקרעטע אײַנצעלנע זאַכן, ווי אַ באַשטימטער מענטש, אַ באַשטימט פֿערד, זענען אין ערשטן און אייגנטלעכן זין סובסטאַנצן. דאָס פּאַסט אינגאַנצן נישט צו דער פּלאַטאָנישער פֿאַראַכטונג פֿונם קאָנקרעטן, און ס׳דאַרף אונדז נישט חידושן, וואָס סקאָטוס עריגענאַ האָט נישט געוואָלט אָנערקענען דידאָזיקע לערע. אַריסטאָטעלעס רופֿט אָן די ספּעציעס אַלס סובסטאַנצן ערשט אין דער צווייטער ליניע, און ערשט דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון די ספּעציעס באַקומט אויך דער אַרט די סובסטאַנציאַליטעט. דאָ האָט זיך באַלד באַם אַרײַנגאַנג צו דער פֿילאָזאָפֿיע געעפֿנט אַ רײַכער קוואַל פֿון שול־מחלוקותן, אָבער בכלל איז די פּלאַטאָניזירנדיקע אויפֿפֿאַסונג (דער „רעאַליזם”, ווײַל די universalia — די אַלגעמיינע אייגנשאַפֿטן — ווערן אויפֿגעפֿאַסט אַלס res — זאַכן) געבליבן די הערשנדיקע און צוגלײַך אָרטאָדאָקסאַלע אָנשויונג ביזן סוף מיטלאַלטער. די ש אַ ר פֿ ס ט ע אָ פּ אָ ז י צ י ע קעגן מאַטעריאַליזם, וואָס עס האָט אַרויסגערופֿן דער מיטלאַלטער, באַהערשט מתחילת־אָן די פֿילאָזאָפֿישע אַנטוויקלונג פֿון מיטלאַלטער און אַפֿילו אין די התחלות פֿון „נאָמינאַליזם” ווײַזט זיך אין משך פֿון הונדערטער יאָרן קוים אַ בייגונג אָנצונעמען דאָס קאָנקרעטע אַלס אויסגאַנגספּונקט, וואָס וואָלט זיך אין אַ געוויסער מאָס געקאָנט גרעניצן מיטן מאַטעריאַליזם. די גאַנצע תּקופֿה איז געווען באַהערשט דורכן וואָרט, דורך זאַכן אינם געדאַנק, דורך דער פֿולער אומקלאָרקייט פֿון דער באַדײַטונג פֿון די זינלעך געגעבענע דערשײַנונגען, וואָס האָבן ווי חלומות־וויזיעס פֿאַרבײַגעשוועבט פֿאַר די

צו נסים געווינטע חושים פון די ספעקולירענדיקע קלע־ריקער.

דידאָזיקע לאַגע האָט זיך וואָס אַמאָל מער געענדערט, זינט עס איז אין מיטן פון צוועלפטן יאָרהונדערט געוואָרן קענטיק די השפעה פון אַראַבישע און יידישע פילאָזאָפן און ס'האָט זיך בהדרגה פאַרשפּרייט אַ פולשטענדיקערע קענטניש פון אַריסטאָטעלעס, פריער דורך אַראַבישע איבערזעצונגען, שפּעטער אָבער דורך די פון ביצאַנץ באַקומענע גריכישע אָרי־גינאַלן. אין דערזעלבער צייט אָבער האָבן זיך אַלץ פולשטענ־דיקער און טיפער איינגעוואָרצלט די גרונט-באַגריפן פון דער אַריסטאָטעלישער מעטאַפיזיק.

דידאָזיקע גרונטבאַגריפן זענען אָבער וויכטיק פאַר אונז, נישט בלויז צוליב דער נעגאַטיווער ראָל, וועלכע זיי האָבן געשפּילט אין דער געשיכטע פונם מאַטעריאַליזם, נאָר אויך אַלס נויטיקע באַווייזן פאַר דער קריטיק פון מאַטעריאַליזם; אָבער נישט מחמת דעם, וואָס מיר זאָלן נאָך היינט מעסטן און אָפּשאַצן דעם מאַטעריאַליזם לויט דידאָזיקע באַגריפן, נאָר ווייל דורך זייער אַנאַליז קאָנען מיר גרינטלעך באַזייטיקן די מיספאַרשטייענישן, וואָס דראָען שטענדיק בשעתן וויכוח וועגן דאָזיקן ענין. וויבאַלד עס זענען קלאָר די באַגריפן, מיט וועלכע מיר מוזן דאָ שטענדיק אָפּערירן, און עס איז שוין דער־ליידיקט איין טייל פון די פראַגן, וואָס געהערן דאָ אַהער און עס ווערט באַלויכטן די ריכטיקייט און אומריכטיקייט פון מאַ־טעריאַליזם, דאַרף מען קודם-כל שעפּן פון די קוואַלן און אויפ־מערקזאַם באַטראַכטן זייערע בהדרגהדיקע וואַנדלונגען.

אַריסטאָטעלעס איז דער שעפּער פון דער „מעטאַפיזיק"; און ווי באַקאַנט, פאַרדאַנקט זי איר זיבלאָזן נאָמען בלויז דער שטעלונג פון דידאָזיקע ביכער אין דער ריי פון אַריסטאָטעלעס שריפטן. דער צוועק פון דערדאָזיקער וויסנשאַפט איז דאָס אונ־טערזוכן די געמיינזאַמע פּרינציפּן פון יעטוועדן עקזיסטירנדיקן; אַריסטאָטעלעס באַצייכנט זיי דעריבער אַלס די ערשטע „פילאָ־זאָפיע", ד. ה. אַלס די אַלגעמיינע, וואָס באַציט זיך נאָך

נישט אויף קיין שום באַזונדערן געביט. דער געדאַנק, אַז ס'איז נויטיק אַזאַ פילאָזאָפיע, איז געווען ריכטיק; אָבער די לייזונג פונעם פּראָבלעם האָט אַפילו נישט געקאָנט געלונגען בקירוב איידער מ'האָט אָנערקענט, אַז דאָס אַלגעמיינע איז קודם־כל דאָס, וואָס שטעקט אין דער נאַטור פון אונזער גייסט, דורך וועלכן מיר נעמען אויף יעטוועדע דערקענטניש. עס פילט זיך דאָ דעריבער שטאַרק דער מאַנגל אין אָפּשיידונג פון סוביעקטיוון און אָביעקטיוון, פון דער דערשיינונג און דער זאַך, און די אַריסטאָטעלישע מעטאַפיזיק איז מחמת דעם געוואָרן אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פון זעלבסטאָפּנאַרעריי. אָבער דאָס מיטלאַלטער איז באַזונדערס געניגט געווען גיריק איינצוזאַפּן אין זיך גראָד די ערגסטע אילוזיעס פון דאָזיקן מין, און זיי זענען באַזונדערס וויכטיק פאַר אונזער ענין. דידאָזיקע אילוזיעס שטעקן אין די באַגריפן וועגן מאַטעריע און מעגלעכקייט, אין זייער פאַרהעלטניש צו פאָרם אוןווירקלעכקייט.

אַריסטאָטעלעס רופט אָן פיר אַלגעמיינע פּרינציפּן פון יעטוועדן עקזיסטירנדיקן: די פאָרם, (אָדער דאָס וועזן) דעם שטאָף (אין די לאַטייניש איבערזעצונגען materia), די באַוועגנדיקע סיבה און דער צוועק 27). קודם־כל וועלן מיר דאָ באַטראַכטן די ערשטע צוויי.

דער באַגריף וועגן מאַטעריע איז פריער פאַר אַלעם אַ גאַנץ פאַרשידענער פון דעם, וואָס מ'פאַרשטייט היינטצוטאָג אונטערן באַגריף „מאַטעריע". בעת אונזער דענקען טראָגט נאָך אין טייל געביטן דעם חותם פון די אַריסטאָטעלישע באַגריפן, איז דורך דער השפּעה פון די נאַטורוויסנשאַפטן אַריינגעדרונגען אַ מאַטעריאַליסטישער עלעמענט אין דעם געוויינלעכן פאַרשטעלונגסאופן. אָנגעמענדיק, אָדער אָפּוואַרפנדיק דעם אַטאָמיזם, שטעלן מיר זיך פאָר די מאַטעריע אַלס אַ קערפּערלעכע זאַך, וואָס איז פאַרשפּרייט אומעטום, ווו ס'איז נישט פאַראַן קיין פּוסטער רוים, בעיקר אַ גלייכאַרטיק וועזן, הגם זי איז אונטערגעוואָרפן געוויסע מאָדיפיקאַציעס.

ביי אַריסטאָטעלעסן איז דער באַגריף מאַטעריע אַרעלאַ־טיווער, זי איז מאַטעריע אין באַציונג צו דעם, וואָס עס וועט פון איר ווערן דורך דער צוקומענדיקער פאָרם. אָן דער פאָרם קאָן די זאַך נישט זיין דאָס, וואָס זי איז, דורך דער פאָרם ווערט די זאַך ערשט דאָס, וואָס זי איז אין ווירקלעכקייט, בעת פריער איז די מאַטעריע געווען די מעגלעכקייט פון דער זאַך. דער שטאָף האָט שוין אָבער פאַר זיך אויך אַ געוויסע פאָרם, הגם אַ נידעריקערער, און אַזאַ, וואָס איז גאַנץ גלייכגילטיק אין דער באַ־ציונג צו דער זאַך, וואָס דאַרף ווערן.

דער ארץ פון אַ סטאַטוע איז, למשל, דער שטאָף; די אידיי וועגן דער סטאַטוע — די פאָרם, און פון די ביידע ווערט די ווירקלעכע סטאַטוע. אָבער דער ארץ איז נישט געווען קיין שטאָף אַלס דערדאָזיקער באַשטימטער ארץ (מחמת אַלס אַזעלכער האָט ער ווידער אַ פאָרם, וואָס האָט גאָרנישט צו טון מיט דער סטאַטוע), נאָר אַלס ארץ אין אַל־געמיין, ד. ה. אַלס עפּעס, וואָס איז נישט אין זיך ווירקלעך, נאָר וואָס קאָן ווערן עפּעס. דעריבער עקזיסטירט אויך די מאַטעריע נאָר אין דער מעגלעכקייט; די פאָרם אָבער עקזיסטירט אין דער ווירקלעכקייט, אָדער אין דער פאַר־ווירקלעכונג. דער איבערגאַנג פון מעגלעכן אין דער ווירקלעכ־קייט איז דאָס ווערן, דאָס איז בכן די געשטאַלטונג פונם שטאָף דורך דער פאָרם.

ווי מ׳זעט, איז דאָ גאָר קיין רייד נישט וועגן אַ אין זיך עקזיסטירנדיקן קערפּערלעכן סובסטראַט פון אַלע זאַכן. די קאָנקרעטע, דערשיינענדיקע זאַך גופא, ווי זי איז, צ. ב. אַ ליגגדיקער בוים־שטאַם, איז איין מאָל „סובסטאַנץ“, ד. ה. אַ פאַרווירקלעכטע, פון פאָרם און שטאָף באַשטייענדיקע זאַך, דאָס אַנדערע מאָל בלויז אַלס מאַטעריע. דער בוים־שטאַם איז „סובסטאַנץ“, אַ גרייטע איינצעלנע זאַך, אַלס אַ בוים־שטאַם, וועל־כער האָט באַקומען פון דער נאַטור זיין פאָרם; ער איז אָבער „מאַטעריע“, מיט איינזעעניש אויפן בעליק אָדער בילד, וואָס

זאָל פון אים אַנטשטיין. מ׳וואָלט נאָר געדאַרפט צוגעבן „אויף וויפל מיר באַטראַכטן אים אַלס שטאָף״ — דאַן וואָלט אַלץ קלאָר געווען, אָבער די אויפפאַסונג וואָלט שוין מער נישט געווען אַ שטרענג אַריסטאָטעלישע; ווייל פאַקטיש האָט אַריסטאָטעלעס איבערגעטראָגן דידאָזיקע באַציונגען אויף אונזער דענקען אין די זאַכן.

חוץ דער מאַטעריע און דער פאָרם האָט אַריסטאָטעלעס אויך באַטראַכט די באַוועגנדיקע סיבות און דעם צוועק אַלס טעמים פון יעטוועדן זיין, און דער לעצטער פאַלט צונויף לויט דער נאַטור פון דער זאַך מיט דער פאָרם. פונקט ווי די פאָרם איז דער צוועק פון דער סטאַטוע, אַזוי באַטראַכט אַריסטאָטעלעס אויך אין דער נאַטור די אין דער מאַטעריע זיך פאַרווירקלעכטע פאָרם אַלס צוועק אָדער ענדסיבה, אין וועלכער דאָס וועזן געפינט זיין נאַטירלעכן אָפּשלוס.

בעת דידאָזיקע גאַנצע באַטראַכטונג איז לויט איר אופן גענוג קאָנסעקווענט, ווערט דאָך דערביי פולשטענדיק פאַרזען, אַז די קרובישע באַגריפן זענען מתחילת-אָן אַזעלכע, אַז זיי קאָנען נישט אָן טענות גענומען ווערן אַלסווירקלעכע אָנערקענטע איינגעשאַפטן פון דער אָביעקטיווער וועלט, בעת זיי קאָנען שאַפן אַ גענוי געגלידערט סיסטעם פון סוביעקטיווער באַטראַכטונג. עס איז דעריבער וויכטיקער צו באַקומען אַ קלאָרן באַגריף וועגן דעם, ווייל אין תוך גענומען, האָבן נאָר ווייניק פון די שאַרפזיניקע דענקער, ווי לייבניץ, קאַנט און הערבאַרט אויסגעמיטן דעמדאָזיקן אבן-נגף, הגם די זאַך איז אין זיך אַזוי איינפאַך.

דער גרונט-טעות שטעקט דערין, וואָס דער באַגריף פון מעגלעכן, וואָס איז דאָך לויט זיין נאַטור אַ בלויזע סוביעקטיווע הנחה, איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין די זאַכן.

אַז מאַטעריע און פאָרם זענען צוויי זייטן, לויט וועלכע מיר קאָנען באַטראַכטן דעם מהות פון די זאַכן — דאָס איז אומאָפּלייקנבאַר. אויך איז אַריסטאָטעלעס געווען גענוג פאָרזיכטיק נישט צו זאָגן, אַז פון דידאָזיקע צוויי איז צונויפגעשטעלט

דאָס וועזן, ווי פון צוויי אָפּשיידבאַרע טיילן; אָבער ווען פון דורכדרינגען פון מאַטעריע און פאָרם, פון מעגלעכקייט און פאַרווירקלעכונג ווערט אַרויסגעפירט דאָס ווערן, דאָס ווירקלעכע געשעעןנ ווערט דער אָקאָרשט אויסגעמיטענער טעות אויף דעם פונקט באַגאַנגען מיט אַ טאָפּלטער קראַפט.

מ'דאַרף אומבאַדינגט קומען צו דער מסקנא: אויב ס'איז נישט פאַראַן קיין אומגעפאָרמטע מאַטעריע, אויב מ'קאָן זי נאָר משער זיין, נישט זיך פאָרשטעלן, איז אויך אין די זאַכן נישט פאַראַן קיין מעגלעכקייט. דאָס זיין אין דער מעגלעכקייט איז, קוים פאַרלאָזט מען דעם באָדן פון דער פיקציע, אַ ריינער אומזין, וואָס עקזיסטירט שוין מער נישט. אין דער אויסערלעכער נאַטור איז פאַראַן נאָר ווירקלעכקייט, נישט קיין מעגלעכקייט.

אַריסטאָטעלעס, למשל, באַטראַכט דעם גענעראַל, וואָס האָט געוווּנען אַ שלאַכט, אַלס אַ ווירקלעכן זיגער. דער־דאָזיקער ווירקלעכער זיגער איז אָבער שוין פאַר דער שלאַכט געווען זיגער, דאָך אָבער נאָר in potentia, ד. ה. לויט דער מעגלעכקייט. אַזויפיל דאַרף מען, בלי ספק, מודה זיין, אַז שוין פאַר דער שלאַכט זענען אין זיין פּערזאָן, אין דער שטאַרקייט, אין דער אויפשטעלונג פון דער אַרמיי א. ז. וו. פאַראַן געווען די באַדינגונגען, וואָס האָבן גורם געווען צו אַ ניצחון. זיין ניצחון איז געווען „מעגלעך"; אָבער דידאָזיקע באַנוצונג פונם באַגריף „מעגלעך" שטיצט זיך נאָר דערויף, וואָס מיר, מענטשן, קאָנען שטענדיק זען נאָר איין טייל פון די ווירקנדיקע סיבות; ווען מיר זאָלן קאָנען זען אַלע, וואָלטן מיר איינגעפונען, אַז דער זיג איז נישט בלויז מעגלעך, נאָר אַפילו נויטווענדיק; מחמת אויך די צופעליקע און פון דרויסן מיטווירקנדיקע אומשטאַנדן שטייען אַזוי פעסט אין זייער קויזאַלצוזאַמענהאַנג, וועלכער איז שוין אַזוי איינגעאָרדנט, אַז ס'וועט קומען אַ באַשטימטער דערפאָלג און נישט קיין אַנדערער.

מ'וואָלט געקאָנט איינווענדן, אַז דאס שטימט טאַקע מיט

אַריסטאָטעלעס הנחות; מחמת דער גענעראַל, וואָס ווערט בהכרח אַ זיגער, איז אין אַ געוויסער מאָס שוין דער זיגער, אָבער ער איז עס נאָך נישט ווירקלעך, נאָר in potentia, אין דער מעגלעכקייט.

דאָס וואָלט געווען אַ גאָר בולטער ביישפּיל פונם פאַרבייט פון באַגריפן און קעגנשטאַנדן. צי איך רוף דאַן דעם גענעראַל זיגער אָדער נישט, איז ער דאָך דאָס, וואָס ער איז: אַ ווירקלעך וועזן, וואָס שטייט אין אַ געוויסן צייטפּונקט פונם פאַרלויף פון אינערלעכע און אויסערלעכע אייגנשאַפטן און פּראָצעסן. די נאָך נישט אָנגעקומענע אומשטענדן זענען פאַר אים אויך נאָך נישט פאַראַן; ער האָט נאָר אַ געוויסן פּלאַן אין זיינע פאָרשטעלונגען; אַ געוויסע קראַפט פון זיין אָרעם, פון זיין שטים; געוויסע זיטלעכע באַציונגען צו זיין אַרמיי; געוויסע געפילן פון האָפנונג אָדער מורא; בקיצור: ער איז אָפּהענגיק פון אַלע זייטן; אַז פון דידאָזיקע באַדינגונגען אין פאַרהעלטניש צו אַנדערע באַדינגונגען פון זיין קעגנער, פונם באָדן, פון די אַרמייען, פונם וועטער, וועט אַרויסקומען דער ניצחון, איז אַ באַציונג, וועלכע ווערט אויפגעפאַסט אין אונזער דענקען און געבירט דעם באַגריף „נויטווענדיקייט", אָדער די נויטווענדיקייט פון אַ דערפאָלג, נישט צוגעבנדיק און נישט אַראָפּנעמענדיק גאָרנישט פון דאָזיקן באַגריף.

צו דערדאָזיקער מעגלעכקייט במחשבה קומט גאָרנישט צו, כדי צו מאַכן דערפון ווירקלעכקייט, אַ חוץ אין אונזערן דענקען.

„הונדערט ווירקלעכע טאָלער", זאָגט קאַנט, „אַנטהאַלטן נישט עפּעס מער, ווי הונדערט מעגלעכע" 28).

דערדאָזיקער כּלל קאָן ביי אַ געלטספּעקולאַנט אויסזען צווייפלהאַפט, אויב נישט אומזיניק. עטלעכע יאָר נאָך קאַנטס טויט (יולי 1808) האָט מען אין קעניגסבערג געצאָלט קוים 25 טאָלער פאַר אַ מלוכה-באַנקנאָט פון 100 טאָלער 29). 100 ווירקלעכע טאָלער האָבן בכן אין דער געבורטסשטאָט פונם גרויסן פילאָזאָף געהאַט דעם ווערט ווייניקער ווי בלויז 400 מעגלעכע, און

ס'וואָלט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז די מיינונגען פון אַריסטאָטעלעס מיט אַלע סכאָלאַסטיקער ביז וואָלף און בוימגאַרטן זענען גלענצנד באַשטעטיקט געוואָרן. דער באַנקנאָט, וועלכן מ'קאָן באַקומען פאַר 25 ווירקלעכע טאָלער, שטעלט מיט זיך פאָר 100 מעגלעכע טאָלער. קוקן מיר זיך אָבער גענויער צו, זעט מען, אַז די זייער אומזיכערע אויסזיכט צו באַקומען אין דער צוקונפט 100 טאָלער, ווערט אַוועקגעגעבן פאַר 25 טאָלער; דאָס איז בכן דער ווירקלעכער ווערט פון דער באַטרעפנדיקער אויסזיכט, און דעריבער אויך דער ווירקלעכער ווערט פונם באַנקנאָט, וואָס גיט דידאָזיקע אויסזיכט. דער קעגנשטאַנד פון דערדאָזיקער אויסזיכט בלייבן דעריבער נאָך ווי פריער די פולע הונדערט טאָלער פונם נאָמינאַל-ווערט. דערדאָזיקער נאָמינאַל-ווערט שטעלט מיט זיך פאָר דעם באַטרעף פון דעם, וואָס מ'דערוואַרט אַלס מעגלעך, מיט אַ וואַרשיינלעכקייט פון אַ פערטל. דער ווירקלעכער ווערט האָט גאָרנישט צו טון מיטן באַטרעף פונם מעגלעכן. אַזוינאָך איז קאַנט פולשטענדיק גערעכט.

קאַנט האָט מיטן דאָזיקן ביישפּיל געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, און אויך דערמיט איז ער געווען גערעכט. ווען מ'האָט דעם 13 יאַנואַר 1811 אויסגעצאָלט דעם ספּעקולאַנט זיינע הונדערט טאָלער אין באַרעס געלט, איז גאָרנישט צוגעקומען צו דער מעגלעכקייט, בעת זי איז געוואָרן ווירקלעכקייט. די מעגלעכקייט, אַלס דער בלויזער געדאַנק, קאָן איצט און שטענדיק איבערגיין אין ווירקלעכקייט, אָבער די ווירקלעכקייט באַקומט זיך פון פריערדיקע ווירקלעכע אומשטענדן מיט אַ פולער באַשטימטקייט. לעבן דער צוריקשטעלונג פון מלוכהשן קרעדיט און אַנדערע פאַרהעלטנישן געהערט דערצו אויך דאָס באַווייזן אַ ווירקלעכן באָן — נישט פון די „מעגלעכע" הונדערט טאָלער; מחמת דידאָזיקע הונדערט טאָלער עקזיסטירן נאָר אינם מוח פון יענעם, וואָס שטעלט זיך פאָר איין טייל פון די אומשטענדן, וואָס האָבן אַן איינפלוס אויף דעם אויסטויש פון פּאַפּירגעלט אויף זילבער, און

האָט דידאָזיקע פֿאָרשטעלונג געמאַכט אַלס אויסגאַנגספּונקט פֿון זיינע האַפּנונגען, מורא און רעפֿלעקסיעס.

דער לייענער וועט אונז אַנטשולדיקן פֿאַרן מאריך זיין דידאָזיקע באַטראַכטונגען, אויב מיר וועלן נאָך אַמאָל בקיצור אָנווייזן דערויף, אַז דער באַגריף וועגן דער מעגלעכקייט איז דער מקור פֿון די מייסטע און ערגסטע מעטאַפֿיזישע טעותן. וואָס אַן אמת, אַריסטאָטעלעס איז נישט שולדיק דערין, ווייל דערדאָזיקער גרונט-טעות איז טיף באַגרינדעט אין אונזער אָרגאַניזאַציע, אָבער דערדאָזיקער טעות האָט אָבער געמוזט ווערן טאָפּלט שעדלעך אין אַ סיסטעם, וואָס האָט מער ווי וועלכער נישט איז פֿריערדיקער געשטיצט די פֿיזיק אויף דיאַלעקטישע באַטראַכטונגען, און די הויכע באַדייטונג, וואָס אַריסטאָטעלעס האָט געוווּנען גראָד דורך זיין מעטאָד, וואָס איז אין אַנדערע הינזיכטן געווען פֿרוכטבאַר, האָט כמעט ווי פֿאַרייביקט דעמדאָזיקן שאָדן.

היות אַריסטאָטעלעס האָט אויף אַזאַ אומגליקלעכן אופֿן אַרויסגעפֿירט דאָס ווערן און איבערהויפּט די באַוועגונג פֿון דער בלויזער מעגלעכער מאַטעריע און פֿון דער זיך פֿאַרווירקלעכטער פֿאָרם, האָט בהדרגה די פֿאָרם אָדער דער צוועק פֿון די זאַכן גאַנץ קאָנסעקווענט געמוזט ווערן דער מקור פֿון דער באַוועגונג, און אַזוי ווי די נשמה באַוועגט דעם קערפּער, אַזוי איז גאָט, אַלס פֿאָרם און צוועק פֿון דער וועלט, די ערשטע סיבה פֿון אַלע באַוועגונגען. מ׳האָט זיך נישט געקאָנט ריכטן, אַז אַריסטאָטעלעס זאָל באַטראַכטן די מאַטעריע אַלס אַ זיך אַליין באַוועגנדיקע, מחמת ער האָט איר איבערהויפּט צוגעשריבן נאָר די נעגאַטיווע אייגנשאַפֿט פֿון דער מעגלעכקייט צו ווערן אַלץ.

די זעלבע פֿאַלשע פֿאָרשטעלונג וועגן מעגלעכן, וואָס האָט געהאַט אַזאַ שטערנדיקן איינפֿלוס אויפֿן באַגריף „מאַטעריע", געפֿינען מיר ווידער אין פֿאַרהעלטניש פֿון דער בלייבנדיקער זאַך צו אירע זיך בייטנדיקע צושטאַנדן, אָדער אויסדריקנדיק דאָס אין די טערמינען פֿונם סיסטעם, אינם פֿאַר-

העלטניש פון סובסטאַנץ און אַקצידענץ. די סובּ־סטאַנץ איז דאָס פאַר זיך עקזיסטירנדיקע וועזן פון דער זאַך, די אַקצידענץ — אַ צופעליקע אייגנשאַפט, וועלכע איז פאַ־ראַן אין דער סובסטאַנץ נאָר „לויט דער מעגלעכקייט". אָבער אין די זאַכן איז נישט פאַראַן קיין צופאַל, הגם אייניקע פון זיי מוז איך, צוליב אומקענטניש פון די סיבות, באַצייכנען אַלס צופעליק.

דאָסגלייכן קאָן אין קיין שום זאַך נישט שטעקן די מעגלעכקייט פון וועלכער נישט איז אייגנשאַפט אָדער צושטאַנד. דאָס איז נאָר אַ קעגנשטאַנד פון אונזערער קאָמבּינירנדיקער פאָרשטעלונג. אויך קאָן נישט זיין קיין שום אייגנשאַפט אין די זאַכן „לויט דער מעגלעכקייט", מחמת דאָס איז לחלוטין נישט קיין עקזיסטענץ־פאָרם, נאָר אַ דענק־פאָרם. דאָס תּבואה־קערנדל איז נישט קיין מעגלעך שטרוי, נאָר אַ תּבואה־קערנדל. אויב אַ טוך איז נאַס, איז אין דער רגע, ווען עס איז אַזוי, דידאָזיקע נאַסקייט אַזוי נויטווענדיק לויט די אַלגעמיינע געזעצן, ווי יעדע אַנדערע אייגנשאַפט פונם טוך; און ווען די נאַסקייט איז פריער באַטראַכט געוואָרן אַלס מעגלעכע, האָט דאָך נישט דאָס טוך, וועלכעס איך וויל שפּעטער ווייקן אין וואַסער, קיין שום אַנדערע אייגנשאַפטן אין זיך, ווי יעדעס אַנדערע טוך, מיט וועלכן מ׳וועט נישט מאַכן אַזאַ עקספּערימענט.

די באַגריפלעכע אָפּשיידונג פון סובסטאַנץ און אַקצידענץ איז פאָרט אַ באַקוועם, און אפשר אַ נויטווענדיק הילפמיטל פון דער אָריענטירונג; אָבער וויבאַלד מ׳הייבט אָן זיך אַריינלאָזן טיפער אינם מהות פון די זאַכן, מוז מען אויך אָנערקענען, אַז דאַן פאַרשווינדט אויך דער אונטערשייד צווישן סובסטאַנץ און אַקצידענץ. אמת, אַ זאַך באַזיצט געוויסע אייגנשאַפטן, וואָס געפינען זיך אין אַ דויערהאַפטער צוזאַמענהאַנג, ווי אַנדערע; אָבער אַבסאָלוט דויערהאַפטיק איז קיין שום זאַך נישט און, אין גרונט גענומען, געפינען זיך אַלע זאַכן אין אַ שטענדיקן בייט. אויב מ׳פאַסט אויף די סובסטאַנץ אַלס איינצלוועזן, נישט אַלס מין אָדער אַלס אַן אַלגעמיין שטאָפלעכן סובסטראַט, מוז מען,

כדי געניי צו באַשטימען זיין פאָרם, אויך באַגרענצן זיין באַטראַכטונג אויף אַ געוויסן צייטאָפּשניט און אין זיין היקף באַטראַכטן אַלע זיך דורכדרינגנדיקע אייגנשאַפטן אַלס די סובסטאַנציאָנעלע פאָרם און אַלס דאָס איינציקע וועזן פון דער זאַך.

אויב, פאַרקערט, מ׳הייבט אָן צו רעדן, לויט אַריסטאָטעלעס, וועגן דעם באַגריף אין די זאַכן אַלס זייער אמתע סובסטאַנץ, געפינט מען זיך שוין אויפן באָדן פון דער אַבסטראַקציע; ווייל אין גרונט וועט עס אויך זיין לאָגיש, צי פון דער קענטניש פון אַ טוץ קעץ וועלן מיר זיך שאַפן דעם באַגריף וועגן מין, אָדער מיר באַטראַכטן אונזער היימישע קאַץ אַלס איין און דאָס זעלבע וועזן דורך אַלע אירע לעבנסשטופעס, וואַנדלונגען און שטע-לונגען. נאָר אויפן געביט פון אַבסטראַקציע האָט דער קעגנזאַץ פון סובסטאַנץ און אַקצידענץ זיין באַטייט. כדי מיר זאָלן זיך אָריענטירן, און פאַר דער פראַקטישער באַהאַנדלונג פון די זאַכן, וועט מען קיינמאָל פולשטענדיק זיך נישט קאָנען באַגיין אָן די דורך אַריסטאָטעלעס מייסטערהאַפטע באַצייכנטע קעגנזאַצן פון מעגלעכן אוןווירקלעכן, פאָרם און מאַטעריע, סובסטאַנץ און אַקצידענץ. עס איז אָבער אויך אַזוי זיכער, אַז בעת דער פאָ-זיטיווער פאָרשונג פון דידאָזיקע באַגריפן וועט מען שטענדיק אַריינגעפירט ווערן אין טעותים, ווי באַלד מ׳וועט נישט לייגן קיין אַכט אויף זייער סוביעקטיווער נאַטור און רעלאַטיווער באַדייטונג, און בכן קאָנען זיי נישט דינען צו פאַרברייטערן אונזער בליק וועגן אָביעקטיוון מהות פון די זאַכן.

דער שטאַנדפונקט פון געוויינלעכן עמפירישן דענקען, ביי וועלכן דער הייַנטיקער מאַטעריאַליזם בלייבט בכלל שטיין, איז בשום אופן נישט פריי פון די פעלערן פון אַריסטאָטעלשן סיסטעם, ווייל ער האַלט זיך ווי מעגלעך פעסטער און טיפער באַם פאַלשן קעגנזאַץ אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. דעם שטאָף, דער מאַטעריע, — וואָס שטעלט דאָך יעדנפאַלס מיט זיך פאָר אַ געשאַפענעם באַגריף דורך דער אַבסטראַקציע, — שרייבט מען צו דאָס וואָרע וועזן, מען איז געניגט אָנצונעמען דעם

שטאָף פון די זאַכן אַלס זייער סובסטאַנץ און די פאָרם — אַלס אַ בלויזע אַקצידענץ. דאָס שטיק, פון וועלכן עס זאָל ווערן אַ סטאַטוע, באַטראַכט יעדער אַלס אַ ווירקלעך; די פאָרם אָבער, וואָס עס דאַרף באַקומען, בלויז אַלס מעגלעכע. און דאָך זעט מען דאָ לייכט, אַז דאָס איז אויף אַזוי פיל אמת, אויף וויפיל דאָס שטיק באַזיצט אַ פאָרם, *וועלכע איך באַטראַכט נישט ווייטער*, נעמלעך די פאָרם פון דעם שטיק שטיין. דאָס שטיק אַלס שטאָף פון דער סטאַטוע דערקעגן איז נאָר פאַראַן *במחשבה*, בעת די *אידיי* וועגן דער סטאַטוע, אויף וויפיל זי ווערט פאַרגעשטעלט פון אַ קינסטלער, האָט לכל הפחות אַלס *פאָרשטעלונג* אַ געוויסע אַרט *ווירקלעכקייט*. עד כאן איז אַריסטאָטעלעס גערעכט לגבי דעם געוויינלעכן עמפּיריזם, זיין טעות באַשטייט נאָר דערין, וואָס ער טראָגט איבער די ווירקלעכע פאָרשטעלונג פון אַ דענקנדיקן וועזן אין אַ פרעמדן קעגנשטאַנד, וואָס איז אונטערגעוואָרפן זיין באַהאַנדלונג, אַלס „לויט דער מעגלעכקייט" פאַראַנענע אייגנשאַפט.

די אַריסטאָטעלישע דעפיניציעס וועגן דער סובסטאַנץ, דער פאָרם, דער מאַטעריע א. א. וו. האָבן אַזוי לאַנג געהאַט אַ באַדייטונג, אויף וויפיל מ'האָט זיי פאַרשטאַנען, ווי לאַנג עס האָט געהערשט די סכאָלאַסטיק, ד. ה. אין דייטשלאַנד ביז נאָך קאַרטעזיוס צייטן.

אָבער אויב שוין אַריסטאָטעלעס האָט מיט גרינגשעצונג באַהאַנדלט די מאַטעריע און זאָגט איר אָפּ אין אייגענער באַוועגונג, איז דידאָזיקע גרינגשעצונג צום מאַטעריאַליזם מסתם נאָך שטאַרקער געשטיגן אונטער דער השפעה פון קריסטנטום, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין געשריבן אין פריערדיקן קאַפּיטל. מ'האָט גאָרנישט אין אַכט גענומען, אַז אַלץ, דורך וועלכן די מאַטעריע ווערט עפּעס אַ באַשטימטע זאַך — למשל, שלעכטס, זינדיקס, מוז אין אַריסטאָטעלישן זין זיין פאָרם; אמת מ'האָט נישט אַזוי ווייט פאַרענדערט די שיטה, אַז מ'זאָל באַצייכנען די מאַטעריע אַלס שלעכטס, אָבער מ'האָט באַזונדערס ליב גע-

האָט צו מאָלען איר אַבסאָלוטע פּאַסיוויטעט; מ'האָט זי פאַר־געשטעלט אַלס אַן אומפּולקאָמענהייט, נישט באַטראַכטנדיק זיך, אַז די פּולקאָמענהייט פון יעטוועדן וועזן באַשטייט דערין, וואָס עס אַנטשפּרעכט זיין צוועק, און ווען מיר ווילן ווען־עס־איז אויף אַ קינדישן אויפן אויסשטעלן אַ צענזור די לעצטע סיבות פון יעטוועדן עקזיסטירנדיקן, וואָלט מען געדאַרפט לויבן די מאַ־טעריע, וואָס פירט זיך אויף אַזוי רויק. ווען וואָלף האָט אַ סך שפּעטער צוגעשריבן דער מאַטעריע vis inertiae (כוח פון אינערציע) און די פיזיקער האָבן עמפּיריש איבערגעטראָגן אויף דער מאַטעריע די אייגנשאַפטן פון דער שווערקייט און אומ־דורכדרינגלעכקייט, בעת דידאָזיקע אייגנשאַפטן מוזן אין זיך זיין פאָרמען, איז באַלד פאַרטיק געוואָרן דאָס אָפּשרעק־בילד:

„די מאַטעריע איז אַ טונקעלע, פוילע, פאַרגליווערטע און אַבסאָלוט־פּאַסיווע סובסטאַנץ".

„און אָט־די סובסטאַנץ זאָל עס דענקען"? האָט געפרעגט איין פּאַרטיי, בעת איר'ע קעגנער פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם, צי עס זענען פאַראַן אוממאַטעריעלע סובסטאַנצן, מחמת אין דער צווישנצייט איז דער באַגריף סובסטאַנץ אין אַלטעגלעכן שפּראַך־געברויך אידענטיפיצירט געוואָרן מיט דער מאַטעריע.

אויף דידאָזיקע וואַנדלונגען פון די באַגריפן האָט, וואָס אַן אמת, אויך משפּיע געווען דער מאָדערנער מ אַ ט ע ר י אַ־ל י ז ם, אָבער די נאָכווירקונג פון די אַריסטאָטעלישע באַגריפן און די אויטאָריטעט פון דער רעליגיע זענען געווען גענוג שטאַרק, כדי צו לענקען אויף אַ גאַנץ אַנדערן וועג די ווירקונגען פון דערדאָזיקער השפּעה. די צוויי מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט די גרעסטע השפּעה אויף דער אומגעשטאַלטונג פונם באַגריף וועגן דער מאַטעריע, זענען ד ע ק אַ ר ט און נ י ו ט אָ ן. ביידע שטייען זיי אין די הויפּט־יסודות אויף דער דורך ג אַ ס ע נ ד י באַנייטער אַטאָמיסטיק (הגם דעקאַרט באַמיט זיך ווי מעגלעך צו פאַרהאַלטן דאָס, לייקענענדיק אינם פּוסטן חלל); אָבער דערין האָבן זיי ביידע זיך אונטערגעשיידט פון

דעמאָקריטן און עפּיקורן, וואָס זיי האָבן אָפּגעטיילט די באַוועגונג פון שטאָף און זי געלאָזט אָנטשטיין דורך גאָטס ווילן, וועלכער שאַפט צום ערשט די מאַטעריע און דאַן אין אַן אַקט, וואָס לאָזט זיך לכל-הפּחות אָפּטיילן אינם באַגריף, פירט ער אין איר אַריין די באַוועגונג.

איבעריקנס האָט זיך די אַריסטאָטעלישע אָנשויונג אָמלענגסטן און פאַרהעלטנישמעסיק אָמריינסטן אויפגעהיטן גראָד אין יענעם ספּעציעלן געביט, פאַר וועלכן די פראַגן פון מאַטעריאַליזם האָבן אַ באַזונדערס אַנטשיידנדיקן באַטייט — אויפן געביט פון דער פּסיכאָלאָגיע. דער יסוד פון דעררדאָזיקער נשמהלערע שטיצט זיך אויפן טעות וועגן מעגלעכקייט אוןווירקלעכקייט. אַריסטאָטעלעס דעפינירט די נשמה אַלס אַ פאַרווירקלעכונג פון אַן אָרגאַנישן קערפּער, וועלכער באַזיצט לעבן „לויט דער מעגלעכקייט". דער ויסדרוק פאַר זיך איז נישט אַזוי רעטנישפול און נישט אַזוי פילבאַדייטנדיק, ווי טייל מיינען 30). „פאַרווירקלעכונג" אָדער „דערפילונג" ווערט ביי אים איבערגעגעבן דורכן גריכישן וואָרט „entelecheja", און ס'איז שווער צו זאָגן וויפיל טייטשן עס האָט דעררדאָזיקער אויסדרוק. ביי אַריסטאָטעלעסן באַטייט ער אַ באַקאַנטן קעגנזאַץ צו dynamis; זיינע ווייטערדיקע טייטשן זענען אָנגעצויגענע 31). דער אָרגאַנישער קערפּער באַזיצט דאָס לעבן נאָר לויט דער מעגלעכקייט נאָך, און די פאַרווירקלעכונג פון דעררדאָזיקער מעגלעכקייט קומט פונדרויסן. דאָס איז עס אינגאַנצן. די אינערלעכע אומוואָרהייט פון דער גאַנצער אָנשויונג ווערט נאָך בולטער, איידער ביים פאַרהעלטניש פון דער פאָרם צום שטאָף, הגם דער קעגנזאַץ פון די צוויי פאַר באַגריפן איז פולשטענדיק דערוזעלבער. אַז דעם אָרגאַנישן קערפּער קאָן מען זיך פאָרשטעלן אַלס בלויזע מעגלעכקייט פון אַ מענטש, אָן אַ מענטשלעכער פאָרם, וועלכע פאָדערט דאָך פון איר זייט די טעטיקייט פון דער „פאַרווירקלעכונג" פון אַ מענטש אין אַ פּלאַסטישן שטאָף, בכן די נשמה — אַט דאָס איז געווען דער אבן-נגף פון דער אָרטאָדאָקסאַלער אַריסטאָטעלישער אַנ-

שוויונג, וועלכע האָט, בלי ספק, בעיקר צוגעהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פונם סטראַטאָניזם. כּדי אויסצומיידן דעמדאָזיקן אבן-נגף, ציט זיך אַריסטאָטעלעס צוריק צום געבורטס-אַקט, גלייך ווי דאָ וואָלט, לכל-הפּחות די פאָרמלאָזע מאַטעריע, זיך פאַרווירקלעכט אַלס אַ מענטשלעך באַשעפעניש דורך דער פּסיכישער ענערגיע פונם באַפרוכפּערער; אָבער דערמיט ווערט די פונם סיסטעם געפאָדערטע אָפּשיידונג פון פאָרם און שטאָף, פאַרווירקלעכונג און מעגלעכקייט, איבערגעטראָגן אין האַלב-שאָטן אין אַ ווינציקער באַקאַנטן פּראָצעס און ס'זעט אויס ווי מ'וואָלט געכאַפּט פיש אין מונטעם וואַסער 32). דאָס מיטלאַלטער האָט אָבער גאַנץ גוט געקאָנט אויסנוצן דידאָזיקע אָנשויונג און געוווּסט זי צו ברענגען אין טרעפלעכן איינקלאַנג מיט דער דאָגמאַטיק.

אַ וויכטיקערן ווערט האָט געהאַט די טיפּזיניקע לערע פונם פילאָזאָף פון סטאגירא, — אַז דער מענטש, אַלס דאָס העכסטע באַשעפעניש פון דער יצירה, טראָגט אין זיך די נאַטור פון אַלע נידעריקערע שטופעס. די אויפגאַבע פון דער פלאַנץ באַשטייט אין נערן זיך און געדייען; דעריבער איז דער מהות פון דער פלאַנצנשמה דאָס וואַקסן. אין דער חיה רעגט זיך חוצדעם עמפּינדונג, באַוועגונג און פעיקייט צו תאווה; דאָס וועגעטאַטיווע לעבן דינט דאָ דעם העכערן, דעם סענסיטיוון. אין מענטש אָבער קומט-צו דער העכסטער יסוד, דער גייסט, און באַהערשט די איבעריקע. דורך אַ געוויסער מעכאַניזירונג, צו וועלכער עס האָבן נוטה געווען די סכאָלאַסטיקער, זענען פון דידאָזיקע עלעמענטן פון מענטשלעכן ווען געמאַכט געוואָרן דריי כּמעט פולשטענדיק פונאַנדער אָפּגעטיילטע נשמות, די anima vegetativa — די וואַקסנדיקע נשמה, anima sensitiva — די פילנדיקע נשמה און anima rationalis — די שכלדיקע נשמה. די ערשטע איז געמיינזאַם פאַרן מענטש, חיות און פלאַנצן; די צווייטע — לכל-הפּחות פאַר דעם מענטש און חיות. די לעצטע אָבער איז אומשטערבלעך און פון אַ געטלעכן אורשפּרונג און נעמט אַרום אַלע העכערע גייסטיקע קרעפטן,

וואָס די חיות האָבן נישט קיין חלק אין זיי33). פון דערדאָזיקער אונטערשיידונג איז ביי די קריסטלעכע דאָגמאַטיקער אַנטשטאַנען די אַזוי באַליבטע אָפּשיידונג פון נשמה און גייסט, די צוויי העכערע קרעפטן, בעת די נידעריקסטע, די anima vegetatia איז געוואָרן די באַזע פאַר דער שפּעטערדיקער טעאָריע וועגן דער לעבנסקראַפט.

עס איז קיין ספק נישט, אַז אַריסטאָטעלעס האָט דידאָזיקע קרעפטן באַם מענטשן אָפּגעשיידט נאָר אין באַגריף. פונקט ווי דער מענטשלעכער גוף באַזיצט נישט קיין חיהשע נאַטור לעבן דער ספּעציפיש-מענטשלעכער נאַטור, נאָר אין איר; פונקט ווי ער איז אַ חיהשער גוף פון איידלסטן אַרט, און דאָך אין דער באַזונדערער געשטאַלטונג זיינער דורך און דורך אייגנטימלעך מענטשלעך: אַזוי דאַרף מען לויט דעם דענקען וועגן פאַרהעלטניש פון די מדרגות פון די נשמות. די מענטשלעכע פאָרם שליסט אין זיך איין דאָס גייסטיקע וועזן, וואָס איז פולשטענדיק אַדורכגעדרונגען פון די עמפּינדונגס- און תאווה-פעיקייטן, וועלכע זענען ביי דער חיה די אידענטיפיצירונג מיטן לעבנס-יסוד. ערשט אין דער לערע וועגן דעם „אָפּשיידבאַרן" שכל, - יענע לערע, אויף וועלכע עס האָט זיך, פון איין זייט, פאַררופן דער מאָנאָפּסיכיזם פון די אַווראָאיסטן, און, פון דער צווייטער זייט, די סכאָלאַסטישע אומשטערבלעכקייטלעכע, — ווערט אָפּגעשאַפט די איינהייט, הגם נישט אָן אַ בפירושן עובר זיין אויף די גרונטשטריכן פונם סיסטעם. די-דאָזיקע איינהייט, לויט וועלכער די פאָרם פון מענטש, וואָס פאַרייניקט אין זיך אַלע נידעריקע פאָרמען, איז זיין נשמה, איז אַדורכגעבראָכן געוואָרן דורך די סכאָלאַסטיקער. דערביי האָבן זיי זיך געקאָנט שטיצן אויף געוויסע מיינונגען פונם גרויסן פילאָזאָף, — אָפּגעזען פון דעם „אָפּשיידבאַרן שכל", — וועלכער האָט אין זיין גאַנצן סיסטעם מיט דער געניסטער קאָנסעקווענץ און געוויסע הויפּט-שטריכן פאַרייניקט אַ שטאַרקע וואַקלעניש אין דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג. אַזוי, למשל, אויך, ביי דער אומשטערבלעכקייטס-לערע, וועלכע איז, פונקט ווי די

לערע וועגן גאָט, לויז פאַרבונדן מיטן סיסטעם און אין געוויסע פונקטן איז ער אים סותר 34).

אַרויסגייענדיק פון דער אַריסטאָטעלישער פילאָזאָפיע, דער־קלערן זיך נאָך אַנדערע הנחות פון דער עלטערער מעטאַפיזיק, וועלכע די מאַטעריאַליסטן וואַרפן גערן אָפּ אַלס פּשוט זינ־לאָזע. דאָ אָהער געהערט, למשל, די באַהויפּטונג, אַז די נשמה איז נישט בלויז פאַרשפּרייט אין גאַנצן קערפּער, נאָר זי געפינט זיך אויך אַלס גאַנצע אין יעדן טייל. טאָמאַס פון אַקווינאָ האָט בפירוש געלערנט, אַז זי געפינט זיך נישט בלויז לויט דער מעגלעכקייט, נאָר אויך לויט דער ווירקלעכקייט אין יעדן טייל פון קערפּער אַלס אַן אייגנהייטלעך און אומצעטיילבאַר וועזן. דאָס האָט פאַר טייל מאַטעריאַליסטן געשיינט צו זיין דער קולמינאַציע־פּונקט פון אומזין, אָבער אינם געביט פון אַריסטאָטעלשן סיסטעם האָט עס לכל־הפּחות אַזאַ גוטן זין, ווי מ׳וואָלט געזאָגט: דער יסוד פון קרייז, אויסגעדריקט דורך דער איינער און אומטיילבאַרער פאָרמול־ $X^2+y^2=r^2$, איז פולשטענ־דיק פאַרווירקלעכט אין יעדן באַליביקן אָפּשניט פונם געגעבע־נעם קרייז מיטן שטראַל, וועמעס מיטלפּונקט קומט אויס אין דעם אָנפאַנגספּונקט פון די קאָאָרדינאַטן.

פאַרגלייכן מיר די עיקר־צורה פון מענטשלעכן גוף מיט דעם קרייז, וועט מען אפשר תּופס זיין דעם גרונט געדאַנק פונם סטאַגיריט ריינער און קלאָרער, ווי ער איז ביכולת געוועזן זי פאָרצושטעלן.

די פראַגע וועגן דעם זיצאָרט פון די באַוווּסטע פונקציעס, פון עמפּינדן און באַגערן, איז אַ גאַנץ אַנדערע. אַריסטאָטעלעס באַשטימט זייער זיץ אינם האַרץ; די סכאָלאַס־טיקער, אָפּלערנענדיק זיך פון גאַלענוס, האָבן באַשטימט זייער אָרט אינם מוח. אַריסטאָטעלעס אָבער לאָזט קאָנסעקווענט איבער פאַר דידאַקטיק פונקציעס זייער פיזישע נאַטור און בכן, געצוויי געגומען, איז ער אין דאָזיקן וויכטיקן פּונקט מסכּים מיט די מאַטעריאַליסטן (פאַרגלייך אָנמערקונג 31). דערין האָבן, וואָס אַן אמת, די סכאָלאַסטיקער נישט געקאָנט נאָכגיין אַריסטאָטעלעסן

און מ׳קאָן נישט אָפּלייקענען, אַז די שפּעטערדיקע פיזיק האָט מיט זיך אין יענע, פאַר זיך איינפאַכע פאָרמולן, אַריינגעברענגט אַ מיסטישן פלאָנטער, וואָס איז נענטער צום פולשטענדיקן אומזין, איידער צום קלאָרן דענקען.

וויבאַלד מען וויל אָבער דאָ דערגיין דעם מקור פונם קעגנזאַץ פון מאַטעריאַליזם צו דער מעטאַפיזיק, דאַרף מען ווידער צוריקגיין צו יענעם פאַרבייט פון זיין און דענקען, וועלכער האָט געהאַט אַזעלכע שווערע קאָנסעקווענצן באַם באַגריף, „מעגלעכקייט". מיר האַלטן זיך פעסט ביי דער מיינונג, אַז דערדאָזיקער פאַרבייט האָט לכתחילה געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ פשוטן טעות. ערשט די נייערע פילאָזאָפן האָבן געמאַכט אַ טוגנט פון דער אומפעיקייט זיך צו באַפרייען פון טויזנטיאָריקע קייטן, און גראָד די נישטדערוויזענע אידענטישקייט פון זיין און דענקען דערהויבן אַלס אַ פּרינציפּ.

אויב איך צייכן אויף מיט קרייד אַ קרייז צוליב אַ מאַטעמאַטישער קאָנסטרוקציע, איז קיין-ספק נישט, אַז די פאָרם פון דער רוימלעכער איינאָרדנונג פון די קרייד-טיילן עקזיסטירט פריער אין מיין מחשבה אַלס צוועק. דער צוועק ווערט די באַוועגנדיקע סיבה, די פאָרם — די פאַרווירקלעכונג פונם מאַטעמאַטישן פּרינציפּ אין די שטאָפלעכע טיילן. וווּ געפינט זיך אָבער דער פּרינציפּ? אינם קרייד? נאַטירלעך, אַז נישט אין די איינצלנע טיילן. און אויך נישט אין זייער סומע. בכן אין זייער „איינסדרונג" ד. ה. אין אַן אַבסטראַקציע. דער פּרינציפּ געפינט זיך און בלייבט איבער אין מענטשלעכן געדאַנק. ווער גיט אונז אָבער דאָס פולשטענדיקע רעכט אַריבערצוטראָגן אַזאַ פאָרויס עקזיסטירנדיקן פּרינציפּ אין די יעניקע זאַכן, וועלכע קומען נישט צושטאַנד דורכן מענטשלעכן שכל, ווי למשל, די פאָרם פון מענטשלעכן גוף? איז זידאָזיקע פאָרם עפּעס? אין אונזער אויפפאַסונג — געוויס. דאָס איז דער דערשיינונגסאופן פונם שטאָף, ד. ה. דער אופן, אויף וועלכן זי באַווייזט זיך פאַר אונז; אָבער צי קאָן דער-

דאָזיקער דערשיינונגסאופן פון דער זאַך עקזיסטירן פאַר דער זאַך גופא? צי קאָן ער זיין אָפּגעטיילט פון איר?

ווימ'זעט, פירט דער קעגנזאַץ פון פאָרם און שטאָף, ווי באַלד מ'פאַרטיפט זיך אין תוך פון דעם ענין, צוריק צו דער פראַגע וועגן דער עקזיסטענץ פון די אוניווערסאַליען, מחמת די פאָרם קאָן מען באַטראַכטן נאָר אַלס אַן אַלגעמיינע זאַך, וואָס עקזיסטירט זעלבסשטענדיק מחוץ דער מענטשלעכער פעיקייט צום דענקען. אַזוינאָך פירט די אַריסטאָטעלשע וועלטאָנשויונג צוריק, ווען מ'גייט אַריין אין תוך פון דער זאַך, אומעטום צום פּלאַטאָניזם, און וויפיל מאָל מ'באַגעגנט זיך מיט אַ קעגנזאַץ צווישן אַריסטאָטעלשן „עמפּיריזם” און פּלאַטאָנישן אידעאַליזם, האָבן מיר פאַר זיך אַ פונקט, אין וועלכן אַריסטאָטעלעס איז זיך אַליין סותר. אַזוי, למשל, הייבט אַריסטאָטעלעס אָן זייער עמפּיריסטיש אין דער לערע וועגן דער סובסטאַנץ מיט דער סובסטאַנציאַליטעט פון די איינצעלנע קאָנקרעטע זאַכן. באַלד אָבער שפּרינגט דער דאָזיקער באַגריף ווידער איבער צו דער הנחה, אַז דאָס באַגריפלעכע אין די זאַכן, אָדער די פאָרם, איז סובסטאַנץ, דאָס באַגריפלעכע איז אָבער דאָס אַלגעמיינע, און דאָך זאָל עס, אין פאַרבינדונג מיט אַ אין זיך גאַנץ אומבאַשטימטן שטאָף, אים באַשטימען. דאָס האָט אַ זין אין פּלאַטאָניזם, וועלכער באַטראַכט די איינצעלנע זאַכן אַ'ס זאַכן אין דמיון; ביי אַריסטאָטעלעסן אָבער בלייבט דאָס אַ פולשטענדיקע סתירה און איז בכן געהיימנישפול סיי פאַר חכמים, סיי פאַר שוטים.

אויב מ'ווענדט אָן דידאָזיקע באַטראַכטונגען לגבי דער פלוגתא פון די נאָמינאַליסטן און רעאַליסטן (פאַרגלייך אויבן) דאַן באַגרייפט מען, אַז די אַנטשטייונג פון אינדיווידן האָט מסתם געמאַכט גרויסע שוועריקייטן די רעאַליסטן. די פאָרם אַלס עפּעס אַלגעמיינס קאָן נישט שאַפן קיין אינדיווידן פון דער מאַטעריע, פונוואַנען נעמען מיר בכן דעם אינדיווידועלן פרינציפ, אַ „principium individuationis” רעדנדיק מיטן סכאָלאַסטישן לשון? אַריסטאָטעלעס בלייבט אונז

שולדיק אַן ענטפער. אַוויסעננאַ האָט זיך געכאַפּט פאַר אַן אויסוועג און דעם פרינציפּ פון אינדיוויד, בכן דאָס יעניקע, וואָס ווערט דורכן באַגריף הונט דערדאָזיקער באַשטימטער הונט, איבערגעטראָגן אויף דער מאַטעריע; אַן אויסוועג, ביי וועלכן עס מוז אָפּפאַלן דער גאַנצער אַריסטאָטעלישער באַגריף (און ערשט טאָקע דער פּלאַטאָנישער) וועגן דער מאַטעריע, אָדער דער אינדיוויד מוז אויפן פּלאַטאָנישן אופן פאַרשווונדן. דאָ איז אַריינגעפאַלן אין דער נעץ אַפילו דער היליקער טאָמאַס, וועלכער האָט זיך אַזוי פאַרזיכטיק באַנוצט מיט די אַראַבישע מפרשים און געוווסט אויסצומיידן זייערע טעותים. ער האָט איבערגעטראָגן דעם פרינציפּ פונם אינדיוויד אין דער מאַטעריע און — געוואָרן אַן אַפּיקורוס, מחמת ווי עס האָט אויפגעוויזן דער בּיסקופּ סטעפאַן טעמפּיער איז דידאָזיקע מיינונג סותר דער לערע וועגן די אוממאַטעריעלע אינדיווידן, די מלאכים און אָפּגעשיידטע נשמות 31). דונס סקאָטוס האָט זיך אַרויסגעהאָלפן מיט דער המצאה פון די באַרימטע haecceitas, וועלכע ווערן געגוג אָפּט ציטירט, אָן איינזען אויפן צוזאַמענהאַנג פון די באַגריפן, אַלס דעם קולמינאַציע-פּונקט פונם סכאָלאַסטישן אומזין. פּאַקטיש זעט אויס צו זיין אַן אַבסורדאַלע אידיי צו מאַכן די אינדיווידואַליטעט אַלס אַ פּועל-יוצא פון אַלגעמיינעם ad hoc; און דאָך איז פון צווישן די אַלע אויסוועגן דידאָזיקע לייזונג פון דער שוועריקייט אין בעסטן איינקלאַנג, אָדער זאָגן מיר בעסער — אין דער קלענס-טער סתירה מיטן גאַנצן אַריסטאָטעלישן סיסטעם.

אָבער די נאָמינאַליסטן האָבן דאָ נישט אָנגעטראָפן אויף קיין שום גרויסע שוועריקייטן. אָקקאַם דערקלערט גאַנץ רויק, אַז דער פּרינציפּ פון אינדיווידואַציע שטעקט אין די אינדיווידן גופא, און דאָס האַרמאָנירט אויסגעצייכנט מיט יענעם אַריסטאָטעלעס, וועלכער מאַכט פון די אינדיווידן סובסטאַנצן, אָבער דערפאַר איז עס נאָך ערגער מיטן פּלאַטאָני-זירנדיקן אַריסטאָטעלעס, וועלכער האָט דערפינדן די „צווייטע סובסטאַנצן" (מין- און אַרט-באַגריפן) און די סובסטאַנציעלע

פּאַרמען. מספּים זיין צום ערשטן אַריסטאָטעלעס, הייסט באַזוי־טיקן דעם צווייטן. אָבער דער צווייטער איז דער הערשנדי־קער, און טאַקע נישט בלויז אין דער סכאָלאַסטיק ביי די אַראַ־בער און די אַלטע מפרשים, נאָר אויך אין עכטן און נישט געפעלשטן אַריסטאָטעלשן סיסטעם. דעריבער קאָן מען פּאַקטיש באַטראַכטן דעם נאָמינאַליזם, בפרט דעם נאָמינאַליזם פון צווייטן סכאָלאַסטישן פּעריאָד, אַלס אָנהייב פונם סוף פון דער סכאָ־לאַסטיק. פאַר דער געשיכטע פונם מאַטעריאַליזם איז אָבער וויכטיק דער נאָמינאַליזם נישט בלויז צוליב זיין אַלגע־מיינעם קעגנזאַץ צום פּלאַטאָניזם און דורך זיין אָנערקענונג פונם קאָנקרעטן, נאָר אויך דורך גאַנץ באַשטימטע היסטאָרישע שפּורן, וועלכע ווייזן דערויף, אַז דער נאָמינאַליזם האָט פּאַק־טיש צוגעגרייט דעם באָדן פאַרן מאַטעריאַליזם, און ער איז אַממייסטן און אַמענערגישסטן געפּלעגט געוואָרן דאָרט (קודם־כל אין ענגלאַנד), ווו דער מאַטעריאַליזם האָט זיך אַנט־וויקלט אַמקרעפּטיקסטן.

אויב שוין דער עלטערער נאָמינאַליזם האָט זיך ווערט־לעך געהאַלטן ביי די אַריסטאָטעלשע קאַטעגאָריעס, להיפּוך צו די נייפּלאַטאָנשע קאָמענטאַטאָרן 36), איז שווער אָפּצולייקענען, אַז אויף דער אַנטשטייונג און פאַרשפּרייטונג פון שפּעטערדיקן נאָמינאַליזם האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה דאָס באַקענען זיך מיט די אַלגעמיינע אַריסטאָטעלשע שריפטן. באַפרייט פון די פּענטעס פון די נייפּלאַטאָנשע מסורות, געשטויסן צום ברייטן ים פון אַריסטאָטעלשן סיסטעם, האָבן די סכאָלאַסטיקער אין דער לערע וועגן אַלגעמיינעם, אָדער רעדנדיק נאָך קלאָרער, אין דער לערע וועגן וואָרט, באַגריף און זאַך אַנטדעקט אַזויפיל שוועריקייטן, אַז ס׳זענען אַנטשטאַנען אומצייליקע לייזונגען פונם גרויסן פּראָבלעם. אַזוי האָט פּראַנטל אויפגעוויזן אין זיין בוך „די געשיכטע פון דער לאָגיק אין מערב", אַז אַנשטאָט די דריי הויפּט־אויפפאַסונגען: (universalia ante rem, post rem אָדער in rem) דאָס אַלגעמיינע איז פאַר דער זאַך, דאָס אַלגעמיינע איז נאָך דער זאַך און דאָס אַלגע־

מיינע איז אין דער זאַך) זענען אַרויסגעטרעטן — וואָס שייך דער ספּעציעלער געשיכטע — העכסט פּאַרשידנאַרטיקע קאָמבי־נאַציעס און פּאַרמיטלונגספּרוון; און די מיינונג, אַז די uni-versalia אַנטשטייען אייגנטלעך ערשט אין מענטשלעכן גע־דאַנק, געפינט זיך דאָ און דאָרט אַפילו ביי שריפטשטעלער, וואָס זענען בכלל געשטאַנען אויפן רעאַליסטישן שטאַנד־פּונקט 37).

לעבן דעם באַקאַנטווערן פון די אַריסטאָטעלישע שריפטן, האָט אויך געמוזט משפּיע זיין דער אַוועראָאיזם, הגם אַלס פּאָרלויפער פון מאַטעריאַליזם קאָן ער קומען אין באַ־טראַכט צוליב זיין פריידענקעריי. די אַראַבישע פילאָ־זאָפיע איז, נישט געקוקט אויף איר נטיה צום מאַטעריאַליזם, בעצם רעאַליסטיש אין זין פון די מיטלאַלטערלעכע פּאַרטייען, ד. ה. פּלאַטאָניזירנדיק, און אַפילו איר נאַטוראַליזם נעמט גערן אָן אַ מיסטישע באַפאַרבונג. אָבער אויף וויפיל די אַראַ־בישע מפרשים האָבן ענערגיש אָנגערעגט די דאָ שייכותדיקע פראַגן און איבערהויפּט געצוווּנגען צו אַ שטאַרקערן נאָכדענ־קען, האָבן זיי אומדירעקט צוגעהאָלפן צום נאָמינאַליזם. די הויפּט־השפּעה איז אָבער דאָך געקומען פון אַ זייט, פון וועל־כער מ'האָט זיך אין פלוג אַמווייניקסטן געריכט: פון דער אַזוי פאַרשריגענער, צוליב איר אַבסטראַקטער חריפות ביצאַנטינישער לאָגיק 38).

פאַקטיש מוז עס איבעראַשן, וואָס גראָד די עקסטרעמע סכאָלאַסטיק, גראָד יענע אולטראַפאָרמעלע לאָגיק פון די שולן און פון דער סאָפיסטישער דיסקוסירקונסט זאָל שטיין אין אַ צוזאַמענהאַנג מיטן ווידעראויפלעבנדיקן עמפּיריזם, וועלכער האָט לסוף אויסגעקערט די גאַנצע סכאָלאַסטיק; און דאָך האָבן מיר די שפּורן פון דאָזיקן צוזאַמענהאַנג, וואָס דערגרייכט ביז צו אונזערע צייטן. דער אַנטשיידנסטער עמפּיריקער פון צווישן די באַרימטסטע לאָגיקער פון דער קעגנוואַרט, דזשאָן סטיו־אַרט מילל, הייבט אָן זיין סיסטעם פון דער לאָגיק מיט צוויי זאַצן פון קאָנדאָרצעט און וו. האַמילטאָן, וועל־

כע לויבן זייער די סכאָלאַסטיקער צוליב זייער סובטעלקייט און פּרעציזיע, וועלכע זיי האָבן צוגעגעבן דעם שפּראַכלעכן אויסדרוק פון די געדאַנקען. מילא גופא נעמט אַריין אין זיין לאָגיק פיל אונטערשיידונגען פון פאַרשידענע מינים פון דער וואָרטבאַדייטונג, וועלכע געהערן דער סכאָלאַסטיק פון יענע לעצטע יאָרהונדערטער פון מיטלאַלטער און וועלכע מ׳פלעגט געוויינלעך באַטראַכטן אַלס אַן איבערגעריסענקייט פון אַבסורדן.

דאָס רעטעניש לייזט זיך אָבער, וויבאַלד מ׳גייט אַרויס פון שטאַנדפּונקט, אַז דאָס איז געווען דאָס הויפּטפּאַרדינסט פון דער ענגלישער פילאָזאָפיע זינט האָבס און לאָק, וואָס האָבן אונז באַפרייט פון דער פאַלשער ממשלה פון פּוסטע ווערטער אין דער ספּעקולאַציע, און אָנשטאָט צו האַלטן זיך ביי די טראַדיציאָנעלע אויסדרוקן מער צוגעבונדן דעם געדאַנק צו די זאַכן. אָבער כדי דאָס צו דערגרייכן, האָט מען געמוזט נעמען זיך צום שורש פון דער לערע וועגן די באַדייטונגען פון ווערטער און אָנהייבן אַ שאַרפע קריטיק וועגן פאַרהעלטניש פון וואָרט און זאַך. אין דער הינזיכט האָט די ביצאַנטינישע לאָגיק, אַנטוויקלט אין מערב און באַזונדערס אין אָקקאַמס שול, געטאָן די פאָראַרבעטן, וואָס האָבן נאָך הייַנטצוטאָג אַ פּאָזיטיוון אינטערעס.

אַז עמפּיריזם און לאָגישער פאָרמאַליזם זאָלן גיין האַנט ביי האַנט, — דאָס איז בכלל נישט קיין זעלטענע דערשיינונג. וואָס מער מיר באַמיען זיך, אַז די זאַכן זאָלן אויף אונז משפּיע זיין אוממעגלעכסט ריין און צו מאַכן די דערפאַרונג און נאַטור-פאָרשונג פאַר אַ באַזע פון אונזערע מיינונגען, אַלץ מער ווען מיר פילן אַ באַדערפניש אָנצוקניפּן אונזערע אויספירן אָן שטרענג פּרעציזירטע צייכנס פאַר דעם, וואָס מיר ווילן זאָגן, אַנשטאָט צו לאָזן אַריינמישן אין אונזערע באַהויפּטונגען די פאָרורטיילן פון די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער און די קינדישע אַנטוויקלונגסשטופן פון מענטשלעכן גייסט, וואָס ווערט אַריינגעפירט דורך די נאַטירלעכע שפּראַכפאָרמען.

די ביצאַנטינישע לאָגיק האָט זיך, וואָס אַן אמת, אין איר מהות אורשפּרינגלעך דורכויס נישט אַנטוויקלט אַלס אַ באַוווסטזיניקע עמאַנציפּאַציע פון די שפּראַכפאָרמען, נאָר גי־ כער אַלס אַ פּרווו אונטערצוזוכן די פלומרשטע אידענטישקייט פון רעדן און דענקען און זייערע קאָנסעקווענצן. דער רעזול־ טאַט אָבער האָט בהכרח געמוזט פירן צו דער עמאַנצי־ פּאַציע פונם פּרעציזן געדאַנקאויסדרוק פון די שפּראַכפאָרמען. ווער עס איז נאָך היינטצוטאָג געניגט צו אידענטיפיצירן גראַ־ מאַטיק און לאָגיק, ווי דאָס טוען טרענדעלענבורג, ק. פ. בעקער און איבערוועג, — דער קאָן יעדנפאַלס מיט אַ גרעסערן נוצן גיין אין שול אַריין צו די לאָגיקער פון יענע יאָרהונדערטער; מחמת יענע האָבן ערנסט געפּרווט לאָגיש צו אַנאַליזירן די גאַנצע גראַמאַטיק, און דערביי איז זיי געלונגען דאָס, וואָס זיי האָבן געשאַפן אַ נייע שפּראַך, וועמעס באַרבאַריזם האָט אָנגעיאָגט נישט קיין קליינע שרעק אויף די הומאַניסטן.

ביי אַריסטאָטעלעסן איז די אידענטיפיצירונג פון גראַ־ מאַטיק און לאָגיק נאָך נאַאיוו, מחמתביידע וויסנשאַפטן שטאַ־ מען דאָ אָפּ — ווי טרענדעלענבורג האָט זייער ריכטיק באַ־ מערקט — פון איין געמיינזאַמען שורש; יאָ, אַריסטאָטעלעס האָט שוין געוואָרפן ווייטגייענדיקע ליכטשטראַלן איבערן אונ־ טערשיד פון וואָרט און באַגריף, זיי זענען אָבער נישט גענוג אויף צו צעשטרייען די אַלגעמיינע פינצטערניש. אין זיין לאָ־ גיק טרעטן שטענדיק אַרויס נאָר דער סוביעקט און פּרעדיקאַט. דאָס הויפּטוואָרט און צייטוואָרט — אָפּהענגיק פון די וואָרט־ מינים, אָדער אָנשטאָט דעם צייטוואָרט — דער אַדיעקטיוו (אייגנ־ שאַפטסוואָרט) און דאָס בינדוואָרט; חוצדעם די נעגאַציע, ווער־ טער, וועלכע באַצייכענען די גרענעצן פון די באַציונגען צווישן פּרעדיקאַט און סוביעקט, ווי: „אַלע", „עטלעכע" און געוויסע הילפסצייט־ווערטער, וואָס דריקן אויס די אופנים פון זאַץ. די־ ביצאַנטינישע לאָגיק דערקענען, — אין דער געשטאַלט, אין וועל־ כער זי האָט זיך פאַרשפּרייט אין 13־טן יאָרהונדערט אויף

מערב — האָט נישט בלויז אַריינגענומען די אַדוועַרבן, פאַר־בּרייטערט דעם קרייז פון די אין דער לאָגיק קרובישע הילפס־צייטווערטער, גענומען אין באַטראַכט די באַדייטונג פון דער בויגונג פונם הויפּטוואָרט, נאָר זי האָט אויך פריער פאַר אַלעם אין זין געהאַט און זיך באַמיט צו באַזייטיקן יענע צווייַדייַ־טיקייטן, וועלכע שטעקן אינם פאַרהעלטניש פונם נאָמען צו די דורך אים באַצייכנטע באַגרייפסקרייזן. דידאַקטישע צווייַדייַטיקייטן זע־נען נאָך צאָלרייכער אין לאַטייניש — ווו עס פעלט דאָס באַשטימונגס־וואָרט — איידער אין דייטשישן, ווי למשל, אין באַרימטן פאַל, ווו אַ שכורער סטודענט שווערט, אַז ער האָט נישט געטרונקען קיין „vinum“ — ווייַן, מחמת ער האָט זיך דערלויבט reservatio mentalis — לויט וועלכן ער האָט אונטערן באַ־גריף vinum געמיינט דעם ווייַן אין זיין גאַנצן היקף, דאָס הייסט דעם גאַנצן ווייַן, וואָס איז בכלל פאַראַן — און ער האָט געוויס נישט געטרונקען דעם ווייַן פון אינדיע אָדער פון זיין שכנס גלאָז. אַזעלכע סאָפיזמען געהערן בעצם צו די שולאיבונ־גען פון דער שפּעטסכאָלאַסטישער לאָגיק, און די מיסבּרויכן אין דער הינזיכט, ווי אויך אין דעם אויסנוצן די פּלפּולים פון די שולמעסיקע אונטערשיידונגספאָרמען, האָבן זיך דער וואָרט אויף אַ גערעכטן פאַרוואָרף און אָפט געבוג צוגעהאָלפן די הומאַניסטן אין זייער קאַמף קעגן די סכאָלאַסטיקער. די גרונטכוונה ביי דידאַקטישע איבונגען איז אָבער געווען אַ זייער ערנסטע, און דאָס גאַנצע פּראָבלעם וועט אפשר פריער אָדער שפּעטער — וואָס אַן אמת, אין אַנדערע צוזאַמענהאַנגען און מיט אַנדערע ענדכוונות — מוזן ווידער אויפגענומען ווערן.

דער רעזולטאַט פונם גרויסן פּרווו איז אויף אַזוי פיל געווען אַ נעגאַטיווער, מחמת אויפן דאָזיקן וועג האָט מען נישט געקאָנט דערגיין צו אַ פולקאָמער לאָגיק, און אַ נאַטירלעכע רעאַקציע קעגן די מיסבּרויכן פון דער קינסטלעכקייט האָט באַלד גורם געווען דערצו, אַז מ'האָט אויסגעגאָסן די וואַנע צוזאַמען מיטן קינד. ס'איז אָבער דערגרייכט געוואָרן נישט בלויז איינע, ווי קאַנדאָרצעט זאָגט, פאַר „די אַלטע פעלקער אומ־

באַקאַנטע״ געוווינהייט צו אַ פּרעציזן געדאַנק־אויסדרוק, נאָר אויך אַן אָנשויונג, וואָס האָט אויסגעצייכנט האַרמאָנירט מיטן עמפּיריזם, וועגן מהות פֿון דער שפּראַך.

סאָקראַטעס האָט געגלייבט, אַז אַלע ווערטער האָבן אורשפּרינגלעך געמוזט מעגלעך פֿולקאָם אויסדרוקן דעם אמתן מהות פֿון די באַצייכנטע ווערטער, אַריסטאָטעלעס האָט אין אַ מאָמענט פֿון עמפּיריסטישער רעגונג דערקלערט די שפּראַך פֿאַר אַ קאָנווענציאָנעלע זאַך; אָקקאַמס שול האָט דערפֿירט דערצו, וואָס מ׳האָט אָנגעהויבן — הגם נאָך נישט פֿולשטענדיק באַוווּסטזיניק — צו שאַפֿן קאָנווענציאָנעל די שפּראַך פֿון דער וויסנשאַפֿט, ד. ה. דורך ווילקירלעכע פֿיקסירונג פֿון די באַגריפֿן צו באַפֿרייען זי פֿונם היסטאָריש געוואָרענעם טיפּ פֿון די אויסדרוקן און דערמיט באַזייטיקן אומציילִיקע צווייטייטיקייטן און שטערנדיקע זייטיקע באַגריפֿן. אָבער דערדאָזיקער גאַנצער פּראָצעס איז געווען נויטווענדיק, אויב ס׳האָט געדאַרפֿט אַנטשטיין אַ וויסנשאַפֿט, וועלכע זאָל, אָנשטאָט צו שעפּן אַלץ פֿונם סוביעקט, לאָזן רעדן די זאַכן, וועמעס שפּראַך איז אָפֿט אַ גאַנץ אַנדערע, ווי די שפּראַך פֿון אונזערע גראַמאַטיקעס און ווערטערביכער.

שוין דערמיט אַליין איז אָקקאַם געווען אַ זייער וויכטיקער פֿאָרלויפֿער פֿון בעקאָן, האָבבס און לאָק, מכּל שכּן צוליב דער גרעסערער טעטיקייט פֿון זעלבסטדענקען, וואָס זיין ריכטונג האָט מיט זיך געבראַכט, אָנשטאָט דאָס בלויזע איבערחזרן יענעמס ווערטער; אָבער פֿריער פֿאַר אַלעם צוליב דער נאַטירלעכער האַרמאָניע פֿון דער דורך אים באַאַרבעטער לאָגיק מיטן גרונט־געדאַנק פֿונם אַלטן נאָמינאַליזם, וועלכער האָט אין אַלע „אוניווערסאַליעס״ געזען נאָר כּוללדיקע אויסדרוקן פֿאַר די בלויז סובסטאַנציעלע, בלויז מחוץ דעם מענטשלעכן דענקען עקזיסטירנדיקע קאָנקרעטע, איינצעלנע זינלעכע זאַכן.

אָבער איבעריקנס איז דער נאָמינאַליזם געווען עפּעס

מער ווי די מיינונג פֿון איין שול צווישן אַנדערע. ער איז בעיקר געווען דער סקעפּטישער פּרינציפּ לגבי דער אויטאָריטעט — אונטערטעניקייט פֿונם מיטלאַלטער; געפּלעגט פֿון די אָפּאָזיציאָנעל־געשטימטע פֿראַנציסקאַנער, האָט ער די שאַרפֿקייט פֿון זיין אַנאַליטישן דענקאופֿן באַנוצט אויך קעגן דעם בנין פֿון דער היעראַרכיע אין דער קירכלעכער אָרדנונג, פּונקט ווי ער האָט אומגעוואָרפֿן די היעראַרכיע אין דער וועלט פֿון באַגריפֿן. דעריבער דאַרף אונז נישט חידושן דאָס, וואָס אָקקאָם האָט געפֿאָדערט פֿרייהייט פֿון דענקען; וואָס אין דער רעליגיע האָט ער זיך געהאַלטן אָן דער פּראַקטישער זייט און וואָס ער האָט אַוועקגעוואָרפֿן די גאַנצע טעאָלאָגיע, ווי דאָס האָט שפּעטער געטון זיין לאַנדסמאַן האָבבס, בשעת ער האָט דערקלערט, אַז די דאָגמעס פֿונם גלויבן זענען פּשוט נישט דערווייזבאַר (39). זיין כּלל, — אַז די וויסנשאַפֿט האָט אין דער לעצטער ליניע נישט קיין שום אַנדערן קעגנשטאַנד ווי די זינלעכע איינצעלנע זאַכן — איז נאָך היינט דער יסוד פֿון סטיוּאַרט מילס לאָגיק; און ער האָט בכלל די אָפּאָזיציע פֿון שכל־הישר קעגן פּלאַטאָניזם אויסגעדריקט מיט אַזאַ שאַרפֿקייט, וואָס גיט צו אַ בלייבנדיקן ווערט זיין נאָמען (40).

III. דער אומקער פון די מאַטעריאַליסטישע אָנשויונגען צוזאַמען מיט דער ווידעראויפלעבונג פון די וויסנשאַפטן

אָנשטאָט פּאָזיטיווע דערגרייכונגען האָט די הערשאַפט פון דער סכאָלאַסטיק אויפן געביט פון די וויסנשאַפטן געגעבן נאָר איין פּעסט, דורך יאָרהונדערטער פאַרהייליקט סיסטעם פון באַגריפן און אויסדרוקן, און דער פאָרשריט האָט זיך געמוזט אַפילו אָנהייבן דערפון, וואָס ער האָט צעשמעטערט דאָסדאָזיקע סיסטעם, אין וועלכן עס זענען געווען פאַרקערפּערט די פאָרורטיילן און גרונטטעות:ים פון דער טראַדיציאָנעלער פילאָזאָפיע. און דאָך האָבן די קייטן פון דער סכאָלאַסטיק בשעתּה געטון אַ וויכטיקע דינסט פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. פונקט ווי דער טעאָלאָגישער לאַטיין פון יענער צייט, אַזוי האָבן אויך די פאָרמולן פון דער סכאָלאַסטיק געבילדעט מיט זיך אַ געמיינזאַמען עלעמענט פונם גייסטיקן פאַרקער פאַר גאַנץ אייראָפּע. אָפּגעזען פון דער פאָרמעלער איבונג פון דענקען, — וואָס האָט אַפילו אין דער דעגענערירטסטער פאָרם פון דער אַריסטאָטעלישער פילאָזאָפיע באַזעסן אַ הויכע באַדייטונג אוןווירקזאַמקייט, — איז דיזעלבע געמיינזאַמקייט, וועלכע האָט געשאַפן דעם אַלטן סיסטעם, איינגיכן געוואָרן אַן אויסגעצייכנט מיטל פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון נייע געדאַנקען. די צייט פון ווידעראויפלעבונג פון דער וויסנשאַפט האָט צווישן די געלערנטע פון אייראָפּע געפונען אַ פאַרבינדונג, ווי ס׳איז שוין זינט דאַן מער נישט געווען

דער פאַל. דער שם פון אַן אַנטדעקונג, פון אַ באַדייטנדיקן בוך, פון אַ ליטעראַרישער פּאָלעמיק האָט זיך פאַרשפּרייט, אויב נישט שנעלער, יעדנפאַלס אָבער ברייטער און טיפער ווי אין אונזער צייט, איבער אַלע געבילדעטע לענדער.

אויב מ'רעכנט דעם גאַנצן פאַרלויף פון דער ווידעראויפלעבונגס-באַוועגונג, וועמעס התחלה און סוף ס'איז שווער צו באַשטימען, פון מיטן פון פופצענטן ביזן מיטן פון זיבעצנטן יאָרהונדערט, — דאַן לאָזן זיך אויך אין דערדאָזיקער תקופה פון צוויי הונדערט יאָר אונטערשיידן פיר עפּאָכעס, וועלכע זענען נישט אָפּגעגרענעצט איינע פונאַנאַנדער, אָבער אין זייערע גרונטשטריכן אונטערשיידן זיי זיך איינע פון דער צווייטער. די ערשטע תקופה האָט פאַרייניקט דעם הויפּטאינטערעס פון אייראָפּע אין דער פילאָלאָגיע. דאָס איז געווען די צייט פון אַ לאָרענציוס וואַללאַ, אַנגעלוס פּאָליטיאַנוס און דעם גרויסן עראַזם, וועלכע בילדעט דעם איבערגאַנג צו דער טעאָלאָגישער עפּאָכע. די שליטה פון דער טעאָלאָגיע צייכנט זיך אויס מיט די שטורעמס פון דער רעפאָרמאַציע-תקופה, און אין משך פון אַ לאַנגער צייט האָט זי אונטערגעדריקט כמעט יעדן וויסנשאַפטלעכן אינטערעס, באַזונדערס אין דייטשלאַנד. ערשט שפּעטער זענען אויפגעטרעטן די נאַטורוויסנשאַפטן, וועלכע זענען זינט דער התחלה פון דער רענעסאַנסצייט פאַרשטאַרקט געוואָרן אין די שטילע לאַבאָראַטאָריעס פון די פאָרשער, און אין דער גלענצנדיקער תקופה פון קעפּלער און גאַלילײ זענען זיי זיגעריש אַרויסגעטרעטן אויבנאָן; ערשט אין דער פערטער ליניע גייט די פילאָזאָפיע, הגם דער קולמינאַציעפּונקט פון דער יסוד-לייגערישער טעטיקייט פון בעקאָן און דעקאַרט פאַלט אויס נישט קיין סך שפּעטער פון קעפּלערס גרויסע אַנטדעקונגען. אַלע די דאָזיקע עפּאָכעס פון שעפערישער אַרבעט האָבן נאָך שטאַרק משפּיע געווען אויף די צייט — חברים, בעת די מאַטעריאַליסטישע נאַטורפילאָזאָפיע איז אין מיטן זיבעצנטן יאָרהונדערט ווידער סיסטעמאַטיש אַנטוויקלט געוואָרן דורך גאַסענדי און האָבס.

שטעלנדיק צום סוף די פילאָזאָפיע באַם איבערבליק פונם רענעסאַנס, וועט מען אונז דאָס נישט קאָנען פאַרוואַרפן, אויב מ'נעמט נישט ווערטלעך די באַוועגונג פונם „רענעסאַנס", פון „ווידעראויפלעבונג פון אַלטערטום", נאָר אין זין פון אמתן כאַראַקטער, וואָס האָט געבוירן דידאָזיקע גרויסע און אין איר מהות גלייכאַרטיקע באַוועגונג. דאָס איז געוועזן אַ צייט, וועלכע האָט מיט באַגייסטערונג איבערגענומען די שטרעבונגען און מסורות פון אַלטערטום, וועלכע האָט אין דערזעלבער צייט געלאָזט אַרויסוואַקסן דעם שפּראָצל פון אַ נייעם, גרויסן און זעלבשטענדיקן קולטור-פּעריאָד. וואָס אַן אמת, וואָלט מען געקאָנט פּרוּוון אָפּצושיידן פונם אייגנטלעכן רענעסאַנס דעם כאַראַקטער פון דער זעלבשטענדיקייט און דאָס באַווייזן זיך פון נייע, פון אַלטערטום אומאָפּהענגיקע שטרעבונגען און צילן, און אָנהייבן אַ פולשטענדיק נייעם פּעריאָד פון קעפּלער, בעקאָן און דעקאַרט; אָבער ווי ביי יעדן פּרוּוו אָפּצוגרעניצן געשיכטלעכע פּעריאָדן, שטויסט מען זיך אָן אויף פעדעם און שטריכן, וואָס פלעכטן זיך קעגנזייטיק אויף ביידע זייטן. אַזוי קערן זיך צוריק, ווי מיר וועלן דאָס שפּעטער זען, אויך גאַסענדי און באָיל אין זיבעצעטן יאָרהונדערט צום אַטאָמיזם פון די אַלטע פעלקער, בעת לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי און לודוויק וויוועס, בלי ספק מענטשן פון דער פרישסטער נייער צייט, גייען אַריבער די טראַדיציעס פון אַלטערטום און פּרוּוון צו באַגרינדן אַ דערפאַרונגסוויסנשאַפט, וואָס זאָל זיין אָפּהענגיק פון אַריסטאָטעלעסן און דעם אַלטערטום.

אויפן זעלבן אופן איז שווער צו באַצייכענען רעטראָספּעקטיוו די התחלות פון דעם נייעם פּאַנאַנדערבלי פון אַלטערטום. אויבן האָבן מיר דערמאָנט דעם מיטן פון פופצעטן יאָרהונדערט, מחמת אין דערדאָזיקער צייט האָט די איטאַליענישע פילאָלאָגיע דערגרייכט איר פולע אַנטוויקלונג און דער הומאַניזם האָט אויפגענומען דעם קאַמף קעגן דער סכאָלאַסטיק; אָבער דידאָזיקע באַוועגונג האָט איר התחלה שוין מיט הונ-

דערט יאָר פריער אין דער צייט פון פּעטראַרקאַ און באָ־קאַטשיאָ; צוקומענדיק דאָ אַהער, קאָנען מיר נישט לייקע־נען, אַז דער נייער גייסט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין איטאַליע, לאָזט זיך נאָכווייזן מינדסטנס ביז צו דער תּקופה פון קייזער פרידריך דעם צווייטן, מיט וועמעס באַדייטונג מיר האָבן זיך באַקענט אין ערשטן טייל פון דאָזיקן קאַפּיטל, אָבער אין דאָזיקן צוזאַמענהאַנג שטעלט אונז זיך פאָר די אומגעשטאַלטונג פון דער סכאָלאַסטיק דורכן באַקאַנט ווערן מיט אַריסטאָטעלעסן און דער אַראַבישער ליטעראַ־טור 41) אַלס איינער פון די ערשטע און וויכטיקסטע איברים אינם גרויסן רענעסאַנספּראָצעס. די פילאָזאָפיע, מיט וועל־כער עס שליסט זיך די גאַנצע באַוועגונג און וועלכע לייגט אַרויף איר חותם אויפן גרויסן איבערקער, טרעט אויך אויף בראש פון דערדאָזיקער באַוועגונג.

נאָך אין די צוויי פריערדיקע קאַפּיטלען האָבן מיר געזען, ווי אין די לעצטע יאָרהונדערטער פון מיטלאַלטער זענען אונטערן איינפלוס פון דער אַראַבישער פילאָזאָפיע און דער ביצאַנטינישער לאָגיק אַרויסגעטרעטן דאָ אומגעצוימטע פריי־דענקעריי, דאָרט אַ שווערער קאַמף פאַר פרייהייט פון דענקען. אַ באַזונדערע פאָרם פונם דאָזיקן פּרוכטלאָזן קאַמף פאַר פריי־הייט פון דענקען איז די לערע וועגן דער טאָפּלטער וואָר־הייט, דער פילאָזאָפישער און דער טעאָלאָגישער, וועלכע קאָ־נען עקזיסטירן איינע לעבן דער אַנדערער, נישט געקוקט אויף זייער קעגנזעצלעכן אינהאַלט. ווי מ׳זעט, איז דידאָזיקע לערע דאָס אמתע אורבילד פון דעם, וואָס מ׳האָט אין דער נייער צייט באַצייכנט מיט אַ זייער שלעכט אויסגעוויילטן, הגם איינגעוואָרצלטן אויסדרוק „טאָפּלטע בוכהאַלטעריע“ 42).

דער הויפּטזיץ פון דערדאָזיקער לערע איז אין דרייצנטן יאָר־הונדערט געווען די אוניווערסיטעטשטאָט פּאַריז, ווו שוין פאַרן מיטן פון דאָזיקן יאָרהונדערט האָט אַפילו אויפגעטויכט די מאָדנע קלינגענדיקע לערע, „אַז פון אייביק אָן עקזיסטירן אַ סך אמתן, וואָס זענען נישט קיין געטלעכע“. אַ פּאַריזער לע־

רער, יאָהאַן דע ברעסקען, האָט אין יאָר 1347 פאַרענטפערט זיינע „טעותן" מיט דער באַמערקונג, אַז ער האָט די דורכן ביסקופּ אָנערקענטע אַפּיקורסישע זאַצן געלערנט נישט „טעאָלאָגיש", נאָר „פילאָזאָפיש". נישט געקוקט דערויף, וואָס דער ביסקופּ האָט איין פאַר אַלע מאָל שטרענג פאַרבאָטן אַזעלכע אויסריידן, שיינט אַז די דרייסטקייט אין אַזעלכע „בלויז פילאָזאָפישע" באַהויפּטונגען האָט זיך וואָס אַמאָל געריקט אַלץ ווייטער; ווייל אין די יאָרן 1270 און 1276 איז ווידער פאַרורטיילט געוואָרן אַ גאַנצע ריי אַזעלכע זאַצן, וואָס האָבן וואַרשיינלעך אַן אַווערראָאיסטישן אורשפּרונג. תחית-המתים, די צייטלעכע באַשאַפונג פון דער וועלט, די פאַרענדערלעכקייט פון דער איבּדיווידועלער נשמה, — אין דעם אַלעם האָט מען געלייקנט אין נאָמען פון דער פילאָזאָפיע, בעת גלייכצייטיק האָט מען אָנערקענט, אַז אַלע דידאָזיקע לערעס זענען אמת „לויטן קאַטוילישן גלויבן". אָבער וואָס מ'האָט זיך געטראַכט וועגן דערדאָזיקער אַזוי אייליק אָנערקענטער טעאָלאָגישער וואָרהייט, קאָן עדות זיין דער פאַקט, וואָס צווישן די פאַרבאָטענע זאַצן געפינען זיך פאָלגנדיקע באַמערקונגען: „מיר ווייסן גאָרנישט צוליב דעם ויסן פון דער טעאָלאָגיע", „די קריסטלעכע רעליגיע שטערט אונז עפּעס צו לערנען". „די חכמים פון דער וועלט זענען נאָר די פילאָזאָפן". „די רייד פון די טעאָלאָגן שטיצן זיך אויף בבא-מעשיות" 43).

אמת, מיר ווייסן נישט, ווער ס'זענען די מחברים פון דידאָזיקע זאַצן; זיי זענען אפשר אין גרעסטן טייל קיינמאָל נישט געשריבן געוואָרן, אָדער לכל-הפחות נישט מיט אַזאַ אָפנהאַרציקייט, נאָר בלויז באַהויפּט געוואָרן בשעת שול-לעקציעס און וויכּוחים; דער גאַנצער אופן אָבער, ווי אַזוי די ביסקופּן זענען אַרויסגעטרעטן קעגן שלעכטס, פאַראַט גענוג בולט, אַז דער גייסט, וואָס האָט געבוירן אַזעלכע זאַצן, איז געווען ווייטפאַרשפּרייט און דרייסט אַרויסגעטרעטן. די באַשיידן קלינגענדיקע באַהויפּטונג, אַז דאָס אַלץ האָט אַ „בלויז פילאָזאָפישן" באַטייט — לעבן אַזעלכע זאַצן, וועלכע שטעלן העכער די פילאָזאָפיע אי-

פֿער דער טעאָלאָגיע און מ'באַטראַכט די לעצטע אַלס שטערונג פֿאַר דער וויסנשאַפֿט — איז באַשײנפּערלעך בלויז אַ שילד קעגן פֿאַרפֿאָלגונגען און אַ מיטל צו פֿאַרזיכערן זיך אַ צוריקצוג אין פֿאַל פֿון אַ פּראָצעס. אויך איז קלאָר, אַז ס'האָט דעמאָלט עקזיסטירט אַ פּאַרטיי, וועלכע האָט דידאַקטיק כּללים געפּרײדיקט נישט בלויז אגב-אורחא, בשעת אַן אינטערפּרעטאַציע פֿון אַריסטאָטעלעסן, נאָר זי האָט דאָס געטון בכּיוון, אין אָפּאָזיציע צו די אָרטאָדאָקסאַלע דאָמיניקאַנער. דערזעלבער גײַסט האָט זיך באַוויזן אויך אין ע נ ג ל אַ נ ד און א י ט אַ ל י ע, ווו עס האָבן אין 13-טן יאָרהונדערט, כּמעט גלײַכצײַטיק מיט די אויבנדערמאָנטע געשעענישן אין פּאַריז, אויפֿגעטויכט גאַנץ ענלעכע באַהויפּטונגען, וואָס זענען פֿאַרורטײלט געוואָרן דורך די בישוֹפֿן 44).

אין א י ט אַ ל י ע האָט דער אַווערראָאיזם אין דער שטיל געשלאָגן פֿעסטע וואָרצלען אין דער הויכשול אין פּ א ד ו אַ. די דאָזיקע שול האָט אין גײַסטיקער הינזיכט געגעבן דעם טאָן פֿאַרן גאַנצן צפֿון-מערבֿ טייל פֿון איטאַליע, און אַליין גופֿא איז זי געשטאַנען אונטער דער השפּעה פֿון די וועלטלעך-אויפֿגעקלערטע און צום פּראַקטישן מאַטעריאַליזם גענייגטע מלוכה-מענער און סוחרים פֿון ווענעציע 45). דאָ האָט דער אַווערראָאיזם — און, וואָס אַן אמת, צוזאַמען מיט אים אויך די פֿאַרגעטערונג פֿון אַריסטאָטעלעס און דער גאַנצער באַרבאַריזם פֿון דער סכאָלאַסטיק — געדויערט ביז אַריבער דעם 17-טן יאָרהונדערט; ווײניקער באַקעמפֿט ווי אַ וועלכע ס'איז הויכשול און דעריבער אויך ווייניקער דערמאָנט, „ווי אַ באַפֿעסטיקטער שלאָס פֿון באַרבאַריזם" האָט פּאַדוּאַ זיך אַנטקעגנגעשטעלט די הומאַניסטן, וועלכע האָבן, גראָד אין איטאַליע, כּמעט אַלע אויפֿן אַנטשיידנסטן אופֿן נוטה געווען צו פּלאַטאָנען, וועמעס שײנע שפּראַך-פֿאָרמען און שילדערונג האָבן זיי צוגעצויגן, בעת זיי האָבן זיך, מיט ווייניק אויסנאַמען, געהיט פֿון צו פֿאַרטיפֿן זיך אין דער מיטטישער זייט פֿונעם פּלאַטאָניזם.

פּונקט ווי זיי האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט די הומאַניסטן —

אַזוי אויך האָבן די אויפגעקלערטע, אָבער פון דער טראַדיציע געפּענטעטע סכאָלאַסטיקער פון פּאַדואַ, כּל זמן עס האָט זיך געלאָזט, זיך אַנטקעגנגעשטעלט די נאַטורפאָרשער. קרעמאָניני, דער לעצטער פון דערדאָזיקער שול, האָט געלערנט אין דעם פּאַדואַער אוניווערסיטעט גלייכצייטיק מיט גאַליליי; בעת אָבער דער לעצטער האָט פאַר אַ נישטיקן געהאַלט געלערנט אויקלידס עלעמענטן, האָט קרעמאָניני באַקומען אַ פּענסיע פון 2000 גולדן פאַר זיינע פאָרלעזונגען איבער אַריסטאָטעלעס נאַטורוויסנשאַפטלעכע שריפטן. מ׳דערציילט, אַז נאָכדעם ווי גאַליליי האָט אַנטדעקט יופּיטערס סאַטעליטן, האָט קרעמאָניני פון דעמאָלט אָן שוין מער נישט געוואָלט קוקן דורך קיין טעלעסקאָפּ, ווייל דאָס איז קעגן אַריסטאָטעלעס. אָבער קרעמאָניני איז געווען אַ פרייַדענקער, וועמעס אָנשויונגען וועגן דער נשמה זענען, הגם נישט שטרענג אַווערראָאיסטישע, אָבער לחלוטין נישט קיין קירכלעכע, און ער האָט פאַרטיידיקט זיין רעכט צו לערנען דאָס, וואָס עס געפינט זיך ביי אַריסטאָטעלעסן, מיט אַ ליובווירדיקן מוט 46).

פון צווישן דערדאָזיקער ריי סכאָלאַסטישע פרייַדענקער פאַרדינט דאָ איינער, אַז מ׳זאָל אים דערמאָנען: פּעטרוס פּאָמפּאָנאַציוס, דער מחבר פון אין יאָר 1516 דערשינענעם ביכל וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה. דאָס פּראָבלעם פון דער אומשטערבלעכקייט איז דעמאָלט געווען אַזוי פּאָפּולער אין איטאַליע, אַז די סטודענטן האָבן יעדן נייעם אויפטרעטנדיקן פּראָפעסאָר, וועגן וועמעס ריכטונג זיי האָבן געוואָלט וויסן, באַלד אויף דער ערשטער לעקציע געהייסן רעדן וועגן דער נשמה 47); און עס שיינט, אַז די אָרטאָדאָקסאַלע אָנשויונג איז נישט געווען די באַליבטסטע; ווייל פּאָמפּאָנאַציוס, — וועלכער האָט אונטער דער מאַסקע פון דער טאָפּלטער וואָרהייט געמאַכט אפשר די דרייסטסטע און שאַרפזיניקסטע אָנגריפן, וואָס זענען באַקאַנט געווען אין יענער צייט, קעגן דער אומשטערבלעכקייט — איז געווען אַ זייער באַליבטער לערער.

וואָס אַן אמת, האָט ער נישט געהערט צו דער אַוועראָאיסטישער ריכטונג; גיכער איז ער געווען דער ראש פון אַ שול, וועלכע איז געשטאַנען אין אַ פאַרביטערטער מלחמה מיט די אַוועראָאיסטן, און וועלכע האָט זיך אין אירע אָנשויונגען געשטיצט אויפן קאָמענטאַטאָר אַלעקסאַנדער פון אַפראָדיזיאַס; אָבער די הויפטסיבה פון דער דאָזיקער פלוגתא איז געווען די לערע וועגן דער נשמה און דער אומשטערבלעכקייט, און די „אַלעקסאַנדריסטן" האָבן אין דער הויפטזאַך מסכים געווען מיט די אַוועראָאיסטישע אָנשויונגען. אין דער פראַגע וועגן אומשטערבלעכקייט האָבן די „אַלעקסאַנדריסטן" פאַרנומען אַ ראַדיקאַלע שטעלונג; זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דעם מאָנאָפּסיכיזם און דערקלערט די נשמה פשוט „לויט אַריסטאָטעלעס" פאַר נישט אומשטערבלעך — און אויפן באַקאַנטן אופן זיך באַוואָרנט בנוגע דעם קירכלעכן גלויבן.

אין זיין בוך וועגן דער אומשטערבלעכקייט רעדט פּאָמפּאָנאַציוס צו דער קירך מיט אַ חניפהדיקן טאָן; מיט גרויס אייפער לויבט ער דעם אַרויסטריט פון הייליקן טאָמאַס קעגן אַוועראָאיזם; און אַלץ חוצפהדיקער זענען דערפאַר די געדאַנקען, וועלכע ער לאָזט איינפלעכטן אין זיין אייגענער קריטיק וועגן דער אומשטערבלעכקייטספראַגע. דער אופן, לויט וועלכן ער באַהאַנדלט די דאָזיקע פראַגע, איז אין גאַנצן שטרענג סכאָלאַסטיש, נישט אויסגעשלאָסן דעם שלעכטן לאַטיין, וואָס באַגלייט די סכאָלאַסטיק, אָבער אין לעצטן טייל 48) פון דעם חבור, ווו פּאָמפּאָנאַציוס באַהאַנדלט „אַכט גרויסע שוועריקייטן" פון דער אומשטערבלעכקייטספראַגע, באַנוצט ער זיך בשום אופן נישט מיט באַגריפלעכע אַנאַליזן און ציטאַטן פון אַריסטאָטעלעס. דאָ קומט צום אויסדרוק דער גאַנצער סקעפּטיציזם פון דער תקופה, און דערנענטערט זיך אַפילו ביז צו די זייער דייטלעכע אָנצוהערענישן וועגן דער טעאָריע פון די דריי שווינדלער.

פּאָמפּאָנאַציוס באַטראַכט דאָ די שטערבלעכקייט פון דער נשמה אַלס אַ פילאָזאָפיש דערוויזענע זאַך. די אַכט שוועריקייטן

אין דערדאָזיקער באַהויפּטונג זענען די געוויינלעכע אַלגעמיינע
טעמים פאַר דער אומשטערבלעכקייט, און פּאָמפּאָנאַציוס איז
סותר דידאָזיקע טעמים שוין נישט לויטן סכאָלאַסטישן מעטאָד,
ווייל זיי זענען נישט קיין סכאָלאַסטיש־געפאָרמירטע איינווענדן,
נאָר מיטן שכל הישר און מיט זיטלעכע באַטראַכטונגען. די
פּערטע פון דידאָזיקע שוועריקייטן קלינגט: היות אַלע רעלי־
גיעס („omnes leges“) באַהויפּטן די אומשטערבלעכקייט,
טאָ וויבאַלד זי וואָלט נישט עקזיסטירט, וואָלט די גאַנצע
וועלט געווען אָפּגענאַרט. דערויף אָבער קומט אַן ענטפער: אַז
דורך די רעליגיעס ווערט כמעט יעדער איינער אָפּגענאַרט,
מ׳מוז אָבער מודה זיין, אַז דערין שטעקט גאָרנישט קיין שלעכטס;
מחמת עס זענען פאַראַן דריי געזעצן פון משה, קריס־
טוס און מאַכמעד; אָדער אַלע דריי זענען פאַלש, און אַזויבאַלד
איז די גאַנצע וועלט אָפּגענאַרט, אָדער לכל הפּחות צוויי זענען
פאַלש, דאַן איז די מערהייט אָפּגענאַרט. מ׳מוז אָבער וויסן,
אַז לויט פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס איז דער געזעצגעבער
(„politicus“) אַ דאָקטאָר פון דער נשמה, און היות
אים גייט גיכער דערין צו מאַכן די מענטשן טוגנטפולע, איי־
דער אויפגעקלערטע, מוז ער זיך בכן צופּאַסן צו די פאַר־
שידענע נאַטורן. די ווייניקער איידלע דאַרפן האָבן שכר
ועונש. אַנדערע אָבער לאָזן נישט רעגירן איבער זיך דורך די־
דאָזיקע מיטלען און פאַר דידאָזיקע איז דערפינדן
געוואָרן די אומשטערבלעכקייט. פּונקט ווי דער דאָק־
טאָר טראַכט עפּעס אויס, פּונקט ווי די אַם רעדט איין דעם
קינד צו טון דאָס, פון וועלכן עס ווייס נאָך נישט די אמתע
סיבה, אַזוי אויך טוט מיט פולקאָמער רעכט דער רעליגיע־
גרינדער, וועמעס ענדצוועק איז אַ ריין פּאָליטישער.

מ׳דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דידאָזיקע אָנשויונג איז דע־
מאָלט געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין איטאַליע ביי די הע־
כערע קלאַסן און באַזונדערס ביי די פּראַקטישע מלוכה־מענער.
אַזוי, למשל, זאָגט מאַקקאַוויעלי אין זיינע באַטראַכטונגען
וועגן ליוויוס 49). „די פירשטן פון אַ רעפּובליק אָדער פון אַ

קיניגרייך מוזן בכן אונטערהאַלטן די יסודות פון זייער אייגע־נער רעליגיע; אויב זיי טועןן אַזוי, איז פאַר זיי גאַנץ לייכט צו דערהאַלטן זייער מלוכה רעליגיע, און במילא איז זי אויך גוט און פאַראייניקט. און אַלץ, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר זייער טובה וועגן, הגם זיי האַלטן דאָס פאַר פאַלש, מוזן זיי באַ־גינסטיקן און אונטערשטיצן, און זיי מוזן דאָס אַלץ מער טון, וואָס קליגערע און וואָס בעסערע קענער זיי זענען אין וועלט־זאַכן. און היות אַזוי האָבן זיך אויפגעפירט די קלוגסטע מע־נער, איז דערפון אַנטשטאַנען די מיינונג וועגן נסים, וועלכע ווערן פאַרהייליקט אין די רעליגיעס, הגם זיי זענען פאַלש, ווייל די קלוגע האָבן זיי פאַרגרעסערט אָן אונטערשיד פון אָפּ־שטאַם און זייער אָנזען האָט דאָ דערוועקט גלויבן ביי יעדן איינעם". אַזוי האָט אויך לעאָ X געקאָנט זיך טראַכטן, בעת ער האָט געדאַרפט אורטיילן פּאָמפּאָנאַציוס בוך: דערדאָזיקער מענטש איז גערעכט; אָבער זיינע רייד טאָרן נישט פאַרעפנטלעכט ווערן!

אויפן דריטן איינוואַנד: אויב די נשמות זאָלן זיין שטערבלעך, וואָלט נישט געווען קיין גערעכטער פירער פון דער וועלט, דערווידערט פּאָמפּאָנאַציוס: דער אמתער שכר פון דער טוגנט איז די טוגנט גופא, וועלכע מאַכט דעם מענטש גליקלעך; מחמת די מענטשלעכע נאַטור קאָן נישט באַזיצן קיין העכערע זאַך ווי די טוגנט; מחמת נאָר זי פאַרזיכערט דעם מענטש און באַפרייט אים פון אַלע שטורעמס. ווייל באַם טוגנט־פולן איז אַלץ האַרמאָניש; ער האָט נישט קיין מורא, און האָפט נישט, און אי אין גליק, אי אין אומגליק איז ער דער־זעלבער". פאַרן זינדיקן איז די עבירה גופא דער עונש. אין 7-טן בוך פון זיין עטיק זאָגט אַריסטאָטעלעס: דעם זינדיקן פייניקט יעדע זאַך, ער געטרויט נישט קיינעם; ער האָט נישט קיין רו נישט אויף דער וואָך, נישט אין שלאָף, און געפּיי־ניקט פון קערפּערלעכע און גייסטיקע ענויים פירט ער אַ נע־בעכדיק לעבן, וואָס קיין שום חכם, ווי אָרעם און שוואַך ער זאָל

נישט זײַן, װאָלט עס נישט פֿאַרטױשט אױף לעבן פֿון אַ טיראַן אָדער אַ זינדיקן גרױסן מאַן״.

פּאָמפּאָנאַציוס דערקלערט די געשפּענסטער־דערשײַנונגען אַלס אילוזיע פֿון דער אױפֿגערעגטער פֿאַנטאַזיע אָדער אָפּנאַרעריי פֿון די גלחים; דבוקים — דאָס זענען קראַנקע מענטשן (אײַנװענד 5 און 6); ער אָנערקענט אָבער אַ געװיסן טייל פֿון די דאָ צוגעהעריקע דערשײַנונגען און ער פֿירט זײ אַרױס פֿון דער השפּעה פֿון גוטע און שלעכטע גײַסטער אָדער אַסטראָלאָגישע װירקונגען. דער גלױבן אין דער אַסטראָלאָגיע איז אומצערײַסבאַר געװען פֿאַרבונדן מיט דער אװעראָאיסטישער אױפֿקלערונג.

מיט זײַן גאַנצער קראַפֿט טרעט פּאָמפּאָנאַציוס לסוף אַרױס קעגן די יעניקע, (אַכטער אײַנװענד), װעלכע באַהױפּטן, אַז נאָר די בעלי־עבֿרה און געפּײַניקטע פֿון געװיסן־יסורים מענטשן לײַקענען אין דער אומשטערבלעכקייט; דערקעגן גערעכטע און גוטע מענטשן נעמען זי אָן. פֿאַרקערט, זאָגט ער, זעען מיר באַשײַנפּערלעך, אַז אַ סך בעלי־עבֿרה גלײבן אין אומשטערבלעכקײם און — אין דער זעלבער צײַט לאָזן זײ זיך מיטרײַסן פֿון זײערע לײַדנשאַפֿטן, בעת אַ סך גערעכטע און אײדלע מענטשן האָבן געהאַלטן די נשמה פֿאַר אַ שטערבלעכע. צו די דאָזיקע פֿאַרעכנט ער האָמער און סימאָנידעס, היפּאָקראַטעס און גאַלענוס, אַלעקסאַנדער פֿון אַפֿראָדיזיאַס און די גרױסע אַראַבישע פֿילאָזאָפֿן; לסוף פֿון אונזערע לאַנדסלײַט („ex nostratibus“) דאָ פֿאַררעכנט זיך אױך באַם סכאָלאַסטיקער דער גײַסט פֿונם רענעסאַנס!) פּליניוס און סענעקא.

אין זעלבן גײַסט האָט פּאָמפּאָנאַציוס געשריבן װעגן דער פֿרײַהײט פֿון װילן, קלאָר אױפֿװײַזנדיק אירע סתירות. דאָ קריטיקירט ער אַפֿילו דעם קריסטלעכן באַגריף װעגן גאָט דערמיט, װאָס ער זוכט און דעקט אױף מיטן גאַנצן שאַרפֿזין די סתירה צװישן דער לערע װעגן דער אַלמעכטיקייט, אַלװיסן און גוטסקייט פֿון גאָט — און דער שולד פֿון מענטשן. אין אַ באַזונדערן װערק באַקעמפֿט פּאָמפּאָנאַציוס דעם

גלויבן אין נסים, דערביי הייסט ער ווידער, וואָס אַן אמת־באַטראַכטן די אַסטראָלאָגישע ווירקונגען אַלס נאַטירלעכע און פאַקטישע. אַזוי, למשל, פירט ער אַרויס אין אַן עכט־אַראַבישן אופן דעם גאָב פון נביאות פונם איינפלוס פון די שטערן און פון אַן אומבאַגרייפלעכער פאַרבינדונג מיט אומבאַקאַנטע גייסטער 50). די ווירקונג פון דער רעליקווע איז דערקעגן באַדינגט דורך דער איינבילדונג פון די גלויביקע, און אַפילו הינטישע ביינער וואָלטן אַרויסגערופן דיזעלבע ווירקונג.

מ'האָט אַ סך פּאָלעמיזירט וועגן דעם, צי ביי פּאָמפּאָנאַציוס זאָזיקע אָנשויונגען איז זיין אונטערטעניקייט צום קירכלעכן גלויבן נישט געווען מער ווי אַ בלויזע פאָרם. אַזעלכע פראַגן זענען אָבער אין צאָלרייכע ענלעכע פאַלן זייער שווער צו לייזן, באמת מיר קאָנען נישט אין קיין שום הינזיכט מעסטן זיי לויט די באַגריפן פון אונזער צייט. דער אומגעהויערער רעספּעקט פאַר דער קירך, וואָס איז נאָך שטאַרקער געווען צוליב דער דראָונג מיטן שייטערהויפן, איז פולשטענדיק גענוג געווען אויף צו פאַרבינדן אַפילו ביי די פיינסטע דענקער דעם קרעדאָ מיט אַ הייליקן פחד, וואָס האָט מיט אַן אומדורכדרינגלעכן נעפל פאַרהילט די גרענעץ צווישן וואָרט און מהות. אָבער וווהין פּאָמפּאָנאַציוס האָט אין דערדאָזיקער פלוגתא צווישן פילאָזאָפישער און טעאָלאָגישער וואָרהייט געניגט דאָס צינגל פון דער וואָגשאָל, — דאָס האָט ער מרמז געווען, בעת ער האָט דערקלערט די פילאָזאָפן פאַר געטער פון דער ערד און זיי שטייען אַזוי ווייט פון די איבעריקע מענטשן, אַן אונטערשיד פון זייער שטעלונג, ווי אמתע מענטשן — פון געמאָלטע.

די צווייטייטיקייט אין פאַרהעלטניש פון גלויבן און וויסן, איז, איבעריקנס, אַ באַצייכנענדיקער און פעסטער שטריך פון דער איבערגאַנגסצייט צו דער נייערער פרייהייט פון דענקען. אַפילו די רעפאָרמאַציע איז נישט געווען ביכולת זי צו באַזייטיקן, און מיר געפינען זי, אָנהייבנדיק פון פּאָמפּאָנאַציוס און

קאַרדאַנוס און ענדיקנדיק מיט גאַסענדין און האָבסן אין די פאַרשידנסטע שטיפן פון אויס מורא באַהאַלטענעם צווייפל ביז צו באַוווסטזיניקער איראָניע. אין שייכות דערמיט שטייט די נייגונג צו אַ צווייַדייטיקער אַפּאָלאָגיע, וואָס האָט מיט, פאָרליבע אויפגעדעקט די שאָטנזייטן פון קריסטנטום אָדער פון איינצעלנע לערעס, און דערביי געפינען מיר — לעבן דער באַשייַנפערלעכער כּוונה איבערצוצייגן אין קעגנזעצלעכן, ווי למשל, ביי וואַניני, — אויך באַהויפּטונגען, ווי אין מערסענס פּירוש צו ספר בראשית, וועמעס אייגנטלעכע נאַטור ס'איז שווער פעסטצושטעלן.

ווער עס זעט אין מאַטעריאַליזם הויפּטזעכלעך זיין אָפּאָזיציע קעגן קירכלעכן גלויבן, דער קאָן פאַררעכנען צו די מאַטעריאַליסטן פאָמפּאָנאַציוסן און צאָלרייכע אנדערע מער־ווייניקער דרייסטע נאָכפאָלגער; אויב מ'זוכט דערקעגן התחלות פון אַ פאָזיטיווער מאַטעריאַליסטישער נאַטורדערקלערונג, דאַן וועט מען אַפילו ביי די אויפגעקלערטסטע סכאָלאַסטיקער נישט געפינען קיין מינדסטן שפּור דערפון. איין איינציקער, ביז איצט גאַנץ פאַרייַנזאַמטער ביישפּיל, וואָס לאָזט זיך דאָ אַריינרעכענען, האָט, וואָס אַן אמת, אויפגעטרעטן נאָך אין 14־טן יאָרהונדערט. דהיינו, אין יאָר 1348 איז אין פּאַריז ניקאָלאוס דע אָטריקוריא[51] געצוווּנגען געוואָרן אָפּצורופן פאַרשידענע זאַצן, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך פאָלגנדיקער: אין די נאַטורפּראָצעסן איז נישט פאַראַן מער ווי די באַוועגונג פון פאַרבינדונג און שיידונג פון די אַטאָמען — בכן, אַ פאָרמעלער אַטאָמיסטיקער אין מיטן דער אַליינהערשאַפט פון דער אַריסטאָטעלשער נאַטורלערע! אָבער דערזעלבער חוצפּהניק האָט בכלל אויך געהאַט די דרייסטקייט צו דערקלערן, אַז מ'זאָל באַזייטיקן אַריסטאָטעלעסן מיט אַווערראָעסן און ווענדן זיך דירעקט צו די זאַכן. ובכן גייען שוין דאָ האַנט ביי האַנט — אַטאָמיזם און דערפאַרונגספּרינציפּ!

אין דער ווירקלעכקייט האָט צוערשט געמוזט געבראָכן

ווערן אַריסטאָטעלעס אויטאָריטעט, איידער מ'האָט געקאָנט קומען צום דירעקטן פאַרקער מיט די זאַכן. בעת אָבער ניקאָלאוס דע אָטריקוריא האָט אינגאַנצן פאַריינזאַמט, אויף וויפל מיר ווייסן, געמאַכט דעם פּרוכטלאָזן פּרווו, האָט זיך אין איטאַליע שוין אָנגעהויבן דער פאָרשפּיל צום גרויסן קאַמף פון די הומאַניסטן קעגן די סכאָלאַסטיקער אין פּעטראַרקאַס העפטיקע אָנגריפן.

דער אַנטשיידונגסקאַמף איז אויסגעפאַלן אין 15-טן יאָרהונדערט, און הגם דער מאַטעריאַליזם איז אין אַלגעמיין געשטאַנען אין אַ ווייט פאַרהעלטניש — די גרויסע איטאַליענישע הומאַניסטן זענען ס'רוב געווען פּלאַטאָניקער — איז דאָך אינטערעסאַנט צו זען, אַז איינער פון די ערשטע פאָרקעמפער פון הומאַניזם, לאַורענציוס וואַללאַ, איז באַקאַנט געוואָרן אין ברייטע קרייזן דורך זיין „דיאַלאָג וועגן תענוג", וועלכן מ'קאָן באַטראַכטן אַלס דעם ערשטן פּרווו פון אַן ערנרעטונג פון עפּיקורייאיזם[52]. אָבער פונדעסטוועגן האַלט דער פאָרשטייער פון דער קריסטלעכער עטיק לסוף אָפּ אַ ניצחון איבערן עפּיקורייער, ווי אויך איבערן סטאָאיקער; אָבער דער עפּיקורייער ווערט באַהאַנדלט מיט אַ באַשיינפערלעכער פאָרליבע, וואָס איז אַ וויכטיקע זאַך ביי דעם אַלגעמיינעם פחד, וואָס עס האָט נאָך דעמאָלט אַרויסגערופן דער עפּיקורייאיזם.

אין זיין פּרווו צו רעפאָרמירן די לאָגיק איז וואַללאַ נישט שטענדיק גערעכט לגבי דער סכאָלאַסטיק, און אין זיין אייגענעם טראַקטאַט איז די לאָגיק שטאַרק באַפאַרבט מיט רעטאָרישע עלעמענטן; אָבער זיין אונטערנעמונג האָט געהאַט אַ גרויסן היסטאָרישן באַטייט אַלס ערשטער פּרווו פון אַן ערנסטער קריטיק, וועלכע איז געווענדט נישט בלויז קעגן דער סכאָלאַסטישער דעגענערירטקייט, נאָר אַפילו זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַרן אויטאָריטעט פון אַריסטאָטעלעס. אויך אויף אַנדערע געביטן איז וואַללאַ איינער פון די ערשטע וואָרטפירער פון דער דערוואַכנדיקער קריטיק. יעדער שטריך פון זיין אַרויסטריט איז

אַן עדות פונם סוף פון דער אומבאַדינגטער הערשאַפט פון דער טראַדיציע און אומבאַרירלעכע אויטאָריטעטן.

אין דייטשלאַנד איז די הומאַניסטישע רעפאָרמאַציע-באַוועגונג, ווי קרעפטיק זי האָט זיך נישט אָנגעהויבן, גאָר פרי און פולשטענדיק איינגעשלונגען געוואָרן פון דער טעאָלאָגישער באַוועגונג. גראָד דער אומשטאַנד, וואָס דאָ האָט די אָפּאָזיציע קעגן דער היעראַרכיע אַמאַנטשיידנסטן געפירט צו אַן אָפענער שפּאַלטונג, האָט אפשר גורם געווען, אַז דאָס וויסנשאַפטלעכע געביט זאָל טיילוויז פאַרנאַכלעסיקט, טיילוויז קאָנסערוואַטיוו באַהאַנדלט ווערן, ווי דאָס וואָלט אַזוי נישט געווען אין אַנדערע פאַלן. ערשט אין הונדערטער יאָרן אַרום האָט די דערגרייכטע פרייהייט פון גייסט פאַרגיטיקט דעמדאָזיקן קרבן.

פיליפ מעלאַנכטאָן איז געווען דער, וואָס האָט געגעבן דעם אַנטשיידנדיקן ביישפּיל צו רעפאָרמירן די פילאָזאָפיע אויפן אַלטן, פון אַריסטאָטעלעס געלייגטן יסוד. ער האָט אָפן געזאָגט, אַז דורכן צוריקקער צו די עכטע שריפטן פון אַריסטאָטעלעס האָט ער בדעה צו מאַכן אַן ענלעכע רעפאָרם אין דער פילאָזאָפיע, ווי לוטער האָט דאָס געטון פאַר דער טעאָלאָגיע מיט זיין אומקערן זיך צו דער ביבל.

אָבער דידאָזיקע רעפאָרם מעלאַנכטאָנס איז אין אַלגעמיין נישט געווען פאַר דייטשלאַנדס טובה וועגן. פון איין זייט איז זי נישט געווען גענוג ראַדיקאַל, מחמת מעלאַנכטאָן גופא איז ביי זיין גאַנצער פרייהייט פון דענקען געווען שטאַרק געפענטעט דורך די קייטן פון דער טעאָלאָגיע און אפילו פון דער אַסטראָלאָגיע; פון דער צווייטער זייט, האָט די אומגעהויערע אויטאָריטעט פונם רעפאָרמאַטאָר און די השפעה פון זיין אַקאַדעמישער טעטיקייט געבראַכט דייטשלאַנד צו דער סכאָלאַסטיק, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט נאָך קאַרטעזיוסן און איז געווען די הויפּטשטערונג פאַר דער פילאָזאָפיע אין דייטשלאַנד.

דאָך איז באַמערקנסווערט, אַז מעלאַנכטאָן האָט אָנגעהויבן רעגלמעסיקע פאָרלעזונגען איבער פּסיכאָלאָגיע לויט זיין אייגענעם האַנטבוך. זיינע אָנשויונגען דערנענטערן זיך אין איינצעלנע פּונקטן צום מאַטעריאַליזם, זיי זענען אָבער אומעטום אָן טיפערער באַגרינדונג איינגעפּאַסט אין די ענגע גרעניצן פון דער קירכלעכער לערע. די נשמה דערקלערט מעלאנכטאָן לויט דעם פאַלשן לייענען endelecheia אָנשטאָט entelecheia— אַלס אַן אומאיבעררייסלעכע; אַ לייען אופן, אויף וועלכן ס'האָט זיך הויפּטזעכלעך געשטיצט די הנחה וועגן אַריסטאָטעלעס אומ-שטערבלעכקייטס-לערע. דער וויטענבערגער פּראָפעסאָר אַמצר-באַך, וועלכער האָט געשריבן אַ שטרענג אַריסטאָטעלשע פּסי-כאָלאָגיע, איז צוליבן דאָזיקן פאַלשן לייענען אַריין אין אַזאַ קאָנפליקט מיטן רעפאָרמאַטאָר, אַז ער האָט אַלס פּועל-יוצא דערפון געמוזט פאַרלאָזן וויטענבערג און ער איז צוריקגעוואָרן קאַטויליש.

אַ דריט ווערק איבער פּסיכאָלאָגיע איז דערשינען אומגע-פער אין דערזעלבער צייט פונם שפּאַניער לודוויג וויוועס.

וויוועסן דאַרף מען באַטראַכטן אַלס דעם באַדייטנדיקסטן רעפאָרמאַטאָר פון דער פילאָזאָפיע אין דערדאָזיקער צייט און אַלס פאָרלויפער פון קאַרטעזיוס און בעקאָן; זיין גאַנץ לעבן איז געווען אַן אומאויפהערלעכער און דערפאָלגרייכער קאַמף קעגן דער סכאָלאַסטיק; וואָס שייך אַריסטאָטעלעסן האָט ער זיך געהאַלטן אָן דער מיינונג, אַז די עכטע תּלמידים פון זיין גייסט האָבן זיך ווייטער גערוקט און באַטראַכט די נאַטור גופא, ווי די אַלטע האָבן דאָס געטון. די נאַטור קאָן מען נישט דערקענען לויט דער בלינדער טראַדיציע אָדער פּלפּולדיקע היפּאָטעזעס, נאָר דורך דירעקטע אונטערזוכונגען אויפן וועג פונם עקספּערימענט. נישט געקוקט אויף דערדאָזיקער זעלטענער קלאָרקייט וועגן די אמתע יסודות פון דער פאָרשונג, נעמט וויוועס אין זיין פּסיכאָלאָגיע זעלטן פאַקטן פון לעבן און

גיט איבער ווייניק אייגענע אָדער פרעמדע באָאָבאַכטונגען. דאָס קאַפּיטל וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה איז דורכויס געהאַלטן אין רעטאָרישן טאָן און מיטן, ביז עד־היום נאָך באַליבטן אופן, ברענגט ער די אויבערפלעכלעכסטע טעמים אַלס ראיות, וועלכע מ׳קאָן נישט דערווידערן. און דאָך איז ווי־וועס געווען איינער פון די קלאָרסטע קעפּ פון זיין תּקופה, און זיין פּסיכאָלאָגיע איז, למשל, אין דער לערע וועגן די אפעקטן, רייך מיט סובטעלע באַמערקונגען און טרעפלעכע כאַ־ראַקטעריסטישע שטריכן.

אויך דער דרייסטער ציריכער נאַטור־פאָרשער קאָנראַד געסנער האָט אין דער זעלבער צייט אָנגעשריבן אַ פּסיכאָלאָ־גיע, וואָס איז אינטערעסאַנט לויט איר אינהאַלט און באַהאַנד־לונגסאופן. נאָכדעם ווי ער ברענגט אַן אויסערסט געניטן און טאַבעלאַרטיקן אויסווייז פון אַלע מעגלעכע אָנשויונגען וועגן מהות פון דער נשמה, גייט ער שנעל איבער צו דער אויס־פירלעכער לערע וועגן די חושים. דאָ פילט זיך געסנער היימיש און מיט ליבע שטעלט ער זיך אָפּ אויף פיזיאָלאָגישע באַטראַכ־טונגען, וואָס זענען צייטנווייז זייער גרינטלעכע. אַ מאָדנעם איינדרוק מאַכט דערקעגן דער פרווו ארומצוגעמען מיט איין בליק דעם כאַאָס פון די אָנשויונגען און מיינונגען וועגן דער נשמה, וואָס ער האָט געמאַכט אין ערשטן טייל פון זיין ווערק. „טייל האַלטן", זאָגט געסנער מיט אַ גלייכגילטיקער רויקייט, „די נשמה פאַר גאָרנישט, אַנדערע ווידער — פאַר אַ סובסטאַנץ". 53.

פון אַלע זייטן זעט מען דאָ ווי עס איז דערשיטערט די אַלטע אַריסטאָטעלישע מסורה, די אָנשויונגען צעפאַלן און ס׳טרעט אַרויס דער צווייפל, וואָס שפּיגלט זיך וואַרשיינלעך ווייניק אָפּ אין דער ליטעראַטור. באַלד אָבער ווערט די פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט פון סוף 16־טן י. ה. אָן געהאַט פאַר זיך אויסערגעווייג־לעך רייכע פאָרארבעטן, ווידער סיסטעמאַטיש, און דער פער־מענט פונם איבערגאַנגספּעריאָד האָט געמאַכט אַן אָרט פאַר דער דאָגמאַטישער סכאָלאַסטיק, וועמעס וויכטיקע שטרעבונג איז געווען זיך צוצופּאַסן צו דער טעאָלאָגיע.

בעת די טעאָלאָגיע האָט פולשטענדיק באַהערשט דאָס
געביט פון דער נשמה־לערע און שטורמישע מחלוקותן האָבן
פאַרטייבט דעם רויקן אורטייל, האָט די געניע פאָרשונג אין
דער שטיל, אינם געביט פון דער אויסערלעכער נאַטור, געלייגט
אַן אומדערשיטערלעכן יסוד פאַר אַ פולשטענדיק־פאַרענדערטער
וועלטאַנשויונג.

אין יאָר 1543 איז דערשינען דאָס בוך געווידמעט דעם
פויפסט: „וועגן די וועגן פון די הימלסקערפער"
פון ניקאָלאַי קאָפּערניק פון טאָרן. מ'זאָגט, אַז ערשט
אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן האָט דער גרייזגראָער דענ־
קער באַקומען דעם ערשטן עקזעמפּלאַר פון זיין גרויסן ווערק
און דאַן אַ באַפרידיקטער זיך געזעגנט מיט דער וועלט[54].
וואָס עס ווייס איצט, נאָך דריי הונדערט יאָר, יעדער עלע־
מענטאַר־שילער, אַז די ערד דרייט זיך אַרום זיך און אַרום דער זון,
דאָס איז דאַן געווען אַ גרויסער, און נישט געקוקט אויף איינ־
צעלנע פאָרלויפער, אַ נייער און פאַר דער אַלגעמיינער איבער־
צייגונג ממש קעגנזעצלעכער אמת. דאָס איז אָבער אויך גע־
ווען אַן אמת, וואָס איז אַרויסגעטרעטן קעגן אַריסטאָטעלעסן
און איז נאָך נישט געקומען צו קיין הסכם מיט דער קירך.
אַנטקעגן חוזק פון דער קאָנסערוואַטיווער מאַסע, אַנטקעגן פאַ־
נאַטיזם פון די שול־ און קירכלעכע גלחים האָט זיך קאָפּער־
ניקס לערע געשיצט מיט דער שטרענג־וויסנשאַפטלעכער פאָרם
און גוואַלדיקער באַווייז־קראַפט פון זיין ווערק, איבער וועלכן
דער מחבר האָט 33 יאָר געאַרבעט אַלס קאַנאָניקער אין פרויענ־
בורג מיט אַ באַוווּנדערונגסווערטן אויסדויער. עס איז באמת
אַ גרויסאַרטיק בילד פאָרצושטעלן זיך, ווי אַ מענטש, וואָס איז
אין עלטער פון התלהבותדיקן שאַפן אַדורכגענומען פון אַן
אידיי, וואָס וועט דערשיטערן די וועלט, זאָל אין פולן באַוווסט־
זיין פון איר וויכטיקייט זיך צוריקציען פון עפנטלעכן לעבן
כדי זיין גאַנץ איבעריק לעבן ווידמען דער רויקער אַנטוויק־
לונג פון דאָזיקן געדאַנק. דערפון שטאַמט די באַגייסטערונג פון

די ערשטע ווינציקע תּלמידים, דערפון — די איבּערראַשונג פון די פּעדאַנטן און רעזערוו פון דער קירך.

ווי געפערלעך עס האָט פון דערדאָזיקער זייט געשיינט צו זיין קאָפּערניקס אונטערנעמונג, איבּערצייגט דער פאַקט, וואָס פּראָפעסאָר אָסיאַנדער — וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיטן דרוקן דאָס בּוך — האָט אין דער צוגעלאָטעטער הקדמה צום בּוך, לויטן מנהג פון יענע צייט, פאָרגעשטעלט די גאַנצע לערע קאָפּערניקס אַלס היפּאָטעזע. קאָפּערניק גופא האָט גישט קיין שום חלק אין דערדאָזיקער פאַרמאַסקירונג. קעפּלער, אַליין בּאַגייסטערט פון שטאָלצער פרייהייט פון דענקען, רופט אים אָן „מענטש פון פרייען גייסט"; און פאַקטיש נאָר אַזאַ מענטש האָט געקענט אויספירן אַ ריזיקע אַרבּעט[55].

„די ערד דרייט זיך", איז אינגיכן געוואָרן דער לאָזונג, דורך וועלכן דער גלויבּן אין דער וויסנשאַפט און די אומטעותדיקייט פון שכל האָט זיך אינגיכן אָפּגעטיילט פון דער בּלינדער צוגעבּונדנקייט צו דער טראַדיציע; און ווען מען האָט נאָך אַ קאַמף פון יאָרהונדערטער געמוזט אָנערקענען אין דאָזיקן פּונקט דער וויסנשאַפט אַ דעפיניטיוון זיג, האָט דערדאָזיקער לאָזונג איבּערגעוויגן די וואָגשאָל אויף איר זייט, גלייך ווי די בּיז אַהער רויקע ערד וואָלט זיך דורך אַ נס ערשט איצט אָנגעהויבּן צו בּאַוועגן.

איינער פון די ערשטע און אַנטשיידנסטע אָנהענגער פונם נייעם וועלטסיסטעם, דער איטאַליענער ד ז ש י אָ ר ד אַ נ אָ בּ ר ו נ אָ, איז דורך און דורך פילאָזאָף און הגם מ'דאַרף זיין גאַנץ סיסטעם בּאַצייכנען אַלס פּאַנטעאיסטיש, האָט ער דאָך פיל בּאַציונגען צום מאַטעריאַליזם, אַז מיר מוזן דאָס דאָ געמען אין אַכט.

בּעת קאָפּערניק האָט זיך געווענדט צו די פּיטאַגאָרייאישע מסורות[56] — בּאַצייכנט דאָך שפּעטער די אינדעקס קאָנגרעגאַציע זיין גאַנצע טעאָריע פּשוט אַלס doctrina — Pythagorica האָט בּרונאָ זיך גענומען פאַר אַ מוסטער לוקרעציוסן. ער האָט זייער גוט תּופס געווען די אַלטע עפּיקו-

רייאישע לערע וועגן דער אומענדלעכקייט פון די וועלטן און געלערנט, פאַרבינדנדיק זי מיטן קאָפּערניקאַנישן סיסטעם, אַז אַלע פעסטע שטערן זענען זונען, וואָס זענען אין אַן אומענדלעכער צאָל פאַרשפּרייט איבערן וועלטרוים און זיי באַזיצן זייערע סאַטעליטן, וועלכע פאַרהאַלטן זיך צו זיי, ווי די ערד צו דער זון, אָדער ווי די לבנה צו דער ערד: אַן אָנשויונג, וועלכע האָט, להיפוך דער אַלטער הנחה וועגן אַ געשלאָסענעם וועלטרוים, די זעלבע גרויסע באַדייטונג, ווי די לערע וועגן דער באַוועגונג פון דער ערד[57].

„די אומענדלעכקייט פון פאָרמען, אונטער וועלכע עס דערשיינט די מאַטעריע", לערנט ברונאָ, „נעמט זיך נישט פון אַן אַנדערער, בלויז אויסערלעך, נאָר זי ברענגט זי אַרויס פון זיך גופא און געבירט זי אין איר שויס. זי איז נישט יענע prope nihil (כמעט און גאָרנישט), ווי טייל פילאָזאָפן האָבן פון איר געוואָלט מאַכן און צוליב וועלכן זיי זענען זיך אַליין סותר; נישט יענע נאַקעטע, ריינע, פּוסטע פעיקייט אָןווירקזאַמקייט, פולקאָמהייט און טאַט; אויב זי פאַר זיך באַזיצט נישט קיין פאָרם, איז זי נישט אַזוי אַנטבלויזט פון איר ווי דאָס אייז — פון דער וואַרעמקייט, אָדער ווי דער תהום — פון ליכט, נאָר זי איז ענלעך צו דער געווינערין, בעת זי גיט אַרויס איר פרוכט פון איר שויס. אויך אַריסטאָטעלעס און זיינע נאָכפאָלגער האָבן געהאַלטן, אַז די פאָרמען שטאַמען גיכער פון דער אינערלעכער פעיקייט פון דער מאַטעריע, נישט זיי זענען אַן אויסערלעך ווזן; אָבער אָנשטאָט צו זען דידאָזיקע ווירקזאַמע פעיקייט אין דער אינערלעכער בילדונג פון דער פאָרם, האָבן זיי זי געוואָלט אָנערקענען נאָר אין דער אַנטוויקלטער ווירקלעכקייט, מחמת די פאַרענדיקטע, זינלעכע און אויסדריקלעכע דערשיינונג פון אַ זאַך איז נישט די היפּאָסטאַסיבה פון איר עקזיסטענץ, נאָר בלויז איר פועל-יוצא און רעזולטאַט. די נאַטור גיט נישט אַרויס אירע קעגנשטאַנדן אַזוי ווי די מענטשלעכע טעכניק דורך אַוועקנעמען און באַהעפטן, נאָר בלויז דורך טיילונג און אַנטוויקלונג. אַזוי האָבן

געלערנט די קלוגסטע מענטשן ביי די גריכן, און משה, בעת ער באַשרייבט די אַנטשטייונג פון די זאַכן, הייסט דעם אַלגע־מיינעם ווירקזאַמען וועזן אַזוי רעדן: „די ערד זאָל אַרויסגעבן לעבעדיקע חיות, דאָס וואַסער זאָל אַרויסגעבן זיינע לעבעדיקע באַשעפעניש", גלייך ווי ער וואָלט געזאָגט: די מאַטעריע זאָל אַרויסגעבן! מחמת ביי משה איז דער מאַטעריעלער פּרינציפּ פון די זאַכן דאָס וואַסער, און דעריבער זאָגט ער, אַז דער ווירקזאַם בילדנדיקער שכל, וועלכן ער רופט אָן גייסט, שוועבט איבער די וואַסערן, און דערמיט וואָס ער באַשענקט אים מיט דער קראַפט אַרויסצוגעבן וועזנס, איז אַנטשטאַנען די יצירה. זיי אַלע ווילן בכן, אַז נישט דורך באַהעפטונג, נאָר דורך טיי־לונג און אַנטוויקלונג זאָלן אַנטשטיין די זאַכן, און דעריבער איז די מאַטעריע נישט אָן די פאָרמען, גיכער אַנטהאַלט זי אין זיך זיי אַלע; און דערמיט, וואָס זי אַנטוויקלט דאָס, וואָס זי טראָגט אין זיך פאַרהוילן, איז זי אינדעראמתן די גאַנצע נאַטור און די מוטער פון די לעבע־דיקע וועזנס. 58)

אויב מ'פאַרגלייכט דידאַזיקע דעפיניציע וועגן באַגריף פון מאַטעריע, — וועלכע מ. קאַריער באַצייכנט אַלס איינעם פון די גרעסטע טאַטן אין דער געשיכטע פון דער פילאָזאָ־פיע, — מיט אַריסטאָטעלעס דעפיניציע, דאַן געפינען מיר דעם גרויסן און טיפן אונטערשיד דערין, וואָס ברונאָ פּאַסט אויף די מאַטעריע אַלס דאָס ווירקלעכע און ווירקנדיקע, נישט אַלס דאָס מעגלעכע. אויך אַריסטאָטעלעס האָט גע־לערנט, אַז אין די זאַכן זענען פאַראַן פאָרם און מאַטעריע; אָבער דערמיט, וואָס ער דעפינירט די מאַטעריע אַלס בלויזע מעגלעכקייט צו ווערן דאָס, וואָס די פאָרם מאַכט פון איר, באַקומט נאָר די לעצטע אַ וועזנהייט. ברונאָ האָט איבערגע־דרייט דידאָזיקע דעפיניציע. ער האָט געמאַכט די מאַטעריע פאַרן אמתן וועזן פון די זאַכן און לאָזט פון איר אַרויסברע־גען אַלע פאָרמען. דערדאָזיקער כלל איז אַ מאַטעריאַליסטישער און מיר וואָלטן בכן געהאַט אַ פולשטענדיק רעכט צו פאַרע־

בענען ברונאָן צו די מאַטעריאַליסטן, ווען ער וואָלט נישט אין דער אַנטוויקלונג פון זיין סיסטעם אָנגענומען אַ פאַנטעאיסטישע ווענדונג אויפן אַנטשיידענעם פונקט.

אמת, דער פאַנטעאיזם פאַר זיך גופא איז נאָר אַ מאָדי־פיקאַציע פון עפּעס אַן אַנדערן מאָניסטישן סיסטעם. דער מאַ־טעריאַליסט, וועלכער דעפינירט גאָט אַלס דעם אַלגעמיינעם אינ־האַלט פון דער גאַנצער אין זיך פאַרגייסטיקטער מאַטעריע, ווערט שוין דערמיט פאַנטעאיסט, נישט פאַרלאָזנדיק דערביי זיין מאַטעריאַליסטישע באַזע. אָבער דער נאַטירלעכער פועל־יוצא פון דער ריכטונג פון גייסט צו גאָט און די געטלעכע זאַכן איז געוויינלעך אַזאַ, אַז עס ווערט פאַרגעסן יענער אויסגאַנגס־פונקט, דאָס אין דער אַנטוויקלונג פונם קעגנשטאַנד באַנעמען מיר וואָס אַמאָל מער די נשמה פון אַל נישט אַלס בויטוועג־דיק ווענז פון דער מאַטעריע, נאָר אַלס, לכל־הפחות, באַגריפ־לעכן פאַר איר פאָרויסגייענדיקן שעפערישן פרינציפּ. אויפן זעלבן אופן האָט ברונאָ אַנטוויקלט זיין טעאָלאָגיע. מיט דער ביבל האָט ער זיך אַן עצה געגעבן, לערנענדיק, אַז זי איז באַשטימט פאַרן פאָלק, דעריבער האָט זי זיך געמוזט צופּאַסן צו זיינע נאַטורהיסטאָרישע אָנשויונגען, מחמת אַזיסטן וואָלט זי נישט געפינען קיין גלויבן.59) ברונאָ האָט זיך אויסגעדריקט אויף אַ פּאָעטישן אופן, ס'רוב פון זייגע ווערק זענען פאַרפאַסט אין אַ פּאָעטישער פאָרם, טייל אין לאַטייניש, טייל אין איטאַ־ליעניש. זיין טיפזיניקער גייסט האָט גערן געזוכט אינם מיס־טישן חשכות, אָבער ער האָט אויך דרייסט און ריקזיכטלאָז אויסגעדריקט זיינע מיינונגען מיט אַ פולשטענדיקער קלאָרקייט.

ברונאָ איז אורשפּרינגלעך אַריינגעטרעטן אין דאָמיניקאַ־נער אָרדן, כדי צו קאָנען רויק שטודירן. מ'האָט אים אָבער אָנגעהויבן חושד זיין אין אפיקורסות און ער האָט געמוזט אַנט־לויפן, און זייט דעמאָלט איז זיין לעבן אַ לאַנגע קייט פון פאַרפאָלגונגען און שנאה. ער האָט לויט דער ריי זיך אויפגע־האַלטן אין גענף, פאַריז, ענגלאַנד און דייטשלאַנד און לסוף געמאַכט דעם פאַטאַלן שריט און געוואָגט צוריקצופאָרן אין זיין

פאַטערלאַנד. אין יאָר 1592 איז ער אין ווענעציע אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער אינקוויזיציע.

נאָכן אָפּזיצן 8 יאָר אין דער תּפיסה איז ער, אַ נישט נאָכגיביקער און פעסטער אין זיינע איבערצייגונגען, פאַרמשפּט געוואָרן אין רוים. דעגראַדירט און געלייגט אין חרם, איז ער אַלס אַפּיקורס איבערגעגעבן געוואָרן דער וועלטלעכער מאַכט, מיט דער ביטע „צו באַשטראָפן אים ווי מעגלעך מילד און אָן בלוטפאַרגיסונג" – דאָס הייסט, ווי באַקאַנט, צו פאַרברענען. בשעת מ'האָט אים מודיע געווען דעם פּסק, האָט ער געזאָגט: „איר גיט אפשר מיט גרעסערער שרעק אַרויס דעם אורטייל, ווי איך נעם אים אויף". אין 17 פעברואַר 1600 איז ער פאַרברענט געוואָרן אויפן קאַמפּאָפיאָרע אין רוים. זיינע לערעס האָבן, בלי ספק, געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויף די גאָענטסטע אַנטוויקלונגען פון דער פילאָזאָפיע, הגם נאָכן אויפטריט פון דעקאַרט און בעקאָן בלייבט ער אין הינטערגרונט און ווערט פאַרגעסן ווי אַ סך אַנדערע גרויסע מענטשן פון דער איבערגאַנגס-צייט.

די ערשטע העלפט פון 17-טן י. ה. האָט ערשט אויפן געביט פון דער פילאָזאָפיע געקאָנט שניידן די צייטיקע פּרות פון דער גרויסער באַפרייונג, וואָס די רענעסאַנס-באַוועגונג האָט לויט דער ריי אַדורכגעפירט אויף די פאַרשידנסטע געביטן פון מענטשלעכן גייסטיקן לעבן. אין די ערשטע דעקאַדעס פון דאָזיקן יאָרהונדערט טרעט אויף בעקאָן, אין מיטן – דעקאַרט; זיינע צייט-חברים זענען געווען גאַסענדי און האָבס, וועלכע מיר דאַרפן באַטראַכטן אַלס די אייגנטלעכע באַנייער פון אַ מאַטעריאַליסטישער וועלטאַנשויונג. אָבער אויך דיביידע באַרימטע „צוריקשטעלער פון דער פילאָזאָפיע", ווי מ'באַצייכנט זיי געוויינלעך, דעקאַרט ווי אויך בעקאָן – שטייען אין אַן ענגער און באַמערקנסווערטער באַציונג צום מאַטעריאַליזם.

וואָס שייך בעקאָנען, איז אין אַ גענויער פאָרשונג שווער שאַרף און באַשטימט צו דערווייזן מיט וואָס ער שיידט זיך

אונטער פון מאַטעריאַליזם, איידער דאָס, וואָס האָט מיט אים געמיינזאַמס.

פון צווישן אַלע פילאָזאָפישע סיסטעמען שטעלט בעקאָן אַמהעכסטן דעמאָקריטס. ער רימט דאָס, וואָס דעמאָקריטס שול איז טיפער, ווי וועלכע נישט איז אַנדערע, אַריינגעדרונגען אינם מהות פון דער נאַטור. דאָס באַטראַכטן די מאַטעריע אין אירע פילפאַכיקע וואַנדלונגען פירט ווייטער, ווי די אַבסטראַקציע. נישט אָננעמענדיק די הנחה וועגן די אַטאָמען, קאָן מען גאָרנישט דערקלערן די נאַטור. צי עס הערשט אין איר צוועק — דאָס איז שווער צו זאָגן אויף באַשטימט; יעדנפאַלס מוז זיך דער פאָרשער שטיצן בלויז אויף דיווירקנדיקע סיבות.

ווי באַקאַנט איז מען מיחס בעקאָנען און דעקאַרטן צוויי פאַרשידענע אַנטוויקלונגסרייען פון דער פילאָזאָפיע, פון וועלכע איינע ציט זיך פון דעקאַרט איבער שפּינאָזאַ, לייבניץ, קאַנט און פיכטע ביז צו שעלינג און העגעל, בעת די אַנדערע — פון בעקאָנען דורך האָבס און לאָק צו די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן פון 18-טן י. ה.; אומדירעקט מוזן מיר, בכן, אונזער היינטיקן מאַטעריאַליזם צוריקפירן צו דער לעצטער ריי.

און פאַקטיש איז עס געווען בלויז אַ צופאַל, וואָס דער נאָמען מאַטעריאַליזם איז אויפגעקומען ערשט אין 18-טן י. ה.; דער מהות פון זיין ריכטונג איז געשאַפן געוואָרן דורך בעקאָנען, און נאָר דער אומשטאַנד האַלט אונז אָפּ פון צו באַטראַכטן אים אַלס אייגנטלעכן אויפלעבער פון דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע, מחמת ער האָט געלײקנט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויפן מעטאָד און דאָס, וואָס ער האָט זיך מיט צווייטייטיקער פאָרזיכטיקייט אויסגעדריקט וועגן די וויכטיקסטע פונקטן. די אַבערגלויבישע און אייטלע אומוויסנשאַפטלעכקייט בעקאָנס 60) שטימט אין זיך נישט בעסער, אָבער נישט ערגער, מיט דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע, ווי מיט די מייסטע אַנדערע סיסטעמען. מיר וועלן זיך נאָר דערלויבן אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן דעם אומפאַנגרייכן געברויך, וואָס

בעקאָן מאַכט אין דער נאַטורדערקלערונג פון די „גייסטער" (spiritus)

בעקאָן שטיצט זיך דאָ אויף דער מסורה, אָבער מיט אַ זעלבסשטענדיקן אויספיר, וואָס גיט נישט צו קיין גרויס כבוד דעם „באַנייער פון די וויסנשאַפטן". פאַרשידענערליי „גייסטער" שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דער קאָסמאָלאָגיע און פיזיאָלאָגיע פון דער נייפּלאַטאָנשער־סכאָלאַסטישער וועלטאָנשויונג; ווי אויך ביי די אַראַבער, ווו די אַסטראָלגייסטער רעגירן איבער דער וועלט דורך דעם מיסטישן וועג פון סימפּאַטיע און אַנטיפּאַטיע צוזאַמען מיט די גייסטער, וועלכע וווינען אין די ערדישע זאַכן. דידאָזיקע לערע וועגן „spiritus" (גייסט) האָט אָנגענומען אַ שטאַרק וויסנשאַפטלעכע פאָרם אין דער פּסיכאָלאָגיע און פיזיאָלאָגיע, וואו עס לאָזן זיך נאָך עד־היום באַמערקן זייערע שפּורן (למשל, אין באַגריף וועגן די „דרימלענדיקע, אויפגעוועקטע אָדער אויפגערעגטע לעבנסגייסטער"). דאָ גיסט זיך אין פריצן מיטלאַלטער צונויף גאַלענוס לערע וועגן פּסיכישן און אַנימאַלישן (חיהשן) Spiritus, אין פאַרבינדונג מיט דער לערע וועגן די פיר זאַפטן און די טעמפּעראַמענטן, מיט דער אַריסטאָטעלשער פּסיכאָלאָגיע. לויט דערדאָזיקער לערע, וועלכע מ'געפינט, למשל, גאַנץ אויספירלעך אין מעלאַנכטאָנס פּסיכאָלאָגיע ווערן די פיר פונדאַמענטאַלע זאַפטן צוגעגרייט אין דער לעבער (צווייטער אָרגאַנישער פּראָצעס, נאָכדעם ווי דער ערשטער איז פאָרגעקומען אין מאָגן); פונם איידלסטן זאַפט, פונם בלוט, ווערט דורך אַ נייעם פּראָצעס אינם האַרץ צוגעגרייט דער „Spiritus vitalis" („דער לעבנס־גייסט") וועלכער ווערט לסוף אין די מוח־הײלן (פערטער און לעצטער פּראָצעס) געריייניקט אַלס אַ „Spiritus animalis".

דידאָזיקע לערע האָט זיך דעריבער הויפּטזעכלעך אַזוי איינגעוואָרצלט, ווייל זי שיינט צו שאַפן פאַרן אויבערפלעכלעכן דענקען אַ גענוגנדיקע בריק איבערן תהום צווישן זינלעכן און איבערזינלעכן, וועלכע איז נויטיק געווען פאַר די נייפּלאַטאָניקער, ווי אויך פאַר די קריסטלעכע טעאָלאָגן. אַזוי, למשל,

טרעט נאָך ביי מעלאַנכטאָנען אַרויס דער מאַטעריעלער און פון דער גראָבער מאַטעריע בהדרגהדיק-ראַפינירטער spiritus אַלס אוממיטלבאַרער שולדיקער פון ווירקונגען, וועלכע זאָלן לויטן באַגריף זיין ריין גייסטיקע, וועלכע ווערן אָבער פּאַקטיש פאָר-געשטעלט דורך די געלערנטע טעאָלאָגן זייער מאַטעריעל. אַזוי-נאָך מישט זיך אויס דער *געטלעכער גייסט* מיט דידאָזיקע לעבנס- און נשמה-גייסטער פון מענטש; אויב אָבער עס זיצט אַ טייוול אין האַרצן, בלאָזט ער אויף די גייסטער און מאַכט אָן אַ מהומה צווישן זיי 61).

פאַרן קאָנסעקווענטן געדאַנק איז, פאַרשטייט זיך, ווייטער גרויס דער תהום צווישן איבערזינלעכן און דער סובטעלסטער מאַטעריע אָדער צווישן דער גאַנצער ערדקויל. די גייסטער פון די מאָדערנע „ספּיריטיסטן" אין ענגלאַנד און אַמעריקע זענען דעריבער גאַנץ גערעכט, בעת זיי רייסן זייערע גלויביקע ביי די פאָלעס אָדער לויפן אַרום איבער דער שטוב מיט שווערע שטיקער מעבל.

לעבן יענער באַשיידענער און לויט דער פאָרם נאָך שטרענג וויסנשאַפטלעך-געהאַלטענער טעאָריע פון די לעבנסגייסטער אין חיהשן אָרגאַניזם שטייט די פאַנטאַסטישע לערע פון די אַסט-ראָלאָגן און אַלכימיסטן, וועלכע צעלייגן דאָס וועזן פון אַלע זאַכן אויף ווירקונגען פון אַזעלכע גייסטער, באַזייטיקנדיק דערביי יעדע גרעניץ צווישן זינלעכן און איבערזינלעכן. מ'קאָן אָבער באַהויפּטן, אַז די „גייסטער" פון דערדאָזיקער נאַטורלערע זענען פשוט מאַטעריעלע און אידענטישע מיט דעם, וואָס מיר רופן אָן היינטצוטאָג „כוחות"; אָבער אָפּגעזען דערפון, וואָס טאַקע אין אונזער באַגריף „כוח" שטעקט נאָך אפשר אַן אי-בערבלייבעכץ פון יענער אומקלאָרהייט — וואָס ווען מיר האַלטן פון אַ מאַטעריע, וועלכע ווירקט אויף אַנדערע מאַטער-יעלע זאַכן נישט דורך דרוק און שטויס, נאָר דורך *סימ-פּאַטיע*? מ'דאַרף אָבער נאָך צוגעבן, אַז די אַלכימיסטיש-אַס-טראָלאָגישע נאַטוראויפפאַסונג האָט אין אירע פאַנטאַסטישערע פאָרמען צוגעשריבן אויך די גייסטער פון די לעבנסלאָזע

זאַכן אַ געוויסן מין באַוווסטזיין, און דעריבער דאַרף זיך אונז נישט אויסווייזן גרויס דער שריט צו פּאַראַסעלזיוס, וועלכער האָט די "Spiritus„ געשטאַלטעט אַנטראָפּאָמאָרפיש און די גאַנצע וועלט, אין גרויסן און גאַנצן, איז באַפעלקערט מיט אומצייליקע דעמאָנען, פון וועלכע עס שטאַמט אָפּ יעטוועדעס לעבן און יעטוועדע ווירקונג.

איצט קערן מיר זיך אום צו בעקאָנען. אין פּלוג טרעט ער ענערגיש אַרויס קעגן דער אַלכימיסטישער נאַטורלערע. אָפּט באַהאַנדלט ער די גייסטער אַלס שטאָף און מאַטעריעלע כּוחות, אַזוי אַז מ׳וואָלט געקאָנט מיינען, דאָס אינערגעץ באַווייזט זיך נישט אַזוי בולט בעקאָנס מאַטעריאַליזם ווי אין דער לערע וועגן Spiritus. קוקט מען זיך אָבער צו גענויער, זעט מען איין, אַז ער נעמט אַריין אין זיין טעאָריע נישט בלויז אַלע מעגלעכע אַבערגלויבישע הנחות פון דער חכמה פון די מקובלים, נאָר אַז אויך זיין מאַטעריאַליסטישע אויסטייטשונג פון דער מאַגיע אין „נאַטירלעכע" פּראָצעסן איז שטאַרק אָפּגעבלאַקירט און אוממגעניגנד. אַזוי, למשל, קווענקלט זיך גאָרנישט בעקאָן צוצושרייבן די קערפּער אַ געוויסע אַרט פאָרשטעלונגספעיקייט, דעם מאַגנעט הייסט ער „באַמערקן" די נאָענטקייט פון אייזן און די „סימפּאַטיע" און „אַנטיפּאַטיע" פון "Spiritus„ דערהייבט ער אַלס סיבות פון די נאַטורפּראָצעסן; דעריבער האָבן אין דערדאָזיקער וויסנשאַפט געפונען פאַר זיך אַן אויסגעצייכנט אָרט די „עין־הרע", די סימפּאַטישע פאַרטרייבונג פון בראָדאַווקעס א. ד. גל. 62). דערמיט האַרמאָנירט אויך זייער גוט דאָס, וואָס אין זיין מיט פאָרליבע באַהאַנדלטער טעאָריע וועגן וואַרעמקייט שטעלט בעקאָן רויק אַוועק אויך די אַסטראָלאָגישע וואַרעמקייט, „וואַרעמקייט" פון אַ מעטאַל, שטערן, לעבן דער פיזיקאַלישער וואַרעמקייט.

אמת, די אַלכימיסטיש־טעאָזאָפישע נאַטוראָנשויונג פון דער קבלה האָט גראָד אין ענגלאַנד, דהיינו אויך אין די אַריסטאָקראַטישע קרייזן, געשלאָגן אַזעלכע טיפע וואָרצלען, אַז בעקאָן האָט אין דידאָזיקע זאַכן גאָרנישט מחדש געווען, נאָר געבליבן

אין אידייענקרייז פון זיין סביבה, און מ׳דאַרף אַפילו אָננעמען, אַז אין זיין אומבאַגרענעצטער קריכערײַ האָט ער צוליב געפעלן ווערן דעם קעניגלעכן הויף אויפגענומען אַזעלכע אָנשויונגען מער, ווי ער האָט אין זיי געגלויבט. דערקעגן דאַרף מען ווייטער באַמערקן, אַז די הנחה וועגן אַ פאַרגייסטיקונג פון דער גאַנצער, אויך אומאָרגאַנישער נאַטור, — ווי עס לערנט פאַראסעלזיוס, — שטייט אין אַ כאַראַקטעריסטישער קעגנזייטיקער באַציונג צום מאַטעריאַליזם. זי איז דער קעגנזעצלעכער עקסטרעם, וואָס נישט בלויז קומט זי נישט אין באַרירונג מיטן מאַטעריאַליזם. נאָר אין אַ סך פונקטן גייט זי אַרויס פון אים, מחמת לסוף מוז דאָך דער מאַטעריע אַלס אַזעלכע צוגעשריבן ווערן דאָס אַרויסברענגען פון גייסטיקן — און דאָס אויך אין אומענדלעך פיל מדרגות. דאָס פאַנטעאיסטיש-פערזאָניפיצירנדיקע בילד פון דערדאָזיקער אַלגעמיינער פאַרגייסטיקונג פון דער מאַטעריע, ווי מיר געפינען דאָס ביי פאַראסעלזיוס, געהערט צו די געשמאַקלאָזיקייטן פון דער תקופה, און בעקאָן האָט געוווּסט זיך צו היטן פאַר זיי. זיינע „spiritus האָבן נישט קיין הענט און קיין פיס. עס איז אָבער גענוג אויפפאַלנדיק, ווי אַזוי דער „צוריקשטעלער פון די נאַטורוויסנשאַפטן״ האָט אין זיין נאַטורדערקלערונג געקאָנט באַגיין קאָלאָסאַלע מיסברויכן מיט זיינע גייסטער, און נישט ווערן דעמאַסקירט דורך די קאָמפעטענטע צייט-חברים. אָבער אַזוי איז עס שוין אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע, ווו מ׳קאָן אומעטום זיך באַגעגענען מיט אַזעלכע דערשיינונגען.

וואָס שייך דער אַזויפיל מאָל געשטעלטער פראַגע וועגן פאַרהעלטניש פון מאַטעריאַליזם צו דער זיטלעכקייט, דאַרף מען, בלי ספק, אָננעמען, אַז ביי אַ גרעסערער ריינקייט און פעסטקייט פון כאַראַקטער וואָלט בעקאָן, אַ דאַנק זיין אייגנטימלעכקייט פון דענקען, אַוודאי דערגאַנגען צו די שטרענג-מאַטעריאַליסטישע הויפט-יסודות. נישט די אומדערשראָקענע קאָנסעקווענץ, נאָר די ווייסנשאַפטלעכע האַלבקייט און שוואַכקייט

טרעטן דאָ ווידער אַרויס אין פאַרבינדונג מיט מאָראַלישער אַנטאַרטונג *).

ס'וואָלט זיך געדאַכט, אַז דעקאַרט (קאַרטעזיוס), דער פאָטער פון די פילאָזאָפן פון דער צווייטער קעגנזעצלעכער שיטה, וואָס האָט צוריקגעשטעלט דעם דואַליזם צווישן גייסט און קערפּער-וועלט, און וועלכער האָט גענומען אַלס אויסגאַנגס-פּונקט זיין באַרימטן כּלל „cogito ergo sum" (כ'דענק, בכן עקזיסטיר איך"), אַנטקעגנשטעלנדיק זיך דער מאַטעריאַליסטישער ריכטונג, האָט געהאַט אַ השפּעה אויף זיין קאָנסעקווענץ און קלאָרהייט. אָבער ווי אַזוי זאָל מען דערקלערן דעם פאַקט, וואָס דער ערגסטער פון די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן, דע לא מעטרי, האָט מיט זיין גאַנצן כּח געשריגן, אַז ער איז אַ קאַרטעזיאַנער, און אַפילו געבּרענגט באַווייזן דערויף! בכן געפינט זיך אויך אין דעקאַרטס לערע אַ דירעקטער צוזאַמענהאַנג, אויף וועלכן מיר וועלן זיך באַלד אָפּשטעלן.

וואָס שייך די פּרינציפּן פון דער פאָרשונג, טרעטן ביידע, סיי בעקאָן, סיי דעקאַרט, אַרויס קעגן דער גאַנצער ביזהעריקער פילאָזאָפיע, באַזונדערס קעגן דער אַריסטאָטעלישער. ביידע הייבן אָן מיט אַ צווייפל אין אַלעם, אָבער בעקאָן לאָזט זיך פירן פון דער אויסערלעכער דערפאַרונג כּדי צו געפינען דעם אמת, דעקאַרט אָבער פירט אים אַרויס דורך דעדוקטיווע

---

*) לאָרד בעקאָן (1561—1626) האָט פאַרנומען זייער הויכע פּאָסטנס ביי דער ענגלישער רעגירונג, געווען לאָרד קאַנצלער, און זיך אויסגעצייכנט מיט זיין געמיינעם כאַראַקטער און אַלס כאַבאַרניק. לסוף איז ער דעמאַסקירט געוואָרן, מ'האָט פאַרפירט קעגן אים אַ פּראָצעס און ער איז באַשטראָפט געוואָרן צו באַצאָלן 40.000 פונט שטערלינג, צו זיצן אין לאָנדאָנער תּפיסה „טאוער" און צוועקנעמען פון אים אַלע רעכט, אָבער מ'האָט אים באַגנעדיקט. פאַראַן אַ סך קריטיקער, וועלכע זאָגן, אַז בעקאָן האָט אָנגעשריבן שעקספּירס דראַמען און שעקספּיר האָט גאָרנישט עקזיסטירט. באַמ. פון איב.

מסקנות פון יענעם זעלבסטבאַוווסטזיין, וואָס איז אים בלויז איבערגעבליבן פון זיין צווייפלען.

ס׳קאָן דאָ קיין ספק נישט זיין, אַז דער מאַטעריאַליזם שטייט אויף בעקאָנס זייט, אַז קאַרטעזיוס סיסטעם וואָלט פון יענעם גרונטגעדאַנק קאָנסעקווענט געמוזט פירן צו אַן אידעאַ-ליזם, ביי וועלכן די גאַנצע אויסערלעכע וועלט דערשיינט נאָר אַלס פענאָמען און נאָר דער „איך" באַזיצט די אמתע ווירק-לעכקייט. 63) דער מאַטעריאַליזם איז עמפיריש און באַנוצט זיך מיטן דעדוקטיוון וועג זעלטן און ערשט דאַן, ווען אויפן אינ-דוקטיוון וועג איז געוווּנען געוואָרן אַ געניגנדיקער מאַטעריאַל, פון וועלכן מ׳קאָן דורך פרייע מסקנות קומען צו נייע אמתן. דעקאַרט האָט אָנגעהויבן מיט אַבסטראַקציע און דעדוקציע, און דאָס איז געווען נישט בלויז נישט מאַטעריאַליסטיש, נאָר אויך נישט צוועקמעסיק; דאָס האָט בהכרח געפירט צו יענע פאַלשע מסקנות, אין וועלכע אפשר קיינער פון די גרויסע פילאָזאָפן איז נישט אַזוי רייך ווי דעקאַרט. אָבער דער דעדוקטיווער מע-טאָד איז אַרויסגעטרעטן אין פאָדערגרונט און אין שייכות מיט אים יענע ריינסטע פאָרם פון יעטוועדער דעדוקציע, אין וועלכער דעקאַרט פאַרנעמט אַן ערנאָרט אויך מחוץ דער פילאָזאָפיע: די מאַטעמאַטיק. בעקאָן האָט נישט סובל געווען די מאַ-טעמאַטיק. ס׳איז אים נישט געפעלן דער שטאַלץ פון די מאַ-טעמאַטיקער — אָבער, בעסער געזאָגט, זייער געניקייט, און ער האָט געפאָדערט, אַז די דידאַזיקע וויסנשאַפט זאָל זיין אַ דינסט ביי דער פיזיק, נישט האַלטן זיך פאַר איר האַרינטע.

פון דעקאַרטן איז הויפּטזעכלעך אַרויסגעגאַנגען יענע מאַ-טעמאַטישע ריכטונג פון דער נאַטורפילאָזאָפיע, וועלכע ווענדט אָן ביי אַלע דערשיינונגען פון דער נאַטור דעם מאָסשטאַב פון צאָל און געאָמעטרישע פיגורן. ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז נאָך אין אָנהייב 18-טן י.ה. האָט מען די מאַטעריאַליסטן, איי-דער עס איז אַלגעמיין אָנגענומען געוואָרן די לעצטע באַצייכנונג, נישט זעלטן באַצייכנט אַלס „mechanici", ד. ה. מענטשן, וואָס גייען אַרויס פון אַ מעכאַנישער נאַטורבאַטראַכטונג. דידאָזיקע

מעכאַנישע נאַטורבאַטראַכטונג איז אָבער אַרויסגעגאַנגען פון דעקאַרטן, אונטערגעשטיצט געוואָרן פון שפינאָזע און נישט ווייניקער פון לייבניצן, הגם ער איז ווייט פון צו פאַרעכענען זיך צו די אָנהענגער פון דערדאָזיקער ריכטונג.

אויב דער מאַטעריאַליזם איז זיך היפּזעכלעך סומך אויף בעקאָנען, האָט אָבער פּאָרט דעקאַרט אויפן דאָזיקן גאַנצן באַטראַכטונגסאופן געלייגט יענעם חותם פון מעכאַניזם, וואָס טרעט אזוי באַשיימפּערלעך אַרויס אין דע לאַ מעטריס l'hom-me machine (מענטש-מאַשין). פון דעקאַרטן האָט מען גע-לערנט צו באַטראַכטן אַלע פונקציעס פון גייסטיקן, ווי אויך פיזישן לעבן, אַלס פּראָדוקט פון מעכאַנישע פּראָצעסן.

אין דער נאַטורוויסנשאַפט האָט זיך דעקאַרט אַן עצה געגעבן מיט אַ לייכטזיניקן היקש: אמת, מיר מוזן צווייפלען אין דער מציאות פון זאַכן, וואָס אַ חוץ אונז. פונדעסטוועגן קאָנען מיר אָננעמען, אַז זיי עקזיסטירן ווירקלעך, ווייל אַזיסטן וואָלט גאָט, וואָס האָט אונז געגעבן די פאָרשטעלונג וועגן דער אויסערלע-כער וועלט, געווען אַ שווינדלער.

מיטן דאָזיקן Salto mortale (טויטשפּרונג) איז דעקאַרט גלייך אַריין אין דער נאַטורפאָרשונג, אין אַ געביט, וועלכעס ער באַאַרבעט מיט אַ גרעסערן דערפאָלג, ווי די מאַטעמאַטיק. וואָס שייך דער אַלגעמיינער באַזע פון דער לערע וועגן דער אויסער-לעכער נאַטור, האָט דעקאַרט זיך נישט געהאַלטן ביי דער שטרענגסטער אַטאָמיסטיק. ער האָט געלייקנט אין דער מעגלעכקייט פאָרצושטעלן זיך די אַטאָמען, אַפילו ווען ס'וואָלטן עקזיסטירט די קלענסטע טיילעכלעך, וועלכע קאָנען שוין בשום-אופן נישט געטיילט ווערן, וואָלט דאָך גאָט זיי געמוזט קאָנען טיילן, מחמת זייער טיילבאַרקייט קאָן מען זיך דאָך שטענדיק פאָרשטעלן במחשבה. אָבער מיט דערדאָזיקער לייקענונג אין די אַטאָמען איז ער דאָך זייער ווייט פון צו גיין אויף אַריס-טאָטעלעס וועג. זיין לערע וועגן דער אומבאַדינגטער אויספּי-לונג פון רוים האָט נישט בלויז אַ גאַנץ אַנדערע באַזע אינם באַגריף מאַטעריע, נאָר זי מוז אויך אין דער פיזיקאַלישער

טעאָריע אָננעמען אַ געשטאַלט, וועלכע איז קרוביש דער אַטאָמיסטיק. דאָ שטעלט ער אַוועק אויפן אָרט פון די אַטאָמען קליינע קיילעכדיקע קערפערלעך, וועלכע בלייבן פאַקטיש אומפאַרענדערט ווי די אַטאָמען און זיי זענען טיילבאַר נאָר אין באַגריף אָדער אין דער מעגלעכקייט; אויפן אָרט פון פוסטן רוים, וועלכן ס'האָבן אָנגענומען די אַלטע אַטאָמיסטיקער, שטעלט ער אַוועק אויסערסט־סובטעלע שפעלטלעך, וועלכע האָבן זיך געשאַפן ביי דער ערשטער פאַרקיילעכדיקייט פון די קערפערלעך אין די צווישנרוימען.

לגבי אַזעלכע הנחות קאָן מען ערנסט פרעגן, צי די מעטאַפיזישע טעאָריע פון אַן אַבסאָלוטער אויספילונג פון רוים איז נישט געווען בלויז אַ נויט מיטל, כדי פון איין זייט נישט צו ווייט אָפצווייכן פון דער אָרטאָדאָקסאַלער מיינונג, אָבער פון דער צווייטער זייט, כדי צו האָבן אַלע נוצן פון אַן אָנשוילעכער דערקלערונג פון די נאַטור־פראָצעסן, וואָס די אַטאָמיסטיק גיט? דעקאַרט דערקלערט ווייטער אויסדריקלעך די באַוועגונג פון די טיילעכלעך, ווי פון די קערפער, אַלס פשוטע איבערטראָגונג לויט די געזעצן פון מעכאַנישן שטויס, איידער ער רופט אָן אַלס גאָט די אַלגעמיינע סיבה פון יעטוועדער באַוועגונג, אָבער אין די פרטים זענען לויט אים אַלע קערפער באַשאָנקען מיט אַ באַשטימטער באַוועגונג און יעדער נאַטורפראָצעס באַשטייט, אָן אונטערשיד פון אָרגאַנישן און אומאָרגאַנישן, נאָר אין דער איבערטראָגונג פון דער באַוועגונג פון אַ קערפער אין אַן אַנדערן. דאָ זענען אַלע מיסטישע נאַטורדערקלערונגען מיטאַמאָל באַזייטיקט געוואָרן, און טאַקע דורכן זעלבן פרינציפ, וועלכן ס'האָבן אויך אָנערקענט די אַטאָמיסטיקער.

בנוגע דער מענטשלעכער נשמה – דעם פונקט, אַרום וועלכן ס'האָבן זיך אין 18־טן י. ה. געדרייט אַלע מחלוקותן — איז בעקאָן אויך אין גרונט געווען אַ מאַטעריאַליסט. אמת, ער האָט אָנגענומען anima rationalis, אָבער דאָס צוליב רעליגיעזע טעמים. ער האָט זי אָבער נישט אָנער-

קענט אַלס מעגלעכע צו באַנעמען. אָבער די anima sensitiva, וועלכע ער האָט געהאַלטן אַלס איינציק פעיקע אויף אַ וויסנשאַפטלעכער באַהאַנדלונג, האָט בעקאָן באַטראַכט אין זין פון די אַלטע אַלס אַ סובטעלן שטאָף. בעקאָן אָנערקענט נישט איבערהויפט די דענקבאַרקייט פון אַן אוממאַטעריעלער סובסטאַנץ, און זיין גאַנצער דענקאופן איז נישט מסכים צו באַטראַכטן די נשמה אַלס פאָרם פון קערפּער אין אַריסטאָטעלשן זין.

הגם דאָ איז גראָד געוועזן דער פונקט, ווו ד ע ק אַ ר ט האָט, דוכט זיך, אַמשאַרפסטן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם מאַטעריאַליזם, איז עס אויך דאָס געביט, פון וועלכן די מאַטעריאַליסטן האָבן איבערגענומען פון אים פאָלגנרייכע פרינציפּן.

אין זיין טעאָריע וועגן די קאָרפּוסקולאַרן (קערפּערלעך) האָט דעקאַרט נישט געמאַכט קיין וועזנטלעכן חילוק צווישן דער אָ ר ג אַ נ י ש ע ר און א ו מ אָ ר ג אַ נ י ש ע ר נאַטור. די פלאַנצן זענען געווען מאַשינעס, און וועגן די חיות האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין, הגם אין דער פאָרם פון אַ היפּאָטעזע, אַז פאַקטיש האַלט ער זיי אויך פאַר מאַשינעס.

אָבער דעקאַרטס תּקופה האָט זיך גראָד זייער לעבהאַפט באַשעפטיקט מיט דער ח י ו ת - פ ס י כ אָ ל אָ ג י ע. נעמלעך, אין פראַנקרייך האָט איינער פון די געלעזנסטע און איינפלוסרייכסטע שריפטשטעלער, דער גייסטרייכער סקעפּטיקער מ אָ נ ט ע ן 64), פאָפּולער געמאַכט דעם דרייסטן געדאַנק, אַז די חיות ווייזן אַרויס אַזוי פיל שכל און אָפט מער, איידער די מענטשן. אָבער וואָס מאָנטען האָט לייכט אַרויסגעזאָגט אַלס אַפּאָלאָגיע פאַר ר יי מ ו נ ד פון ס א ב ו נ ד, דאָס האָט ה י ע ר אָ נ י ם ר אָ ר אַ ר י ו ס געמאַכט פאַרן קעגנשטאַנד פון אַ באַזונדער ווערק, וועלכעס איז אין יאָר 1648 אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך גאַבריעל נאָודעאוס אונטערן טיטל: „Quod animalia bruto saepe ratione utantur melius homine“.65) („די בהמות באַנוצן זיך אָפט מיט זייער שכל אויף אַ בעסערן אופן ווי דער מענטש”).

אין פלוג, איז דערדאָזיקער זאַץ אין סתירה צו דעקאַרטן-

אָבער דאָך איז געפֿונען געוואָרן דער סינטעז פֿון ביידע, אַז די חיות זענען מאַשינעס און פֿונדעסטוועגן דענקען זיי.

דער מהלך צווישן חיה און מענטש איז שוין דאַן געווען אַ קלענער, און חוצדעם האָט דאָ דעקאַרט געווירקט אויף אַזאַ אופֿן, וועלכער לאָזט אים דערשיינען אַלס אומוויטלבאַרן פֿאָרלויפֿער פֿונם אויסגעשפּראָכענעם מאַטעריאַליזם. אין זיין בוך „Passiones animae“ („די תאווה פֿון דער נשמה”) מאַכט ער אויפֿמערקזאַם אויפֿן וויכטיקן אומשטאַנד, וואָס דער טויטער קערפּער איז נישט בלויז טויט, מחמת עס פֿעלט אים די נשמה, נאָר ווייל די קערפּערלעכע מאַשין גופא איז טיילווייז צעשטערט 66). אויב מ'נעמט אין אַכט, אַז די גאַנצע אַנטוויקלונג פֿונם נשמה-באַגריף ביי די נאַטורפֿעלקער שטאַמט פֿונם פֿאַרגלייך צווישן לעבעדיקן און טויטן קערפּער, און אַז די אומקענטניש פֿון די פֿיזיאָלאָגישע פּראָצעסן אין שטאַרבנדיקן קערפּער איז איינער פֿון די שטאַרקסטע שטיצפּונקטן פֿון דער הנחה וועגן „נשמה-געשפּענסטער”, ד. ה. פֿון יענעם סובטעלערן מענטש, וועלכן די פֿאָלקספּסיכאָלאָגיע איז משער אַלס טרייבקראַפֿט אין אינערלעכן פֿונם מענטש, דאַן וועט מען שוין אין דאָזיקן איינציקן פּונקט אָנערקענען אַ וויכטיקן צושטייער צו דער אַדורכפֿירונג פֿון אַנטראָפּאָלאָגישן מאַטעריאַליזם.

נישט ווייניקער וויכטיק איז די אָפֿענע אָנערקענונג פֿון האַרוויס גרויסע אַנטדעקונג וועגן דער צירקולאַציע פֿון בלוט 67). דערמיט איז אומגעוואָרפֿן געוואָרן די גאַנצע אַריסטאָטעלישע-גאַלענישע פֿיזיאָלאָגיע, און הגם דעקאַרט האַלט זיך אין זיין שיטה ביי די „לעבנסגייסטער”, זענען זיי אָבער ביי אים פֿריי פֿון יענעם מיסטישן דואַליזם פֿון מאַטעריע און גייסט און פֿון די אומבאַגרייפֿלעכע באַציונגען פֿון סימפּאַטיע און אַנטיפּאַטיע צו האַלב-זינלעכע און האַלב-איבערזינלעכע „גייסטער” פֿון יעטוועדן מין. ביי דעקאַרטן זענען די לעבנס-גייסטער עכטע, מאַטעריעל-פֿאַרטראַכטע מאַטעריע, קאָנסעקווענטער אויפֿגעפּאַסט, ווי עפּיקורס נשמה-אַטאָמען מיט זייער צוגאָב פֿון

אַן אייגענעם ווילן. זיי באַוועגן זיך און זענען גורם צו באַוועגונג, פונקט ווי ביי דעמאָקריטן, אויסשליסלעך לויט מאַטעמאַטיש־פיזיקאַלישע געזעצן. אַ מעכאַניזם פון דרוק און שטויס, וועלכן דעקאַרט פירט אַדורך מיט גרויס שאַרפזין דורך אַלע איבעריקע שטופּנס, בילדעט אַן אומאיבערגעריסענע קייט פון ווירקונגען פון די אויסערלעכע זאַכן דורך די חושים אויפן מוח, און פונם מוח דורך די נערוון און מוסקול־פעדים ווידער אויף די אויסערלעכע זאַכן.

באַם דאָזיקן צושטאַנד פון דער זאַך קאָן מען ערנסט פרעגן, צי איז נישט דע לאַ מעטרי געווען גערעכט, בעת ער האָט זיך אין זיין מאַטעריאַליזם פאַררופן אויף דעקאַרטן און באַהויפּטעט, אַז דער כיטרער פילאָזאָף האָט נאָר צוליב די גלחים צוגעטשעפּעט צו זיין טעאָריע אַ נשמה, וועלכע איז אייגנטלעך גאַנץ איבעריק. אויב מיר גייען נישט אַזוי ווייט, איז עס דערפאַר, וואָס אונז האַלט אָפּ די אומאָפּלייקנבאַרע באַדייטונג, וואָס עס האָט די אידעאַליסטישע זייט אין דעקאַרטס פילאָזאָפיע. ווי וואַקלענדיק ס'זאָל נישט זיין די מסקנא פון „cogito ergo sum“, און ווי שרייענדיק ס'זאָלן נישט זיין די לאָגישע שפּרינגען און סתירות, מיט וועלכער דערדאָזיקער אַזוי קלאָר דענקנדיקער מענטש פּרוּווט צו קאָנסטרואירן די וועלט, האָט דאָך דער געדאַנק אויפצופאַסן דעם גאַנצן סכום פון דערשיינונגען אַלס פאָרשטעלונג פון אַן אוממאַטעריעלן סוביעקט, אַ באַדייטונג, וועלכע איר מחבר האָט נישט געקאָנט פאַרזען. דאָס, וואָס עס האָט געפעלט דעקאַרטן, דאָס האָט אויפגעטון קאַנט: די פעסטשטעלונג פון אַ דויערהאַפטער פאַרבינדונג צווישן אַ מאַטעריאַליסטישער באַגריפענער נאַטור און אַן אידעאַליסטישער מעטאַפיזיק, וועלכע באַטראַכט די גאַנצע נאַטור אַלס אַ פשוטן סכום פון דערשיינונגען אין אַ, לויט זיין סובסטאַנץ, אומבאַקאַנטן „איך“. פּסיכאָלאָגיש איז גאַנץ מעגלעך, אַז דעקאַרט האָט קלאָר באַנומען די ביידע זייטן פון דער דערקענטניש, וועלכע זענען יעדע פאַר זיך אַזוי האַרמאָניש פאַרבונדן אין קאַנטיאַניזם, הגם זיי שיינען צו שטיין אין סתירה

אַלס צעטיילטע, און אַלץ עקשנותדיקער זיך ביי זיי געהאַלטן, וואָס מער ער איז געווען געצווונגען צוצוקלעבן זיי מיט אַ קינסטלעכן קיט פון דרייסטע זאַצן.

איבעריקנס, האָט דעקאַרט לכתחילה אַליין נישט געהאַלטן פאַר אַזוי וויכטיק די גאַנצע מעטאַפיזישע טעאָריע, מיט וועלכער עס איז איצט פאַרבונדן זיין נאָמען, בעת ער האָט צוגעגעבן דעם העכסטן ווערט זיינע נאַטורוויסנשאַפטלעכע און מאַטעמאַטישע פאָרשונגען און זיין מעכאַנישער טעאָריע פון אַלע נאַטור־פּראָצעסן 68). אָבער ווען זיין נייער באַווייז פון דער אוממאַטעריעלישקייט פון דער נשמה און פון דער עקזיסטענץ פון גאָט האָט באַקומען אַ גרויסן בייפאַל ביי זיינע באַוומרויקטע דורכן סקעפּטיציזם צייט־חברים, האָט דעקאַרט אָנגעהויבן צו גלייבן, אַז ער איז אַ גרויסער מעטאַפיזיקער און געזומען באַאַרבעטן דעמדאָזיקן טייל פון זיין לערע מיט אַ גרויסער זאָרגעוודיקייט. צי זיין אורשפּרינגלעכער וועלט־סיסטעם איז געשטאַנען צום מאַטעריאַליזם נענטער, ווי זיין שפּעטערדיקע לערע, דאָס ווייסן מיר נישט; מחמת, ווי באַקאַנט, האָט ער אויס מורא פאַרן קלער צוריקגעצויגן און פולשטענדיק איבערגעאַרבעט זיין שוין גרייט אָנגעשריבן ווערק. זיכער איז אָבער, אַז ער האָט — נישט געקוקט אויף זיין אינערלעכער איבערצייגונג — דערוויטערט פון דאָרט די לערע וועגן דרייען זיך פון דער ערד 69).

באַמערקונגען

באמערקונגען*)

צום ערשטן קאפיטל

1) דער שלעכטפארשטאנענער ערשטער זאץ: „דער מאטעריאליזם איז אזוי אלט ווי די פילאזאפיע, אבער נישט עלטער", איז, פון איין זייט, געווענדט קעגן די פאראכטער פונם מאטעריאליזם, וועלכע זעען אין דערדאזיקער וועלטאנשויונג א קעגנזאץ צום פילאזאפישן דענקען און נעמען פון איר אוועק יעדע וויסנשאפטלעכע באדייטונג; און, פון דער צווייטער זייט, קעגן די יעניקע מאטעריאליסטן, וועלכע פאראכטן יעטוועדע פילאזאפיע און רעדן זיך איין, אז זייער וועלטבאנעם איז איבערהויפט נישט קיין רעזולטאט פון פילאזאפישער ספעקולאציע, נאר א ריינער פראדוקט פון דער דערפארונג, פון שכל הישר און פון די נאטורוויסנשאפטן. מ'וואלט אפשר פשוטער געקאנט באהויפטן, אז דער ערשטער פרווו פון א פילאזאפיע איבערהויפט, ביי די *יאנישע נאטורפילאזאפן*, איז געווען מאטעריאליזם; אבער דער אלגעמיינער איבערבליק פון א לענגערן אנטוויקלונגספעריאד, אנהייבנדיק פון די ערשטע וואקלענדיקע און אומפולשטענדיקע סיסטעמען, און ענדיקנדיק מיט פולער קאנסעקווענץ און קלארן באוווסטזיין דורכגעפירטן מאטער-

---

*) די פעלנדיקע נומערן קומען דא נישט אריין צוליב זייער פאלעמישן אינהאלט. באמ. פון איב.

יאַליזם פון דעמאָקריט, האָט בהכרח געפירט צו דער אָנ־שויונג, אַז דער מאַטעריאַליזם איז נאָר איינער „פון די ערשטע פרווון״. פאַקטיש איז דער מאַטעריאַליזם, אויב מ׳וויל אים נישט אויסמישן מיטן הילאָזאָאיזם און פאַנטעאיזם, ערשט דאַן פאַרענדיקט, ווו די מאַטעריע ווערט ריין מאַטעריעל אויפגעפאַסט, ד. ה. ווו אירע באַשטאַנדטיילן זענען נישט עפּעס אַ פּאָר זיך דענקנדיקער שטאָף, נאָר קערפּער, וועלכע באַוועגן זיך לויט ריין קערפּערלעכע פּרינציפּן און זע־נען פאַר זיך עמפּינדונגסלאָז, ביז זיי באַהעפטן זיך דורך גע־וויסע פאָרמען און געבוירן עמפּינדונג און דענקען; טאַקע דער־פאַר שיינט אויך יעדער קאָנסעקווענטער מאַטעריאַליזם שטענדיק צו זיין אַטאָמיזם, מחמת עס איז קוים פאַראַן אַן אַנדערער אופן, יעטוועדעס געשעענע אָנשוילעך און אָן צומי־שונג פון איבערזינלעכע אייגנשאַפטן און קרעפטן אַרויסצופירן פונם שטאָף, ווי דער אויפן, לויט וועלכן מ׳צעטיילט עס אויף קליינע קערפּערלעך און פוסטן רוים, אַז זיי זאָלן זיך באַוועגן. פאַקטיש איז דער אונטערשיד צווישן דעמאָקריטס נשמה־אַטאָמען און דיאָגענעס פון אַפּאָלאָניא וואַרעמער לופט, נישט געקוקט אויף דער איבערפלעכער ענלעכקייט, אַ גאַנץ טיפער און פּרינציפּיעלער. די לעצטע איז פּשוט שכל־שטאָף, זי איז אין זיך פעיק אויף עמפּינדונג און באַוועגט זיך מיט איר באַוועגונג, מיטן כּוח פון איר שכלדיקייט; דע־מאָקריטס אַטאָמען באַוועגן זיך, פּונקט ווי אַלע אַנדערע אַטאָ־מען, לויט ריין מעכאַנישע פּרינציפּן און אין אַ דורך מע־כאַנישן צושטאַנדגעקומענעם ספּעציעלן פאַל ברענגען זיי אַרויס די דערשיינונג פון דענקנדיקע וועזנס. אַזוי אויך האַרמאָנירט אויסגעצייכנט טאַלעס פאַרגייסטיקטער מאַגנעט מיט זיין זאַץ „אַלץ איז פול מיט געטער״, ער איז אָבער געוויס גרונטפאַרשידן פון דער דערקלערונג, וואָס די אַטאָמיסטיקער האָבן געגעבן וועגן צוציען פון אייזן דורכן מאַגנעט.

2) לגבי צעלערס גאַנץ קעגנזעצלעכע אויספירן (Phil. d. Grichen I, S. 44 ff. 3 Aufl. דאַרפן מיר באַמערקן אַז

וואָס: מיר קאָנען מסכּים זיין צו זיין זאַץ: „די גריכן האָבן נישט באַזעסן קיין היעראַרכיע און קיין אומבאַרירלעכע דאָגמאַטיק", אָבער דאָך זעען מיר נישט איין, אַז מיר זאָלן דאַרפן ענדערן אונזערע ווערטער וועגן דעם ענין. „די גריכן" זענען קודם-כּל נישט געווען קיין פּאָליטישע איינהייט, אין וועלכער עס זאָל זיך קאָנען אויסבילדן אַזעלכע; זייער גלויבנסוועזן האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ נאָך גרעסערע פאַרשידנאַרטיקייט, ווי די קאָנסטיטוציעס, פון די איינצעלנע שטעט און ערטער. נאַטירלעך האָט דער דורכויס לאָקאַלער כאַראַקטער פון קולט ביי אַ שטייגנדיקן פרידלעכן פאַרקער געמוזט פירן צו טאָלעראַנץ און פרייהייט, וועלכע זענען געווען אומדענקבאַר ביי אינטענסיוו גלויביקע און צענטראַליזירטע פעלקער. דאָך זענען צווישן אַלע איינהייטשטרעבונגען אין גריכנלאַנד אפשר געווען די באַדייטנדיקסטע די היעראַרכיש-טעאָקראַטישע, און מ'קאָן, למשל, געוויס נישט באַטראַכטן די פּריסטערשאַפט פון דעלפי אַלס אַ באַדייטונגסלאָזן אויסנאַם פון כּלל, אַז דאָס פּריסטערטום האָט געגעבן „מער כּבוד ווי מאַכט". אויב ס'האָט אין גריכנלאַנד נישט עקזיסטירט קיין פּריסטער-קאַסטע און קיין געשלאָסענער פּריסטערשטאַנד, זענען אָבער דערפאַר געווען פּריסטער-פאַמיליעס, וועמעס ירושה-רעכט איז אָפּגעהיטן געוואָרן דורך אַ פאַרהייליקטן לעגיטימיזם און אַלס כּלל האָט זי געהערט צו דער העכסטער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט געוווסט אין משך פון יאָרהונדערטער צו האַלטן זיך ביי אירע פּאָסטנס. וואָס פאַראַ באַטייט האָבן געהאַט פאַר אַטען די עלויזינישע מיסטעריעס און ווי ענג זענען זיי געווען פאַרבונדן מיט די פאַמיליעס פון די אויסמאָלפּידן, קעריקן, פעלידן א. א.! וועגן פּאָליטישן איינפלוס פון דידאָזיקע פאַמיליעס איז אַ בולטער באַוויז אַלציביאַדעס מפּלה, הגם ביי אַקציעס, וואָס ווערן פאַרווירקלעכט דורך דער פאַרבינדונג פון הויכקירכלעכע-אַריסטאָקראַטישע השפּעות מיטן פאַנאַטישן המון, פאַרבאַהאַלטן זיך פאַר דער באַאָבאַכטונג די איינצעלנע פעדים פון דער נעץ. וואָס שייך

דער „אָרטאָדאָקסיע", האָט זי זיך נישט געשטיצט אויף אַ סכאָלאַסטיש-געגלידערט סיסטעם פון לערעס. אַזאַ סיסטעם וואָלט אפשר געקאָנט אַנטשטיין, ווען די טעאָקראַטיע פון די דעלפישע טעמפּלען און פון די מיסטעריעס וואָלטן נישט געקומען צו שפּעט, אַז זיי זאָלן קאָנען שטערן דער פאַרשפּרייטונג פון דער פילאָזאָפישער אויפקלערונג ביי דער אַריסטאָקראַטיע און ביי די געבילדעטע קרייזן. אַזוינאָך איז מען געבליבן שטיין ביי די מיסטישע קולטפאָרמען, און יעדער איינער האָט זיך געקאָנט טראַכטן, וואָס ער וויל, און אַזוי אומבאַרירלעך איז געבליבן די אַלגעמיינע לערע וועגן דער הייליקייט און באַדייטונג פון די דאָזיקע באַשטימטע געטער, פון די דאָזיקע קולטפאָרמען, פון די דאָזיקע באַשטימטע הייליקע ווערטער און מנהגים, אַז ס'איז נישט געבליבן קיין אָרט פאַר דער סובּיעקטיוויטעט און ס'איז פאַרבאָטן געווען יעדער צווייפל, יעדער פּרווו פון נייאיקייטן. בלי ספק איז אויך בנוגע די מיטישע מסורות געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דער פרייהייט פון די דיכטער און דער אונטערטעניקייט צו די לאָקאַלע, מיטן קולט אוממיטלבאַר פאַרבונדענע פּריסטערטראַדיציעס. אַ פאָלק, וואָס האָט אין יעדער שטאָט באַזונדערע אַנדערע געטער, אַנדערע אַטריבוטן פון זיי און אַן אַנדערע גענעאַלאָגיע און מיטאָלאָגיע, און דאָך זיך געהאַלטן פעסט ביי די הייליקע מסורות, האָט מסתם פאַרהעלטנישמעסיק לייכט דערלויבט די דיכטער צו טאָן, וואָס זיי געפעלט מיטן אַלגעמיינעם מיטישן שטאָף פון דער נאַציאָנאַל-ליטעראַטור, אויב מ'האָט אָבער דערזען אין דידאָזיקר פרייהייטן אַ דירעקטן אָדער אומדירעקטן אָנגריף קעגן דער מסורה וועגן די לאָקאַלגעטער, דאַן האָט דעם דיכטער, ווי אויך דעם פילאָזאָף, געדראָט אַ געפאַר.

די ריי פון די אין טעקסט דערמאָנטע פאַרפאָלגטע פילאָזאָפן בלויז אין אַטען אַליין לאָזט זיך נאָך לייכט פאַרגרעסערן, צ. ב. סטילפּאָן און טעאָפראַסט; דערצו די דיכטער, ווי: דיאַגאָראַס פון מעלאָס, פאַר וועמעס קאָפּ מ'האָט באַשטימט אַ פרייז, אייסכילאָס, וועמעס לעבן איז געווען

אין ספנה צוליב דער פלומרשטער שענדונג פון די מיסטעריעס און נאָר מיט איינזען אויף זייערע גרויסע פאַרדינסטן האָבן אים די אַרעאָפּאַגיטן באַפרייט; אויריפידעס, וועמען מ'האָט באַשולדיקט אין גאָטלאָזיקייט, א. אַ. ווי אַזוי טאָלעראַנץ און אומטאָלעראַנץ האָבן זיך געפונען לעבן איינאַנדער ביי די אַטענער, וויזט אָם בעסטן די שטעלע אין דער רעדע קעגן אַנדאָצידעס. דאָרט ווערט געזאָגט: דיאַגאָראַס פון מעלאָס האָט דאָך נאָר (אַלס אויסלענדער) געזינדיקט קעגן אַ פרעמדן גאָטסדינסט, אַנדאָצידעס אָבער — קעגן די הייליקטימער פון זיין אייגענער שטאָט. אויף די היימישע מוז מען מער צערנען ווי אויף פרעמדע, מחמת די לעצטע זינען דאָך נישט אַרויסגעטרעטן קעגן די אייגענע געטער. דידאָזיקע סוביעקטיווע אַנטשולדיקונג האָט אָבער געמוזט ווערן אַן אָביעקטיווע אַנטלאַסטונג, ווען דער חטא וואָלט געטון געוואָרן נישט ספּעציעל קעגן די אַטענישע, נאָר קעגן פרעמדע הייליקטימער. פון דער זעלבער רעדע זעען מיר, אַז די פאַמיליע פון די אוימאָלפידן איז אין געוויסע באַדינגונגען געווען באַפולמעכטיקט צו אורטיילן די יעניקע, וואָס האָבן עובר געווען אויפן הייליקן רעכט, — לויט געהיימע געזעצן, וועמעס אָפּשטאַם קיינער האָט נישט געוווּסט. דער פאַקט, אַז דער בעצם־קאָנסערוואַטיווער אַריסטאָפאַנעס האָט הומאָריסטיש באַהאַנדלט די געטער, און אַפילו פאַרפאָלגט מיט סאַרקאַסטישן וויץ נייע זיך אַריינרייסנדיקע אַבערגלויבנס — האָט אַן אַנדערע סיבה, און דאָס וואָס עפּיקור איז נישט פאַרפאָלגט געוואָרן, דערקלערט זיך פשוט דערמיט, וואָס ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם גאַנצן אויסערלעכן קולטוועזן. די פּאָליטישע טענדענץ פון טייל פון דידאָזיקע אָנקלאַגעס שאַפט נישט אָפּ די באַזע פונם רעליגיעזן פאַנאַטיזם, נאָר באַשטעטיקט זי. אויב דער חשד אין אפּיקורסות איז געווען איינס פון די זיכערסטע מיטלען אַראָפּצוּוואַרפן אַפילו די פּאָפּולערסטע מלוכה־מענער, איז דאָס באַשיינפּערלעך אַ באַווייז, אַז דאָ האָט געשפּילט אַ ראָל נישט בלויז דער אות פון געזעץ, נאָר אויך די ליידנשאַפטלעכע רעליגיעזע קנאה פון די מאַסן.

4) פאַרגלייך· Buckle, History of civilization in d Englan II. p. 136‘

7) פאַרגלייך די פאָרמולירונג פון דאָזיקן פּראָבלעם ביי קאַנטן: Kritik der reinen vernunft. Einleitung, insbesondere die stelle III. s. 36 Hurtenstein·

8) פאַרגלייך דעם אַרטיקל „נשמה-לערע" אין דער Enziclopedie des gesamten Erziehungs·und Unterrichtswesens, Band VIII, S. 594

9) פאַרגלייך באַמערק. 1. אויספירלעך וועגן ד י אָ ג ע נ ע פ ו ן אַ פּ אָ ל אָ נ י אַ ביי צ ע ל ע ר ן I 218 א. וו. דיס דאָ אָנגעדייטעטע מעגלעכקייט וועגן אַ קאָנסעקווענטן מאַטעריאַליזם אָן אַטאָמיסטיק, וועט אויספירלעך באַהאַנדלט ווערן אין צווייטן טייל פון אונזער בוך באַם אַרומרעדן א י ב ע ר ו ו ע ג ס מיינונגען.

12) Zeller 1, S. 746.

15) ווי אומגלויבלעך עס זאָל פאַר אונז נישט אויסזען אַזאַ פאַנאַטיזם, פאַסט ער דאָך צו פּלאַטאָנס כאַראַקטער, און היות דיאָגענעס בר-סמכא פון דערדאָזיקער דערציילונג איז נישט קיין אַנדערער ווי אַ ר י ס ט אָ ק ס ע נ ו ס, האָבן מיר דאָ אפשר מער ווי „לעגענדע".

16) זע צעלער, I, 691, באַמ. 2

18) נאַטירלעך, אַז דאָס געזאָגטע גילט אין אַ פולער מאָס קעגן די נייעסטע און דרייסטע פּרוּוון צו באַזייטיקן דעם גרונט-פּרינציפּ פון יעטווערן וויסנשאַפטלעכן דענקן: קעגן דער „פ י ל אָ ז אָ פ י ע פ ו ן א ו מ ב אַ ו ו ו ס ט ז י נ י ק ן". אין צווייטן בוך וועלן מיר האָבן די געלעגנהייט זיך אומצוקערן צו דעמדאָזיקן פאַרשפּעטיקטן פון אונזער ספּעקולאַטיווער ראָמאַנטיק.

19) — Mullah, Fragm phys. I, p. 357

די גרונטשטריכן פון דער אַטאָמיסטיק מוזן מיר, צוליבן מאַנגל אין אויטענטישע פראַגמענטן, נעמען הויפּטזעכלעך ביי א ר י ס ט אָ ט ע ל ע ס ן און ל ו ק ר ע צ י ו ס ן, דערביי דאַרף מען באַמערקן, אַז אַפילו אין דידאָזיקע שילדערונגען, הגם זיי זענען

ווייט פון די לעכערלעכע פאַרדרייונגען און מיספאַרשטייענישן פון ציצעראָן, האָט וואַרשיינלעך געליטן די מאַטעמאַטישע קלאָרהייט פונם גרונטגעדאַנק און דער צוזאַמענהאַנג פון די איינצלנע שטריכן, עס איז דעריבער גערעכטפערטיקט צו דער־גענצן די מאַנגלהאַפטע מסורה אינם זין פון יענער מאַטעמאַ־טיש־פיזיקאַלישער אָנשוילעכקייט, אויף וועלכער ס'איז זיך סומך דעמאָקריטס גאַנצער סיסטעם,

22) Zeller, I. 717, Anm. 1.

23) Whewell, Geschichte d. indukt. Wissen. II, S. 42

24) אויך דאָ פעלן אויטענטישע באַווייזן. מיר מוזן זיך מייסטנטיילס האַלטן ביי אַריסטאָטעלעס באַריכטן, וועלכע זענען דאָ, — אויף וויפל עס שטעקט נישט אין דער זאַך גופא אַן אוממעגלעכקייט, — פולשטענדיק קלאָר און דערוועקן נישט קיין חשד פון אַ מיספאַרשטייעניש. געגויער ביי צעללער, I, 704 א. וו.

15) דאָ באַזיצן מיר אויספירלעכע אויסצוגן ביי טעאָ־פראַסטן, באַמערקנסווערט איז דער אַלגעמיינער הויפט כלל אין פראַגמענט 24: דער סכעמאַט איז אין זיך: אָבער דאָס זיסע און איבערהויפט די עמפינדונגסקוואַליטעט איז נאָר אין באַציונג צו אַן אַנדערן און אין אַן אַנדערן". דאָ שטעקט, אַי־בעריקנס, דער מקור פון אַריסטאָטעלעס קעגנזאַץ פון סובסטאַנץ און אַקצידענץ, פונקט ווי ער האָט געפונען ביי דעמאָקריט דאָס פאָרבילד פאַרן קעגנזאַץ פון dynamis און energia.

26) אַריסטאָטעלעס Phys ausc, II. 2, ווו ער איז מסביר, אַז די נאַטור איז אַ טאָפּלטע, נעמלעך, פאָרם און שטאָף; די עלטערע פילאָזאָפן האָבן געלייגט אַכט נאָר אויף דער מאַטעריע.

27) פאַרגלייך צעללער I, ז. 728 א. וו.

28) אויב מ'וויל ריכטיק אורטיילן דעמאָקריטס געדאַנק דאַרף מען בלויז פאַרגלייכן דעם אופן, ווי אַזוי אפילו דע־קאַרט — אין זיין בוך de pass. אַרטיקל X און XI — שטעלט

זיך פאר די טעטיקייט פון דער מאטעריעלער „לעבנסטעטיקייט" אין דער באוועגונג פונם קערפער.

29) קריטיק פון ריינעם שכל, עלעמענטארלערע. II, 2, 2, 2, הויפט-טייל, 3 קאפיטל. פארגלייך אויך דארט די וויכטיקע באמערקונג ז. 335.

30) פארגלייך אין דער נייערער געשיכטע פון דער פילאזאפיע, ווי אזוי עס פארהאלט זיך לאק צו האבסן, אדער קאנדילאק צו לאמעטרין. דערמיט איז, וואס אן אמת, נישט געזאגט, אז מיר מוזן שטענדיק דערווארטן אזא כראנאלאגישן סדר, דאך איז ער דער נאטירלעכער און דעריבער קומט ער אפטער פאר. מ'דארף דערביי באמערקן, אז די סענסואליסטישע מאמענטן געפינען זיך שוין ביי די טיפער דענקענדיקע מאטעריאליסטן; באזונדערס האבן זיי א גענוג בולטע פארם ביי האבסן און דעקארטן. ווייטער זעט מען גאנץ לייכט אז דער סענסואליזם איז, אין תוך גענומען, בלויז אן איבערגאנגסשטופע צום אידעאליזם, ווי למשל, לאק, וועלכער שטייט אויפן נישט האלטבארן באדן צווישן האבסן און בערקלין; מחמת אויב די חושים-פערצעפציע איז דאס אייגנטלעך געגעבענע, ווערט אין גרונט געצווייפלט נישט בלויז אין דער קוואליטעט פון אביעקט, נאר אויך אין עצם פון זיין עקזיסטענץ. אבער די אנטיקע פארשער האבן נישט געמאכט דעמדאזיקן ש. יט.

31) די געשיכטע וועגן טרעגער דארף מען טאקע באטראכטן אלס לעגענדע, הגם אירע שפורן דערגרייכן צו גאר אלטע צייטן.

32) Geschichte der alten Philosophie. Berlin 1871, I. S. 221· S CXVII.

35) פארגלייך: Büchner: Die Stellung des Menschen in der Natur. Leipzig 1870.

38) דידאזיקע לערע געפינט זיך אויספירלעך אין פלאטאנס טימעאוס און זי ווערט עטלעכע מאל איבערגעחזרט און פארטייטשט. דא רעדט זיך אומעטום אויסדריקלעך וועגן

צוויי־ערליי סיבות, דער געטלעכער, שכלדיקער, ד. ה. די טעאָלאָגישע און די נאַטוראורזאַכן. נישטאָ קיין רייד פון אַ צוזאַמענהאַנג צווישן ביידע סיבות. דער שכל איז העכער פון דער נויטווענדיקייט, אָבער ער הערשט נישט אומבאַדינגט, נאָר צו אַ געוויסער מאָס און דורכן „איבעררעדן“.

39) אַמבולטסטן טרעט אַרויס דער אַנטראָפּאָמאָרפיזם פון דער דאָזיקער טעלעאָלאָגיע, ווי אויך די אַנטימאַטעריאַליסטישע היציקייט, מיט וועלכער מ'האָט זי געלערנט און באַהויפּטעט, אין דער שטעלע אין טעקסט פון פ ע ד אָ ן, וווּ סאָקראַטעס באַקלאָגט זיך אויף אַנאַקסאַגאָראַסן, וועלכער האָט אין זיין קאָסמאָגאָניע נישט געמאַכט קיין שום געברויך פונם פילצוזאָגנדיקן „שכל“, נאָר אַלץ דערקלערט מיט מאַטעריעלע סיבות.

40) פריער פאַר אַלעם האָט די טעאָלאָגיע אַן עטישן אורשפּרונג. ס'איז קיין ספק נישט, אַז די פּלאַטאָנישע טעלעאָלאָגיע איז שוין נישט אַזוי רוי־אַנטראָפּאָמאָרפיש, ווי די סאָקראַטישע, און אין דער אַריסטאָטעלישער געפינען מיר שוין אַ באַדייטנדיקן פּאָרשריט, אָבער דער עטישער גרונטכאַראַקטער און די אוממעגלעכקייט צו ברענגען זיי אין איינקלאַנג מיט דער עכטער נאַטורפאָרשונג זענען געמיינזאַם פאַר אַלע דריי שטופן. ביי סאָקראַטעס איז נאָך אַלץ, אַזוי ווי עס איז, באַשאַפן פאַרן מענטשלעכן נוצן, ביי פּלאַטאָנען ווערט שוין אָנערקענט אַ זעלבסטצוועק פון די זאַכן און זייער צוועקמעסיקייט ווערט דערמיט אַן אינערלעכע; ביי אַריסטאָטעלס פאַלט אַפילו פולשטענדיק צונויף דער צוועק מיטן באַגריפלעכן מהות פון די זאַכן. אָבער גראָד דורך דעם באַקומען אַלע נאַטורוועזנס די קראַפט פון זעלבסטפאַרווירקלעכונג, וועלכע מ'קאָן פשוט נישט תופס זיין אַלס איר נאַטורדערשיינונג און זי באַזיצט דערקעגן איר איינציקן פּראָטאָטיפּ אינם פּראַקטישן באַוווּסטזיין פון שאַפנדיקן און געשטאַלטנדיקן מענטש.

עס עקזיסטירט אָבער אויך אַ גרויסע צאָל פון אַנדערע עטישע באַגריפן, וועלכע אַריסטאָטעלעס האָט איבערגעטראָגן

אין דער נאַטורבאַטראַכטונג, צום גרויסן שאָדן פאַר דער ווייטערדיקער פאַרשונג; קודם-כל די ראַנגאָרדנונג פון אַלע נאַטורזאַכן און אַפי.ו די אַבסטראַקטע פאַרהעלטנישן פון „אויבן" און „אונטן", „רעכטס" און „לינקס", ווייטער — די „נאַטירלעכע" און „גוואַלטזאַמע" באַוועגונג א. אז. וו.

41) מיר רעדן דאָ נישט וועגן זאָפּירוס' און ענלעכע ווייניק גלויבווירדיקע דערציילונגען, לויט וועלכע סאָקראַטעס האָט, לכל-הפּחות אין זיין יוגנט, געזאָלט זיין אַ כעסן און הולטאַי. פאַרגלייך צעלער II, 2 אויפל. ז. 54, ווו עס ווערן, הגם צו שטאַרק, אָפּגעוואָרפן אַריסטאָקסענוס דערציילונגען), נאָר מיר זענען זיך סומך אין אונזער שילדערן סאָקראַטעס' כאַראַקטער אויף קסענאָפאָנען און פּלאַטאָנען, באַזונדערס אין דער באַקאַנטער שילדערונג אין „סימפּאָזיום" („די מאָלצייט"). דעריבער באַהויפּטן מיר נישט, אַז סאָקראַטעס האָט אין וועלכער נישט איז עפּאָכע פון זיין לעבן נישט באַהערשט זיין ליידנשאַפטלעכע נאַטור; נאָר מיר שטרייכן דאָ אונטער דידאָזיקע שטאַרקע נאַטורבאַזע פון זיין וועזן, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גייסט פון קנאה פון עטישן אַפּאָסטאָל.

42) פאַרגלייך אַלציביאַדעס לויברעדע אין פּלאַטאָנשן „סימפּאָזיום".

דאָס איז קלאָר בנוגע סאָקראַטעסן פון זיין שמועס מיט אַריסטאָדעמוסן (קסענאָפאָנס זכרונות, I,) אויספירלעך ביי Lewes I, S. 285.

44) וועגן דער טעאָקראַטיע (אויסמישונג און צונויפגיסונג פון פאַרשידענע געטער און קולטן אין איין איינהייט) פון דער דעלפישער פּריסטערשאַפט איז שוין גערעדט אויבן אין באַמערקונג 2. דער אַפּאָלינישער שטריך פון דער סאָקראַטישער גייסטיקער ריכטונג איז דאָ נישט לאַנג שאַרף און אויף אַ כאַראַקטעריסטישן אופן אונטערגעשטראָכן געוואָרן דורך ניצשע. Die Geburt der Tragödie aus dem Geist der Musik (Leipzig 1872). ווי אַזוי ס'איז וואָס

אַמאָל שטאַרקער געוואָקסן אין משך פון יאָרהונדערטער דידאַ־
זיקע טענדענץ אין פאַרבינדונג מיט דער פלאַטאָנישער אָנשויונג
און ענדלעך – צו שפּעט פאַר אַ ווידעראויפלעבונג פונם היידנטום–
פולשטענדיק צוזאַמענגעבראָכן, ווייזט אונז באַזונדערס דער פי־
לאָזאָפיש־מיסטישער קולט פונם „קיניג העליאָס", וועלכן קייזער
יוליאַן האָט געוואָלט אַקעגנשטעלן דעם קריסטנטום.

פאַרגלייך: – Baur. Geschichte der christlechen Kirche II, 2 Ausg, S. 23 u. 78; Teuffell, Studien und Charakteristiken. Leipzig 1871. S. 190.

45) סאָקראַטעס איז געווען פּאָרזיצער „עפּיסטאַטעס" פון
די פּריטאַנען און אַלס אַזעלכער האָט ער געדאַרפט אָנפירן מיט דער
אָפּשטימונג אינם טאָג, ווען די אויפגערעגטע פאָלקסמאַסע האָט
געוואָלט פאַרורטיילן די קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן נאָך דער
שלאַכט ביי די ארגינוזן־אינזלען נישט באַוויזן קובר צו זיין די
געפאַלענע. דער פאָרשלאַג איז געווען נישט בלויז אומגערעכט
לויטן אינהאַלט, נאָר אויך געהאַט אַ פאָרמעלן פעלער, און דע־
ריבער האָט סאָקראַטעס, זיך איינשטעלנדיק דאָס לעבן, אים
נישט דערלאָזט צו אָפּשטימונג. אַ צווייט מאָל האָבן די דרייסיק
טיראַנען באַפוילן סאָקראַטעסן און נאָך פיר מענטשן צוריק־
ברענגען קיין אַטען לעאָנען פון סאַלאַמיס. די פיר האָבן גע־
האָרכט, אָבער סאָקראַטעס איז זיך רויק אַהיים געגאַנגען, הגם
ער האָט געוווסט, אַז ער שטעלט אין קאָן זיין לעבן.

46) Lewes, Geschich. d, Phil. I, S. 195 u. 71.
ברענגט אויספירלעך דידאָזיקע שטעלע פון פלאַטאָנישן פעדאָן.
מיט רעכט האַלט ער, אַז דער אינהאַלט איז עכט־סאָקראַטיש
און ווייזט אויף, ז. 19 א. וו., אַז סאָקראַטעס האָט שלעכט
פאַרשטאַנען אַנאַקסאַגאָראַסן.

47) Lewes. Gesch. d. I. S. 312.
פאַרגלייך דערקעגן צעלערס אָנערקענענדיקע ווערטער
2, אויפלאַגע, ז. 255, וועגן דעם דיכטערישן כאַראַקטער פון
דער פלאַטאָנישער פילאָזאָפיע: „פונקט ווי ס'איז נויטיק געווען
אַ קינסטלערישע נאַטור כדי צו שאַפן אַזאַ פילאָזאָפיע, אַזוי

האָט, פאַרקערט, דידאַקטיק פילאָזאָפיע אויפגעפאָדערט צו אַ קינסט-
לערישער שילדערונג. די דערשיינונג, וואָס באַציט זיך אַזוי
אוממיטלבאַר אויף דער אידיי, ווי מיר געפינען דאָס ביי פּלאַ-
טאָנען, ווערט אַ שיינע דערשיינונג, די אָנשויונג פון דער
אידיי אין דער דערשיינונג — אַן עסטעטישע אָנשויונג. ווו די
וויסנשאַפט און דאָס לעבן דרינגען זיך אַזוי קעגנזייטיק אַדורך
ווי ביי אים, דאָרט לאָזט זיך די וויסנשאַפט פאָרשטעלן נאָר
אין אַ לעבעדיקער שילדערונג און היות דער אינהאַלט איז אַן אידעאַל,
בכן מוז די שילדערונג זיין אַ דיכטערישע". בלי ספק,
האָט ליוס צו-נידעריק אָפּגעשאַצט דאָס קינסטלערישע אין
פּלאַטאָנס דיאַלאָגן. ביידע שילדערונגען זענען באַרעכטיקט און
זענען אין איינקלאַנג, מחמת צוערשט איז די פּלאַסטישע, אין
אַפּאָלינישער קלאָרהייט געהאַלטענער שיינקייט פון דער פאָרם
ביי פּלאַטאָנען באמת „דיכטעריש" אין ברייטן זין פון וואָרט,
אָבער נישט מיסטיש, נישט ראָמאַנטיש, נאָכדעם אָבער ווי יע-
נע עקשנותדיקע און פּרעטענציעזע דיאַלעקטיק, וועגן וועלכער
ליוס רעדט, איז פּאַקטיש נישט בלויז צעצויגן אָן אַ מאָס ביז
צום שטערן דער קונסטפאָ״ם, נאָר מיט איר תקיפות און באַ-
זונדערע פּרעטענזיעס אויף אַ „וויסנשאַפט", וואָס זאָל סיסטעמאַ-
טיש דערגרייכט ווערן, שטייט זי אויך אין סתירה מיטן עכט
פּאָעטישן פּרינציפּ פון יעטוועדער אמתער ספּעקולאַציע, וועלכע
איז זיך מער סומך אויף אַ גייסטיקער הסתכלות, איידער אויף
אַן איבערגעגעבן וויסן. פּלאַטאָנס פילאָזאָפיע וואָלט אַפילו ביי
אַ דורכפירונג פון דאָזיקן קינסטלערישן שטריך געקאָנט ווערן
דאָס בעסטע מוסטערבילד פאַר דער ספּעקולאַציע פון אַלע צייטן;
אָבער אין פאַרבונדענעם מיט דעם דורך ליוסן אַזוי שאַרף
געשילדערטן שטריך פון אַבסטראַקטער דיאַלעקטיק און לאָגישער
גענויאיקייט שטעלט עס זיך פאָר אַלס אַ העטעראָגענעס גאַנצעס
און טאַקע צוליב דעם פולשטענדיקן פאַרבייט פון וויסן און
דיכטן גורם געווען צו אַ גרויסער צעמישונג אין דער פילאָזאָפיע
פון די שפּעטערדיקע צייטן.

48) צעלער (II, 2. S. 361) אָנערקענט גאַנץ ריכטיק,
אַז די פּלאַטאָנישע מיטן זענען נישט עפּעס אַלבוש פון די גע-

טאַנקן, וועלכע דער פילאָזאָף האָט באַזעסן אויך אין אַן אַנדערער פאָרם, נאָר זיי טרעטן טאַקע אַרויס דאָרט, ווו פלאַטאָן וויל שילדערן עפּעס, וואָס ער קאָן נישט איבערגעבן אין אַ שטרענג וויסנשאַפטלעכער פאָרם. ער איז אָבער נישט גערעכט, אויפפאַסנדיק דאָס אַלס שוואַכקייט פונם פילאָזאָף, וועלכער איז דעמאָלט צופיל דיכטער און צו-ווייניק פילאָזאָף. עס ליגט גיכער אין דער נאַטור פון די פראָבלעמען, וועלכע פלאַטאָן האָט דאָ אונטערגענומען, וואָס זיי קאָנען נישט אַנדערש באַהאַנדלט ווערן נאָר אויף אַ בילדלעכן אופן. ס׳איז אוממעגליך אַ גענוגנדיק וויסן וועגן להלוטין — איבערזינלעכן, און די נייערע סיסטעמען, וועלכע דערוועקן דעם שיין פון אַ באַגריפלעכן וויסן פון טראַנסצענדענטאַלע זאַכן, שטייען באמת נישט העכער פון פלאַטאָנס סיסטעם.

49) די באַווייזן דערויף נעמען מיר פון אַן ערשט נישט לאַנג דערשינען ביכעלע, וועלכעס איז נישט געשריבן געוואָרן פאַר דעם צוועק:

E u c k e n: Die Methode der aristotelishen Forschung in ihrem Zusammenhang mit dem philosophischen Grundprinzipien des Aristoteles. Berlin 1872.

אין דאָזיקן מיט גרויסער געוויסנהאַפטיקייט און זאַכקענטניש פאַרפאַסטן ביכעלע ווערט גלענצנד באַשטעטיקט די שוין לאַנג דורך אונז אַרויסגעזאָגטע מיינונגען, נעמלעך, אַז גראָד די נייאַריסטאָטעלישע שול, וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען פון ט ר ע נ ד ע ל ע נ ב ו ר ג, האָט לסוף אַסך צוגעהאָלפן אונז דעפיניטיוו זיך צו באַפרייען פון אַריסטאָטעלעסן. ביי אויקען גייט די פילאָזאָפיע אַריבער אין דער אַריסטאָטעלישער פילאָלאָגיע; אָבער דערפאַר איז אויך דידאָזיקע פילאָלאָגיע גרינטלעך און אָביעקטיוו. אינערגעץ געפינט מען נישט אַזאַ קלאָרע און פלאַסטישע שילדערונג פון די חסרונות פון אַריסטאָטעלשן מעטאָד ווי דאָ, און הגם דער מחבר שטעלט דערנאָך העכער זיינע מעלות, קאָן דער אויפמערקזאַמער לייענער נישט באַמערקן ווי שוואַך עס זענען די ראיות דערויף. אַריסטאָטעלעס קליינעם דערפאָלג אין

נאַטורוויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען שרייבט דער מחבר צו כמעט אויסשליסלעך דעם מאַנגל אין אינסטרומענטן פאַר דער פאַרפולקאָמונג פון די זינלעכע פערצעפציעס בעת היסטאָריש, איז דאָך פעסטגעשטעלט, אַז דער פאָרשריט פון דער נייער צייט כמעט אויף אַלע געביטן פון דער נאַטור-פאָרשונג איז אָנגעהויבן געוואָרן מיט די זעלבע מיטלען, וועלכע זענען געשטאַנען צו דער דיספּאָזיציע פון די אַנטיקע פאָרשער, און דער גרויסאַרטיקער כלי-זין, מיט וועלכן דער פאָרשריט באַנוצט זיך היינט, האָט ער צום גרעסטנטייל אַליין געשאַפן. קאָפּערניק האָט נישט געהאַט קיין טעלעסקאָפּ, ער האָט אָבער געוואַגט צו ברעכן אַריסטאָטעלעס אויטאָריטעט. דאָס איז געווען אַן אַנטשלאָסענער שריט און אויף אַן ענלעכן אופן איז עס פאָרגעקומען אויף אַלע געביטן.

50) אויקען האָט אויסגעמיטן דעמדאָזיקן פונקט (Meth d. arist. Forsch; S. 153) און ער מאַכט אויפמערקזאַם, ווי ווייניק מ'האָט אויפגעטון פאַר אים. יאָ, גלייך ווי די ביז אונז אויפגעהיטענע ליטעראַטור וואָלט געווען אינגאַנצן! פאַרגלייך אויקענס שילדערונג ז. 7 א. וו. אַריסטאָטעלעס אופן צו באַנוצן זיך מיט זיינע פאָרגייער, נישט ברענגנדיק קיין ציטאַטן דאָרט, וווּ ער האָט נישט געהאַט וואָס איינצווווענדן קעגן זייערע אויספירן.

51) ביישפילן ביי אויקען, ז 154 א. וו: נאָר ביים מענטש אַליין קלאַפּט דאָס האַרץ; די מענלעכע וועזנס האָבן מער ציין ווי די ווייבלעכע; דער שאַרבן פון די פרויען האָט, להיפּוך צום מענלעכן, אַ נאָט אַרום; אין הינטערשטן טייל פון קאָפּ באַזיצט דער מענטש אַליידיקן חלל; ער באַזיצט אויך אַכט ריפּן. ווייטער ז 164 א. וו. די פלומרשטע עקספּערימענטן, אַז אייער שווימען אויף וואַסער, וועלכעס איז שטאַרק געמישט מיט זאַלץ; אַז אין אַ פאַרמאַכטער וואַקסענער כלי קאָן מען שעפּן טרינקבאַר וואַסער פון ים, אַז דאָס געלעכל פון אַסך צעקלאַפּטע אייער פאַרייניקט זיך אין מיטן.

52) שוין קוויער אָנערקענט, אַז אַריסטאָטעלעס באַ-

שרייבט די עגיפּטישע חיות נישט לויט אייגענער באָבאַכטונג, נאָר לויט הערעדאָטס ידיעות, הגם די באַשרייבונג מאַכט אָפט אַן איינדרוק ווי ער וואָלט אַליין געזען די חיות. הומבאָלדט באַמערקט, אַז די זאָאָלאָגישע שריפטן פון אַריסטאָטעלעס פאַרראַטן נישט קיין שום שפּור פון אַ פאַרברייטערטער קענטניש אַ דאַנק אַלעקסאַנדער מוקדונס מאַרשן.

54) אויקען ז. 167 א. וו. ווייזט, אַז ס'איז אַפילו נישט לייכט פעסטצושטעלן דעם גענויעם באַגריף פון דער אינדוקציע, מחמת אָפט באַנוצט ער דעמדאָזיקן אויסדרוק פאַר אַ בלויזער אַנאַלאָגיע, פון וועלכער עס שיידט זיך דאָך אונטער די אינדוקציע, און ער באַנוצט זי אַפילו פאַר דער דערקלערונג פון אַבסטראַקטע באַגריפן דורך ביישפּילן. ווו עס ווערט גענויער באַנוצט דער אויסדרוק (אַרויסציען דאָס אַלגעמיינע פון פּרט) איז אַריסטאָטעלעס געווען גענייגט שנעל איבערצוגיין פון איינצעלנעם צום אַלגעמיינעם. „אַזוינאָך האָט ער אויף פאַרשידענע געביטן פון דער נאַטורוויסנשאַפט אין אַלגעמיינעם און אין באַזונדערן, אָפט מיט גרויסער זיכערקייט, פון עטלעכע דערשיינונגען געקומען צום אויספיר וועגן אַלגעמיינעם און דעריבער אָפט אויפגעשטעלט באַהויפּטונגען, וועלכע טרעטן ווייט אַריבער דעם פאַרנעם פון די דורך אים באָבאַכטעטע פאַקטן". ביישפּילן ז. 171 א. וו. וועגן מסקנות a priori, ווו אָנשטאָט דעם דאַרף באַנוצט ווערן די אינדוקציע, פאַרגלייך אויקען ז. 54 א. וו., ז 91 א. וו., ז. 113 א. וו.

55) די גריכן זענען איבערהויפּט געווען געוווינט מיטן אַנטראָפּאָלאָגישן מאַטעריאַליזם. דעריבער זעען מיר, אַז אַריסטאָטעלעס לערע וועגן דעם טיילבאַרן געטלעכן און דאָך ביים מענטש אינדיווידועלן גייסט האָט ביי זיינע נאָכפאָלגער אין אַלטערטום אָנגעטראָפן אויפן גרעסטן ווידערשטאַנד. אַריסטאָקסענוס, דער מוזיקער, האָט דאָס פאַרהעלטניש פון די נשמות צום קערפּער פאַרגליכן מיטן פאַרהעלטניש פון דער האַרמאָניע צו די סטרונעס, דורך וועלכע זיי ווערן אַרויסגעברענגט.

דיצעארך האָט אָנשטאָט דער אינדיוּווידועלער נשמה סובסטאַנץ אָנגענומען אַן אַלגעמיינע קראַפט פון לעבן און עמ־פינדונג, וועלכע אינדיווידואַליזירט זיך נאָר פאַריבערגייענדיק אין די קערפּערלעכע פאָרמען. (איבערוועג, גרונדריס 4 אויפל. ז. 198) איינער פון די וויכטיקסטע מפרשים פון אַריס־טאָטעלעס אין דער קייזער־תקופה, אַלעקסאַנדער פון אַפראָדיזיאַס, האָט דעם פון גוף אָפּגעטיילטן גייסט גאָר־נישט אויפגעפאַסט אַלס דעם באַשטאַנדטייל פונם מענטש, נאָר אַלס דאָס געטלעכע וועזן, וועלכעס ווירקט אויפן נאַטירלעכן, פון גוף אומטיילבאַרן, גייסט פון מענטשן אויף אַן אַנטוויקלענדיקן אופן און דעריבער ווערט עס דורכן מענטשן געטראַכט און איין געדאַנק דערוואָרבן. (פאַרגל. צעללער. III, 12 אויפל. 713 פון די אַראַבישע מפרשים האָט אַוועראָעס אויפגעפאַסט ריין פאַנטעאיסטיש די לערע פון אַריינדרינגען פון געטלעכן גייסט אין מענטשן. בעת, פאַרקערט, די פילאָזאָפן פון קריסט־לעכן מיטאַלטער גייען ווייטער ווי אַריסטאָטעלעס — מאַכנדיק פון דער אינדיווידואַליטעט און אָפּטיילבאַרקייט פון שכל זייער אומשטער־בלעכע „anima rationalis“ (אָפּגעזען פון דער שטרענג־אָרטאָדאָק־סאַלער קירכנלערע, וועלכע פאָדערט, אַז די אומשטערבלעכע נשמה זאָל נישט בלויז אַרומנעמען דעם שכל, נאָר אויך די נידעריקע פעי־קייטן) בכן איז אין דאָזיקן פונקט כמעט אינערגעץ נישט געקומען צום אויסדרוק אַריסטאָטעלעס אייגנטלעכע אָנשויונג.

56) פאַרגלייך צעללער III 12 אויפל. ז. 26.

57) צעללער III, 1. זייט 113 א. וו. לענקנדיק אורשפרינג לעך זייער גאַנצן אינטערעס אויף די פּראַקטישע פראַגן, האָבן זיך די סטאָאיקער אין זייער טעאָרעטישער וועלטאָנשויונג צו־ערשט געשטעלט אויפן שטאַנדפונקט פון דער געוויינלעכער פאָרשטעלונג, וועלכע קען נישט קיין אַנדערע ווירקלעכקייט, ווי דאָס זינלעך אויפנעמבאַרע קערפּעדלעכע זיין. אין דער מעטאַפיזיק האָבן זיי פריער פאַר אַלעם געזוכט אַ פעסטע באַזע פאַרן מענטשלעכן האַנדלען; אין האַנדלען אָבער שטייען מיר אוממיטלבאַר און עמפּיריש לגבי דעם אָביעקט, מיר מוזן אים

אָבער אָן באַוואָרעניש אָנערקענען אין זיין זינלעכער רעאַליטעט ווי ער שטעלט זיך אונז פאָר, און מיר האָבן נישט קיין צייט צו צווייפלען דערין; ער באַווייזט זי אונז פראַקטיש דערמיט, וואָס ער איז משפיע אויף אונז און מיר אויף אים; דער אוממיטלבאַרער סוביעקט און אָביעקט פון דערדאָזיקער ווירקונג זענען אָבער שטענדיק נאָר קערפּער, און אַפילו די ווירקונג אויפן אינערלעכן פון מענטשן שטעלט זיך קודם־כל פאָר אַלס אַ קערפּערלעכע (דורך דער שטים, זשעסטן א. ד. גל); אוממאַטעריעלע ווירקונגען קומען נישט פאָר אין אונזער אוממיטלבאַרער דערפאַרונג". פאַרגלייך ווייטער ז. 325 א. וו. ווו עס ווערט אויף אַ טרעפלעכן אופן געצויגן אַ פּאַראַלעל צווישן דער סטאָאישער עטיק און די טעאָרעטישע אָנשויונגען וועגן דער אומבאַדינגטער שליטה פון געטלעכן ווילן איבער דער וועלט, בעת דער מאַטעריאַליזם ווערט, פאַרקערט, אויך דאָרט אַרויסגעפירט פון דער איבערוואָג פון די פראַקטישע אינטערעסן. פאַקטיש אָבער איז דער מאַטעריאַליזם פאַר די אַנטיקע און ברייטערן זין — (פאַנטעאיסטישער און מעכאַנישער) אַן אוממאויסמיידלעכע קאָנסעקווענץ פונם שטרענגן מאָניזם און דעטערמיניזם, מחמת זיי זענען געוועזן גענוג ווייט פון מאָדערנעם אידעאַליזם פון דעקאַרט, לייבניץ און קאַנט.

58) וועגן עפּיקורס אָפּווייכונגען פון דעמאָקריטן זע אין קאַפּיטל וועגן דעמאָקריטן, ווי אויך דעם אונטן געבראַכטן אויסצוג פון לוקרעציוס דידאַקטיש ליד וועגן דער נאַטור און די דערביי פאַרבונדענע ספּעציעלע באַטראַכטונגען.

59) צעללער, III 1 2. אויפל. ז. 365 א. וו. באַהאַנדלט דעמדאָזיקן פונקט אַלס אַ „שוועריקייט", וועגן וועמעס לייזונג עפּיקור האָט, דאַכט זיך, זייער ווייניק זיך באַמיט. אויפפאַלנדיק איז דאָ די מיינונג, אַז ביי פּראָטאַגאָראַס אָנשויונג ווערן אוממעגלעך די חושים־אילוזיעס; בעת באַלד דערנאָך קומט די ריכטיקע באַמערקונג, אַז די אילוזיע שטעקט נישט אין דער פּערצעפּציע, נאָר אינם

אורטייל. דאָס אויג, למשל, וואָס באַטראַכט דעם איינגעטונקטן אין וואַסער שטעקן, זעט אים אַ געבראָכענעם. דידאַזיקע פּערצעפּציע פון אַ געבראָכענעם שטעקן איז אָבער נישט בלויז דורכויס וואָר און מ׳קאָן זיך אויף איר סומך זיין, נאָר זי איז אויך אַ זייער וויכטיקע באַזע פון דער לערע וועגן ברעכן זיך פון ליכט, צו וועלכער מ׳וואָלט קיינמאָל נישט געקאָנט קומען אָן אַזעלכע פּערצעפּציעס. דער אורטייל, אַז דער שטעקן, אַלס אַן אָביעקטיווע זאַך, איז געבראָכן און וועט אויך אַזוי דערשיינען נאָכן אַרויסנעמען אים פון וואַסער, איז באמת אַ פאַלשער, ער לאָזט זיך אָבער זייער לייכט באַרעכטיקן דורך אַ צווייטער פּערצעפּציע. אויב די פּערצעפּציעס אין זיך וואָלטן נישט געווען אין אַלגעמיין אומבאַדינגט זיכער און וואָלטן זיי נישט געווען אַ באַזע פאַר יעטוועדער וויטערדיקער דערקענטניש, וואָלט מען געקאָנט דענקן איינע פון די ביידע פולשטענדיק צו אַנולירן, פונקט ווי מיר וואַרפן פשוט אָפּ אַן אומריכטיקן אורטייל. מ׳זעט אָבער לייכט, אַז ס׳קאָן דאָ נישט זיין קיין רייד דערפון. אפילו אַזעלכע, פאַר די אַנטיקע אומבאַקאַנטע חושים־אילוזיעס, אין וועלכע עס מישט זיך אוממיטלבאַר אַריין אַן אומריכטיקער אורטייל (אַ פאַלשע אינדוקטיווע מסקנא) אין די פונקציעס פון דער פּערצעפּציע און מאָדיפיצירט זי, ווי למשל, די דערשיינונג פון אַ בלינדן פלעק אויף דער הויט פון אַ נעץ, אַפילו זיי זענען ריכטיק אַלס פּערצעפּציע. אויב צעלער מיינט, אַז דורך דעראונט ערשיידונג צווישן דער פּערצעפּציע פון בילד און דער פּערצעפּציע פונם קעגנשטאַנד ווערט בלויז אָפּגערוקט די שוועריקייט, שטיצט זיך דאָס אויף אַ מיספאַרשטייעניש. אויף דער פראַגע: ווי אַזוי זאָל מען אונטערשיידן געטרייע בילדער פון אומגעטרייע? דאַרף מען ענטפערן, אַז יעדעס בילד איז „געטריי”: ד. ה. עס גיט איבער יעדע זאַך מיט דער פולקאָמער זיכערקייט אין דער מאָדיפיקאַציע, וועלכע דרינגט אַרויס פון דער נאַטירלעכער נויטווענדיקייט פונם מהות פון די מיטלען און אונזערע אָרגאַנען. די אמתע אויפגאַבע באַשטייט בכן קיינמאָל נישט אין פשוט אָפּ-

וואַרפן אַ בילד אַלס „אומגעטריי“ און אַנשטאָט דעם האַלטן זיך אָן אַן אַנדערן, נאָר אין אַנערקענען אַ מאָדיפּיקאַציע פונעם אורבילד אַלס אַזעלכע. דאָס קומט פאָר גאַנץ איינפאַך, ווי יעטוועדע אַנדערע דערקענטניש, דורך דער בילדונג פון אַ השערה און דערנאָך, פון דער איבערגעחזרטער פּערצעפּציע, שאַפט זיך אַ מיינונג! מ׳דאַרף נאָר, למשל, פאַרגלייכן דעם אופן, וויאַזוי רוסאָ לאָזט זיין עמיל אַנטוויקלען פונעם בילד פון געבראָכענעם שטעקן דעם באַגריף וועגן ברעכן זיך פון ליכט. הגם עפּיקור האָט נישט תּופס געווען די זאַך מיט אַזאַ גענויאיקייט, איז באַשיינפּערלעך, אַז זיין באַמערקונג (אויב ציצעראָ האָט זי ריכטיק איבערגעגעבן), אַז די אויפגאַבע פון די חכמים באַשטייט אין אונטערשיידן די פּשוטע סברא (opinio) פון דער זיכערער (perspicuitas) איז נישט קיין פולע תּשובה לויט עפּיקורס סיסטעם. גיכער איז פולשטענדיק קלאָר, אַז די אונטערשיידונג גופא מוז פאָרקומען אויפן זעלבן אופן, ווי יעטוועדע אַנדערע דערקענטניש דורכן שאַפן אַ באַגריף און אַ פאַרבונדענע מיט אים, פון דער פּערצעפּציע גופא אַרויסדרינגענדיקע הנחה וועגן די סיבות פון דער קאָמפּליצירטער דערשיינונג.

61) ריטערס פּרווו אונטערצושיידן לוקרעציוס לערע פון עפּיקורס ווערט אומגעוואָרפן דורך צעלערן III. 1. 2 אויפל. ז. 499. טויפעל, געשיכטע פון דער רוימישער ליטעראַטור, 1 אויפל. ז. 371 שטרייכט ריכטיק אונטער לוקרעציוס התלהבות פאַר דער „דערלייזונג פון דער נאַכט פון אַבערגלויבן“. מ׳דאַרף נאָך אַנטשלאָסענער זאָגן, אַז די גליענדיקע שנאה פון אַן איידלען און ריינעם כאַראַקטער קעגן דעם אַנטווירדיקן און אוממאָראַלישן איינפלוס פון דער רעליגיע איז דאָס אמתע אָריגינעלע ביי לוקרעציוסן, ביי עפּיקורן איז טאַקע דאָס באַפרייען זיך פון דער רעליגיע אַ הויפּט צוועק אין דער פילאָזאָפיע, אָבער אַ צוועק, צו וועלכן מ׳דאַרף שטרעבן מיט אַ ליידנשאַפטלאָזער רויקייט. מיר דאַרפן דאָס צושרייבן דער השפּעה פון דער באַזונדערער העסלעכקייט און שעדלעכקייט פון רוימישן

רעליגיע־ווּיסן אין פאַרגלייך מיטן גריכישן; יעדנפאַלס איז דער קערן פון לוקרעציוס פילאָזאָפיע די פאַרביטערטע פאַרורטיילונג פונעם רעליגיע־וויסן, און, בלי ספק, שטיצט זיך די באַדייטונג, וועלכע לוקרעציוס האָט באַקומען אין די נייערע יאָרהונדער־טער, נישט ווייניקער אויפן דאָזיקן אייגנטימלעכן שטריך, ווי אויף דער שטרענג עפּיקורייאישער טעאָריע.

62) דאָ געפינט זיך 101, I (ציטירט לויט לאַכמאַנס אויסגאַבע) דער אָפּט באַנוצטער פּערז, מיט וועלכן עס קומט צו דער מסקנא דעם דיכטערס געדאַנק: „Tentum religio potuit suadere maloram“ (אַזעלכע רעות האָט אונז די רעליגיע געעצהט".)

63) I. פּערזן 726—738.

64) איבעריקנס איז כדאי צו באַמערקן, אַז עפּיקורס טע־אָריע, באַטראַכט פון שטאַנדפּונקט פון די דעמאָלטדיקע קענט־נישן און באַגריפן, טרעט אַרויס אין אַסך און וויכטיקע פּונקטן מיט בעסערע אַרגומענטן, ווי די אַריסטאָטעלישע און דאָס, וואָס די לעצטע געפינט זיך איצט נענטער צו אונזער הייַנטיקער דערקענטניש — איז דאָס צופעליק, איידער מיטן כוח פון אירע ראיות. אַזוי, למשל, שטיצט זיך אַריסטאָטעלעס גאַנצע טעאָריע אויפן באַגריף וועגן אַ מיטלפּונקט פון דער וועלט וועלכן לוקרעציוס (I. 1070) וואַרפט מיט רעכט אָפּ, אַרויס־גייענדיק פון שטאַנדפּונקט פון דער אומענדלעכקייט פון דער וועלט. דעסגלייכן האָט לוקרעציוס אַ בעסערן באַגריף וועגן דער באַוועגונג, באַהויפּטנדיק (1074, א. וו.), אַז אין אַ פּוסטן רוים, אפילו ווען ער וואָלט געווען דער מיטלפּונקט פון דער וועלט, וואָלט אַן איינמאָל אָנגעהויבענע באַוועגונג נישט אָנגעטראָפן אויף קיין שום שטערונג; בעת אַריסטאָטעלעס, אַרויסגייענדיק פון זיין טעלעאָלאָגישן באַגריף וועגן דער באַוועגונג, געפינט אין מיטן זיין „נאַטירלעכן" ציל. אָבער נאָך מער ווייזט זיך אַרויס דער יתרון פון דער אַרגומענטאַציע פון עפּיקורייאישן סיס־טעם דערמיט, וואָס ער וואַרפט אָפּ אַריסטאָטעלעס סברה, אַז די באַוועגונג שטרעבט פון דער נאַטור אין דרויסן אַרויס

(Zentrifugal) װעלכע לוקרעציוס (II, 158), און װאַרשײנלעך אויך אין דער פֿאַרלוירענער געגאַנגענער שטעלע פֿון 1-ן בוך נאָכן פֿערז 1044) באַקעמפֿט זײער גוט און דערקלערט די געצװונגענע אויפֿשטײַגונג פֿון דער באַװעגונג מיטן געזעץ פֿון גלײַכגעװיכט און שטויס.

65) די פֿערזן (I, 1021—1054) ספּעציעל װעגן דער אַנטשטײַונג פֿון די אָרגאַניזמען לויט עמפּעדאָקלישע גרונטגעזעצן אין בוך V, פֿערז 836.

66) דער טעם דערפֿון איז, װאָס די זונשטראַלן, װי סובטעל זײ זאָלן נישט זײַן, באַשטײען דאָך נישט פֿון אײנצעלנע אַטאָמען, נאָר פֿון זײערע פֿאַרבינדונגען, און זײער װעג גײט טאַקע דורך אַ שיטערער סביבה, אָבער בשום-אופֿן נישט דורך דעם פּוסטן רוים (II, 150-150) פֿאַרקערט, די אַטאָמען מוזן מיט זײער שנעלקײט איבעריאָגן דאָס ליכט. (II, 162-164).

67) II, ז. 216 א. װ.

68) II, ז. 251—293. עס איז שװער צו פֿאַרשטײן, װי אַזוי מ׳קאָן זען אין דעמאָקריטער לערע װעגן „פֿרײַהײט פֿון װילן“ אַ יתרון פֿון לוקרעציוסן איבער עפּיקורן און באַטראַכטן דאָס אַלס פּועל-יוצא פֿון זײַן קרעפּטיקערן זיטלעכן כאַראַקטער; װײַל אָפּגעזען דערפֿון, װאָס אויך דעמאָקריטער שטריך געהערט צו עפּיקורן, האַנדלט זיך דאָ אין אַ שטאַרקער אומקאָנסעקװענץ פֿון דער פֿיזיקאַלישער טעאָריע, װעלכע גיט דורכויס נישט קײן שום באַזע דער זיטלעכער פֿאַראַנטװאָרטלעכקײטסלערע. פֿאַרקערט, מ׳װאָלט דעמאָקריטן אומבאַװוסטזיניקן װילקיר, — מיט װעלכן די נשמה-אַטאָמען איבערװיגן אויף דער אָדער אַנדערער זײַט און דורכדעם באַשטימען זײ די ריכטונג און עפֿעקט פֿון װילן,— געקאָנט באַטראַכטן אַלס סאַטירע אויפֿן aequilibrium arbitri („גלײַכגעװיכט פֿון פֿרײַען װילן“) — מחמת קײן שום אַנדער בילד װאָלט נישט קלאָרער געמאַכט, װי גראָד דורך דער הנחה פֿון אַזאַ מכריע זײַן פֿון די אַטאָמען װערט אויסגעשלאָסן יעדער פֿעסטער צוזאַמענהאַנג צװישן די האַנדלונגען פֿון אַ פּערזאָן און איר כאַראַקטער.

69) II, ז. 655–660.

70) II, פ. 904 און ווייטער.

nam sensus jungitur omnis Visceribus nervis, venis („ווייל די עמפינדונג איז אינגאנצן פארבונדן מיט די אינערלעכע טיילן, אדערן און נערוון. דער (אין טעקסט עטוואס אומזיכערער) צוזאמענהאנג באטאנט אמת נאר די וויכקייט פון דידאזיקע טיילן, וועלכע זענען דעריבער באזונדערס צעשטערבאר און קאנען זיך נישט אלס עמפינדנדיקע אורעלעמענטן פון אן עמפינדנדיק וועזן איבערפלאנצן אויף אן אנדערן. אבער לוקרעציוס שטרייכט אין דער גאנצער שטעלע אונטער די באזונדערע סטרוקטור און ווייזט אפילו אן, אז דער טייל פון אן עמפינדנדיקן קערפער קאן נישט עקזיסטירן סעפאראט, און בכן קאן ער נישט עמפינדן זעלבסשטענדיק. דער דיכטער דערנענטערט זיך בכן שטארק צום אריסטאטעלשן באגריף וועגן ארגאניזם, און מיר האבן נישט קיין גרונט צו צווייפלען, אז דאס איז געווען עפיקורס לערע. (פארגלייך פ. 912 א. וו. Nec manusa nobis potis est secreta neque ulla Corporis „די האנט אדער omnino sensum pars sola tenere וועלכער נישט איז אנדער אבר, וואס ווערט אפגעטיילט פון גוף, הערט אויף צו עמפינדן").

71) די הנחה וועגן דאזיקן נאמענלאזן העכסטסובטעלסטן שטאף שיינט צו האבן א וויכטיקע באדייטונג אין אן אנדערער באציונג, הגם עס ווייזט זיך דא ארויס א גרויסער מאנגל אין דער באוועגונגסלערע. עפיקור האט זיך ווארשיינלעך פארגעשטעלט — אין א שטארקער סתירה מיט אונזער לערע וועגן דער דערהאלטונג פון דער קראפט — אז א סובטעלער קערפער קאן, אומאפהענגיק פון זיין כמות, אריבערטראגן זיין באוועגונג אויף א גרעבערן, — און דאן ווייטער אויף א גרעבערן, און דערביי ווערט ממילא שטופנווייז פארפילפאכט די סומע פון דער מעכאנישער ארבעט, אנשטאט צו בלייבן די זעלבע. לוקרעציוס שילדערט דידאזיקע שטופנריי III, 246 א. וו. אויפן פאלגנדיקן אופן: צו ערשט באוועגט דער

עמפּינדנדיקער (און מיט ווילקיר באַגאַבטער, פאַרגל. II, 293–251) עלעמענט דעם וואַרעמקייטסשטאָף. דערדאָזיקער — דעם לעבנסאָטעם, דער ווידער — די געמישטע מיט דער נשמה לופט, דער — דאָס בלוט, און ערשט דאָס בלוט באַוועגט די פעסטע טיילן פון גוף.

72) אַנדערש איז דאָס תּופס צעללער (III, 1. זייט 382), הגם ער שטעלט אויך פעסט, אַז די קאָנסעקווענץ פון דער סיסטעם וואָלט געפאָדערט דאָס פאַלן פון די וועלטן (בכן נאָר אַ ר ע ל אַ ט י וו ע רו פון דער ערד לגבי אונזער וועלט), ער שרייבט אָבער נישט צו עפּיקורן דידאָזיקע קאָנסעקווענץ. ס'איז אָבער נישט ריכטיק די באַמערקונג, אַז ביי אַזעל־כע פאַלן וואָלטן די וועלטן געמוזט שטויסן איינע אויף דער אנדערער. גיכער דאַרף מען ביי די אומגעהויערע דיסטאַנצן, וואָס טיילן אָפּ די איינצעלנע וועלטן — דערוואַרטן אַזאַ צו־פאַל ערשט נאָך זייער לאַנגע צייט־תּקופות. לוקרעציוס האַלט בפירוש פאַר מעגלעך אַ חורבן פון די וועלטן דורך אַ צוזאַמענ־שטויס (720–366) בעת די אָפּטע קלענערע צוזאַמענשטויסן פון פון דרויסן פאַררעכנט ער צו די נאַטירלעכסטע טויט־סיבות פון דער זיך עלטערנדיקער וועלט. וואָס שייך דעם אופן, לויט וועלכן די ערד ווערט דורך שטענדיקע שטויסן פון די סובטע־לע לופט־אַטאָמען געהאַלטן אין אַ שוועבנדיקן צושטאַנד, דאַכט זיך, אַז דאָ דינט ווידער אַלס באַזע יענע אויבן (אָנמערקונג 71) דערמאָנטע אייגנטימלעכקייט פון דער עפּיקורייאישער ב אַ וו ע־ג ו נ ג ס ל ע ר ע, לויט וועלכער די מעכאַנישע ווירקונג פון שטויס (אויסגעדריקט אין אונזער וויסנשאַפטלעכער שפּראַך) ווערט פאַר־פילפאַכט ביים איבערגאַנג פון סובטעלערע אויף גרעבערע קערפּער.

73) זעלבסטפאַרשטענדלעך, קאָן דאָ נישט זיין קיין רייד וועגן אַן עקזאַקטן מעטאָד פון דער נאַטורפאָרשונג, נאָר פון אַן עקזאַקטן מעטאָד פון דער פילאָזאָפיע. אויספירלעכער וועגן דעם אין Neuen Beitrag zur geschicht. der Mater. (Winter thur 1867. S. 17 u. 76 ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז ערשט נישט לאַנג האָט אַ פראַנצויז (A. Blanqui

Lèternitè par les astres, hypothéze astronomique Paris 1862

(„די אייביקייט דורך די שטערן, אַסטראָנאָמישע היפּאָטעזע״) ווידער גאַנץ ערנסט אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז יעטוועדעס מעגלעכע עקזיסטירט ערגיצוואו און ערגיצוועו אין אוניווערס, און ווערט אַפילו פאַרווירקלעכט, און טאַקע אַלס אומאויסמיידלעכע קאָנסעקווענץ פון אַבסאָלוטן אין-סוף פון דער וועלט און פון דער באַגרעניצטער און אומעטום פעסטער צאָל פון די עלעמענטן, וועמעס מעגלעכע קאָמבינאַציעס מוזן אויך זיין באַגרעניצט. אויך דער לעצטער געדאַנק איז עפּיקורס (פאַרגל. לוקרעציוס II, פ. 521—480)

74) דידאָזיקע שטעלע געפינט זיך פ. 533—527.

75) פאַרגלייך פ. 1197—1194.

76). מ׳וואָלט געקאָנט דערביי דערמאָנען זיך אָן באַקאַנטן עקספּערימענט, ווען די שויב, וועלכע מ׳רוקט צו צו דער עפנונג פון אכלי, דורך וועלכער עס שטראָמט אַרויס אַ לופטשטראַל ווערט צוגעצויגן און פאַרהאַלטן, מחמת די העפטיקע, פון דער זייט אויסשטראָמענדיקע לופט צווישן דער כלי און דער שויב, ווערט פארמינערט. (מיללער, פיזיק, I, 9, 96) הגם ס׳איז שווער אָנצונעמען, אַז די עפּיקורייער איז באַקאַנט געווען דידאָזיקע דערשיינונג, האָבן זיי אָבער זיך געקאָנט פאָרשטעלן אויף אַן ענלעכן אויפן דאָס אַרויסטרייבן די לופט דורך דער אויסשטרעמונג פון מאַגנעטשטיין.

קאַפּיטל צוויי

1) די גייסטע היסטאָרישע באַטראַכטונגען פון שטאַנד־
פונקט פון די נ אַ ט ו ר ו ו י ס נ ש אַ פ ט ן און דער פ אָ ל ק ס־
ו י ר ט ש אַ פ ט האָבן געוואָרפן אַ זייער ווערטפול ליכט אויף
דער פיזיאָלאָגיע פון די נאַציעס, וואָס איז אַריינגעדרונגען ביז
די אָרעמסטע הייזלעך; אָבער עס ווייזט אונז נאָר איין זייט
פון דער מטבע, און עס בלייבן נאָך אַלץ פאַרהוילן אין דער
טונקעלניש די שנוים אין ג יי ס ט י ק ן צושטאַנד פון די פעל־
קער, אויף וויפל זיי לאָזן זיך נישט דערקלערן מיט די סאָציאַ־
לע פאַרענדערונגען. ל י ב י ג ס טעאָריע וועגן דער דערשעפּונג
פון דער ערד איז דורך ק אַ ר יי (Grundl. der Sozial —
Wissenschaft I, Kap, 3 und 9, III. Kap 46 u. a)
מיסגעבּרויכט געוואָרן צו גוזמאדיקע פועל־יוצאס און איז פאַר־
פלאָכטן מיט אַ שטאַרק אבסורדאַלער טעאָריע (פאַרגלייך וועגן
דעם מיין אָפּהאַנדלונג:

(Mills Ansichten ueber die soziale Frage u.
d. angebl. Umwälzung der Sozialwissenschaft durch
Carey, Duisburg, — 1866) ס'איז אָבער קיין ספק נישט,
אַז דידאָזיקע טעאָריע איז אין אירע הויפּטליניעס ריכטיק און אָנ־
ווענדבאַר אויף דער קולטור פון דער אַלטער וועלט. די תבואה
עקספּאָרטירנדיקע פּראָווינצן האָבן בהדרגה געמוזט פאַראָרעמט
ווערן און זיי זענען אַנטפעלקערט געוואָרן, בעת אַרום רוים
און אויף אַן ענלעכן אופן אַרום די אונטערגעאָרדנטע צענטראַל־

פונקטן האָט דאָס עשירות און די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג דערפירט צו דער אינטענסיווסטער פאָרם פון דער לאַנדווירטשאַפט, און דעריבער האָבן די בשפע באַמיסטיקטע און זאָרגפעלטיק באַאַרבעטע קליינע גערטנער פון אויבסט און בלומען א. אַ. וו. געבערענגט אַ גרעסערע הכנסה, ווי די ריזיקע לאַנדשטחים אין ווייטע געגנטן. (פאַרגל. Roscher. National oekonomik des Ackerbaues § 46

ווו עס ווערט צווישן אַנדערן מיטגעטיילט, אַז איינצעלנע אויבסטביימער האָבן אין דער שכנות פון רוים איינגעבערענגט יערלעך ביז 100 טאַלער, בעת די תבואה פעלדער אין איטאַליע האָט סרוב געגעבן נאָר 4.מחמת דאָ איז פאַרוועגדט געוואָרן נאָר שלעכטער באָדן).אָבער נישט בלויז די קאָנצענטרירטע עקאָנאָמיע פונם רייכן פאַרקערסמיטלפונקט איז עמפינדלעכער אויף אָנפאַלן פון דרויסן, איידער די עקאָנאָמיע פון אַ לאַנד פון מיטלמעסיקערע פאַרהעלטנישן, נאָר זי איז אויך אָפּהענגיק פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער פּעריפּעריע, וועלכע שטעלט צו די נויטווענדיקע שפּייז-פּראָדוקטן. די פרוכטבאַרע ערד, וואָס ווערט פאַרוויסט דורכן קריג, אַפילו ווען דאָס איז פאַרבונדן מיט דער שטאַרקסטער פאַרקלענערונג פון דער באַפעלקערונג, וועט שנעל קומען צו זיך מיט דער הילף פון דער אַרבעט פון דער נאַטור און מענטש, בעת אַן אָנפאַל אויף דער הויפּטשטאָט, באַזונדערס ווען די הילפסקוועלעס פון די פּראָווינצן הייבן אָן אויסצוטרוקענען, רופט לייכט אַרויס אַ פולשטענדיקן חורבן; מחמת ער האָמעווועט דאָס גאַנצע סיסטעם פון ווערט-אויסטויש אין זיין מיטלפונקט און דערמיט מאַכט ער פלוצלונג אַ תל פון די אויפגעשרויפטע ווערטן, וואָס דער לוקסוס האָט קאָנסומירט און געשאַפן. אָבער אויך אָן אַזעלכע אָנפאַלן פון דרויסן האָט די ירידה געמוזט קומען מיט אַ שטייגנדיקער שנעלקייט — וויבאַלד די פאַראָרעמונג און אַנטפעלקערונג פון די פּראָווינצן האָט שוין אַזוי ווייט דערגרייכט, אַז אַפילו ביי אַ שטאַרקערן דרוק האָט די הכנסה פון תבואת זיך שוין נישט געקאָנט האַלטן אויף

דער פריערדיקער חויך. דאָס גאַנצע בילד פון דאָזיקן פּראָצעס וואָלט, וואָס שייך דער רוימישער אימפּעריע, פאַר אונז געווען אַ סך קלאָרער, ווען די פאַרדינסטן פון אַ גרויסאַרטיקער און שטרענג־געאָרדנטער צענטראַליזאַציע בעת די גרויסע קיסרים פון 2־טן יאָרהונדערט וואָלטן נישט גלייך געווען צום שלעכטס און זיי וואָלטן נישט געשאַפן אַ נייע מאַטעריעלע בליציייט ערב דער אַלגעמיינער ירידה. אויף דערדאָזיקער לעצטער בליצייט פון דער אַלטער קולטור, פון וועלכער ס'האָבן סרוב גענאָסן די שטעט און איינצעלנע פּריווילעגירטע געגנטן, איז זיך הויפּטזעכלעך סומך די גינסטיקע שילדערונג, וועלכע ד ז ש י ב ן גיט וועגן צושטאַנד פון דער רוימישער אימפּעריע אין 1־טן קאַפּיטל פון זיין בוך „History of the decline and fall of the Roman Empire („געשיכטע פון זינקען און פאַלן פון דער רוימישער אימפּעריע"). עס איז אָבער קלאָר, אַז די עקאָנאָמישע ירידה, וואָס האָט לסוף געפירט די מלוכה צום קבר, האָט שוין דעמאָלט געהאַט דערגרייכט די העכטע מדרגה. אַ „בליצייט", וועלכע שטיצט זיך אויף דער אַקומולאַציע און קאָנצענטראַציע פון עשירות קאָן לייכט דערגרייכן איר העכסטן פונקט, בעת ס'הייבן שוין אָן צו פאַרשווינדן די מיטלען פון דער אַקומולאַציע, פונקט ווי עס הייבט זיך אָן די גרעסטע היץ, ווען די זון גייט שוין אונטער.

אַ סך פריער האָט שוין ביי יענעם גרויסן צענטראַליזאַציע פּראָצעס געמוזט קומען צום אויסדרוק די מ אָ ר אַ ל י ש ע ירידה, מחמת די אונטעריאָכונג און צונויפגיסונג פון צאָלרייכע און פון גרונט אויס פאַרשידנאַרטיקע פעלקער און שבטים מיט ספּעציפישע פאָרמען פון מאָראַל ברענגט אַריין אַ מהומה אַפילו אין די זיטלעכע גרונטגעזעצן. זייער ריכטיק ווייזט אויף ה אַ ר ט פּ אָ ל ל ע ק י *) מאָראַלגעשיכטע אין איראָפּע, פון קייסער אויגוסט ביז קאַרל דעם גרויסנס צייט. דייטשע איבער־

---

*) באַמערקונג פון איבערז. אַן ענגלענדער: Lecky: History ot Morals in Europe.

זעצונג, לײפּציק און הײדעלבערג 1870, I, ז. 233 א. וו.) ווי די רוימישע טוגנד, ענג צונויפגעגאָסן מיטן אַלטרוימישן לאָקאַל פּאַטריאָטיזם און דער הײמישער רעליגיע, האָט געמוזט צו גרונט גײן צוליבן אונטערגאַנג פון די אַלטע פּאָליטישע פאָרמען, סקעפּטיציזם און אײנפירונג פון פרעמדע קולטן. דאָס וואָס די פאָרשריטמאַכנדיקע ציוויליזאַציע האָט נישט אופן אָרט פון די אַלטע טוגנטן אײנגעפירט נײע און בעסערע („אײדלערע זיטן און אַ ברײטערע פרײנטלעכקײט”), ווערט געשטעלט אויפן חשבון פון דרײ סיבות: דאָס קײזערטום, די שקלאַווערײ און די גלאַדיאַטאָרנשפּילן. צי שטעקט נישט דערין אַ פאַרקערטקײט פון סיבה און ווירקונג? פאַרגלײך בײ לעקי דעם אַזוי גוט געשילדערטן קאָנטראַסטצווישן די אײדעלע כוונות פונם קײסער מאַרקוס אויריעליוס און דעם כאַראַקטער פון די אים אונטערטעניקע פאָלקסמאַסן. דער יחיד קאָן זיך מיט דער הילף פון דער פילאָזאָפיע דערהויבן צו עטישע גרונטכּללים, וועלכע זענען אומאָפּהענגיק פון רעליגיע און פּאָליטיק; די פאָלקסמאַסן האָבן (אין אַלטערטום נאָך מער ווי הײנטצוטאָג) דאָס זיטלעכע געזען נאָר אין דעם לאָקאַל טראַדיציאָנעלע און אומצערײסבאַרן צוזאַמענהאַנג פון אַלגעמײנעם און באַזונדערן, פון בלײבנדיקן און פאַרענדערלעכן; דעריבער טאַקע האָט די גרויסע צענטראַליזאַציע פון דער וועלטאימפּעריע אויפן דאָזיקן געביט אומעטום, סײ בײ די זיגער, סײ בײ די באַזיגטע, געמוזט קודם-כּל ווירקן צעשטערנדיק און פאַרניכטנדיק. ווו איז אָבער דער „נאָרמאַלער געזעלשאַפטסצושטאַנד” (לעקי, דאָרט ז. 234) וועלכער וואָלט ביכולת געווען צו פאַרטרעטן די טוגנטן פון דער אונטערגײענדיקער געזעלשאַפטספאָרם מיט נײע? אויף דעם דאַרף מען פריער פאַר אַלעם צײט און געוויינלעך דעם אויפקום פון אַ נײעם פּאָפּולערן טיפּ, וועלכער זאָל אין זיך פאַרשמעלצן די זיטלעכע גרונטכּללים מיט זינלעכע עלעמענטן און פאַנטאַסטישע בײמישונגען. אַזוינאָך דערשײנט דער זעלבער פּראָצעס פון אַקומולאַציע און קאָנצענטראַציע, וועלכער האָט גע-

בזענגט די אַנטיקע וועלט צו איר העכסטן פונקט, אויך אַלס
סיבה פון איר ירידה. יאָ, אַפילו דער אייגנטימלעכער טרוימע-
רישער שטריך פונם פערמענט-פּראָצעס, פון וועלכן ס׳איז לסוף
אַרויסגעקומען דאָס מיטלאַלטערלעכע קריסטנטום, שיינט דאָ צו
געפינען אַ דערקלערונג, מחמת ער איז אַנטשלאָסן מרמז אויף
אַן איבערצערייצטן נערוונסיסטעם אין די ברייטסטע שיכטן פון
דער באַפעלקערונג צוליב די עקסטרעמען פון לוקסוס און נויט,
אויסגעלאַסנקייט און ליידן, און דערדאָזיקער צושטאַנד ווידער
איז פשוט אַ פועל-יוצא פון דער אַקומולאַציע, וועלכער די
ש ק ל אַ ו ו ע ר יי האָט צוגעגעבן אַ באַזונדערס העסלעכע באַ-
פאַרבונג. פאַקטן וועגן דער אַקומולאַציע אין אַלטן רוים, זע ביי
Roscher: Grundl. der National — Oeko. § 204
און באַזונדערס באַמערקונג 10 וועגן דעם זינלאָזן לוקסוס ביי
די פאַלנדיקע פעלקער, ווי אויך די אָפּהאַנדלונג וועגן לוקסוס אין
ראָשערס „Ansichten der Volskwirtschaft aus geschichtl. Standpunkt".

דעם איינפלוס פון דער ש ק ל אַ ו ו ע ר יי האָט באַזונדערס
אונטערגעשטראָכן קאָנטצען:

Contzen, die soziale Frage, ihre Geschichte, Literatur u. Bedeut. in d. Gegenw. 2. Aufl. Leipzig 1872.
זע אויך באַמערקונג 2.

2) ד ז ש י ב ן hist. of the decl. cap. 2, שילדערט,
ווי די שקלאַוון זענען געשטיגן אין פרייז און ממילא באַקומען
אַ בעסערע באַהאַנדלונג צוליב דער פאַרהעלטנישמעסיקער פאַר-
קלענערונג פון די דעראָבערונגען. וואָס מער ס׳האָט אויפגע-
הערט דער צופיר פון קריגסגעפאַנגענע, וועלכע זענען בשעת
די דעראָבערונגס-מלחמות פאַרקויפט געוואָרן אין די טויזנטער
צו ביליקע פרייזן, אַלץ מער האָט מען זיך געזען געצוווּנגען
צו באַזעצן זיי אין אינערלעכן טייל פון דער מדינה און זיי
צו פאַרמערן מיט דער הילף פון חתונות. דעריבער איז די
גאַנצע מאַסע, וועלכע איז פריער אויף יעדן גוט געווען אַ גע-
מיש פון אַלע נאַציעס, אָפּט מיט אַ ראַפינירטער אויסרעכנונג,

געוואָרן איינהייטלעכער. (זע קאַטאָס בריוו בײ קאָנטצען ז. 174). דערצו האָט זיך פאַרייניקט די אומגעהייערע אָנזאַמלונג פון שקלאַוון אויף די גרויסע גיטער און אין די פאַלאַצן פון די רייכע לייט; ווייטער, אויך די גרויסע ראָל, וואָס די פרײ-געלאָזענע האָבן געשפּילט אינם סאָציאַלן לעבן פון דער קייזערצייט. לעקי. (ז. 272) שיידט מיט רעכט אונטער דריי פּעריאָדן אין דער שטעלונג פון די שקלאַוון: דער עלטסטער, אין וועלכן זיי זענען געהאַלטן געוואָרן אין דער פאַמיליע און מ'האָט זיי פאַרהעלטנישמעסיק גוט באַהאַנדלט; דער צווייטער, אין וועלכן די צאָל פון די שקלאַוון האָט זיך גוואַלדיק פאַר-מערט און די באַהאַנדלונג אין געוואָרן ערגער, און ענדלעך דער דריטער, וועלכער הייבט זיך אָן פון דעם דורך דזשיבן באַצייכנטן ווענדפּונקט. לעקי באַטאָנט ספּעציעל די השפּעה פון דער סטאָאישער פילאָזאָפיע אויף דער מילדערער באַ-האַנדלונג פון די שקלאַוון. אין דאָזיקן דריטן פּעריאָד האָט די שקלאַווערײ שוין מער נישט רעאַגירט אויפן קולטורעלן לעבן פון דער אַלטער וועלט מיט די פּחדים פון גרויסע שקלאַוונמלחמות, נאָר דורך דער השפּעה, וואָס דער אונטערגע-דריקטער שטאַנד האָט וואָס אַמאָל מער געהאַט אויפן גאַנצן דענקאופן פון דער באַפעלקערונג. דערדאָזיקער, די אַנטיקע אי-דעאַלן דיאַמעטראַל אַנטקעגנזעצלעכער איינפלוס, האָט באַזונדערס זיך געלאָזט פילן צוזאַמען מיט דער פאַרשפּרייטונג פון קריסטנטום. פאַרגלייך דאָ. האַרטפּאָל לעקי: מאָראַל-געשיכטע, II, ז 52 א. וו.

3) מאָמזען, רוימישע געשיכטע. III, קאַפּיטל 12. באַמערקט: „אומגלויבן און אַבערגלויבן, פאַרשידענע שאַטירונ-גען פונם זעלבן געשיכטלעכן פענאָמען, זענען געגאַנגען האַנט בײ האַנט אויך אין דער דעמאָלטיקער רוימישער וועלט, און ס'האָט נישט געפעלט קיין מענטשן, וועלכע האָבן פאַרייניקט אין זיך אי דאָס ערשטע, אי דאָס צווייטע, צוזאַמען מיט עפּי-קורן געלייקנט אין די געטער, און דאָך מתפּלל געווען און גע-ברענגט קרבנות פאַר יעדער קאַפּליצע". דאָרט אויך אייניקע

פרטים וועגן אַריינדרינגען פון די אָריענטאַלישע קולטן אין רוים. „בעת דער סענאַט (אין יאָר 50 פ. ק.) האָט באַפוילן צוצערשטערן דעם איזיסטעמפּל, וועלכער האָט זיך געפונען אינערהאַלב דער מויער, דאָט קיין שום אַרבעטער נישט געוואַגט דער ערשטער צוצולייגן אַ האַנט דערצו, און דער קאָנסול לוציוס פּאַולוס האָט בכבודו ובעצמו געמוזט געבן דעם ערשטן קלאַפּ מיט דער האַק; מ'וואָלט זיך געקאָנט וועטן, אַז וואָס צעלאָזענער אַ מיידל איז געווען, אַלץ פרומער האָט זי פאַרגעטערט די געטין איזיס". פאַרגלייך ווייטער ל ע ק י, מאָראַל געשיכטע I, ז. 237.

4) ס'איז דעריבער נישטריכטיק און אויך נישט גענוי, ווען ד ר ע פ ע ר אידענטיפיצירט, אין זיין אין אַ סך באַציונגען פאַרדינסטפולער „געשיכטע פון דער גייסטיקער אַנטוויקלונג אין אייראָפּע" (2 אויפל. לייפּציק 1871) דעם עפּיקורייאיזם מיט דער צביעותדיקער אַרעליגיעזיטעט פון וועלטלעכן מענטש, וועלכער די מענטשהייט האָט צו פאַרדאַנקען „מער ווי העלפט פון איר קאָרופּציע" (ז. 120). ווי אומאָפּהענגיק דרעפּער איז נישט אין זיין ענדאורטייל און אין זיין גאַנצן אויפפאַסונגסאופן, זעט מען אָבער באַשיינפערלעך אין דער שילדערונג וועגן עפּיקור, און אפשר נאָך מער אינם אופן, ווי ער מאַכט אַריסטאָטעלעסן פאַר אַ דערפאַרונגס פילאָזאָף, די השפּעה פון אַ שלעכט פאַרשטאַנענער טראַדיציע.

5) צעללער, פילאָז. פון די גריכן. III, 1 ז. 289: דער סטאָאיציזם איז, מיט איין וואָרט, נישט בלויז אַ פילאָזאָפישער סיסטעם, נאָר צוגלייך אַ רעליגיעזער; ער איז אַלס אַזעלכער אויפגעפאַסט געוואָרן שוין פון זיינע ערשטע פאָרשטייער און שפּעטער צוזאַמען מיטן פּלאַטאָניזם — אויף ווי ווייט עס האָט דערגרייכט די השפּעה פון דער גריכישער קולטור, האָט ער בשעת דער ירידה פון דער אַלטער נאַציאָנאַלרעליגיע געגעבן די בעסטע פון די געבילדסטע אַן ערזאַץ, זייער גלויבנסבאַדערפניש — אַ באַפרידיקונג און אַ שטיצע זייער מאָראַלישן לעבן".

לעקי, מאָראַל געש. I, ז. 279 דריקט זיך אַזוי אויס וועגן די רוימישע סטאָאיקער פון דיביידע ערשטע יאָרהונ־דערטער": ביי טויטפאַלן פון פאַמיליע מיטגלידער, ווו דאָס געמיט פאַר איינדרוקן איז עמפינדלעכער, האָט מען אָריינגע־רופן די סטאָאיקער כדי צו טרייסטן די איבערגעבליבענע. שטאַרבנדיקע האָבן אין זייערע לעצטע שעהן געבעטן זייער טרייסט און אונטערשטיצונג. זיי זענען געוואָרן די פירער פון געוויסן פון זייער אַ סך מענטשן, וועלכע האָבן זיך געווענדט צו זיי וועגן לייזן פאַרפלאָנטערטע פאַלן פון דער פּראַקטישער מאָראַל, אָדער אונטערן רושם פון פאַרצווייפלונג אָדער געוויסנ־ביסן". וועגן דעם פאַרשווינדן ווערן פון דער סטאָאישער השפעה און איר אַרויסשטויסונג דורך דער נייפּלאַטאָנישער מיסטיק, פאַרגלייך לעקי, ז. 287.

צעללער, III, 2. ז. 381 באַמערקט: „דער נייפּלאַטאָ־ניזם איז אַ רעליגיעזער סיסטעם און ער איז דאָס נישט בלויז אין דעם זין, אין וועלכן עס קאָנען אויך אָנגערופן ווערן דער פּלאַטאָניזם און סטאָאיציזם: ער באַנוגנט זיך נישט דערמיט, וואָס ער באַציט די מיט דער גאָטאידיי פאַרבונדענע און אויף אַ וויסנשאַפטלעכן וועג געוואונענע וועלטאָנשויונגען צו די זיט־לעכע אויפגאַבעס און צום געמיטסלעבן פון מענטש; נאָר זיין וויסנשאַפטלעכער וועלטבאַנעם גופא שפּיגלט אין זיך אָפּ פון אָנהייב ביזן סוף דעם רעליגיעזן געמיטצושטאַנד פון מענטשן. ער איז דורכויס באַהערשט פון ווילן נאָכצוקומען זיינע רעליגיעזע באַדערפנישן, צו פירן אים צו דער אינטימסטער פּערזענלעכער פאַרייניקונג מיט דער גאָטהייט".

6) אַ שילדערונג פון דאָזיקן עקסטרעם, ווי עס האָט זיך, נעמלעך, געלאָזט פילן זינט דעם 3־טן יה. זע ביי לעקי מאָראַלגעשיכטע II, ז. 88 א. אַ. אַ.

7) וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון קריסטנטום, פאַרגל. דאָס באַרימטע 15־טע קאַפּיטל ביי דזשיבן, ווו ס'געפינט זיך אַ רייך מאַטעריאַל אויף אורטיילן דעמדאָזיקן פּראָצעס פון די פאַרשידנסטע שטאַנדפּונקטן. ריכטיקע אָנשוי

געפינען מיר אָבער ביי האַרטפּאָל לעקי אין זיין
מאָראַלגעשיכטע פון אייראָפּע און אין דער געשיכטע פון
דער השכלה אין אייראָפּע. אַלס הויפּטווערק פון דער
טעאָלאָגישער זייט דאַרף מען אָנרופן: Baur: das Christen
tum und die christleche Kirche der drei ersten Jahr-
hunderte. E. v. Lasaull: פון געשיכטספילאָזאָפישער זייט
Der Untergang des Heelenism und die Einziehung
seiner Tempelgüter durch die christl. kaizer. Mun-
chau 1854. ווייטערדיקע ליטעראַטור ז. ביי איבערוועג.
אין דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע פון דער פאטריצישער
צייט, אַ קאַפּיטל פונם ווערק, וואָס האָט, ליידער, זיך נאָך נישט
דערוואַרט אויף דער געהעריקער אָפּשאַצונג. וועגן די מאַניע
פון יענער צייט צו נסים פאַרגלייך באַזונדערס לעקי.
מאָ־אַלגעש. I, ז. 322 א. א. וו. דאָרטן ז. 325 לייענען מיר
וועגן די פילאָזאָפן — בעלי — הנסים. אויף דער כוואַליע פון לייכט-
גלויביקייט, וואָס עס האָט אין זיך געטראָגן דערדאָזיקער לאַנ-
גער שטראָם פון אָריענטאַלישע אַבערגלויבנס און אָריענטאַלישע
לעגענדעס איז אַריין געשווומען דאָס קריסטנטום אין דער רוי-
מישער אימפּעריע, פריינט און פיינט האָבן אויפגענומען זיינע
סים אַלס די געוויינלעכע באַגלייטער פון אַ רעליגיעזער לערע".
8) ווי שטאַרק מ'האָט געפילט די השפעה פון דער
קריסטלעכער וואָלטעטיקייט, ווייזט דער מערק-
ווירדיקער פאַקט, וואָס יוליאַן „דער אָפּטריניקער" האָט
ביי זיין פרווו אַרויסצושטויסן דאָס קריסטנטום דורך אַ פילאָ-
זאָפיש-העלענישער מלוכה-רעליגיע אין דאָזיקן פונקט אָפן אָנער-
קענט דעם יתרון פון קריסטנטום איבער דער אַלטער רעליגיע.
ער האָט דעריבער באַפוילן, כדי צו קאָנקורירן מיט די קריסטן,
צו גרינדן אין יעדער שטאָט „קסענאָדאָכיעס", „גאַסטהייזער"
ווו מ'זאָל אויפנעמען אורחים אָן אונטערשיד פון גלויבן. כדי
זיי אויסצוהאַלטן און אונטערצושטיצן די אָרעמע, האָט ער צו-
געשטעלט באַדייטנדיקע מיטלען. „מחמת ס'איז אַ חרפה", האָט
ער געשריבן צו ארזאציוס, דעם כוהן-גדול פון גאלאציע, „וואָס
ביי די יידן בעטלט קיינער נישט, און די געטערפיינטלעכע

גאליליייער שפייזן נישט בלויז זייערע אייגענע אָרעמע, נאָר אויך אונזערע, וועלכע מיר לאָזן איבער אָן הילף". Lasaulx, Untergangdes Hellenismus. S. 68.

9) פאַרגלייך טאַציטוס יאָרבוך 15, קאַפּיטל 44, וווּ עס ווערט דערציילט וועגן נירון קיסר, אַז ער האָט די שולד אין רוימס שרפה אַרויפגעלייגט אויף די קריסטן. ער „האָט באַשטראָפט מיט די ראַפינירטסטע שטראָפן דידאָזיקע מענטשן, וועלכע זענען פאַרהאַסט ביים פאָלק צוליב זייערע געמיינהייטן און וועלכע ער רופט אָן קריסטן. דער שעפער פון דאָזיקן נאָמען, קריסטוס, איז אין די צייטן פון קייסער טיבעריוס הערשאַפט פאַרמשפט געוואָרן צום טויט דורכן פּראָקוראַטאָר פּאָנטיוס פּילאַטוס. אָבער דידאָזיקע אומגליקלעכע טרוימעריי, צייטווייליק אונטערגעדריקט, איז ערשט נישט לאַנג ווידער אויסגעבראָכן נישט בלויז אין יודעאַ, דאָס פאָטערלאַנד פון דעמדאָזיקן אומזין, נאָר אויך אין רוים, וווּהין עס האָבן געשטראָמט יעטוועדע מאוסקייט און שענדלעכקייט און געווינען אָנהענגער. קודם-כל האָט ער געכאַפּט די, וואָס האָבן זיך באַקענט צום דאָזיקן אומזין, און אויף זייער מלשינות — אַ גרויסן המון, וועלכער איז באַשטראָפט געוואָרן נישט אַזוי פאַר ז'ער שרפה ווי פאַר דער שנאה צו דער מענטשהייט". אויך די יידן זענען באַשולדיקט געוואָרן, אַז זיי האַלטן זיך צוזאַמען און זיי האָבן פיינט אַנדערע פעלקער. לאַזאָולקס (אונטערגאַנג פון העלעניזם, ז. 7 א. וו.) ווייזט אויף די אינערלעכע נויטווענדיקייט פון דערדאָזיקער רוימישער אויפפאַסונג און ברענגט ענלעכע אורטיילן פון סוועטאָניוס און דעם יינגערן פּליניוס. ער באַמערקט מיט רעכט, ווי פרעמד עס איז געווען די רוימער און די גריכן די אומטאָלעראַנץ פון די מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס בכלל, און פון דער קריסטלעכער בפרט, וועלכע איז באַלד מתחילת אַרויסגעטרעטן אין אַן אָפּענסיווע. צווישן די וויכטיקע סיבות פון דער שנעלער פאַרשפּרייטונג פון קריסטנטום רעכנט דזשיבן די אומטאָלעראַנטע גלויבנסקנאה און די דערוואַרטונג אויף אַן אַנדער וועלט. וועגן דער דראָונג מיט

אייביקע גהינימשע ענוים דעם גאַנצן מענטשלעכן מין און די ווירקונג פון דערדאָזיקער דראָונג אויף די רוימער, פאַרגל. לעקי, מאָראַלגעשיכטע I, ז. 366.

10) שלאָסערס וועלטגעשיכטע פאַרן דייטשישן פאָלק. IV, ז. 426 (געשיכטע פון די רוימער. XIV,)

11) וואָס שייך דער נייער צייט דאַרף מען דאָ דערמאָנען אָנם ווענדפונקט, וואָס איז פאָרגעקומען בשעת וואָלטער האָט פּאָפּולאַריזירט ניוטאָנס וועלטסיסטעם.

12) אינטערעסאַנט איז, ווי אין דער מאַכמעדאַנישער אָרטאָדאָקסיע זענען גענומען געוואָרן צו־הילף די אַטאָמען, כדי נענטער צו ברענגען צום פאַרשטאַנד די טראַנסצענדענטאַלע באַשאַפונג דורך אַן אויסערוועלטלעכן גאָט. פאַרגלייך. Renan Averroés et l' Averroisme, Paris 1852, p 80

וואָס אַן אמת, זענען אויך די טרוימערישע נייפּלאַטאָניקער, ווי פּלאָטינוס און פּאָרפּיריוס, געווען אַנטשלאָסענע קעגנער פון קריסטנטום (פּאָרפּיריוס האָט אָנגעשריבן 15 ביכער קעגן די קריסטן), אָבער אינערלעך זענען זיי געשטאַנען אַמנאָנטסטן צו דער קריסטלעכער לערע, פונקט אַזוי ווי זיי האָבן, בלי ספק, אויך משפּיע געווען אויף דער ווייטערדיקע, אַנטוויקלונג פון דער קריסטלעכער פילאָזאָפיע. אינערלעך נאָר ווייטער זענען געשטאַנען גאַלענוס און סעלזוס, הגם דער לעצטער איז נישט געווען, ווי מ׳האָט פריער געגלויבט אַן עפּיקורייער, נאָר אַ פּלאַטאָניקער; (ז. איבערוועגס גרונדריס. 65 §); אַמווייטסטן זענען געשטאַנען די סקעפּטיקער פון ענעזידעמיוס שול און די „עמפּירישע דאָקטוירים״ (צעללער III, 2. 2 אויפל. 5. ז 1 א. וו.) באַזונדערס סעקסטוס עמפּיריקוס.

14) די פאַראַלגעמיינערונג פון די באַגריפן „עפּיקורייער״, און „עפּיקורייאיזם״ איז שוין זייער אַלט אין זין פון קעגנזאַץ לגבי דער טראַנסצענדענטאַלער גאָט לערע און דער אַסקעטישער דאָגמאַטיק. בעת די עפּיקורייאישע שול (ז. אויבן III) טראָגט אין זיך דעם באַשטימטן חותם און דעם געשלאָסנסטן

צוזאַמענהאַנג פון אַלע ערעס צווישן אַלע פילאָזאָפישע שולן פון אַלטערטום, באַצייכנט שוין דער תלמוד די צדוקים און פריידענקער אַלס עפיקורייער (אפיקורסים). אין 12-טן י. ה. האָט זיך אין פלאָרענץ באַוויזן אַ פאַרטיי „עפיקורייער", וועלכע ס'איז שווער אויפצופאַסן אַלס אַזעלכע אין זין פון שטרענגן שולבאַגריף; פונקט ווי מ'קאָן דאָס נישט אָנווענדן לגבי די עפיקורייער, וועלכע דאַנטע הייסט אָפרוען אין פייערדיקע קברים (פאַרגל. רענאַן, אַווראָעס, ז 123, און 227) אַן ענלעכע פאַראַלגעמיינערונג איז איבריקנס פאָרגעקומען אויך מיטן נאָמען „סטאָאיקער".

15) רענאן, אַווראָאָס, ז. 76 א. וו. ווייזט אויף, ווי די מעגלעכסט אַבסטראַקטע אויפפאַסונג פון גאָטבאַגריף איז בעצם געשטיצט געוואָרן דורך דער באַקעמפונג פון די קריסטלעכע לערעס וועגן דער דרייאייניקייט און פאַרמענטשלעכונג פון גאָט. די פאַרמיטלענדיקע שול פון די „מאָטאַזעליטן" פאַרגלייכט רענאַן מיט שלייערמאכערס שול.

16) צו די ערשטע פון דידאָזיקע מיינונגען באַקענט זיך אַוויסענאַ, בעת די צווייטע, לויט אַ געבערענגטער פון אַווראָעס סברה, האָט געזאָלט זיין זיין אייגענע מיינונג. אַוועראָעס גופא האַלט, אַז יעטוועדע פאַרענדערונג און באַוועגונג אין דער וועלט און בפרט דאָס ווערן און פאַרגיין פון די אָרגאַניזמען שטעקט שוין „לויט דער מעגלעכקייט" אין דער מאַטעריע און גאָט האָט מער נישט צו טאָן, ווי אַריבערצופירן די מעגלעכקייט אין דערווירקלעכקייט. וויבאַלד מ'שטעלט זיך אָבער אויפן שטאַנדפונקט פון דער אייביקייט, פאַרשווינדט דער אונטערשיד צווישן מעגלעכקייט און ווירקלעכקייט, מחמת אין אייביקן לויף ווערט יעדעס מעגלעכע ווירקלעכקייט. דערמיט אָבער פאַרשווינדט בעת דעם העכסטן שטאַנדפונקט פון דער באַטראַכטונג אויך דער קעגנזאַץ פון גאָט און וועלט. פאַרגלייך רענאַן, אַוועראָעס, ז 73 א. וו. § 2.

17) דידאָזיקע מיינונג, וואָס איז זיך סומך אויף דער אַריס-

טאָטעלשער לערע (אין זיין בוך „וועגן דער נשמה" de anima III, 5) וועגן גייסט, וועלכער איז אָפּגעשיידט פונם גוף, האָט מען באַצייכנט אַלס „מאָנאָפּסיכיזם", ד. ה. אַלס לערע, אַז די אומשטערבלעכע נשמה (אין אונטערשיד פון דער שטערבלעכער חיהשער נשמה) איז איין און די זעלבע אין אַלע וועזנס, וואָס האָבן אַ חלק אין איר.

18) פאַרגלייך הומבאָלדטס קאָסמאָס II, ז. 258 א. וו. דרעפּער, געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג אין איראָפּע 2 אויפל. לייפּציק 1871, ז. 369 א. וו. (דייטשישע איבערזעצונג פון ענגלישן). דער מחבר, וועלכער איז אַ גרויסער בקי אויפן באַטורוויסנשאַפטלעכן געביט, (פאַרגלייך אויבן אָנמ. 4) באַקלאָגט זיך (ז. 363) „אויפן סיסטעמאַטישן אופן, אין וועלכן די איראָפּעאישע ליטעראַטור האָט דערפּירט, אַז מיר זאָלן פאַרגעסן אָן אונזערע וויסנשאַפטלעכע התחייבותן לגבי די מאַכמעדאַנער".

19) פאַרגלייך, ליביג, כעמישע בריוו, 3 און 4 בריוו. דער זאַץ: „די אַלכעמיע איז קיינמאָל גישט געווען עפּעס אַנדערש ווי די כעמיע" גייט אַביסל צו ווייט. וואָס שייך דער באַוואָרעניש נישט אויסצומישן זי מיט דער קונסט צו מאַכן גאָלד אין 16-טן און 17-טן י. ה., דאַרף מען דאָך נישט פאַרזען, אַז זי איז פשוט אַ פאַרווילדעטע אַלכעמיע, פונקט ווי דער שווינדל פון די טרעפּערס פון דער זעלבער תקופה איז נישט מער ווי אַ פאַרווילדעטע אַסטראָלאָגיע. דער גרויסער חילוק צווישן גייסט פון דער מאָדערנער כעמיע און דער מיטלאַלטערלעכער אַלכעמיע לאָזט זיך אַמקלאָרסטן אויפווייזן אינם פאַרהעלטניש צווישן עקספּערימענט און טעאָריע. פאַר די אַלכימיסטן איז די טעאָריע אין אירע גרונטשטריכן געווען אומדערשיטערלעך פעסט; זי האָט געהערשט איבערן עקספּערימענט, און ווען דער לעצטער האָט אַרויסגעגעבן אַן אומדערוואַרטעטן רעזולטאַט איז דאָס געוואָרן קינסטלעך צוגעפּאַסט צו דער טעאָריע, וועלכע האָט געהאַט אַן אַפּריאָריסטישן אורשפּרונג. די אַלכעמיע האָט בכן, בעיקר געצילט צו פּאָרויס משער געווען רעזולטאַטן, און זיך ווייניקער פאַרנומען מיט פרייער פאָרשונג.

וואָס אַן אמת, איז דידאָזיקע ריכטונג פון עקספּערימענט נאָך
געננוג ווירקזאַם אין דער היינטצייטיקער כעמיע, און די אויטאָרי-
טעט פון די אַלגעמיינע טעאָריעס איז, הגם נישט אין דער
היינטיקער תקופה, געווען אַ זייער באַדייטנדיקע אין דער ערשט
נישטלאַנג פאַרגאַנגענער תקופה, איז אָבער דאָך דער פּרינציפּ
פון דער מאָדערנער כעמיע אַן עמפּירישער; בעת די אַלכעמיע
איז, נישט געקוקט אויף אירע עמפּירישע רעזולטאַטן, געווען
אַן אַריסטאָטעלשע-סכאָלאַסטישע. די וויסנשאַפטלעכע פאָרם פון
דער אַלכעמיע, ווי אויך פון דער אַסטראָלאָגיע, שטיצט זיך אויף
דער קאָנסעקווענטער דורכפירונג פון געוויסע פּשוטע פונדאַמענ-
טאַל כּללים, וועלכע זענען דורך זייערע קאָמבינאַציעס פעיק
אויף דער גרעסטער פאַרשידנפאַכיקייט. וועגן דער נאַטור פון
אַלע קערפּער און זייערע קעגנזייטיקע באַציונגען, וועגן דער
אונטערשטיצונג פון וויסנשאַפטלעכן גייסט דורך דער אַ ס ט ר אָ-
ל אָ ג י ע אין איר ריינערער פאָרם, פאַרגלייך ה אַ ר ט פּ אָ ל
ל ע ק י, געשיכטע פון דער השכלה אין אייראָפּע, איבערזעצונג
פון ענגליש. ז. 215 א. וו., ווו אין דער אָנמערקונג 1 צו ז.
216 געפינען זיך מערערע ביישפּילן פון די דרייסטע אידייען
פון אַסטראָלאָגישע פריידענקער. פאַרגלייך אויך ה ו מ ב אָ ל ד ט ס
„קאָסמאָס" II, ז 256 א. וו.

20) ד ר ע פּ ע ר, געשיכטע פון דער גייסט. אַנטוו. אין
אייראָפּע, 2 אויפל. ז. 306 א. וו. ווייניקער גינסטיקע אורטיילן
וועגן דער מעדיצין פון די אַראַבער Häzer, Gesch. d.
Med. (2 Aufl. Jena 1853) § 173 u ff.
אין Daremberg. hist. des sciences medicales,
Paris 1870; אָבער אויך פון דערדאָזיקער שילדערונג זעט מען
בולט זייער גרויסע טעטיקייט אויפן דאָזיקן געביט.

21) פאַרגלייך Wachler. Handb. d. Gesch d. Liter
II, § 87; Meiners, hist. vergleich der siten usw.
des Mittelalters mit d. unsr. Jahrh., II, S 413 u ff.
Daremberg, hist. des sciences med. I, p. 295 u. ff.
ווייזט, אַז די מעדיצינישע באַדייטונג פון סאַלערנאָ איז עלטער-

ווי דער איינפלוס פון די אַראַבער און אַז דאָ האָבן וואַרשיינלעך געלעבט טראַדיציעס פון אַלטערטום. אָבער אַדאַנק קייזער פרידריך ii האָט די שולע דערגרייכט אַ באַדייטנדיקן אויפשווונג.

22) מיט דער באַהויפּטונג, אַז אַווערראָעס אָדער קייזער פרידריך II, אָדער וועלכער ס'איז אַנדערער חוצפּהדיקער פרייַדענקער, האָט אָנגערופן אַלס די „דריי שווינדלער" מאַכמעדן, קריסטוסן און משהן, האָט מען זיך באַנוצט אין מיטאַלטער אַלס אַ פאַלשע מסירה און אַלס אַ מיטל צו וואַרפן אַ חשד קעגן מענטשן פון פרייער ריכטונג און דערוועקן קעגן זיי שנאה. שפּעטער האָט מען צוליב דערדאָזיקער לעגענדע פאַרפאַסט אַ בוך וועגן די דריי שווינדלער און אַ גרויסע ריי פון פרייַגעזינטע מענטשן זענען געוואָרן באַשולדיקט (ז. די רשימה ביי Genthe, de impostura religionum Leipz. 1833. S. 10 uf ווי אויך ביי רענאַן, אַווערראָעס. ז. 435) אַז זיי האָבן פלומרשט פאַרפאַסט אַ בוך, וועלכעס עקזיסטירט גאָרנישט. לסוף האָט דער אייפער, מיט וועלכן מ'האָט אַרומגערעדט די פראַגע וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזאַ בוך, גורם געווען, אַז אַ ליטעראַרישע אינדוסטריע האָט אָנגעהויבן פאַבריצירן אַזעלכע ביכער, וואָס האָבן געהאַט אַ גאָר שוואַכן אינהאַלט. אויספירלעכער ביי גענטע.

23) האַממער, אין זיין אויף אָריענטאַלישע מקורים זיך שטיצנדיקע געשיכטע פון די אַסאַסינען, (שטוטגאַרט און טיבינגען 1813) איז נוטה צו דער מיינונג, וועלכע טיילט איין די אַסאַסינען אויף שווינדלער און באַשווינדלטע, און אויף די זעכסטע שטופע זעט ער נישט מער ווי קאַלטע אויסרעכנונג, אַבסאָלוטן אומגלויבן און געמיינעם עגאָאיזם. אַלנפאַלס גיבן די מקורים געגוג טעמים דערויף; דערביי דאַרף מען אָבער נישט פאַרזען, אַז דאָס איז דער געוויינלעכער אופן, ווי אַ זיגרייכע אָרטאָדאָקסיע באַגייט זיך מיט באַזיגטע סעקטעס. אָפּגעזען פון די אָפטע פאַלן פון ביַזוויליקע אויסטראַכטונגען, קומט דאָ פאָר דאָס זעלבע ווי מיט דער פאַרורטיילונג פון דער אַזוי גערופענער „צביעות" אין אינדיווידועלן לעבן. אויספאַלנדיקע

פרומקייט איז אין די פאָלקסאויגן עכטע הייליקייט אָדער אַ נידערטרעכטיקע מאַסקע פון אַלעם שלעכטס; די געוויינלעכע אויפפאַסונג פון אַזעלכע דערשיינונגען האָט ווייניק פאַרשטענדניש פאַר דער פסיכאָלאָגישער סובטעלקייט פון דער אויסמישונג פון עכטער רעליגיעזער עמפינדונג מיטן מגושמדיקן עגאָאיזם און זינדיקע מעשים. האָמער דערקלערט זיין אייגענע אָנשויונג וועגן די אַססאַסינען מיט פאָלגנדיקע ווערטער: (ז. 20) „פון צווישן אַלע ליידנשאַפטן, וועלכע האָבן ווען-עס-איז געבערעגנט אין באַוועגונג צינגער, פעדער און שווערדן, אַ תל געמאַכט פון טראָנען און דערשיטערט אַלטאַרן, איז די תאוה צו הערשאַפט די ערשטע און די מעכטיקסטע. פאַרברעכנס זענען דאָ געוווּנשן אַלס מיטל, טוגנטן — אַלס מאַסקע. קיין שום זאַך איז פאַר איר נישט הייליק. און דאָך באַהאַלט זי זיך אַמליבסטן מחמת ס'איז אַמזיכערסטן, אונטער די פליגלען פון די הייליקסטע הייליקייטן פון די מענטשהייט — דער רעליגיע. דערפאַר איז די געשיכטע פון דער רעליגיע קיינמאָל נישט שטורמישער און בלוטיקער, ווי דעמאָלט, בשעת די טיאַרע, פאַרבונדן מיטן דיאַדעם, גיבן איר צו אַ גרעסערע קראַפט, ווי זיי באַקומען פון איר". אָבער ווו האָט עקזיסטירט אַ פריסטערשאַפט, וועלכע איז נישט געווען להוט נאָך הערשאַפט, און וויאַזוי קאָן גאָר די רעליגיע זיין דאָס הייליקסטע פון דער מענטשהייט, אויב אירע ערשטע דינער געפינען אין איר נישט מער ווי אַ מיטל צו באַפרידיקן זייער תאוה צו מאַכט? און פאַרוואָס איז די הערשאַפט אַזאַ אָפטע און געפערלעכע ליידנשאַפט, בעת סרוב פירט זי דורך אַ דערנערפולן און העכסט אומזיכערן וועג צום יענעם געניסלעבן, וועלכעס מיר באַטראַכטן אַלס ענדציל פון אַלע עגאָאיסטן? וואַרשיינלעך, אַז ביי דער תאוה צו מאַכט איז זייער אָפט פאַרבונדן — און אין די גרויסע געשעענישן פון דער וועלט-געשיכטע כמעט שטענדיק — אַן אידעאַל, וועלכער ווערט טיילווייז איבערגעשאַצט פון זיינע אָנהענגער און זיי באַטראַכטן זיך אַלס זיינע איינציקע טרעגער, אָן וועלכע דער אידעאַל קאָן נישט האָבן קיין קיום

דערין ליגט אויך דער טעם, פאַרוואָס גראָד די רעליגיעזע תאוה צו הערשאַפט איז באַזונדערס אַזאַ אָפטע. מחמת די פאַלן, אין וועלכע די רעליגיע ווערט באַנוצט פון אַן אַמביציעזן אָבער נישט רעליגיעזן כאַראַקטער אַלס אַ טרייבקראַפט, קומען זייער זעלטן פאָר אין דער געשיכטע.

דידאַזיקע באַטראַכטונגען האָבן אויך אַ שייכות צו די יעזואיטן, וועלכע זענען אין געוויסע פעריאָדן פון זייער געשיכטע אוודאי געשטאַנען זייער נאָענט צו די אַסאַסינען, ווי האַמער פאַסט דאָס אויף, בעת אָן דער הילף פון עכטן פאַנאַטיזם וואָלטן זיי נישט געווען ביכולת צו באַפעסטיקן זייער מאַכט אין די געמיטער פון די גלויביקע. און מיט רעכט שטעלט זיי האַמער (ז. 337) פאַראַלעל צו די אַסאַסינען; בעת אָבער ער האַלט די מערדער פון קיניג בשעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פאַר ווירדיקע סאַטעליטן פונם „אַלטן פון די בערג", ווייזט עס נאָר, ווי לייכט אַזעלכע פאַראַלגעמיינערונגען קאָנען אונז פאַרפירן צום אומפאַרשטענדניש פון די אייגנטימלעכע היסטאָרישע דערשיינונגען. יעדנפאַלס איז דער היסטאָרישער פאַנאַטיזם פון די פראַנצויזישע טעראָריסטן אינגאַנצן און גרויסן געווען אַ זייער אויפריכטיקער און נישט צביעותדיקער.

24) פראַנטל, געשיכטע פון דער לאָגיק אין מערב, II, ז. 4., זעט אין דער גאַנצער סכאָלאַסטיק נאָר טעאָלאָגיע און לאָגיק, אָבער דורכויס נישט קיין „פילאָזאָפיע". איבעריקנס איז זייער ריכטיק, אַז די פאַרשידענע פעריאָדן פון דער סכאָלאַסטיק לאָזן זיך אונטערשיידן בלויז לויטן איינפלוס פון דעם רייכן בהדרגה פליסנדיקן שולמאַטעריאַל (און אַזוי נאָך ווייזט זיך אויס אַלס אומבאַגרינדעט איבערוועגס איינטיילן אויף דריי פעריאָדן: די אומפולשטענדיקע, די פולשטענדיקע און די ווידער שוואַכע צופאַסונג פון דער אַריסטאָטעלשער פילאָזאָפיע צו דער קירכלערער לערע). דאָרט אויך אַ פולשטענדיקע רשימה פונם שולמאַטעריאַל, וואָס האָט זיך געפונען אין רשות פון די לערנער אין אָנהייב פון מיטלאַלטער.

25) דאָס לעצטע איז זייער גוט אויסגעוויזן געוואָרן דורך ד״ר שופּפּע אין זיין שריפט „די אַריסטאָטעלישע קאַטעגאָריעס״. בערלין 1871.

26) פּראַנטל, געשיכטע פון דער לאָגיק, II. ז. 77 א. וו. באַזונדערס די באַמערקונג 75.

27) איבערוועג. גרונדריס I, 4 אויפל. ז 172, 125. די דאָרט געבראַכטע באַווייזן גענוג פולשטענדיק פאַר אונזער צוועק, מחמת דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן אַ נייער אויפפאַסונג פון דער אַריסטאָטעלישער מעטאַפיזיק, נאָר אין אַ קריטישן אַנאַליז פון די באַקאַנטע אַריסטאָטעלישע באַגריפן און לערכללים.

28) קאַנטס קריטיק פון ריינעם שכל, עלעמענטאַרלערע II טייל, 2 אָפּט., 2 בוך, 3 הויפּטשטעלע, 4 קאַפּיטל. באַנד III, ז 409 פון האַרטענשטיינס אויסגאַבע. קאַנט באַהאַנדלט דאָרט די אוממעגלעכקייט פון אַן אָנטאָלאָגישן באַוויז פון גאָטס עקזיסטענץ, און ווייזט אויף, אַז „זיין״ איז איבערהויפּט נישט קיין רעאַלער פּרעדיקאַט, ד. ה. קיין „באַגריף פון וועלכן-עס-איז עפּעס, וואָס וואָלט געקאָנט צוקומען צום באַגריף פון אַ זאַך״. אַזוינאָך אַנטהאַלט אויך דאָס ווירקלעכע נישט מער (לויט זיין באַגריף) ווי דאָס בלויזע מעגלעכע, און ווירקלעכקייט איז דאָס זיין פון דער זעלבער זאַך אַלס קעגנשטאַנד, פון וועלכן איך האָב ביי דער (ריין לאָגישער) מעגלעכקייט נאָר דעם באַגריף. כדי צו דערקלערן דאָסדאָזיקע פאַרהעלטניש באַנוצט זיך קאַנט מיטן פאָלגנדיקן ביישפּיל: הונדערט ווירקלעכע טאָלער אַנטהאַלטן נישט עפּעס מער, ווי הונדערט מעגלעכע. מחמת די לעצטע באַטייטן דעם באַגריף, די ערשטע אָבער — די זאַך און איר פּאָזיציע אין זיך, דאַן וואָלט, אין פאַל ווען די לעצטע זאָל מער אַנטהאַלטן ווי די ערשטע, מיין באַגריף נישט אויסגעדריקט די גאַנצע זאַך. און בכן נישט געווען דער אַנטשפּרעכנדיקער באַגריף פון איר. אָבער אין מיין פאַרמעגנסצושטאַנד האָט אַ גרעסערן באַטייט הונדערט ווירקלעכע טאָלער ווידער בלויזער באַגריף

זייערער (ד. ה. זייער מעגלעכקייט), מחמת די זאַך געפינט זיך ביי דער ווירקלעכקייט נישט בלויז אַנאַליטיש אין מיין באַגריף, נאָר קומט אויך סינטעטיש צו צו מיין באַגריף (וועלכער איז אַ דעפיניציע פון מיין צושטאַנד, אָן דעם, אַז דורכן דאָזיקן זיין מחוץ מיין באַגריף זאָלן זיך אַמווייניקסטן פאַרמערן דידאָזיקע במחשבה הונדערט טאָלער"). דער אין טעקסט צוגעגעבענער ביישפיל פון אַ באַנקנאָט האָט די כוונה מער פאַראָנשוילעכן די זאַך, דערמיט וואָס לעבן דער בלויז לאָגישער מעגלעכקייט (די במחשבה הונדערט טאָלער.) ווערט נאָר אַריינגעצויגן אין שפיל אַלס וואַרשיינלעכקייטסטעם, וועלכער שטיצט זיך אויף אַ טייל-ווייזער אָבסערוואַציע פון די באַציונגען, וואָס האָבן אַ השפעה אויף דער ווירקלעכער אויסצאָלונג פון די הונדערט טאָלער. דידאָזיקע באַדינגונגען (טיילווייז אָנערקענט) זעען דאָס, וואָס איבערוועג (לאָגיק, 3 אויפל. ז 167, 69 §) רופט אָן „רעאַלע מעגלעכקייט". דער שיין פון אַ פּראָבלעמאַטיש פאַר-העלטניש אַנטשטייט דאָ דערפאַר, וואָס מיר טראָגן איבער דעם קשר אינם אָביעקט צווישן דעם ריין.ווירקלעכן פאַראַנזיין פון די באַציונגען און דעם אין אַ שפּעטערדיקן צייטמאָמענט און ווירקלעכן זיין פון באַדינגטן.

Krug, Gesch. der preuss. Staatsschulden. (29
Breslau 1861, S82.

30) די פולשטענדיקע דעפיניציע de anima II 1 לויטעט, אין קירכמאַנס איבערזעצונג (פיל. ביבל. באנד 43): „די נשמה איז די ערשטע פאַרענדיקטע ווירקלעכקייט פון אַ לויט דער פעיקייט לעבעדיקן נאַטורקערפּער, און טאַקע פון אַזעלכן, וואָס באַזיצט אָרגאַנען". דאָרטן געפינען זיך אויך טרעפלעכע דערקלערונגען, אָבער אויב קירכמאַן זאָגט (ז. 58), אַז דידאָזיקע דעפיניציע איז גאָרנישט קיין דעפיניציע פון דער נשמה אין מאָדערנעם זין, נאָר בלויז אַ דעפיניציע פון דער אָרגאַנישער קראַפט, וועלכע איז אַ בשותפותדיקע פאַרן מענטש, חיה און פלאַנץ, קאָן דאָס נישט ריכטיק זיין, מחמת אַריסטאָ-

טעלעס דערקלערט פריער, אַז ער וויל געבן אַן אַלגעמיי-
נעם באַגריף וועגן דער נשמה, בכן אַזעלכן, וואָס נעמט אַרום
אַלע מינים נשמות. דאָס הייסט אָבער נישט, ווי קירכמאַן איז
תופס: דער באַגריף וועגן אַ נשמה מין, וועלכע איז בשותפות
פאַר אַלע גייסטיקטע וועזנס, לעבן וועלכע אָבער איין טייל
זייערער קאָן באַזיצן נאָך אַן אַנדערן, דורך דער דעפיניציע
נישט אַרומגענומענעם מין פון נשמות. גיכער מוז די דעפיניציע
אויך אַרומנעמען די גאַנצע מענטשלעכע נשמה צוזאַמען מיט
אירע העכערע פעיקייטן, ווי למשל, די פלאַנצנשמה, און אַזוי
איז עס פאַקטיש. מהמת לויט דער אַריסטאָטעלשער אויפפאַסונג
איז דער מענטשלעכער גוף געשאַפן געוואָרן אַלס אָר-
גאַניזם פאַר אַ שכלדיקער נשמה, און דידאָזיקע שטעלט
מיט זיך פאָר די פאַרווירקלעכונג, דערמיט וואָס זי שליסט אין
זיך איין אויך די נידעריקע פעיקייטן. אַז דידאָזיקע אויפפאַ-
סונג קאָן מען נישט ברענגען אין איינקלאַנג מיט איין טייל
פונם מאָדערנעם סיסטעם פון דער פסיכאָלאָגיע (אויף וויפל זי
שרייבט צו דער נשמה בלויז די פונקציעס פונם באַוווסטזיין),
באַרעכטיקט אונז נישט אויפצופאַסן זי אַלס אַ פיזיאָלאָגישע.
לאָזט דאָך אַריסטאָטעלעס — און דערין איז ער מער גערעכט
ווי טייל נייע פילאָזאָפן — דעם שכל אויך ביים דענקן מיט-
ווירקן מיטן זינלעכן בילד פון דער פאַנטאַזיע.

Fortlage, System der Psychol, I, S. 24 (31

זאָגט: די נעגאַטיווע גרויס פון אַן אוממאַטעריעלן עלעמענט,
פון וועלכן עס איז באַהערשט די ספערע פון די אויסערלעכע
חושים, איז פיקסירט געוואָרן דורך אַריסטאָטעלעסן מיטן רעט-
נישפולן און פילבאַטייטנדיקן, און דעריבער טיפזיניק-שיינענדיקן
entelecheja און דערפון געמאַכט אַ יש מאין". די לעצטע
באַמערקונג איז, בלי ספק, ריכטיק, נצמלעך, אַז אַריסטאָטעלעס האָט,
אָננעמענדיק די „אַנטעלעכציאַ" געשאַפן פון גאָרנישט אַ שיינבאַרן
יש. דאָס איז אָבער נוגע נישט בלויז דעם נשמה-באַגריף, נאָר
דער גאַנצער אָנווענדונג פונם וואָרט entelecheja און חוצדעם
דער גאַנצער אַריסטאָטעלשער לערע וועגן מעגלעכקייט און ווירק-

לעכקייט. אין די זאַכן איז איין פאַר אַלע מאָל פאַראַן נישט מער ווי די פולקאָמעווירקלעכקייט. יעדע זאַך פאַר זיך גענומען איז „ענטעלעכעיא״ און בעת מ׳שטעלט אַוועק אַ זאַך לעבן איר „ענטעלעכעיא״ באַקומט זיך פשוט אַן איבערחזרונג (טאוטאָלאָגיע) פון די ווערטער. פונקט ווי אין פאַל מיט דער נשמה, אַזוי איז עס ביי אַלע אַנדערע פאַלן. דעם מענטשנס נשמה איז לויט אַריסטאָטעלעסן דער מענטש. די דאָזיקע טאוטאָלאָגיע באַקומט אַ ווייטערדיקע באַדייטונג איבערהאַלב דעמדאָזיקן סיסטעם, מחמת ער 1) שטעלט אַוועק קעגנאיבער דעםווירקלעכן און פאַרפולקאָמטן מענטש דעם שיין און אילוזיע-בילד פון אַ קערפער בבחינת אַ מעגלעכן מענטש (פאַרגל. איבעריקנס די פאָלגנדיקע באַמערקונג) און 2) דאָס ווירקלעכע און פאַרענדיקטע ווען ווערט ווידער פאַרביטן מיט ממשותדיקן אָדער באַגריפלעכן טייל פון ווען מיט דער הילף פון דערזעלבער צווייִדייטיקייט, וואָס מיר ווערן דורך איר אַזוי מאָדנע געשטרויכלט דורכן באַגריף „הויה״. אַריסטאָטעלעס האָט בכן אויך „די נעגאַטיווע גרויס פון אַן אוממאַטעריעלן״ נישט פיקסירט אין זיין נשמה-באַגריף ווייטער ווי אין באַגריף „פאָרם״ איבערהויפּט. ערשט די נייפּלאַטאָנישע אויפפאַסונג פון איבערזינלעכן האָט אַריינגעברענגט די מיסטיק אינם באַגריף entelecheja, אין וועלכן זי האָט זיך געקאָנט אויסגעצייכנט אַנטוויקלען.

32) פאַרגל. de anima, II, 1. S 61 אין קירכמאַנס איבערזעצונג. אויך איז נישט דאָס, וואָס האָט פאַרלוירן זיין נשמה, דאָס לעבעדיקע אין דער מעגלעכקייט, נאָר דאָס, וואָס עס באַזיצט; דערקעגן איז דער זוימען און פרוכט אַזאַ קערפער אין דער מעגלעכקייט״. דאָ באַמיט זיך אַריסטאָטעלעס אויסצומיידן דעם זייער באַרעכטיקטן איינווענד, אַז לויט זיין סיסטעם יואָלט יעדער מענטש געמוזט אַנטשטיין פון אַ פאַרטיקן טויטן גוף דורכן צוגאָב פון דער entelecheja, ער קאָן אָבער מיט רעכט באַהויפּטן, אַז דער טויטער גוף טויג שוין מער נישט דערצו, מחמת ער איז שוין מער נישט קיין פולקאָמער אָרגאַניזם (עס

איז אָבער אָ ספק, צי אַריסטאָטעלעס איז אַזוי ווייט געגאַנגען מיט זיין געדאַנק; פאַרגלייך קירכמאַנס באַמערקונג צו דער־דאָזיקער שטעלע); אָבער דאַן איז אוממעגלעך אויפצווייזן אַ פאַל, אין וועלכן דער „לויט דער מעגלעכקייט" לעבעדיקער קערפּער זאָל אונטערגעשטיצט ווערן פון ווירקלעך־לעבעדיקע קערפּער, און דעריבער נעמט דאָ אַריסטאָטעלעס צו הילף דעם זוימען און די פרוכט. דאָ אַנטשטייט דער שיין פון אַ באַרעכטיקונג פון זיין קעגנזאַץ צווישן „מעגלעכן" און „ווירקלעכן", אָבער אויך נאָר לפנים, מחמת אויך זוימען און פרוכט זענען שוין באַלעבט און זיי באַזיצן אַ פאָרם, וואָס האָט אַ שייכות צום וועזן פון מענטש. ווען מען אָבער, אַנווענדנדיק דעם אין טעקסט דערקלערטן רעלאַטיוויזם פון פאָרם און שטאָף, זאָגן: דער עמבריאָ באַזיצט טאַקע די פאָרם (און בכן אויך די en-telecheja) פון דעם עמבריאָ, אָבער אין באַציִונג אויף דעם פאַרטיקן מענטש איז ער בלויז מעגלעכקייט און בכן שטאָף, — קלינגט דאָס פאַרפירעריש, כּל זמן מ'האָט אין זינען נאָר די עקסטרעמען און מ'נעמט אַרום מיט אַ שנעלן בליק דעם אַקט פון פאַרווירקלעכונג. קוקן מיר זיך אָבער צו צו דער בהדרגהדיקער אַנטוויקלונג פון דער זאַך, צערינט דאָס גאַנצע אילוזיע־בילד און ווערט גאָרנישט, ווייל ס'איז אוממעגלעך, אַז אַריסטאָטעלעס האָט געוואָלט זאָגן, דער בחור איז דער גוף פון מענטש, מחמת ער איז זיין מעגלעכקייט.

33) באמת האָט די קירך באַקעמפט די אָפּשיידונג פון דער anima rationalis פון די נידעריקע נשמה־כּוחות, און אפילו אויפן קאָנציל אין ווין (1311) האָט מען דערהויבן דעם היפּוך דערפון צו דער מדרגה פון אַ דאָגמע, אָבער ס'איז שטענדיק צוריקגעקומען דער באַקוועמער און בעסערער, צו אַריסטאָטעלעסן צוגעפּאַסטער אָנשויונגס־אופן.

34) אויך איבערוועג, (גרונדריס I, 4 אויפל. ז. 182) אַנערקענט די סתירה אין דער לערע פון גייסט און דער אומשטערבלעכקייטסלערע. פאַרגלייך די באַמערקונג 55 צום ערשטן קאַפּיטל.

35) זע, פראַנטל. געשיכטע פון דער לאָגיק אין מערב, III, ז. 184.

36) פאַרגלייך, חוץ פראַנטל, אויך Barach, Zur Gesch. des Nominalism vor Roscelin, Wien 1866, וווּ ער ווייזט אויף, אַז אין אַ כתב־יד פון 10־טן י. ה. געפינט זיך שוין די לערע פון נאָמינאַליזם אין אַ זייער אַנטוויקלטער פאָרם.

37) למשל, אין איינצלנע שטעלן ביי אַלבערטוס מאַגנוס; פאַרגל. פראַנטל, III 97 א. וו.

38) דאָס אויפווייזן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דער פאַרשפרייטונג פון דער ביצאַנטינישער לאָגיק אין מערב און דעם ניצחון פון נאָמינאַליזם איז איינער פון די ווערטפולסטע פאַרדינסטן פון פראַנטלס „געשיכטע פון דער לאָגיק אין מערב“. דאָס, וואָס פראַנטל רופט נישט אָן אָקקאַמס ריכטונג „נאָמינאַליזם“, נאָר „טערמיניזם“ (פון לאָגישן „terminus“, וואָס איז געווען דאָס הויפטווערקצייג פון דערדאָזיקער שול), איז נישט מאַסגעבנד פאַר אונז, מחמת מיר באַהאַנדלען דידאָזיקע זאַך נאָר דרך אגב. מיר פאַסן אויף דעם „נאָמינאַליזם“ אין ברייטערן זין פון יענער גאַנצער אָפּאָזיציע קעגן פלאַטאָניזם, וועלכע אָנערקענט נישט די אוניווערסאַליעס אַלס זאַכן. פאַר אָקקאַם זענען זיי נישט, וואָס אַן אמת, „נעמען“, נאָר „termini“, וועלכע רעפּרעזענטירן די דורך זיי אַרומגענומענע זאַכן. דער „terminus“ איז אַ באַשטאַנדטייל פון אַן אין גייסט געשאַפענעם אורטייל; ער באַזיצט נישט קיין שום עקזיסטענץ מחוץ דער נשמה, ער איז אויך אָבער נישט ריין ווילקירליך, — ווי דאָס וואָרט, מיט וועלכן ער קאָן אויסגעדריקט ווערן, נאָר ער אַנטשטייט מיט דער נאַטירלעכער נויטווענדיקייט אינם פאַרקער פונם גייסט מיט די זאַכן. פאַרגל. פראַנטל, III, ז. 344 א. וו. בפרט די באַמערקונג 782.

39) פראַנטל, III, ז 328. די פאָדערונג וועגן פרייהייט פון דענקן באַציט זיך באמת נאָר אויף פילאָזאָפישע זאַצן (פאַרגל. די באַמערקונג אין פאָלגנדיקן קאַפּיטל וועגן דער

טאָפּלטער וואָרהייט אין מיטלאַלטער); אַזוי ווי די טעאָ־לאָגיע איז, אין תוך גענומען, נאָר אין געביט פון גלויבן, און גייט נישט אַריין אין גדר פון דער וויסנשאַפט, האָט די־דאָזיקע פאָדערונג אַ באַדייטונג פאַרן גאַנצן געביט פון וויסנ־שאַפטלעכן דענקן.

40) דערביי לייקנט אָקקאַם בשום אופן נישט אינם ווערט פון די אַלגעמיינע כּללים. ער לערנט אַפילו, אַז די וויסנשאַפט באַציט זיך אויף די אוניווערסאַליעס, נישט דירעקט אויף איינ־צעלנע זאַכן, אָבער זי באַציט זיך נישט אויף אוניווערסאַליעס אַלס אַזעלכע, נאָר בלויז אויף אוניווערסאַליעס אַלס אויס־דרוק פון די דורך זיי אַרומגענומענע אינדיווידן. פּראַנטל, III, 332 א. וו. בפרט באַמער. 750.

41) פּראַנטל. געשיכטע פון דער לאָגיק III, ז 1. באַ־מערקט: עס קאָן נישט אַפּט גענוג אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די אַזוי גערופענע אויפלעבונג פון אַלטערטום אין דער פילאָ־זאָפיע, מאַטעמאַטיק און נאַטורוויסנשאַפטן איז שוין ס'רוב פאַר־געקומען אין 13־טן י. ה. אַדאַנק דעם באַקענען זיך מיט אַריס־טאָטעלעסן און דער אַראַבישער ליטעראַטור".

42) די דאָ אַהער שייכותדיקע פאַקטן געפינען זיך אויס־פירלעך אין רענאַנס אַווערראָעס, (פּאַריז 1852) II, 2 און ד. אַ גענויער איבערבליק איבער אַלץ, וואָס באַציט זיך ספּעציעל אויף דער לערע וועגן דער טאָפּלטער וואָרהייט, געפינט זיך ביי Maywald, die Lehre von der zweifachen Warheit, der Trenung von Theologie und Philosohie im Mittelalter. Berlin. 1871.

43) מאַיוואַלד, טאָפּלטע וואָרהייט. ז. 11. רענאַן. אַווערראָעס. ז. 219

44) מאַיוואַלד, ז. 13; רענאַן, ז. 208. ווי אויך: Homrédu, philoso-scholast. Bemerkungen über den Zusammenhang des englischen Averroismus mit der Franziskanerpartei.

45) רענאַן, אַווערראָעס, ז. 258, זאָגט: די אינטעלעק־

טועלע באַוועגונג פון צפון-מזרח איטאַליע, בולאָן, פעראַרע, ווענעציע, איז איינגאַנצן פאַרבונדן מיט דער פאַדואַאישער. די אוניווערסיטעטן פון פאַדואַ און בולאָן זענען פאַקטיש געווען נאָר איין אוניווערסיטעט, לכל-הפחות וואָס שייך פילאָזאָפיע און מעדיצין. דאָס זענען געווען די זעלבע לערער, וואָס האָבן געוואַנדערט יעדעס יאָר פון איין אוניווערסיטעט צום אַנדערן כדי צו באַקומען אַ גרעסערע פענסיע. פאַדואַ פון איר זייט איז נישט מער ווי אַ לאַטייניש קוואַרטאַל פון וועגעציע; דאָס, וואָס ס'איז געלערנט געוואָרן אין פאַדואַ, איז געדרוקט געוואָרן אין וועגעציע".

46) רענאַן, אַווערראָעס. ז. 257 און 326 א. א. וו.

47) רענאַן, אַווערראָעס, ז. 283.

48) קאַפיטל XIII און XIV, איגם לעצטן קאַפיטל (XV) דריקט אויס אונטערטעניקייט צום פּסק-דין פון דער קירך: קיין שום באַטירלעכע טעמים רעדן נישט פאַר דער אומשטערבלעכקייט, ובכן שטיצט זי זיך אויף דער אַנטפּלעקונג. די שטאַרקסטע שטעלן געפינען זיך פון ז. 101 ביזן סוף אין דער אויסגאַבע פון ווארדילי (טיבינגען 1791).

49) פאַרגל. Macchiavelli, Erörter über d. 1 Dekade des T. Livius. überz. v. Dr. Grützmacher. Berlin 1871. S. 41.

50) Maiwald, Lehre von d. zweif. Wahrh. S. 45 u ff.

51) Prantl. Gesch. der Logik im Abendl. IV, S. 2 u. f.

52) פאַרגלייך: Lorenzo Valla, ein Vortrag von J. Vahlen. Berlin 1870. S. 6. u. f.

53) די אַלע דאָ דערמאָנטע פסיכאָלאָגישע ווערק פון דער רעפאָרמאַציע-תקופה זענען צוזאַמען געדרוקט אין איין בוך, וואָס איז דערשינען אין צוריך אין יאָר 1563 ביי Jacob Gesner. פאַרגל. די אַרטיקלען נשמה-לערע און וויוועס

אין דער Enzykl. des ges. Erzieh- und Unterrichtswesens.

54) פאַרגל. Humboldts Kosmos II S. 344 und Anon 22 S. 497 u. f.

55) הומבאָלדטס „קאָסמאָס II, ז. 345: „עס איז אַ טעותדיקע און ליידער נאָך אין דער נייער צייט זייער פאַרשפרייטע מיינונג, אַז קאָפערניק האָט אויס מורא און שרעק פאַר גלחישע פאַרפאָלגונגען פאָרגעשטעלט אַלס היפאָטעזע די פלאַנעטאַרישע באַוועגונג פון דער ערד און די שטעלונג פון דער זון אַלס צענטער פון גאַנצן פלאַנעטנסיסטעם; דידאָזיקע היפאָטעזע האָט דערפילט איר צוועק דערמיט, וואָס זי האָט פאַרלייכטערט דאָס באַרעכענען די וועגן פון די הימלישע קערפער, „זי דאַרף אָבער נישט זיין וואָר און נישט וואַרשיינלעך". באמת לייענט מען דידאָזיקע משונהדיקע ווערטער אין אַן אַנאָנימער הקדמה צו קאָפערניקס ווערק און זי טראָגט דעם טיטל: „de hipothesibus hujus operis" („וועגן די השערות פון דאָזיקן בוך") עס געפינען זיך אין איר מיינונגען, וועלכע זענען אינגאַנצן פרעמד קאָפערניקן און זיי שטייען אין סתירה צו זיין ווידמונג דעם פויפסט פאַול דעם דריטן. אין רוים איז מען דעמאָלט געווען פרייער, און ערשט נאָכן אויפקומען פונם יעזואיטישן אָרדן איז מעגלעך געוואָרן דאָס פאַרברענען דזשאָרדאַנאָ ברונאָ און דער פראָצעס קעגן גאַליליי. אין שייכות מיט דערדאָזיקער ענדערונג באַמערקט אַדאָלף פראַנק, אין זיין בוך (Moralistes et philosophes, Paris, 1872, p. 153)

וואָס פאַר אַ מאָדנע זאַך! נאָך אין פופצנטן י. ה. האָט ניקאָלאַי דע קוש געלערנט וועגן דער טאָפלטער באַוועגונג פון דער ערד און פונדעסטוועגן האָט דאָס אים נישט געשטערט צו ווערן אַ קאַרדינאַל. אין יאָר 1533 האָט אַ דייטש,ווידמאַנשטאַדט, איבערצייגט דעם פויפסט קלעמענס דעם זיבעטן אין דער ריכטיקייט פון דערדאָזיקער לערע, און באַקומען פון אים אַלס מתנה אַ שיינעם גריכישן מאַנוסקריפט. אין יאָר 1543 האָט

אָן אַנדערער פּויפּסט, פּאַול דער דריטער, צוגענומען דאָס אים
געווידמעטע ווערק פֿון קאָפּערניקן, אין וועלכן ס'ווערט אַנט-
וויקלט דאָסדאָזיקע סיסטעם. פּאַרוואָס־זשע האָט גאַליליי 70 יאָר
שפּעטער אָנגעטראָפֿן אויף אַזאַ שטאַרקער קעגנערשאַפֿט און
דערוועקט קעגן זיך אַזאַ גרויסן צאָרן?" די שאלה איז אַ ריכ-
טיקע, אָבער פֿראַנק האָט דערויף געגעבן אַ נישט ריכטיקע
תשובה: לויט זיין מיינונג שיידט זיך גאַליליי אונטער פֿון די
פֿריערדיקע דערמיט, וואָס ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט
ריין־מאַטעמאַטישע אַבסטראַקציעס נאָר (מיט אַ גרינגשעצנדיקן
זייטיקן בליק אויף קעפּלערס ספּעקולאַציעס) גענומען צו הילף
באַאָבאַכטונג, דערפֿאַרונג און עדות פֿון די חושים. פּאַקטיש
האָבן קאָפּערניק, קעפּלער און גאַליליי ביי דער גאַנצער פֿאַר-
שידנאַרטיקייט פֿון כאַראַקטערן און פֿעיקייטן געאַרבעט אין
זעלבן גייסט פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער אויפֿקלערונג, פֿאָרשריט
און דורכבּרעכונג פֿון די האַמעוועדיקע פֿאָרורטיילן, אָן איינ-
זען אויף די גרעניצן צווישן דער געלערנטער וועלט און דעם
פֿאָלק. מיר קאָנען נישט גיין ווייטער, איידער מירן נישט דער-
מאָנען די שטעלע, וועלכע גיט צו כּבוד איר מחבר, פֿון הומ-
באָלדטס „קאָסמאָס" (li, S 346): „דער באַגרינדער פֿון אונזער
איצטיקן וועלטסיסטעם האָט זיך דורך זיין מוט און זיכערקייט,
מיט וועלכער ער איז אַרויסגעטרעטן, מער אויסגעצייכנט ווי-
מיט זיין וויסנשאַפֿט. ער פֿאַרדינט אין דער העכסטער מאָס
דעם שיינעם שבח, וואָס קעפּלער גיט אים, בעת ער רופֿט אים
אָן אין דעם אַריינפֿיר צו „רודאָלפֿס לוחות" „דער מענטש פֿון
פֿרייען גייסט" און זאָגט: vir fuit maximo ingenio et,
quod in hoc exercitio magni momenti est, animo
liber".

בעת קאָפּערניק האָט אין זיין ווידמונג צום פּויפּסט גע-
שילדערט די אַנטשטייונג פֿון זיין ווערק, קווענקלט ער זיך
נישט אַפֿילו צווישן די טעאָלאָגן פֿאַרשפּרייטע מיינונג וועגן
דער אומבאַוועגלעכקייט פֿון דער ערד און איר צענטראַלער
שטעלונג אָנצורופֿן "absurdes acroama„ („זינלאָזע שמועות")

און אַטאַקירט די טפשות פון די יעניקע, וועלכע באַקענען זיך צו אַזאַ טעותדיקן גלויבן. „און אויב ס׳וועלן קומען עפּעס לייכטזיניקע פּלוידערער, וואָס זענען גאָר נישט בקי אין דער מאַטעמאַטישער וויסנשאַפט, און דאָך וועלן אַרויסגעבן אַן אורטייל איבער זיין ווערק, פאַרדרייענדיק דערביי בכיוון וועלכע-נישט-איז שטעלע פון די הייליקע שריפטן propter aliquem locum scripturae male ad suum propositum detortum).

וועט ער מיט פאַראַכטונג אָפּווענדן זיך פון אַזאַ חוצפּה-דיקן אָנגריף!!

56) ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט וועלן מיר זיך דערלויבן צו מאַכן אַ צוגאָב-באַמערקונג צו דער שטעלע וועגן קאָפּערניקן און אַריסטאַרך פון סאַמאָס אויף ז. 133. אַז קאָפּערניק האָט געקענט די מיינונג פון לעצטן, דאָס איז נישט אומוואַרשיינלעך (הומבאָלדט, קאָסמאָס, II, ז. 349 א. וו.); ער באַרופט זיך אָבער בפירוש אויף 2 שטעלן פון ציצעראָ (Acad. Quaest. IV, 39) און פון פלוטאַרך (de placitis philos. III, 13:) דורך וועלכע ער איז אָנגערעגט געוואָרן נאָכצודענקען איבער דער באַוועגלעכקייט פון דער ערד. ביי ציצעראָן ווערט דערמאָנט די מיינונג פון היצעטאַס פון סיראַקוז, ביי פלוטאַרכן — פון די פּיטאַגאָרייער עקפאַנטוס און העראַקליידעס. פון קאָפּערניקס רייד גופא איז זיכער, אַז ער איז אָנגערעגט געוואָרן דורך די געדאַנקען פון גריכישן אַלטערטום, ער דערמאָנט אָבער אינערגעץ נישט אַריסטאַרכן פון סאַמאָס. פאַרגלייך הומבאָלדט און ליכטענבערג: ניקאָלאַי קאָפּערניק, אין פינפטן באַנד פון די געמישטע שריפטן. (געטינגען 1844).

57) ברונאָ ציטירט מיט פאָרליבע נישט בלויז לוקרעציוסן, נאָר מאַכט אים בכיוון נאָך אין זיין דידאַקטיש ליד „de universo et mundio" („וועגן אַלץ און וועגן די וועלטן").

58) דידאָזיקע שטעלע איז גענומען פון M. Karriere, die philos. Wletansch der Reformationszeit in ihren

אין דאָזיקן געדאַנקי Bez zur. Gegenwart. Stutt. Tüb. 1847.
גרייכנ-ווערק ווערט ברונאָ באַהאַנדלט מיט אַ באַזונדערער פּאָר-
ליבע. פאַרגלייך אויך Barthlomess, Jordano Bruno, Paris
1846, 2 Bde.

60) אין דער הינזיכט קאָן נישט ליביגס („איבער פראַנ-
סיס בעקאָן פון ווערולעם און דעם מעטאָד פון דער נאַטור-
פאָרשונג, מינכען, 1863") פאַרניכטנדיקער אורטייל געמילדערט
ווערן דורך קיין שום פאַרטיידיקונג; די פאַקטן זענען צו-אי
בערצייגנדיקע. לייכטזיניקסטער דילעטאַנטיזם אין די אייגענע
נאַטורוויסנשאַפטלעכע פּרוּוון; די דערנידעריקונג פון דער וויסנ-
שאַפט דורך צביעותדיקער הויפדינסט, אומקענטניש אָדער פאַר-
לייקענונג פון די גרויסע נאַטורוויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען
פון קאָפּערניק, קעפּלער און גאַליליי,, וועלכע האָבן נישט גע-
וואָרט אויף דער „instauratio magna" („גרויסע אויפלע-
בונג"), בייזוויליקע שנאה און באַליידיקונג פון די אמתע נאַ-
טורפאָרשער אין זיין נאָנטסטער סביבה, ווי דזשילבערט און
האַרווי — אָט דידאָזיקע מאָמענטן זאָגן גענוג עדות נישט
לטובת בעקאָנס וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער, ווי אויך פּאָליטישן
און פּערזענלעכן פּרצוף. ווייטער דאַרף מען נישט פאַרזען
דעם פשוטן פאַקט אַז בעקאָנס גרויסער שם שטאַמט נישט פון
אַ שפּעטערדיקן היסטאָרישן טעות, נאָר ער איז געקומען צו
אונז דורך אַ שטענדיקער טראַדיציע פון זיינע צייט-חברים. פון
דעם לאָזט זיך דרינגען דער פאַרנעם און טיפקייט פון זיין
השפעה, און דידאָזיקע השפעה, נישט געקוקט אויף די פע-
לערן פון זיין לערע, האָבן דאָך בעצם אַ טובה געטון דעם
נאַטורוויסנשאַפטלעכן פאָרשריט און דער פאַרווירקלעכונג פון די
נאַטורוויסנשאַפטן אין לעבן. אַפילו ווען מיר נעמען אין אַכט,
אַז נישט בלויז זיין גייסטרייכער סטיל און די גלענצנדיקע
פונקטן פון זיינע ווערק, נאָר אויך זיין הויכער ראַנג און דער
אומשטאַנד, וואָס ער האָט אויף אַ גליקלעכן אופן אונטערגע-
באַפט דעם נאַטירלעכן לאָזונג פון זיין צייט, האָבן גורם גע-

ווען צו בעקאַנס גרויסער השפּעה — ווערט דאָך דערמיט נישט געמינערט זיין היסטאָרישע באַדייטונג.

62) פֿאַרגל. Schaller, Gesch. der Naturphilos. Leipzig 1841, S 77—80

63) אין Memoires pour l'histoire des sciences et des beaux arts, Trevoux et Paris, 1713 p 922 ווערט דערמאָנט אַ אין פּאַריז לעבעדיקער „מאַלעבראַנשיסט" — ס'ווערט אָבער נישט אָנגערופֿן זיין נאָמען — וועלכער האָט געהאַלטן פֿאַר זיכער, אַז נאָר ער אַליין איז דאָס איינציקע באַשאַפֿענע וועזן.

64) מאָנטען איז צוגלייך איינער פֿון די געפּערלעכסטע קעגנער פֿון דער סכאָלאַסטיק און דער באַגרינדער פֿון פֿראַנצויזישן סקעפּטיציזם. די באַרימטסטע פֿראַנצויזן פֿון 17-טן י. ה. האָבן זיך כמעט אַלע געפֿונען אונטער זיין השפּעה, אָן אונטערשיד פֿון פּריוואַט אָדער שונא; נאָכמער, מ'האָט איינגעזען, אַז אַפֿילו די קעגנער פֿון זיין הייטערער, עטוואָס לייכטזיניקער אָנשויונג, ווי פּאַסקאַל און די לייט פֿון קלויסטער Port Royal זענען געשטאַנען אין אַ גרויסער מאָס אונטער זיין השפּעה.

65) דאָס ווערק פֿון היעראָנימוס ראָראַריוס האָט גאַנצע הונדערט יאָר געוואַרט אויף זיין פֿאַרעפֿנטלעכונג און איז בכן לויט דער אַנטשטייונג עלטער ווי מאָנטענס „עסייען". עס צייכנט זיך אויס מיט אַ שאַרפֿן און ערנסטן טאָן און בפֿיוונדיקער באַטאָנונג טאַקע פֿון יענע שטריכן פֿון די חיות, וועלכע מ'האַלט פֿאַר די „העכערע נשמה-כּוחות" און מ'זאָגט זיי דערין אָפּ. דער מחבר שטעלט אין אַ שאַרפֿן קאָנטראַסט אַנטקעגן זייערע טוגנטן להיפּוך די עבֿרות פֿון די מענטשן. עס איז דעריבער פֿאַרשטענדלעך, פֿאַרוואָס דער מאַנוסקריפּט — הגם פֿון אַ מחבר, אַ גלח, וואָס איז געווען באַפֿריינדט מיטן פּויפּסט און קייסער, — האָט אַזוי לאַנג געמוזט וואַרטן אויף זיין פֿאַר-

עפנטלעכונג. דער אַרויסגעבער, נ אָ ו ד ע ו ס, איז געווען ג אַ-ס ע נ ד י ס אַ פריינט, וועלכער האָט אויך, להיפוך צו דע-קאַרטן, הויך געשעצט די פעיקייטן פון די חיות.

66) Passiones animae, art V.

67) וועגן דעם אַלגעמיינעם ווידערשטאַנד, אויף וועלכן האַרווייס אַנטדעקונג האָט אָנגעטראָפן, און די באַדייטונג פון דעקאַרטס הסכמה, פאַרגלייך אויך Buckle, hist of civilisation in England, ch VIII; II, p 274

68) דאָס זעט מען גענוג קלאָר פון אַ שטעלע פון זיין אָפּהאַנדלונג Sur la methode, p 111. Paris, 1824. Kuno Fischer, René Descarteś Hauptschriften, Mannh. 1863. S 56 u f. הגם כ׳בין צופרידן פון מיינע ספּעקולאַציעס דאָך גלייב איך, אַז אַנדערע האָבן אפשר בעסערע ספּעקולאַ-ציעס, פון וועלכע זיי זענען נאָך מער צופרידן. דאָך — קוים האָב איך דערגרייכט עטלעכע אַ ל ג ע מ יי נ ע ב אַ ג ר י פ ן אין ד ע ר פ י ז י ק און ביי זייער ערשטער אָנווענדונג אויף פאַרשידענע ספּעציעלע פּראָבלעמען האָב איך געזען, ווי ווייט זיי גרייכן און ווי שטאַרק זיי שיידן זיך אונטער פון די עד-היום באַנוצטע, — האָב איך געמיינט, אַז איך טאָר נישט פאַר-בלייבן אין שאָטן, זינדיקנדיק צו-שטאַרק קעגן יענעם געזעץ, וואָס פאַרפליכט אונז צו זאָרגן פאַרן אַלגעמיינעם ווויל פון אַלע מענטשן. מחמת די דאָזיקע באַגריפן האָבן מיר געוויזן די אומ-מעגלעכקייט צו געווינען אָנשויונגען, וואָס וואָלטן געקאָנט זיין זייער פרוכטבאַר פאַרן לעבן און אָנשטאָט יענער טעאָרעטי-שער שולפילאָזאָפיע דערגרייכן אַ פּראַקטישע, דורך וועלכער מיר וואָלטן געקאָנט לערנען און באַקענען זיך מיט דער קראַפט און טעטיקייט פון פייער, וואַסער, לופט, שטערן, הימל און אַלע איבעריקע אונז אַרומרינגלענדיקע קערפּער, פּונקט אַזוי ווי די פאַרשידענע אַרבעטן פון אונזערע האַנטווערקער". פאַר-גלייך באַמערקונג 17 צום פאָלגנדיקן קאַפּיטל.

69) וועגן דעקאַרטס פּערזענלעכן כאַראַקטער באַזיצן מיר זייער פאַרשידענע מיינונגען. עס פרעגט זיך: צי האָט אים נישט אַמאָל זיין ערגייץ צו גילטן אַלס גרויסער אַנטדעקער און זיין אייפערזוכט לגבי אַנדערע באַרימטע מאַטעמאַטיקער און פיזיקער אַרויסגעפירט פון דער גרענעץ פון יושר? פאַרגלייך: Whewell, hist of the induet. sciences II, p. 379 וועגן דעקאַרטס כלומרשט באַנוצן זיך און באַהאַלטן שנעלס אַנטדעקונג פון רעפראַקציע-געזעץ. דערצו געהערט אויך דע-קאַרטס וויכוח מיטן גרויסן מאַטעמאַטיקער פערמאַט, זיינע פאַרדרייטע און גרינגשעצנדיקע אורטיילן איבער גאַליליי'ס באַוועגונגסלערע, זיין פרווו צו אייגענען זיך אויפן סמך פון אַ מערקווירדיקן אָבער בשום-אופן נישט גענוגנדיקן זאַץ פּאַסקאַלס גרויסע אַנטדעקונג וועגן פאַרקלענערטן לופטדרוק אויף די בערג. די אַקטן פון דידאָזיקע אַלע ענינים זענען נאָך נישט פאַר-שלאָסן, און וואָס שייך זיין פאַרלייקענען זיין אייגענע מיינונג אויס מורא פאַר די גלחים, האָט דאָס אַנדערע טעמים. דער פאַקט, אַז דעקאַרט האָט זיין טעאָריע, להיפוך זיין אינערלע-כער איבערצייגונג, מאָדיפיצירט לויט דער קירכלעכער לערע און לפנים אַפילו — אויף וויפיל ס'האָט זיך געלאָזט — לויט אַריסטאָטעלעסן, — ליגט נישט אונטער קיין ספק, צוליב די פאָלגנדיקע שטעלן פון זיין בריוו-אויסטויש:

אין אַ בריוו צו Mersenne (יולי 1633) שרייבט דע-קאַרט, אַז ער האָט מיט דערשטוינונג געהערט פון דער פאַרורטיילונג פון גאַליליי'ס אַ בוך; ער איז משער, אַז דאָס איז געשעען צוליב דער טעאָריע וועגן דער באַוועגונג פון דער ערד און ער דענקט, אַז דורכדעם וועט ליידן אויך זיין ווערק. ווייטער שרייבט ער: דידאָזיקע טעאָריע איז אַזוי פאַרבונדן מיט מיין חבור, אַז ס'איז מיר שווער זי אַרויסצוּוואַרפן פון דאָרט, נישט שאַדנדיק דאָס איבעריקע. און היות ווי כ'וויל בשום אופן נישט, אַז כ'זאָל פאַרעפנטלעכן אַ חבור, אין וועלכן ס'זאָל זיך געפי-נען אַפילו איין וואָרט, אַפילו דאָס לייכטסטע, וואָס איז קעגן

דער מיינונג פֿון דער קירך — איז גלייכער, אַז כ׳זאָל באַהאַלטן דאָס ווערק און נישט אַרויסגעבן עס אין אַ פֿאַרקריפּלטן צושטאַנד“. דעם 10 יאַנואַר 1634 שרייבט ער ווידער צו מערסענען: מסתּם ווייסטו שוין, אַז גאַלילײ איז אַרעסטירט געוואָרן דורך די אינקוויזיטאָרן און זיין מיינונג וועגן דער באַוועגונג פֿון דער ערד איז דערקלערט געוואָרן אַלס אַן אַפּיקורסישע; ובכן מוז איך דיר זאָגן, אַז די ענינים אין מיין חיבור, ווו עס ווערט אויך באַהאַנדלט די באַוועגונג פֿון דער ערד, זענען אַזוי פֿאַרבונדן איינער מיטן צווייטן, אַז ס׳איז גענוג צו זען די נישטיקייט פֿון איינעם פֿון זיי, כּדי צו וויסן, אַז אַלע טעמים, מיט וועלכע כ׳האָב זיך באַנוצט, זענען גאָרנישט ווערט; און הגם כ׳מיין, אַז כ׳האָב באַשיינפּערלעכע באַווייזן, וויל איך בשום אופן נישט האַלטן זיך ביי זיי קעגן ווילן פֿון דער קירך. כ׳ווייס, מ׳קאָן זאָגן, אַז נישט יעדער באַשלוס פֿון די אינקוויזיטאָרן פֿון רוים איז דער עיקר פֿון די רעליגיע-דאָגמעס, כּל זמן ער האָט נישט באַקומען די הסכּמה פֿון קירכלעכן קאָנציל; פֿונדעסטוועגן האָב איך נישט אַזוי שטאַרק ליב מיינע געדאַנקען, אַז כ׳זאָל מיך ווילן באַנוצן מיט אַזעלכע עקסטרעמע טעמים, כּדי צו האַלטן זיך ביי זיי. כ׳וויל לעבן במנוחה און פֿאָרזעצן דאָס לעבן, וואָס כ׳האָב אָנגעהויבן פֿון מיין שפּרוך: Bene vixit qui bene latuit („ווער עס באַהאַלט זיך גוט, דער לעבט גוט“!) — און דאָס איז די סיבה, וואָס הגם איך בין מיך מצער אויפֿן מיין צייט-פֿאַרלוסט און מי ביים שרייבן דאָס בוך, פֿריי איך מיך, וואָס כ׳בין פּטור געוואָרן פֿון דער שרעק פֿאַר אַ צו-גרויסן רום, וואָס כ׳וואָלט באַקומען דורך מיין ווערק. אין סוף בריוו זאָגט ער פֿונדעסטוועגן: כ׳האָב נאָך נישט פֿאַרלוירן די האָפֿנונג, אַז אין אַ שיינעם העלן טאָג וועט געשעען מיט מיין „וועלט“ דאָסזעלבע, וואָס עס האָט זיך געטראָפֿן מיט די אַנטיפּאָדן, וועלכע זענען אויך פֿאַרבאָטן געוואָרן, ווי ס׳שיינט מיר, אויף אַן ענלעכן אופֿן; און דאַן וועל איך שוין מעגן באַנוצן זיך מיט מיין אייגענעם שכל“. דער לעצטער אויסדרוק איז גענוג קלאָר: דעקאַרטן איז נישט אויס

געקומען צו באַנוצן זיך מיט זיין אייגענעם שכל, און אַזוינאָך האָט ער זיך אַנטשלאָסן אויפצושטעלן אַ נייע טעאָריע, מיט וועמעס הילף ער האָט אויסגעפירט זיין פאַרלאַנג אויסצומיידן און אָפענעם קאָנפליקט מיט דער קירך.

דערקלערונגען

(צוזאמענגעשטעלט פון י. ל.)

אַדאָניס — ליבהאָבער פון דער געטין ווענוס, שם נרדף פון אַשיינעם יונגען מאַן.

אויטאָפּסיע — זיין אַן עד־ראיה.

אויקליד — באַרימטער גריכישער מאַטעמאַטיקער, געלעבט אין 3־טן י. ה. פ. ק.

אַווערואָעס — (איבן־ראַשיד) פילאָזאָף, דאָקטאָר. 1198—1126 קאָמענטאַטאָר פון אַריסטאָטעלעסן. לויט זיינע אָנשויונגען נאָענט צום פּאַנטעאיזם.

אַטאָמיסטיק — די לערע, לויט וועלכער די אַטאָמען זע־נען די עלעמענטן פון דער וועלט.

איזיס — עגיפּטישע געטין פון פּרוכבאַרקייט.

אימאַנענט — איבערלעכע, איינגעבוירענע אייגנשאַפט פון אַ זאַך

אינדוקציע — אַרויסדרינגען פון אַ פּרט אויף אַ כלל.

אָלימפּ — אַ באַרג אין טעסאַליע, גריכנלאַנד, ווו ס'האָבן לויט די גריכישע לעגענדעס געוווינט די געטער.

אַכעראָנטיס — איינע פון די זיבן גיהינום־טייכן.

אַלציביאַדעס — געבוירן 451 פאַר קריסטוס. קאָמאַנדיר, טאַלענטפולער מענטש, עגאָאיסט, לייכטזיניקער, גורם געווען צו אַ סך מפּלות, פאַרוויקלט דאָס לאַנד אין אומנויטיקע מלחמות,

איבערגעגאַנגען פון איין לאַגער אין צווייטן, פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט אין י. 404

אַלקואין — בעל-יועץ און לערער פון קאַרל דעם גרויסן; גרעסטער געלערנטער אין XIII-טן י. ה. 705—804; אָנגעפירט מיט אַ שול אין קעניגלעכן הויף.

אַנטיפּאַטאַר — רעגירט נאָך אַלעקסאַנדער מוקדונס טויט איבער די איינגענומענע פּראָווינצן, געווען אַ גרויסער טיראַן.

אַנטראָפּאָמאָרפיזם — פאָרשטעלן גאָט אין אַ מענטשלעכער געשטאַלט, מיט מענטשלעכע מעלות און חסרונות.

אַפּאַגאָגישער באַווייז — אַ באַוויז, וואָס דרינגט אַרויס פון דער אוממעגלעכקייט צו דערווייזן דעם היפּוך דערפון.

אַפּאָללאָ — גאָט פון דער זון און פון די שיינע קונסטן.

אַפראָדיטאַ — גריכישע געטין פון שיינקייט און ליבע.

אָקקאַם — פילאָזאָף-סכאָלאַסטיקער: ענגלענדער 1347—1280; געקעמפט קעגן פויפּסט, און קעגן טאָמאַש פון אַקווינאָ; זיין פילאָזאָפיע איז פאַרבאָטן געוואָרן פון דער קירך.

אַקראָפּאָליס — ציטאַדעל אין אַטען, אין גריכישע שטעט בכלל.

אָראַקל — גריכישער אורים ותומים.

אָריגענעס — טעאָלאָג-עקזעגעט, געלעבט פון 185—254 נ. ק.

אַריסטאָפאַנעס — גרעסטער גריכישער קאָמעדיע-שרייבער, געניע דאַטן נישט באַקאַנט. וואַרשיינלעך געלעבט בשעת דער פּעלעפּאָנעזישער מלחמה 450-385 פ. ק. זיין באַרימטסטע און באַקאַנטסטע קאָמעדיע זענען די „וואָלקנס".

אַרכימעדעס — דער גרעסטער מאַטעמאַטיקער פון אַלע צייטן, געבוירן אין סיראַקוז, סיציליע 287 געשט. 212 בשעתן פאַרטיידיקן די שטאָט קעגן די רוימער. פאַרן טויט האָט ער געזאָלט זאָגן: „גלייכער טרעפן אין מיין קאָפּ, איידער אין מיינע צייכנונגען".

אָרפישע נביאות - רעליגיעז-מיסטישע פּאָעזיע ביי די אַלטע גריכן.

a priori — דאָס אַרויסדרינגען פאָרויס, דאָס אַרויס־דרינגען פון די סיבות וועגן די רעזולטאַטן.

ad hoc אויסשליסלעך פאַר אַ באַשטימטן צוועק, נישט פאַר אַן אַנדערן.

באַקכוס — גאָט פון ווייַן.

בעלל טש — באַרימטער ענגלישער דאָקטאָר, כירורג, אַנאַטאָמיקער, פיזיאָלאָג, געשריבן אומצייליקע ביכער, געלעבט פון 1774—1842.

גאַלענוס — אַ גריך. גרעסטער דאָקטאָר אין אַלטערטום, געבוירן געוואָרן 137 פ. ק. געשריבן זייער אַ סך ווערק ,וואָס האָבן נישט פאַרלוירן זייער ווערט אין משך פון 1500 יאָר.

גאַסנער — 1727-1779. גלח און בעל־מופת.

גאָרדישער קניפּ — בייקומען אַ שוועריקייט מיט גוואַלט־זאַמע מיטלען. דאָס שטאַמט דערפון, וואָס גאָרדיוס, קיניג פון פריגיע, האָט געגעבן אַלעקסאַנדער מוקדונען אויפצובינדן אַ קניפּ און נישט זייענדיק ביכולת דאָס צו טון, האָט אַלעקסאַנדער אים איבערגעשניטן מיט זיין שווערד.

גנאָסטיציזם — די לערע פון די גנאָסטיקער וועגן די געטלעכע סודות און אַנטפּלעקונגען.

גנאָסטיקער — טעאָלאָגן און פילאָזאָפן אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון קריסטנטום, וואָס האָבן אָנערקענט די גנאָזיס אַלס מקור פון דערקענטניש פון גאָט.

גנאָזיס — דערקענען גאָט און די רעליגיעזע אמתן מיט דער הילף פון ספּעקולאַציע, נישט דורכן גלויבן.

דואַליזם — דער גלויבן אין צוויי כוחות פון דער מענטשלעכער נאַטור: גוטס און שלעכטס, פיזישער און גייס־טיקער.

דעדאַלוס — אַ לעגענדאַרישער גריכישער מייסטער, וועל־כער האָט געזאָלט אויפבויען דעם לאַבירינט אין קרעטע.

דעדוקציע — דאָס אַרויסדרינגען פון אַ כלל אויף אַ פרט.

דעלפי — אין גריכנלאַנד, דאָרט איז געשטאַנען דער באַרימטער טעמפל צו אַפּאָללאָ; אויך דער אורים-ותומים.

דעמאָסטענעס — גרעסטער גריכישער רעדנער 322 — 384 פ. ק.

היפּערבאָרייער — איינוווינער פון ווייטסטן צפון.

העדאָניק — די לערע, אַז די זינלעכע תענוגים זענען דער צוועק פון לעבן.

העוריסטישער מעטאָד — וואָס זאָגט אונטער געדאַנקן, זעלבשטענדיק אויסגעפונענע אמתן.

הערדער — דייטשער דיכטער-פילאָזאָף. 1744-1803

זענאָן — גרינדער פון סטאָאיציזם. געלעבט אין פערטן י. ה. פ. ק.

טאַנטאַלוס — יסורים צוליב אוממעגלעכקייט צו דערגרייכן דעם ציל, הגם ער איז אַזוי נאָענט; טאַנטאַלעוס, דער קעניג פון פריגיע, איז פאַר פאַראַטן די סודות פון די געטער פאַר-משפט געוואָרן אויף יענער וועלט אייביק צו הונגערן און צוליידן דורשט; ער איז געשטאַנען אין וואַסער, און בעת ער האָט געוואָלט טרינקען, האָט זיך דאָס וואַסער פון אים אָפּ-גערוקט; איבער זיין קאָפּ האָבן געהאָנגען צווייגן פול מיט פּירות, בעת ער האָט זיי געוואָלט אָפּרייסן, האָבן זיך די צווייגן אַוועקגעבויגן.

טאַרטאַרוס — גיהינום, די מלוכה פון האַדעס, דאָרט ווו מ'קומט אָפּ דעם עונש נאָכן טויט

טעלעאָלאָגיע — די לערע, אַז אַלץ אין דער וועלט האָט זיין צוועק.

טראַנסצענדענטאַל — וואָס גייט איבער די גרענעץ פון דערפאַרונג; וואָס איז נוגע אַבסטראַקטע, איבערזינלעכע באַגריפן.

לייבניץ, דייטשישער פילאָזאָף.

מאַגיער — פערסישע פריסטער, כשופמאַכער

מאַראַטאָן — אַ שטעטל אין גריכנלאַנד, באַרימט צוליבן נצחון פון די גריכן איבער די פּערסיער אין י. 490 פ. ק.

מאָלאָסהונט — אַ גרויסער הונט, אַ בריטאַן, שטאַמט פון מאָלאָסוס, אין עפּיר, גריכנלאַנד.

מאַנאַטעאיזם — דער גלויבן אין איין גאָט.

מאָנאַדע — פילאָזאָפישער נאָמען פון עלעמענטן פון גייסטיקער נאַטור.

נאָמינאַליזם — פילאָזאָפישע אָנשויונג, לויט וועלכער די אַלגעמיינע באַגריפן (אוניווערסאַליע) האָבן נישט קיין זאַך־באַטייט, קיין ממשותדיק וועזן, נאָר באַטייטן נעמען פאַר אַבסטראַקציעס.

סאָפאָקלעס — גריכישער טראַגעדיע־שרייבער, 405—496 פ. ק.

סאָפיסטיק — די קונסט אויפצווייזן פאַלשע זאַכן מיט דער הילף פון טעותדיקע אויספירן און כלומרשט ריכטיקע אַרגומענטן.

סטאָאיציזם — אָנשויונג פון אַ פילאָזאָפישער שול אין גריכנלאַנד, וואָס אָנערקענט אַלס העכסטע גוטס און העכסטן ציל פון לעבן די טוגנט, און דאָס שלעכטס — אַלס זינד; די אָנשויונג, וואָס באַטראַכט אַלס שלמות דאָס באַהערשן די אייגענע ליידנשאַפטן, באַגערן און יסורים.

סטאַגיריט — איינוווינער פון סטאַגיריע, אַ שטאָט אין גריכנלאַנד. באַזונדערס ווערט דער דאָזיקער טערמין אָנגעווענדט לגבי אַריסטאָטעלעסן 384—322 פ. ק.

סיזיפוס אַרבעט — שווערע, אומאויפהערלעכע אַרבעט; אַ שווערע אויפגאַבע, וואָס ענדיקט זיך קיינמאָל נישט; סיזיפוס — קעניג פון קאָרינט, איז פאַרמשפט געוואָרן אַרויפצוקוילערן אַ ריזיקן שטיין אויפן שפּיץ באַרג; בעת ער איז שוין געווען נאָענט ביים שפּיץ, האָט זיך דער שטיין אַראָפּגעקוילערט און אַזוי אָן אויפהער.

סכאָלאַסטיק — פילאָזאָפישע שול אין מיטלאַלטער, וואָס האָט אירע ספעקולאַציעס צוגעפּאַסט צו דער רעליגיע און זיך בלינד געשטיצט אויף אַריסטאָטעלעסן, און זיך באַנוצט מיט דער דיאַלעקטיק.

סענסואַליזם — די אָנשויונג, אַז יעטוועדעס וויסן פאַרדאַנקען מיר בלויז די זינלעכע פּערצעפּציעס. אין דער עטיק: די אָנשויונג, וואָס שטעלט אַלס העכסטן ציל די צופרידנשטעלונג פון די חושים.

ספּיריטואַליזם — די פילאָזאָפישע אָנשויונג, אַז ס'עקזיסטירן בלויז גייסטיקע וועזנס און די גאַנצע מאַטעריעלע וועלט עקזיסטירט נאָר לפנים אַלס פּראָדוקט פון איינדרוקן און געדאַנקען.

סצילא און כאַריבדיס — געפערלעכע פעלזנס אין סיציליע. זיין אין אַ שווערער לאַגע; צווישן האַמער און אייזן.

סקאַליגער — איטאַליענישער טעאָלאָג, דאָקטאָר 1558—1484.

עטרוסקער — אַן אַלט פאָלק, וואָס האָט געלעבט אין איטאַליע פאַר די רוימער.

עלעאַטן — פילאָזאָפישע שול אין עלעא. גריכישע שטאָט אין נידעראיטאַליע, פאַרבונדן מיט די נעמען פון די פילאָזאָפן זענאָפאַנעס, פּאַרמענידעס, זענאָ.

עמפּיריזם — די פילאָזאָפיע, וואָס פירט אַרויס יעדע דערקענטניש פון דערפאַרונגען (להיפוך דער ספעקולאַציע)

עמפּיריע — דערפאַרונג.

עפּיגאָן — דער לעצטער יורש, אָנהענגער פון אַ גרויסן געניאַלן מענטש, אָבער שוין נישט אַזאַ טאַלענטפולער.

עקלעקטיקער — אַ פילאָזאָף, וואָס קלייבט אויס פון די פאַרשידנסטע סיסטעמען דאָס, וואָס שיינט פאַר אים צו זיין אַמנאָנטסטן צום אמת.

פּאַנטעאיזם — פילאָזאָפישע אָנשויונג, אַז גאָט און וועלט זענען איינס (פון גריכישן „פּאַנטא רעי" — אַלץ פליסט).

פאַרטענאַי — אַלטגריכישער טעמפּל לכבוד אַטענאַ, געטין פון חכמה.

פידיאס — באַרימטער גריכישער סקולפּטור אין אַלטער־טום, געלעבט אין 5 י. ה. פ. ק.

פעריקלעס — גרויסער גריכישער מלוכה־מאַן, רעדנער, ליבעראַלער רעגירער, מעצענאַס און שטיצער פון ליטעראַטור און קונסט, 429–499 פ. ק.

פעריפּאַטעטישע שול — אַריסטאָטעלישע שול; מ׳האָט זי אַזוי גערופן, ווייל אַריסטאָטעלעס האָט געהאַט אַ טבע בשעתן לערנען גיין אַרויף און אַראָפּ אין וועלדל „אַקאַדעמוס״, וווּ ער האָט געלייענט זיינע לעקציעס. (פון גריכישן: פעריפּאַטע־טיקאָס — גיין אַרום).

פריטאַן — מיטגליד פון גרויסן ראַט אין די גריכישע שטעט.

צעאוס — גריכישער הויפּטגאָט.

צערבער — לעגענדאַרישער דרייפּיסיקער הונט, וואָס היט דאָס טויער פאַרן גיהנום.

קאַטאָן — רוימישער מלוכהמאַן, 232–142 פ. ק.

קאַנאָן — נאָרמע. כללים.

קאַליאָסטראָ — באַרימטער שאַרלאַטאַן, אָקולטיסט 1795–1743.

קאָסמאָגאָניע — טעאָריע וועגן אָפּשטאַם פון וועלטאַל.

קויזאַליטעט — די דאָקטרין, אַז יעדע זאַך האָט איר סיבה.

קיבעלע — פריגישע געטין פון פרוכטבאַרקייט, מוטער פון די געטער.

קסענאָפאָן — באַוווּסטער גריכישער היסטאָריקער. פילאָ־זאָף 434—359 פ. ק.

ראַציאָנאַליזם — פילאָזאָפישע ריכטונג, וואָס שטרעבט צו דער דערקענטניש פון אַלע וויסנשאַפטלעכע אמתן מיט דער

הילף פון שכל און וואַרפט-אָפּ די דערפאַרונג (להיפוך דעם עמפּיריזם).

perpetuum mobile — אַ מאַשין, וואָס באַוועגט זיך אייביק.

reservation mentalis — אַ באַוואָרעניש במחשבה.

אינהאַלט

ביאָגראַפיש פאָרוואָרט.
פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע.

קאַפּיטל איינס. דער מאַטעריאַליזם אין אַלטערטום.

I דער פעריאָד פון דער עלטערער אַטאָמיסטיק, באַזונדערס דעמאָקריט. 5–38

דער מאַטעריאַליזם געהערט צו די עלטסטע פּרוּוון פון אַ פילאָזאָפישער וועלטאַנשויונג. קאַמף צווישן פילאָזאָפיע און רעליגיע. סימנים פון דאָזיקן קאַמף אין אַלטן גריכנלאַנד. אורשפּרונג פון דער פילאָזאָפיע. די השפעה פון דער מאַטעמאַטיק און נאַטורפאָרשונג. פאַרקער מיטן מזרח. דער האַנדל. די שליטה פון דער דעדוקציע. שטרענגע דורכפירונג פונם מאַטעריאַליזם דורך דער אַטאָמיסטיק. דעמאָקריט; זיין לעבן און פערזענלעכקייט. זיין לערע. אייביקייט פון שטאָף. נויטווענדיקייט. די אַטאָמען און דער פּוסטער רוים. מעשי-בראשית. אייגנשאַפטן פון די זאַכן און פון די אַטאָמען. די נשמה. עטיק. עמפּעדאָקלעס און די אַנטשטייונג פון צוועקמעסיקן.

II דער סענסואַליזם פון די סאָפיסטן און אַריסטיפּס עטישער מאַטעריאַליזם. 39–56

סענסואַליזם און מאַטעריאַליזם. די סאָפיסטן, באַזונדערס

פּראָטאַגאָראַס. אַריסטיפּ. פאַרהעלטניש פון טעאָרעטישן און פּראַקטישן מאַטעריאַליזם. ירידה פון דער העלענישער קולטור אונטער דער השפעה פונם מאַטעריאַליזם און סענסואַליזם.

III די רעאַקציע קעגן מאַטעריאַליזם און סענסואַליזם, סאָקראַטעס, פּלאַטאָן, אַריסטאָטעלעס. 57–103

בלי-ספקדיקע שריט אויף צוריק און צווייפלהאַפטע פאָרשריטן פון דער אַטעניִשער שול להיפוך דעם מאַטעריאַליזם. דער שריט פון איינצעלנעם צום כלל; זיין פאַרשפּרייטונג דורך די סאָפיסטן. וועגן די סיבות פון דער אַנטוויקלונג אין סתירות און וועגן דער פאַרבינדונג פון גרויסע פאָרשריטן מיט רעאַקציאָנערע עלעמענטן. דער צושטאַנד אין אַטען. סאָקראַטעס אַלס רעליגיעזער רעפאָרמאַטאָר. אינהאַלט און ריכטונג פון זיין פילאָזאָפיע. פּלאַטאָן; זיין גייסטיקע ריכטונג און זיין אַנטוויקלונג. זיין אויפפאַסונג וועגן אַלגעמיינעם. די אידייען און דער מיטאָס אין דינסט פון די ספּעקולאַציעס. אַריסטאָטעלעס: גישט קיין עמפּיריקער, נאָר סיסטעמאַטיקער. זיין טעלעאָלאָגיע. זיין לערע וועגן דער סובסטאַנץ; וואָרט און וועזן. דער מעטאָד. צו דער קריטיק פון דער אַריסטאָטעלשער פילאָזאָפיע.

IV דער מאַטעריאַליזם אין גריכנלאַנד און רוים נאָך אַריסטאָטעלעסן. עפּיקור 104–143

די שליטה פון גריכישן מאַטעריאַליזם און אירע שנויים. באַראַקטער פון נאָכאַריסטאָטעלשן מאַטעריאַליזם. די שליטה פון עטישן צוועק. דער „מאַטעריאַליזם" פון די סטאָאיקער. עפּיקור; זיין לעבן און פערזענלעכקייט. זיין פאַרערן די געטער. באַפרייונג פון אַבערגלויבן און פון דער מורא פאַרן טויט. לערע וועגן תענוג. פיזיק. לאָגיק און דערקענטנישטעאָריע. עפּיקור אַלס שריפטשטעלער. דער איבערגאַנג פון דער הערשאַפט פון דער פילאָזאָפיע צו דער איבערוואָג פון זי

פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן. אַלעקסאַנדריא. אָנטייל פון מאַטעריאַליזם אין די דערגרייכונגען פון דער גריכישער פאָרשונג.

V די דידאַקטישע פּאָעמע פון טיטוס לוקרעציוס קאַרוס וועגן דער נאַטור. 144-180

רוים און דער מאַטעריאַליזם. לוקרעציוס: זיין כאַראַקטער און זיין טענדענץ. אינהאַלט פון ערשטן בוך; די רעליגיע אַלס מקור פון אַלעם שלעכטס. פון גאָרנישט ווערט גאָרנישט און קיין שום זאַך קאָן נישט פאַרניכטעט ווערן. דער פוסטער רוים און די אַטאָמען. שבח פאַר עמפּעדאָקלעסן; די אומענדלעכקייט פון דער וועלט. פאָרשטעלונג וועגן דער שווערקייט. דאָס צוועקמעסיקע אַלס באַשטענדיקער ספּעציעלער פאַל צווישן אַלע מעגלעכע קאָמבינאַציעס. אינהאַלט פון צווייטן בוך: די אַטאָמען און זייער באַוועגונג. אורשפּרונג פון דער עמפּינדונג; די אומענדלעכע צאָל פון אַנטשטייענדיקע און אונטערגייענדיקע וועלטן. אינהאַלט פון דריטן בוך: די נשמה. אייטלקייט פון דער מורא פאַרן טויט. אינהאַלט פון פערטן בוך: די ספּעציעלע אַנטראָפּאָלאָגיע. אינהאַלט פון פינפטן בוך: קאָסמאָגאָניע. דער מעטאָד פון דער מעגלעכקייט אין דער נאַטורדערקלערונג. אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן מין; אַנטשטייונג פון דער שפּראַך, קונסט, מלוכה. די רעליגיע. אינהאַלט פון זעקסטן בוך: מעטעאָרישע דערשיינונגען; קראַנקהייטן; די אַוועריגישע ערטער. דערקלערונג פון דער צוציונגס-קראַפט דורך דעם מאַגנעט.

קאַפּיטל צוויי. די איבערגאַנגס-צייט.

I די מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס און זייער פאַרהעלטניש צום מאַטעריאַליזם 183-206

דער אונטערגאַנג פון דער אַלטער קולטור. די השפּעה פון דער שקלאַווערײַ; די אויסמישונג פון די רעליגיעס; די

האַלב-בילדונג. אומגלויבן און אַבערגלויבן; דער מאַטעריאַליזם פון לעבן; די שפע פון עברות און פון די רעליגיעס. דאָס קריסטנטום. געמיינזאַמע שטריכן פון די מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס. מעשי-בראשית לויט תורת-משה. ריין גייסטיקע אויפפאַסונג פון גאָט. שטאַרקער קעגנזאַץ פון קריסטנטום צום מאַטעריאַליזם. גינסטיקערע שטעלונג פון מאַכמעדאַניזם; דער אַוועראָאיזם. פאַרדינסטן פון די אַראַבער פאַר די נאַטורוויסנשאַפטן; פריידענקעריי און טאָלעראַנץ. השפעה פונם מאָנאָטעאיזם אויף דער עסטעטישער אויפפאַסונג פון דער נאַטור.

II די סכאָלאַסטיק און די הערשאַפט פון די אַריסטאָטעלשע באַגריפן וועגן שטאָף און פאָרם. 207-237

דער אַריסטאָטעלשער פאַרבייט פון וואָרט און זאַך אַלס באַזע פון דער סכאָלאַסטישער פילאָזאָפיע. די פלאַטאָנשע אויפפאַסונג פון די אַרט-און מינים-באַגריפן. די גרונטבאַגריפן פון דער אַריסטאָטעלשער מעטאַפיזיק. קריטיק פון אַריסטאָטעלשן מעגלעכקייטסבאַגריף. קריטיק פון סובסטאַנצבאַגריף. די מאַטעריע. מאָדערנע אומגעשטאַלטונגען פון דאָזיקן באַגריף. השפעה פון די אַריסטאָטעלשע באַגריפן אויף דער לערע וועגן דער נשמה. די פראַגע וועגן די אוניווערסאַליעס; נאָמינאַליסטן און רעאַליסטן. השפעה פון אַוועראָאיזם; השפעה פון דער ביצאַנטינישער לאָגיק. דער נאָמינאַליזם אַלס פאָרלויפער פון עמפּיריזם.

III דער אומקער פון די מאַטעריאַליסטישע אָנשויונגען צוזאַמען מיט דער אויפלעבונג פון די וויסנשאַפטן. 238–273

די סכאָלאַסטיק אַלס קשר, וואָס האָט פאַרייניקט די אייראָפּעישע קולטור. די רענעסאַנסבאַוועגונג שליסט זיך מיט דער רעפאָרם פון דער פילאָזאָפיע. די לערע וועגן דער טאָפלטער וואָרהייט. דער אַוועראָאיזם אין פּאַדוע. פעטרוס פּאָמפּאַנאַציוס. ניקאָלאַוס דע אוטריקאַריאַ. וואַלאַ

מעלאַנכטאָן און פאַרשידענע פּסיכאָלאָגן פון דער רעפאָר־
מאַציע־תקופה. קאָפּערניק. דזשאָרדאַנאָ ברונאָ. בע־
קאָן פון ווערולאַם. דעקאַרט. די נשמה ביי בע־
קאָנען און דעקאַרטן. השפעה פון דער חיות־פּסיכאָלאָגיע. דע־
קאַרטס סיסטעם און זיינע אמתע אָנשויונגען.

באַמערקונגען צום ערשטן קאַפּיטל 277–300

״ צום צווייטן קאַפּיטל. 301–304

דערקלערונגען 335–344